STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09853

DUEL

A. I. Kuprin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלעקסאנדער קופרין

דועל

ראָמאַן

1919 ניו־יאָרק תרע״ט

Copyright 1919
by
JEWISH BOOK AGENCY, INC.

דוער

איבערזעצט פון רוסיש דורך

נחום י.

1

אין דער זעקסטער ראָטע האָבן די פאַרנאַכטיגע איבונגען שוין געהאַלטן ביים סוף, און די אינגערע אָפיצערן האָבן אַלץ אָפטער און אומגעדולדיגער געקוקט אויף די זייגערס. מען האָט פּראַקטיש געלערנט דאָס גאַנצע פון גאַרניזאָן־דינסט. איבער דעם גאַנצן פּלאַץ זיינען געשטאַנען סאָלדאַטן גרופּנווייז: אַרום די ביימער, וואָס האָבן איינגעראַמט די שאָסיי, אַרום די גימנאַסטישע מאַשינען, לעבן דער טיר פון דער ראָטע־שול, ביי די ציל־סטענדערס. מען האָט זיך געדאַרפט פאָרשטעלן, אַז דאָס זיינען פּאָסטן, אַזוי ווי צום ביישפּיל, דער פּאָסט ביי דעם פּולווער־קעלער, ביי דער פאָהן, אין וואַכט־הויז, ביי דעם געלט־קאַסטן. צווישן זיי זיינען אומגעגאַנגען די פאַנאַנדערפירער און האָבן געשטעלט וועכטער; עס איז פאָרגעקומען אַ וואַכט־איבערבייטונג; די אונטער־אָפיצערן האָבן אַרומגעקוקט די פּאָסטן און אויסגעפּרואווט די קענטעניש פון זייערע סאָלדאַטן, באַמיהענדיג זיך מיט שפּיצלאַך צו אויסנאַרן ביי דעם וועכטער זיין ביקס, צו צווינגען איהם אַראָפּצוגעהן פון אָרט, אָדער אַריינשמוגלען איהם אויף היטן עפּעס אַ זאַך, מעהרסטענס דאָס אייגענע היטל. די אַלט־געדינטע סאָלדאַטן, וואָס האָבן בעסער געוואוסט די דאָזיגע שפּיעל קאַזואיסטיק, האָבן אין אַזעלכע פאַלען געענטפערט מיט אַ געקינסטעלט־בייזן טאָן: „געה אַוועק! איך האָב קיין רעכט ניט קיינעם אָפּצוגעבן די ביקס, אויסער, אַז איך וועל באַקומען אַ באַפעל פון קייזער אַליין". נאָר די יונגע האָבן זיך געפּלאָנטערט. זיי האָבן ניט געקאָנט אָפּטיילן אַ שפּאַס, אַ ביישפּיעל, פון דיווירקליכע פאָדערונגען פון דיענסט און פלעגן אַריינפאַלן דאָס אין דעם און דאָס אין יענעם עקסטרים.

— כליעבניקאָוו! טייפעל קרומהענדיגער, — האָט געשריען

דער קלייניקער, קיילעכדיגער און פלינקער יעפרייטאָר שאפאוואלענקא, און אין זיין שמימע האָבען זיך געהערט ליידען פון א הערשער. — איך האָב דאָך דיך געלערענט, געלערענט, דעם נאַר! וועמעס באפעהל האָסט דו איצטער אויסגעפיהרט? דעם ארעסטירטענס? א, זאָל דיך!... ענטפער, צוליעב וואָס ביזט דו אוועקגעשטעלט געוואָרען אויפ'ן פאָסט.

אין דער דריטער אָפטיילונג איז פאָרגעקומען אַן ערנסטער טומעל. דער יונגער סאָלדאט מוכאמעדזשינאָוו, א טאָטער, וואָס האָט קוים פארשטאַנען און גערעדט רוסיש, איז איינגאַנצען אראָפגעפיהרט געוואָרען פון וועג דורך די אָנשטעלען פון זיינע ווירקליכע און ניט ווירקליכע בעאמטע. ער איז מיט אמאָל ווילד געוואָרען, גענומען די ביקס אויף דער האנט, און אויף אַלע רייד און באפעהלען האָט ער געענטפערט מיט אַן ענטשלאָסענעם טאָן:

— איך וועל דערשטעכען!

— וואַרט... נאַר דו... — האָט איהם איינגערעדט דער אונטער־אָפיצער באָביליעוו — ווער בין איך דען? איך בין דאָך דיין וואכט־שטעלער, איז דאָך...

— איך וועל דערשטעכען! — האָט געשריען דער טאָטער דער־שראָקען און בייז, און מיט אויגען, אָנגעגאָסענע מיט בלוט האָט ער נערוועז געשטעקט דעם שפיז אין יעדערען, ווער עס האָט זיך צו איהם דערנעהנטערט. ארום איהם האָבען זיך ארומגעקליבען סאָלדאטען, וועלכע זיינען געוועזן צופרידען מיט דער לעכערליכער געשעהעניש און דעם קליינעם אָפרוה.

דער ראָטנער, קאפיטאַן סליווא, איז אוועקגעגאנגען צו פאַנאַנדער־קלייבען די זאַך. אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך געשלעפּט מיט זיין פוילער גאַנג, איינגעהויקערט און נאָכשלעפענדיג די פיס, זיינען זיך, אויפ'ן צווייטען עק פלאַץ, די אינגערע אָפיצערען צוזאַמענגעקומען שמועסען און רויכערען. זיי זיינען געוועזן דריי; דער פּאָרוטשיק וויעטקין — א פליכיגער מאַן מיט גרויסע וואָנסען, פון א יאָהר דריי און דרייסיג, א פרעהליכער, א בארעדעוודיגער, א זינגער און א שיכור, דער פאָד־פּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו, וועלכער האָט נאָר דאָס צווייטע יאָהר געדיענט אין פּאָלק און דער פּאָדפּראָפּאָרשטשיק לבאָוו, א יונגער, שלאַנקער אינגעל מיט כיטרע צערטליך־נאַרישע אויגען און מיט אַן

אויביגען שמייכעל אויף די דיקע, נאאיווע ליפען, — אינגאנצען אזוי ווי אן אנגעפילטער מיט אלטע אפיצערישע וויצען.

— א שווייגעריי, — האט וויעטקין געזאגט, א קוק טוענדיג אויף זיין מעלכיאנערענעם זייגער און בייז א קנאק טוענדיג מיט'ן דעקעל.—צו וועלכען טייפעל האלט ער נאך ביז איצט די ראטע? מורין!

— איהר וואלט דאס איהם ערקלערען, פאוועל פאווליטש, — האט איהם מיט א כיטרען געזיכט געראטען לבאוו.

— צום טייוועל. . געהט ערקלערט איהם אליין. איבערהויפט— וואס? איבערהויפט — איז דאך דאס אלץ אומזיסט. אלעמאל היצען זיי זיך פאר א סמאטר. און אלעמאל זאלצען זיי איבער. מען צורייסט דעם סאלדאט, מען פארמאטערט, מען פארשטויסט איהם, און אויפ'ן סמאטר וועט ער שטעהן, ווי א קלאץ. איהר ווייסט דעם צופאל, ווען צוויי ראטע־פיהרער האבען זיך צואווערטעלט, וועמעס א סאלדאט וועט מעהר ברויט אויפעסען. זיי האבעןביידע אויסגעקליבען די גרעסטע פרעסער. דאס געוועט איז געווען א גרויסע. האט איין סאלדאט אויפגעגעסען זיבען פונט און איז אפגעפאלען, מעהר קאן ער נים. דער ראטנער גלייך צום פעלדפעבעל: דו, אזוינער און אזוינער, וואס האסט דו מיך אונטערגעפיהרט? און דער פעלדפעבעל מאכט נאר אום מיט די אויגען: „אזוי, אז איך קען ניט וויסען, וואשע בלאהאראדיע, וואס מיט איהם האט געטראפען. אין דער פריה האט מען געמאכט א לעפערטיציע — אכט פונט האט ער אריינגעקנאקט אין איין אטעם...“ אזוי זיינען אויך אונזערע... מען רעפעטירט אהן א טאלק און אויפ'ן סמאטר בלייבט מען שטעקען אין בלאטע.

— נעכטען... — לבאוו האט מיט אמאל ארויסגעשאסען א געלעכטער. — נעכטען האט מען שוין אין אלע ראטעס געענדיגט די איבונגען, איך געה צו מיין קווארטיר, אזייגער אכט, שוין גאר פינסטער. איך גיב א קוק, אין דער עלפטער ראטע לערענט מען סיגנאלען. אין כאר. „ציעל־זיך־אן, ביז־דער־ברוסט, טרעף!“ פרעג איך ביי דעם פארוטשיק אנדרוסעוויטש: — וואס איז דאס ביי אייך ביז איצט פאר א מוזיק? — און ער זאגט: — דאס זיינען מיר אזוי ווי הינט, מיר בילען אויף דער לבנה.

— עס האט אלץ דערעסען. קוקא! — האט א זאג געטאן וויעטקין און א גענעץ געטאן. ווארט נאר, ווער פאהרט דאס — יע.

בעק־אגאמאָלאָוו, — האָט דער ווייטזיכטיגער לבאָוו באַשלאָסען. — ווי שעהן ער זיצט.

— זעהר שעהן, — האָט ראָמאַשאָוו איינגעשטימט. — לויט מיין מיינונג, רייט ער בעסער ווי יעדער קאַוואַלעריסט. אָ־אָ־אָ! ער האָט אָנגעהויבען טאַנצען. בעק קאָקעטירט.

אויפ׳ן שאָסע איז לאַנגזאַם געפאָהרען רייטענדיג אַן אָפיצער אין ווייסע האַנדשוה און אין אַ מונדיר פון אַן אַדיוטאַנט. אונטער איהם איז געווען אַ הויכער, לאַנגער פערד פון גאָלדענער פאַרב מיט אַ קורצען עק, לויט דער ענגלישער מאָדע. דער פערד האָט זיך געהיצט, אומגעמאַכט מיט דעם הויכען האַלז אומגעדולדיג, און געטאַנצט אויף די דינע פיס.

— פאָוועל פאַווליטש, איז דאָס אמת, אַז ער איז אַ געבאָרענער טשערקעס? — האָט ראָמאַשאָוו געפרעגט ביי וויעטקינען.

— איך דענק, אַז אמת. אָפטמאָל, טאַקע, גיבען זיך אַן אַרמענער אַלס טשערקעסען און לעזגינער, נאָר בעק אין אַלגעמיין דאַכט זיך, זאָגט ניט קיין ליגען. נאָר זעהט, ווי ער איז אויפ׳ן פערד!

— וואַרט, איך וועל איהם אַ געשריי טאָן — האָט לבאָוו געזאָגט.

ער האָט צוגעלעגט די הענט צום מויל ווי אַ טרובע און האָט אָנגעהויבען שרייען מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע אַזוי, אַז דער ראָטנער זאָל ניט הערען.

— פּאָרוטשיק אַגאַמאַלאָוו! בעק!

דער אָפיצער, וואָס איז געפאָהרען רייטענדיג, האָט אָנגעצויגען דעם צוים, האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע און האָט זיך אַ קעהר געטאָן אויף רעכטס. נאָכדעם האָט ער אויסגעקירעוועט דעם פערד אין דער זעלבער ריכטונג, און, עטוואָס איינבויגענדיג זיך אין זאָטעל, האָט ער געצוואונגען דעם פערד מיט איין אָנגעשטרענגטער באַוועגונג איבערצושפּרינגען אַ גראָבען, און מיט אַן איינגעהאַלטענעם גאַלאָפּ איז ער צוגעשפּרונגען צו די אָפיצערען.

ער איז געווען קלענער פון מיטעלען וואוקס, אַ טרוקענער, אָדער־דיגער און זעהר אַ שטאַרקער. זיין געזיכט, מיט אַן איינגעפאַלענעם שטערען אויף צוריק, מיט אַ דינער, הויקערדיגער נאָז און ענטשלאָסענע, שטאַרקע ליפּען איז געווען מעכטיג און שעהן, און האָט נאָך ביז איצט

ניט פארלאָרען די כאַראַקטעריסטישע אָריענטאַלישע בלייכקייט — טונקעלע און אַ מאַטע צו דער זעלבער צייט.

— וואָס מאַכסטו דו, בעק, — האָט געזאָגט וויעטקין. פאַר וועמען האָסטו זיך דאָס דאָרטען אויסגעחנ׳ט? מיידלאָך?

בעק־אַגאַמאַלאָוו האָט געדריקט די אַפּיצערען די הענט, נידעריג און אומפאַרזיכטיג אַרונטערבויגענדיג זיך פון דעם זאָטעל. ער האָט אַ שמייכעל געטאָן, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע צונויפגעדריקטע ווייסע ציינער וואַרפען אַן אָפּשיין אויף דעם גאַנצען אונטערשטען טייל פון זיין געזיכט און אויף די קליינע שוואַרצע געצערטעלטע וואָנצען.

— דאָרט זיינען געגאַנגען צוויי שעהנינקע אידישע מיידלאָך. נאָר וואָס אַרט דאָס מיך? איך האָב ניט אַכטונג געגעבען.

— מיר ווייסען, ווי שלעכט איהר שפּיעלט אין דאַמקעס! — האָט וויעטקין מיט׳ן קאָפּ אַ מאַך געטאָן.

— הערט, מיינע הערען, — האָט לבאָוו אָנגעהויבען צו ריידען און האָט זיך ווידער פאַראויס צולאַכט;—ווייסט איהר, וואָס גענעראַל דאָכטוראָוו האָט געזאָגט וועגען די אינפאַנטעריע אַדיוטאַנטען? דאָס באַציהט זיך אויף דיר, בעק. אַז זיי זיינען די דרייסטעסטע רייטער אויף דער וועלט.

— ליוג ניט, פענדריק! — האָט בעק־אַגאַמאַלאָוו געזאָגט. ער האָט אַ שטויס געטאָן דעם פערד און האָט זיך געמאַכט, אַז ער וויל אַרויספאָהרען אויף דעם פאַד־פּראַפּאַרשטשיק.

— איך שווער דיר! ביי זיי, ביי אַלעמען, זאָגט ער, זיינען ניט פערד, נאָר עפּעס גיטאַרעס, הינקעדיגע, קרומאויגיגע און איבערגעטרונ־קענע. אָבער גיסט דו איהם אַ באַפעהל — פליהט ער זיך, וואוהין עס קומט אויס. אַ פּלויט איז אַ פּלויט, אַ גראָבען — איז אַ גראַבען. ער שפּרינגט אַריבער איבער שטרויכען. די צוים איינגעלאָזען, די פיס אין דער לופטען, דאָס היטעל צום טייפעל! העלדישע רייטער!

— וואָס הערט זיך נייעס, בעק? — האָט וויעטקין געפרעגט.

— וואָס נייעס? ניטאָ קיין נייעס. אָט נאָר וואָס האָט דער פּאָל־קאָווניק געטראָפען אין גלוב דעם פאַד־פּאָלקאָווניק ליעק. ער האָט זיך אויף איהם אַזוי צושריען, אַז אויף דעם קלויסטער־פּלאַץ האָט זיך געהערט און ליעק איז שכור ווי די שלאַנג, קאָן טאַטע־מאַמע ניט

ארויסריידען. שטעהט ער אויפ׳ן אָרט און שאָקעלט זיך, די הענט אויף הינטער פאַרלייגט. און שולגאַוויטש גיט אַזוי אַ רעווע אויף איהם: „ווען איהר רעדט מיט דעם פּאָלקאָווניק, זייט אַזוי גוט די הענט אויפ׳ן הינטען ניט האַלטען?“ און די דיענערשאַפט איז דאָרט אויך געווען.

— שטאַרק פאַרשרויפט געוואָרען! — האָט געזאָגט וויעטקין מיט אַ שמייכעל — ניט אַ איראָנישען און ניט אַ צופרידענעם. — אין דער פיערטער ראָטע האָט ער נעכטען, זאָגט מען, געשריען: „וואָס שטופּט איהר מיר דאָס געזעץ אין נאָז אַריין? איך — בין פּאַר אייך דאָס געזעץ, און מעהר קיינע רייד! איך בין דאָ אַ קייזער און אַ גאָט!“

לבאָוו האָט זיך פּלוצלונג ווידער צולאַכט פון זיינע געדאַנקען.

— און אָט איז נאָך, מייגע הערען, געווען אַ צופאַל מיט דעם אַדיוטאַנט פון נ־ער פּאָלק...

— פאַרשטאָפּט דעם מויל, לבאָוו, — האָט איהם וויעטקין ערנסט באַמערקט. — עך, ווי עס האָט אייך דורכגעריסען היינט.

— עס איז דאָ אויך נאָך אַ נייעס, — האָט בעק־אַגאַמאַלאָוו פּאָרטגעזעצט, — ער האָט ווידער אומגעקעהרט דעם פערד מיט׳ן פּאָ־רענט צו לבאָוו׳ן און שפּאַסענדיג גענומען פאָהרען אויף איהם. דער פערד האָט אומגעמאַכט מיט׳ן קאָפּ און געכראָפּעט, פאַנאַנדערוואָרפענ־דיג שוים אַרום זיך. — עס איז דאָ נאָך אַ נייעס. דער פּאָלקאָווניק פּאָדערט פון די אָפיצערען אין אַלע ראָטעס, אַז מען זאָל זיך לערנען האַקען מיט דעם שווערד דעם גולם. אין דער נייענטער ראָטע האָט ער אַזאַ קעלט אָנגעטריבען, אַז אַ שרעק. יעפּיפאַנאָוו׳ן האָט ער אָוועק־געזעצט אונטער אַרעסט דערפאַר, וואָס דער שווערד איז ניט אָנגע־שאַרפט געווען... וואָס ציטערסט דו, פענדריק! — האָט פּלוצלונג בעק־אַגאַמאַלאָוו אַ געשריי געטאָן אויף דעם פּאָד־פּראַפּאָרשטשיק. — געוואוין זיך צו. ווערסט דאָך אַליין ווען עס איז זיין אַן אַדיוטאַנט. וועסט זיצען אויפ׳ן פערד, ווי אַ געבראָטענער שפּאַץ אויף אַ טעלער.

— נו, דו, אַזיאַט! געה אַוועק מיט דיין גע׳פּגר׳טער נבלה, — האָט זיך לבאָוו געוועהרט פון דעם פערדס קאָפּ. — האָסט געהערט, בעק, ווי אין נ־ער פּאָלק האָט אַן אַדיוטאַנט געקויפט אַ פערד פון צירק? איז ער אויף איהם אַרויסגעפאָהרען צו אַ סמאָטר, און מיט אַמאָל האָט דער פערד פאַר דעם קאָמאַנדיר אַליין גענומען פאַראַדירען מיט אַ הישפּאַנישען טראָט. ווייסט ווי,אַזוי: די פיס אין דער הויך און אַזוי

פון זייט צו זייט. ער האָט זיך אַריינגעשניטען, ענדליך, אין דער פּאַדערשטער ראָטע — אַ טומעל, אַ געשריי, אַ סקאַנדאַל. און דער פערד — קיין אויפמערקזאַמקייט, אַרבייט זיך אַזוי מיט אַ הישפּאַנישען טראָט. דאַן האָט דער קאָמאַנדיר געמאַכט פון די הענט אַ טרובע — אָט אַזוי, אָט — און שרייט: „פּאָרוטשיק, מיט דעם זעלבען טראָט אין הויפּטוואַכט אויף איינאונצוואַנציג טעג, מאַ—רש!...“

— ע, קליינינגקייטען, — האָט זיך וויעטקין פאַרקרימט. — הער אויס, בעק, דו האָסט אונז ווירקליך מיט דער האַקעריי אַ מתנה אונטערגעטראָגען. וואָס הייסט דאָס? וועט שוין גאָר קיין פרייע צייט ניט בלייבען? אָט האָט מען אונז אויך נעכטען די פאַרזעהעניש געבראַכט.

ער האָט אָנגעוויזען אויף דעם מיטען פּלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען אַ גולם, אויסגעמאַכט פון רייהע ליים, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט עפּעס אַן עהנליכקייט צו אַ מענשליכער פיגור, נאָר אָהן הענט און פיס.

און וואָס איהר? איהר האָט געהאַקט? — האָט בעק־אַגאַמאַלאָוו געפרעגט מיט נייגעריגקייט. — ראָמאַשאָוו, איהר האָט ניט געפּרובירט?

— ניין נאָך.

— אויך מיר! איך וועל זיך טאַקע אָנהויבען מיט נאַרישקייטען צו פאַרנעמען, — האָט וויעטקין בייז געמורמעלט. — ווען האָב איך דאָס צייט אויף דעם. פון ניין אין דער פריה ביז זעקס פאַרנאַכט ווייסט דו נאָר, אַז דו שטאַרצסט דאָ. קוים צייט אויף אָפּצופּרעסען און בראַנפען אַ טרונק טאָן. איך בין זיי, דאַנק גאָט, ניט קיין אינגעל.

— מאָדנער מענש איינער, אַן אָפיצער דאַרף דאָך קענען געברויכען דעם שווערד.

— צו וואָס, פרעגט זיך? אויף מלחמה? ביי איצטיגען ווייטשיסענדיג געוועהר וועט מען דיך אויף הונדערט טריט אויך ניט צולאָזען. צו וועלכען טייפעל דאַרף איך דיין שווערד? איך בין ניט קיין קאַוואַלעריסט. און וועט זיך פאָדערען, וועל איך שוין בעסער נעמען די ביקס און מיט דעם הענטעל — באַץ, באַץ, איבער די קעפּ. דאָס איז ריכטיגער.

— נו גוט, אָבער אין אַ פרידליכער צייט? ווייניג צופאַלען קענען דען פּאַסירען. אַ בונט. אַ טומעל, אָדער נאָך וואָס...

— איז וואָס? צו וואָס איז דאָ ווידער דער שווערד? איך וועל זיך דאָך ניט פאַרנעמען מיט שוואַרצער אַרבייט, האַקען מענשען די קעפּ. ראַ—טאַ, פּלי! און אַן ענדע.

בעק־אַגאַמאַלאָוו האָט געמאַכט אַן אונצופרידענעם פּנים.

— ע, דו רעדסט דאָס אַלץ נאַרישקייטען, פּאַוועל פּאַוולאָוויטש. ניין, דו ענטפער ערנסט. אַט געהסטו ערגעץ שפּאַצירען צי אין טעאַטער, אָדער, לאָמיר זאָגען, דיך האָט אין אַ רעסטאָראַן באַליידיגט עפּעס אַ ציווילער... נאָך עקסטרימער, דיר וועט אַ ציווילער מאַן געבען אַ פּאַטש. וואָס וועסט דו טאָן?

וויעטקין האָט אויפגעהויבען די אַקסלען אין דער הויך און האָט מיט פאַראַכט פאַרפּרעסט די ליפּען.

— נ—נו! ערשטענס, וועט מיך קיינער ניט אַ קלאַפּ טאָן, ווייל מען שלאָגט נאָר יענעם, וועלכער האָט מורא, אַז מען וועט איהם שלאָגען. און צווייטענס... נו, וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל אין איהם, באַץ, פון אַ רעוואָלווער.

— און אויב דער רעוואָלווער איז אין דער היים פאַרבליבען?— האָט לבאָוו געפרעגט.

— נו, צום טייפעל... נו, וועל איך אַריבערפאָהרען נאָך איהם. אַט איז נאַרישקייטען. עס האָט דאָך פּאַסירט, אַז מען האָט באַליידיגט איינעם אַ קאָרנעט אין קאַפע־שאַנטאַן. איז ער אַריבערגעפאָהרען אַהיים, געבראַכט אַ רעוואָלווער און האָט אַוועקגעלייגט עפּעס אַ צוויי פויגעל. און גאָר!..

בעק־אַגאַמאַלאָוו האָט מיט פאַרדראָס אַ מאַך געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— איך וויים. געהערט. דאָך, האָט דאָס געריכט אויסגעפונען, אַז ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ פאָראויס באַטראַכטער פאָרבערייטונג, און האָט איהם פאַראורטיילט. איז וואָס אין דעם גוטעס? ניין, איך, אויב ער וואָלט מיך באַליידיגט אָדער אַ קלאַפּ געטאָן...

ער האָט ניט דערענדיגט, נאָר ער האָט אַזוי צונויפגעדריקט אין אַ פויסט זיין קליינע האַנט, וואָס האָט געהאַלטען דעם צוים אַז זי האָט אָנגעהויבען צו ציטערען, לבאָוו האָט פּלוצלונג זיך אָנגעהויבען צו טרייסלען, און האָט אַרויסגעשאָסען אַ געלעכטער.

— ווידער! — האָט איהם שטרענג באַמערקט וויעטקין.

— מיינע הערען... האַ־האַ־האַ... אין מ־ער פּאָלק איז געווען אַ

צופאל. דער פאד־פראפארשטשיק קראווזע האט אין קלוב פארפיהרט א סקאנדאל. דער מאן וואס האט דארט געהאלטען דעם בופעט האט איהם דאן געכאפט פאר'ן עפאלעט און האט איהם כמעט אפגעריסען. האט קראווזע ארויסגעכאפט א רעוואלווער — איינס און איהם אין קאפ! אויפ'ן ארט! דא האט זיך איהם נאך עפעס אן אדוואקאטעל אונטער־געדרעהט, האט ער איהם אויך—באך! נו, פארשטעהט זיך, אלע זיינען זיך צולאפען. און דאן איז קראווזע רוהיג אוועק צו זיך אין לאגער, אויף דער ערשטער ליניע, צו דער פאהן. דער וועכטער רופט איהם אפ: „ווער געהט דאס?" — „פאד־פראפארשטשיק קראווזע צו שטארבען אונטער דער פאהן!" ער האט זיך געלעגט און דורכגע־שאסען זיך די האנט. שפעטער האט איהם דאס געריכט פרייגע־שפראכען.

— א העלד! — האט זיך אפגערופען בעק־אגאמאלאוו.

עס האט זיך אנגעהויבען דער געוועהנליכער געשפרעך, וואס איז באליעבט ביי די יונגע אפיצערען, וועגען די אונערוואַרטע בלוטיגע געריכטען אויפ'ן ארט, און ווי די אלע צופאלען פלעגען כמעט אלעמאל דורכגעהן אומבאשטראפט. אין א קליין שטעדטעלע האט זיך א שיכורער קארנעט ארייגעשניטען מיט א שווערד אין האנט אין א גע־זעלשאפט פון אידען, ביי וועלכע ער האט נאך פאראויס „צוטראגען די פסח'דיגע סוכה". אין קיעוו האט א פאד־פארוטשיק אין טאנץ־זאל צוהאקט אויף טויט א סטודענט דערפאר, וואס יענער האט איהם מיט'ן עלענבויגען א שטויס געטאן ביי דעם בופעט. אין עפעס א גרויסער שטאדט; — אין מאסקווע, צי אין פעטערבורג, — האט אן אפיצער דערשאסען „ווי א הונט" א ציווילען, וועלכער האט אין א רעסטאראן איהם געמאכט א באמערקונג, אז אנשטענדיגע מענשען פארפאלגען ניט אומבאקענטע פרויען.

ראמאשאוו, וועלכער האט ביז איצט געשוויגען, האט זיך מיט אמאל, רויט ווערענדיג פון צוטומעלטקייט, אהן א באדערפניש פאר־ריכטענדיג די ברילען און אפהוסטענדיג זיך, אריינגעמישט אין דעם געשפרעך:

— און איך, מיינע הערען, אט וואס איך וועל זאגען פון מיין זייט. דעם בופעטשיק, הייסט דאס, רעכען איך ניט... יע... נאר א ציווילען.. ווי זאגט מען דאס?... יע... נו, אויב ער איז אן אנשטענדיגער מענש,

אַן אַדעליגער און אַזוי ווייטער... איז פאַרוואָס זאָל איך אויף איהם, אַן אומבאַוואָפּענטען, אָנפאַלען מיט אַ שווערד? פאַר וואָס זאָל איך פון איהם ניט פאָדערען באַפרידיגונג? מיר זיינען דאָך פאַרט מענשען קולטורעלע, אַזוי צו זאָגען...

— ע, נאַרישקייטען רעדט איהר, ראַמאַשאָוו, — האָט איהם וויעטקין איבערגעשלאָגען. — איהר וועט פאָדערען באַפרידיגונג, און ער וועט זאָגען: ניין, ע—ע ע... איך, פאַרשטעהט איהר, אין אַל־געמיין ע... אַנערקענען ניט קיין דועל. איך בין אַ געגנער פון בלוט־פאַרגיסונג... און אויסער דעם האָבען מיר דאָך פרידענס געריכט..."
אָט, און געהט אַרום דאַן אַ גאַנצען לעבען מיט אַ געפּאַטשטען פּנים.

בעק־אַגאַמאַלאָוו האָט זיך ברייט צושמייכעלט מיט זיין שטענ־דיגען שמייכעל.

— וואָס? אַהאַ! ביזט איינשטימיג מיט מיר? איך זאָג דאָך דיר, וויעטקין: לערען זיך שניידען. ביי אונז אויף קאַווקאַז לערנען זיך אַלע פון קינדוויז אָן. אויף ריטער, אויף געשאָכטענע שעפּסען, אויף וואַסער...

— און אויף מענשען? — האָט לבאָוו אַריינגעשטעלט.

— און אויף מענשען, — האָט בעק־אַגאַמאַלאָוו רוהיג געענט־פערט. — און נאָך ווי שניידט מען! מיט איין קלאַפּ צוהאַקט מען אַ מענשען פון אַקסעל ביז דעם זייט, אין דער קרים. אָט דאָס איז אַ קלאַפּ. אַז ניט, איז ניט כדאי צו מיאוס מאַכען זיך.

— און דו, בעק, קענסט אַזוי?

בעק־אַגאַמאַלאָוו האָט מיט באַדויערונג אָפּגעזיפצט.

— ניין, איך קאָן ניט. אַ יונגען באַראַן אויף דער העלפט וועל איך איבערשניידען... איך האָב געפּרואוופט אפילו אַ געשאָכטענע קאַלב... אָבער אַ מענשען, ווייזט אויס, ניין... איך וועל ניט קאָנען; דעם קאָפּ וועל איך אַראָפּנעמען צום טייפעל, דאָס וויים איך, אָבער אַזוי, אויף אין דער קרים... ניין. מיין פאָטער פלעגט דאָס לייכט טאָן.

— אַ נו, מיינע הערען, לאָמיר געהן פּרובען, — האָט לבאָוו געזאָגט מיט אַ בעטענדער שטימע און אויפגעשטראַהלטע אויגען, — בעק, ליבינקער, זיי אַזוי גוט, לאָמיר געהן.

די אָפיצערען זיינען צוגעגאַנגען צו דעם ליימענעם גולם. דער

ערשטער האָט געפּרובט וויעטקין. צוגעבענדיג אַ ווילדען אויסדרוק זיין גוטען, איינפאַכען פּנים, האָט ער מיט דעם גאַנצען כח, מיט אַ האַסטיגער אומגעלונגענער באַוועגונג אַ קלאַפּ געטאָן איבער די ליים. צו דער זעלבער צייט האָט ער אונווילענדיג אַרויסגעלאָזט פון האַלז דעם כאַראַקטעריסטישען קלאַנג — כריאַס! — ווי די קצבים, ווען זיי האַקען פלייש. דאָס קליגנעל איז אַריין אין די ליים אויף אַ פערטעל אַרשין און וויעטקין האָט איהם קוים אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטען.

— שלעכט, — האָט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, בעק־אַגאַמאַלאָוו באַמערקט. — איהר, ראָמאַשאָוו....

ראָמאַשאָוו האָט אַרויסגעצויגען דעם שווערד פון שייד און האָט פאַרריכט מיט דער האַנט די ברילען. ער איז געווען פון מיטעלען וואוקס, עטוואָס דאַר, און כאָטש ער איז געווען לויט זיין געבוי גענוג שטאַרק, אָבער פון גרויס שעמעוודיגקייט איז ער געווען אונגעשיקט. פאָכטען אויף שווערדען האָט ער אין שולע נאָך אויך ניט געקאָנט, און פאַר אַנדערהאַלבען יאָהר דיענסט האָט ער אינגאַנצען פאַרגעסען די דאָזיגע קונסט. אויפהויבענדיג איבער'ן קאָפּ דאָס געוועהר, האָט ער צו דער זעלבער צייט אינסטינקטיוו אויסגעשטרעקט פאָראויס די לינקע האַנט.

— די האַנט! — האָט בעק־אַגאַמאַלאָוו אַ געשריי געטאָן.

אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. דער שפּיץ פון שווערד האָט נאָר לייכט אַ קריץ געטאָן די ליים. ראָמאַשאָוו, וועלכער האָט ערוואַרט אַ גרעסערען ווידערשטאַנד, האָט פאַרלאָרען דאָס גלייכגעוויכט און האָט זיך אַ וויעג געטאָן. דאָס קלינגעל פון שווערד, אָנשלאָגענדיג זיך אָן זיין אויסגעשטרעקטער האַנט, האָט אַראָפּגעריסען אַ שטיקעל הויט פון זיין צייג־פינגער. עס האָט אַ שפּריץ געטאָן בלוט.

— עך! אָט זעהט איהר! — האָט בייז אַ געשריי געטאָן בעק־אַגאַמאַלאָוו, אַראָפּקריכענדיג פון פערד. — אַזוי קאָן מען דאָך זיך די האַנט אויך אָפּהאַקען. טאָר מען זיך דען אַזוי באַגעהן מיט געוועהר? נאָר גאָרנישט, קלייניגקייטען, פאַרבינדט נאָר שטאַרקער מיט'ן טיכעל. שילערין. האַלט צו דעם פערד, פּענדריק. אָט, זעהט. די הויפּט זאַך פון קלאַפּ איז ניט אין אַקסעל, ניט אין אַרעם, נאָר אָט דאָ, אין דעם צוזאַמענבויג פון דער האַנט. ער האָט געמאַכט עטליכע שנעלע רונדע באַוועגונגען מיט דער רעכטער האַנט, און דאָס קלינגעל פון דעם

שווערד איבער זיין קאָפּ איז פֿאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בלאַנקען־דער ראָד. — איצטער קוקט: די לינקע האַנט נעם איך אָפּ צוריק, הינטער'ן פּלייצע. ווען איהר גיט אַ קלאַפּ, — שלאָגט ניט און האַקט ניט די זאַך, נאָר שניידט, אַזוי ווי מען זעגט, און ציהט דעם שווערד אויף צוריק... איהר פֿאַרשטעהט? און אויסער דעם געדענקט גוט: די פֿלאַכקייט פֿון דעם שווערד דאַרף אומבאַדינגט זיין אָנגעבויגען צו דער פֿלאַכקייט פֿון דעם קלאַפּ, אומבאַדינגט. דורך דעם ווערט דער ווינקעל שאַרפער. אָט זעהט.

בעק־אַגאַמאַלאָוו איז אָפּגעגאַנגען צוויי טריט פֿון דעם ליימענעם גולם, האָט זיך איינגעגעסען אין איהם מיט אַ שאַרפען ציעלענדען בליק, און מיט אַמאָל, אַ בלאַנק טוענדיג מיט דעם שווערד הויך אין דער לופט, האָט ער, מיט שרעקליכער אומבאַמערקזאַמער באַוועגונג, אין גאַנצען פֿאַלענדיג פֿאָראויס, גענעבען אַ בליץ שנעלען קלאַפּ. ראָמאַשאָוו האָט נאָר געהערט ווי גרילצענד האָט אַ פּייף געטאָן די צושניטענע לופט, און באַלד איז די אויבערשטע העלפֿט פֿון גולם ווייך און שווער אַראָפּ־געפֿאַלען אויף דער ערד. די פֿלאַכקייט פֿון דעם שניט איז געווען גלאַט, אַזוי ווי געפּאָלירט.

— אַך, טייפֿעל! אָט דאָס הייסט אַ קלאַפּ! האָט אויסגעשריען דער ענטציקטער לבאָוו. — בעק, טייערער, זיי אַזוי גוט, נאָך אַמאָל.

— אַנו, בעק, נאָך, — האָט וויעטקין געבעטען.

נאָר בעק־אַגאַמאַלאָוו, אַזוי ווי מורא האָבענדיג צו קאַליע מאַכען דעם געבראַכטען עפֿעקט, האָט שמייכלענדיג אַריינגעלייגט דעם שווערד אין שייד. ער האָט שווער געאָטעמט, און איז אין דער מינוט, מיט ברייט געעפֿענטע צורייצטע אויגען, מיט זיין הויקערדיגער נאָז און צונויפֿ־געדריקטע ציינער, אינגאַנצען עהנליך געווען צו אַ שלעכטען און שטאָלצען רויב־פֿויגעל.

— וואָס איז דאָס? איז דאָס דען אַ שניידען, — האָט ער גע־זאָגט מיט געקינסטעלטען פֿאַראַכט, — מיין פֿאָטער אויף קאַווקאַז צו זעכציג יאָהר פֿלעגט איבערהאַקען אַ פֿערד דעם האַלז אויף דער העלפֿט. מען דאַרף, קינדער מיינע, שטענדיג איבען זיך. ביי אונז טהוט מען אַזוי: מען שטעלט אַריין אַ דינעם רוט אין אַ צוואַנג און מען האַקט, אָדער מען לאָזט אַ דינעם שטראָם וואַסער פֿון אויבען און מען האַקט איבער דאָס וואַסער. אויב פֿון קלאַפּ ווע־

רען ניט קיין שפּריצען, הייסט דאָס, אַז דער קלאַפּ איז געווען אַ ריכ־
טיגער. נו, לבאָוו, איצטער דו.

צו וויעטקינען איז מיט אַ דערשראָקענעם פּנים צוגעגאַנגען דער
אונטער־אָפיצער באָבילאָוו.

— וואַשע בלאַהאָראָדיע... דער פּאָלקאָווניק פּאָהרט!

— סמירנאָ! (אויפמערקזאַמקייט) — האָט אויסגעצויגען שטרענג
און אויפגערעגט אַ געשריי געטאַן קאַפּיטאַן סליוואַ פון דעם אַנדער
עק פּלאַץ. די אָפיצערען זיינען זיך איילענדיג צוגעגאַנגען צו זייערע
אָפּטיילונגען.

אַ גרויסער שווערער קאַרעט איז לאַנגזאַם אַראָפּגעפאָהרען פון
שאַססיי אויפ'ן פּלאַץ און האָט זיך אָפּגעשטעלט. פון איהם איז פון
איין זייט שווער אַרויסגעקראָכען, איינבויגענדיג דעם גאַנצען וואַגען
אויף אַ זייט, דער פּאָלקאָווניק, און פון דער צווייטער זייט איז לייכט
אַרויסגעשפּרונגען דער פּאָלק־אַדיוטאַנט שטאַבס־קאַפּיטאַן פּיאָדאָראָוו־
סקי, — אַ הויכער, אויסגעפּוצטער אָפיצער.

— זדאָראָוואָ, זעקסטע! — האָט זיך דערהערט די פעטע רוהיגע
שטים פון פּאָלקאָווניק. די סאָלדאַטען האָבען הויך נאָר ניט איינ־
שטימיג געענטפערט אויף זיין באַגריסונג. די אָפיצערען האָבען צו־
געלעגט די הענט צו די דאַשיקעס פון די היטלען.

— איך בעט פאָרטצוזעצען די איבונגען, — האָט געזאָגט דער
פּאָלקאָווניק און איז צוגעגאַנגען צו דער נעהנטסטער אָפּטיילונג.

דער פּאָלקאָווניק שולגאָוויטש איז געווען זעהר ניט גוט געשטימט.
ער איז אַרומגעגאַנגען די אָפּטיילונגען, פאָרגעלעגט די סאָלדאַטען פראַגען
פון גאַרניזאָן־דיענסט און פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך זידלען
מיט דער זעלטענער העלדישער געשיקטקייט, וואָס איז אייגענשאַפטליך
נאָר צו די אַלטע פראָנט־דיענער. די סאָלדאַטען פלעגט אַזוי ווי היפּ־
נאָטיזירען דער דורכדרינגענדער עקשן'דיגער בליק פון זיינע אַלטע,
בלייכע, אָפּגעבליאַקירטע שטרענגע אויגען, און זיי פלעגען קוקען אויף
איהם ניט פינטלענדיג, קוים אָטעמענדיג און פלעגען זיך איין שרעק
אויסציהען מיט דעם גאַנצען קערפּער. דער פּאָלקאָווניק איז געווען
אַ ריזיגער, דיקער, אַנזיכטיגער אַלטער מאַן. זיין פליישיגעס געזיכט,
זעהר אַ ברייטס פון די זייטען, איז שמעלער געוואָרען פון אויבען, און
פון אונטען איז עס איבערגעגאַנגען אין אַ געדיכטער, ברייטער זיל־

בערנער באָרד. אויף אזא אופן האָט זיין געזיכט געהאַט די פאָרם פון א גרויסען שווערען ראָמב. די ברעמען זיינע זיינען געווען גרויע, געדיכטע און גרויזאמע. ריידען פלעגט ער ניט העכערענדיג דעם טאָן נאָר יעדער קלאַנג פון זיין אויסערגעוועהנליכער, באַרימטער שטים,— דורך וועלכער ער האָט געמאַכט זיין דיענסט־קאַריערע, פלעגט דייטליך געהערט ווערען אין די ווייטסטע ערטער פון דעם ברייטען פלאַץ און אפילו אויפ'ן שאָסע.

— דו, ווער ביזטו? — האָט קורץ געפרעגט דער פאָלקאָווניק, פלוצלונג שטעהן בלייבענדיג ביי דעם יונגען סאָלדאַט שאַראַפּוטצינאָוו, וועלכער איז געשטאַנען לעבען גימנאַסטישען פלויט.

— דער סאָלדאַט פון זעקסטער ראָטע שאַראַפּוטצינאָוו, וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע! — האָט פלייסיג און הייזעריג א געשריי געטאָן דער טאָטער.

— נאַר, איך פרעג ביי דיר, אויף וועלכען פּאָסט האָט מען דיך אויסגעריכט?

דער סאָלדאַט, פאַרלירענדיג זיך פון דעם געשריי און פון דעם קאָמאַנדירס בייזען אויסזעהן, האָט געשוויגען און נאָר געפּינטעלט מיט די אויגען־דעקלאַך.

— נ־נו? — האָט שולגאָוויטש זיין שטימע געהעכערט.

— וועלכער מאָן איז א וועכטער... אומבאַרירט... — האָט דער טאָטער אָנגעהויבען צו פּלאַפּלען אין דער וועלט אריין. — איך קען ניט וויסען, וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע, — האָט ער פלוצלונג דער־ענדיגט שטיל און ענטשלאָסען.

דעם קאָמאַנדירס דיקע געזיכט איז רויט געוואָרען מיט א גע־דיכטער ציגעל־פאַרב רויטקייט און זיינע געדיכטע ברעמען האָבען זיך אָנגערוקט. ער האָט זיך אומגעקערט ארום זיך און האָט בייז געפרעגט:

— ווער איז דאָ דער אינגערער אָפיצער?

ראַמאַשאַוו האָט זיך ארויסגערוקט פאָראויס און צוגעלעגט די האַנט צום היטעל:

— איך, הער פאָלקאָווניק.

— א־א! פאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו. גוט, ווייזט אויס, לערנט איהר די מענשען. די קניה צוזאַמען! — האָט שולגאָוויטש א רעווע געטאָן, אויסשטאַרצענדיג די אויגען. — ווי שטעהט איהר דאָס אין דער

אנוועזנהייט פון אייער פּאָלקאָווניק? קאַפּיטאַן סליווא, איך מאַך אייך אויפמערקזאַם, אַז אייער סובאָלטערן־אָפיצער קען זיך ניט האַלטען אין דער אנוועזנהייט פון נאַטשאַלסטווא, ביים ערפילען זיינע דיענסט־פליכטען... דו, הינטישע נשמה, — האָט זיך שולגאָוויטש א קעהר געטאָן צו שאַראַפּוטצינאָוו'ן, — ווער איז דיין פּאָלק־קאָמאַנ־דיר?

— איך קען ניט וויסען, — האָט אומעטיג, נאָר שנעל און פעסט געענטפערט דער טאָטער.

— או!... איך פרעג דיך: ווער איז דיין קאָמאַנדיר פון פּאָלק? ווער בין איך? פאַרשטעהסט, איך, איך, איך, איך, איך איך!... — און שולגאָוויטש האָט עטליכע מאָל מיט'ן גאַנצען כח א קלאַפּ געטאָן זיך מיט'ן האַנט אין ברוסט.

— איך קען ניט וויסען.

— ....—האָט זיך דער פּאָלקאָווניק אויסגעזידעלט מיט א לאַנ־גען, אין צוואַנציג ווערטער, פאַרפּלאָנטערטען ציניזען זאַץ. — קאַ־פּיטאַן סליווא, זייט אזוי גוט אוועקשטעלען דעם הונט אונטער ביקס אין פולער אַמוניציע. זאָל ער צופוילט ווערען, דער לומפּ, אונטער'ן ביקס. איהר, פּאָדפּאָרוטשיק, קלערט מעהר וועגען ווייבערשע עקען, איידער וועגען דיענסט... וואַלסען טאַנצט איהר, פּאָל־דע־קאָקס לייענט איהר... וואָס איז דאָס פאַר א סאָלדאַט, לויט אייער מיינונג? — האָט ער א שטויס געטאָן מיט'ן פינגער שאַראַפּוטצינאָוו'ן אין די ליפּען. — דאָס איז א שאַנד, אַ בזיון, אַן עקעל, אָבער ניט קיין סאָלדאַט! די פאַמיליע פון זיין פּאָלקאָווניק וויים ער ניט... איך וו־וואונדער זיך אויף אייך, פּאָדפּאָרוטשיק!...

ראָמאַשאָוו האָט געקוקט אויף דאָס גרויע, רויטע, צורייצטע גע־זיכט און האָט געפיהלט, אַז פון באַליידיגונג און אויפרעגונג שלאָגט ביי איהם דאָס הארץ און ס'ווערט איהם פינסטער פאַר די אויגען... און מיט אמאָל, כמעט אומגעריכט פאַר זיך אליין, האָט ער פאַרשטיקט ארויסגערעדט:

— דאָס איז א טאָטער, הער פּאָלקאָווניק. ער פאַרשטעהט גאָר־נישט אויף רוסיש, און אויסער דעם...

ביי שולגאָוויטש'ן איז אויגענבליקליך בלייך געוואָרען דאָס גע־

זיכט. די אראפגעהאנגענע באקען האבען אנגעהויבען צו שפרינגען און די אויגען זיינען געווארען פוסט און שרעקליך.

— וואס ? ! — האט ער א רעווע געטאן מיט אזא אומנאטירליך הילכיקער שטימע, אז די אידישע אינגלאך, וואס זיינען געזעסען ארום שאסע אויף א פלויט, האבען זיך א שאט געטאן, ווי פויגעלאך, אין אלע זייטען. — וואס? ריידען? שוויי־יי־גען! א יונגער שנעק, א פראפארשטשיק ערלויבט זיך... פארוטשיק פיאדאראווסקי, לאזט וויסען אין היינטיגען באפעל וועגען דעם, אז איך באשטראף דעם פאדפארוטשיק ראמאשאוו מיט הויזארעסט אויף פיער מעת־לעת פאר נים פארשטעהן די מיליטער־דיסציפלין. און קאפיטאן סליווא'ן גיב איך א שטרענגען אויסרייד, פאר נים קענען איינפלאנצען ביי די אינגערע אפיצערען די אמת'ע באגריפען וועגען דיענסט־פליכטען.

דער אדיוטאנט האט מיט אן אכטענדען און גלייכגילטיגען געזיכט אפגעגעבען סאלוט. סליווא, אן איינגעהויקערטער, איז געשטאנען מיט א הילצערנעם, גארנישט אויסדריקענדען פנים, און האט די גאנצע צייט געהאלטען זיין ציטערענדע האנט ביים דאשיק פון היטעל.

— שעמט זיך, קאפיטאן סליווא, — האט געבורטשעט שולגאוויטש, ביסלעכווייז בארוהיגענדיג זיך. — איינער פון די בעסטע אפיצערען פון פאלק, אן אלטער דיענער — און צולאזט אזוי די יונגווארג. שניידט זיי די לייב, מושטירט זיי אהן שעהמעריי. ניטא מיט זיי וואס צערעמאניען זיך. ניט קיין מיידלאך, זיי וועלען ניט צואווייקט ווערען.

ער האט זיך האסטיג אומגעדרעהט און אין דער באגלייטונג פון זיין אדיוטאנט איז ער אוועקגעגאנגען צום קארעט. און ביז וואנען ער האט זיך געזעצט, ביז וואנען די קארעט האט זיך פארקירעוועט אויפ'ן שאסע און איז פארשוואונדען אהינטער דער געביידע פון ראטעשול, האט אויפ'ן פלאץ געהערשט א ציטעריגע, פארוואונדערטע שטילקייט.

— עך, טאטינקע ! — האט מיט פאראכט, טרוקען און אומפריינדליך געזאגט סליווא אין עטליכע מינוטען ארום, ווען די אפיצערען זיינען זיך צוגאנגען אהיים. — עס האט אייך אבער א שלעפ געטאן צו ריידען. איהר וואלט כאטש געשטאנען און געשוויגען, אויב גאט האט אייך געשטראפט. איצט האב איך צוליעב אייך אין באפעהל אן אויסרייד. און צו וועלכען טייפעל האט מען אייך מיר אין ראטע

געשיקט? איהר זייט מיר אזוי נויטיג, ווי א הונט א פינפטע פוס! זויגען דארפט איהר נאָך, און ניט...

ער האָט ניט דערעדט, מיד א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און אומקערענדיג זיך מיט דער פּלייצע צו דעם יונגען אָפיצער, איינגאַנצען איינגעהויקערט און אָפּגעלאָזען, האָט ער זיך אוועקגעשלעפּט אהיים אין זיין קויטיגער, אַלטער וואוינונג פון אַן אַלטען בחור. ראָמאַשאָוו האָט איהם נאָכגעקוקט אַהינטער, אויף זיין פאַרטרויערטער, שמאָלער און לאַנגער פּלייצע, און ער האָט פּלוצלונג דערפיהלט, אַז אין זיין הארץ, דורך דעם פאַרדרוס פון דער ערשט באַקומענער באַליידיגונג און עפענטליכען בזיון, וועקט זיך אויף א מיטגעפיהל צו דעם דאָזיגען עלענדען, פאַרגרעבט געוואָרענעם מענשען, וועלכען קיינער ליעבט ניט און ביי וועלכען עס זיינען נאָר פאַרבליבען אויף דער וועלט צוויי זאַכען, צו וועלכע ער איז צוגעבונדען: די שעהנקייט פון זיין ראָטע און סטראָי און די אַלטעגליכע איינזאַמע שכרות אין די אָוועגטען,— „ביז'ן קישען", ווי די אַלטע שכורים פון פאָלק פלעגען זיך אויס־דריקען.

און אזוי ווי ביי ראָמאַשאָוו'ן איז געווען עטוואָס א לעכערליכע, נאַאיווע געוואוינהייט, וואָס איז אָפּט איינגעשאַפּטליך זעהר יונגע מענשען, — צו טראַכטען וועגען זיך ווי וועגען א צווייטער פערזאָן, מיט די ווערטער פון א באַנאַלען ראָמאַן, האָט ער איצטער אויך אינער־ליך ארויסגערעדט:

„זיינע גוטע, אויסדרוקספולע אויגען האָבען זיך פאַרצויגען מיט א וואָלקען פון אומעט"...

.2

די סאָלדאַטען זיינען זיך צוגאַנגען קאָמפּאַניעסווייז אויף זייערע וואוינונגען. דער פּלאַץ איז ליידיג געוואָרען. ראָמאַשאָוו איז א ביסעל צייט געשטאַנען אין אומבאַשלאָסענהייט אויפ'ן שאָסע. שוין ניט צום ערשטען מאָל פאַר די אָנדערטהאַלבען יאָהר פון זיין דיענסט האָט ער געפיהלט דעם פולען באוואוסטזיין פון זיין עלענדקייט, פאַר־לאָרענקייט צווישען פרעמדע, אומפריינדליכע אָדער גלייכגילטיגע מענשען — דער בענקענדער געפיהל פון אומבאוואוסטקייט, וואו אהינ־

צוטאָן דעם היינטיגען אָווענט. די געדאַנקען וועגען זיין וואוינונג, וועגען אָפּיצערען־קלוב זיינען איהם געווען עקעלהאַפט. אין קלוב איז איצט לוידיג; געווים שפּיעלען דאָרטען צוויי פּאָדפּראַפּאָרשטשיקעס אויף אַ שלעכטען, קליינעם ביליאַרד, טרינקען ביער, רויכערען און איבער יעדער קויל שווערען זיי זיך און זידלען זיך; אין די צימערען הערט זיך אַן אַלטער גערוך פון שלעכטען רעסטאָראַן־מיטאָג — אור־מעטיג!...

„איך וועל געהן אויפ׳ן וואָקזאַל“, האָט אַ קלער געטאָן ראָמאַ־שאָוו. נאָר באַלד האָט ער אַ בליק געטאָן אויף זיינע קאַלאָשען און איז רויט געוואָרען פון שטעכיגען בזיון. דאָס זיינען געווען שווערע גומענע קאַלאָשען, אָנדערטהאַלבען פערטעל די טיפקייט, אויסגעשמירטע ביז אויבען מיט געדיכטער, טויגיגער שוואַרצער קויט. אַזוינע קאַלאָשען האָבען געטראָגען אַלע אָפּיצערען אין פּאָלק. נאָכדעם האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זיין שינעל, וואָס איז געווען ארומגעשניטען צוליעב דער קויט, ביז די קניה, מיט די הענגענדע פרענז פון אונטען און מיט די פּאַ־נאַנדערגעצויגענע, פעטע קנעפּעל־לעכער און האָט אַ זיפץ געטאָן. פאָריגע וואָך, ווען ער איז דורכגעגאַנגען איבער דער פּלאַטפאָרם, ווען דער שנעל־צוג איז דורכגעגאַנגען, האָט ער באַמערקט אַ הויכע, שלאַנקע, זעהר שעהנע דאַמע אין שוואַרצע קליידער וועלכע איז געשטאַנען אין טיר פון וואַגאָן פון ערשטען קלאַס. זי איז געווען אָהן אַ הוט, נאָר ראָמאַשאָוו האָט צייט געהאַט שנעל און דייטליך צו באַמערקען איהר דינע, ריכטיגע נאָז, זעלטען שעהנע קליינע און פולע ליפּען און שלענ־געלדיגע, שוואַרצע האָר, וועלכע האָבען זיך פון דעם גלייכען טייל אין מיטען קאָפּ אַראָפּגעלאָזען אַראָפּ די באַקען, פאַרדעקענדיג די שלייפען, די עקען ברעמען און די אויערען. אַהינטער איהר, אַרויסקוקענדיג אַהינטער איהר פּלייצע, איז געשטאַנען אַ געוויקסיגער יונגער מאַן אין אַ העלען אנצוג, מיט אַ שטאָלצען געזיכט און מיט וואָנצעס ארויף ווי ביי דעם קעניג ווילהעלם, אינגאַנצען עטוואָס עהנליך אויף וויל־העלמען. די דאַמע האָט אויך געקוקט אויף ראָמאַשאָוו׳ן, און, ווי איהם האָט זיך אויסגעוויזען, מיט אויפמערקזאַמקייט, און דורכגעהענדיג פאַרביי איהר, האָט דער פּאָדפּאָרוטשיק געקלערט, לויט זיין געוואוינ־הייט: „די אויגען פון דער שעהנער, אומבאַקאַנטער פרוי האָבען זיך מיט פאַרגעניגען אָפּגעשטעלט אויף דער שלאַנקער, דינער פיגור פון

דעם יונגען אָפּיצער". נאָר ווען, אָפּגעהענדיק צען טריט, האָט ראַמאַשאָוו זיך אומגעקוקט צוריק, צו טרעפן נאָך אַ מאָל דעם בליק פון דער שעהנער דאַמע, האָט ער דערזעהן, אַז זי און איהר באַגלייטער לאַכען שטאַרק, קוקענדיק איהם אַהינטער. דאַן האָט ראַמאַשאָוו מיט אַמאָל, מיט אַן אויסערגעוועהנליכער קלאָרקייט, און אַזוי ווי פון דער זייט, זיך פאָרגעשטעלט זיך אַליין, זיינע קאַלאָשען, זיין שינעל, זיין בלייכע געזיכט, קורצזיכטיגקייט, זיין געוועהנליכע פאַרלאָרענקייט און אומגעשיקטקייט. ער האָט זיך דערמאָנט זיין ערשט דורכגעטראַכטען שעהנעם זאַץ און ער איז שטאַרק רויט געוואָרען, ביז שאַרפען וועהטאָג, פון אומערטרעגליכער שאַנד. און אפילו איצט, געהענדיק אַליין אין דער האַלב־טונקעלקייט פון דעם פריהלינג־אָוועגט, איז ער ווידער, נאָך אַ מאָל רויט געוואָרען פון שאַנד פאַר דעם פאַרגאַנגענעם בזיון.

— ניין, וואָס אויפ'ן וואָקזאַל, — האָט שטיל מיט ביטערער האָפנונגסלאָזיגקייט געזאָגט ראָמאַשאָוו. — איך וועל זיך דורכגעהן אַ ביסעל, און נאָכדעם אַהיים...

עס איז געווען אָנהויב אַפּריל. דער אָוועגט איז פינסטערער געוואָרען אומבאַמערקט פאַר'ן אויג. די בוימער, וואָס האָבען איינגעראַמט דעם שאָסע, די ווייסע, נידעריגע הייזלאַך מיט די ליימענע דעכער ביי דער זייט פון וועג, די פיגורען פון די זעלטענע דורכגעהער, — אַלץ איז שוואַרץ געוואָרען, האָט פאַרלאָרען די פאַרבען און די פּערספּעקטיוו; אַלע געגענשטאַנדען זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פלאַכע, שוואַרצע סילועטען, נאָר זייערע ליניען זיינען מיט אַ הערליכער דייטליכקייט געשטאַנען אין דער טונקעלער לופט. אין מערב זייט, הינטער'ן שטאָדט האָט געברענט דער אונטערגאַנג. און אַזוי ווי אין מויל פון אַ צוהיצטען, מיט שיטערען גאָלד ברענענדיגען וואולקאַן, האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען שווערע, גרויע וואָלקענס און האָבען זיך געראָוויטעלט מיט בלוטיג־רויטע, ברוסטינענע און פיאַלעטעווע פייערען. און איבער דעם וואולקאַן האָט זיך אויפגעהויבען אין דער הויך, ווי אַ קופּאָל, גרינענדיג מיט בירוזאַ און אַקוואַמאַרען, דער שטילער אָווענטדיגער, פריהלינגדיגער הימעל.

לאַנגזאַם געהענדיג איבער'ן שאָסע, און קוים שלעפּענדיג די פיס אין די גרויסע קאַלאָשען, האָט ראָמאַשאָוו, ניט אַראָפּנעמענדיג דעם בליק, געקוקט אויף דעם צויבערליכען פייער. און אַזוי ווי אַלעמאָל,

פון קינדהייט אָן, האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט אין דעם אָוונטדיגען העלען אונטערגאַנג, עפּעס אַ געהיימניספול ליכטיג לעבען. אַזוי ווי ווייט, ווייט הינטער די וואָלקענס, הינטער'ן האָריזאָנט האָט געברענט מיט אַן אומזיכטבאַרער זון אַ וואונדערליכע בלענדענד־הערליכע שטאָדט, אַ פאַרשטעלטע פון די אויגען מיט די וואָלקענס, וואָס זיינען דורכגעדרונגען מיט אַן אינערליכען פייער. דאָרטען האָבען געפינקעלט מיט אַן אומערטרעגליכען גלאַנץ דער ברוק פון גאָלדענע שטיינער, עס האָבען זיך געהויבען זאָנדערבאַרע קופּאָלען און טורעמס מיט פורפורנע דעכער, עס האָבען געבלאַנקט בריליאַנטען אין די פענסטער און עס האָבען געציטערט אין דער לופט העלע, פיעלפאַרביגע פלאַגען. און עס האָט זיך געדוכט, אַז אין דער ווייטער טרוימעריגער שטאָדט לעבען צופריעדענע, באַגייסטערטע מענשען, דאָס גאַנצע לעבען פון וועלכע איז ענהליך אויף זיסע מוזיק, ביי וועלכע די פאַרטראַכטקייט אפילו, אפילו דער אומעט זיינען צויבערליך צאַרט און הערליך. זיי געהען אום איבער שיינענדיגע פלעצער, איבער שאָטענפולע גערטענער, צווישען בלומען און שפריצברונימער, זיי געהען גאָטעהנליכע, ליכטיגע, פול מיט אומבאַשרייבליכער פרייד, ניט וויסענדיג קיין צוימען אין גליק און פאַרלאַנגען, ניט פאַרדונקעלטע, ניט מיט טרויער, ניט מיט שאַנד און ניט מיט זאָרגען...

און מיט אמאָל האָט זיך ראָמאַשאָוו'ן פאָרגעשטעלט די ניט לאַנג פאָרגעקומענע סצענע אויפ'ן פּלאַץ, די גראָבע געשרייען פון דעם פּאָלקאָווניק, דאָס געפיהל פון דער איבערגעלעבטער באַליידיגונג, דאָס געפיהל פון אַ שניידענדער און צו דער זעלבער צייט אינגעלשער שעמעוודיגקייט פאַר די סאָלדאַטען. ערגער פון אַלץ איז געווען פאַר איהם דאָס, וואָס אויף איהם האָט מען געשריען פונקט אַזוי, ווי ער פלעגט ווען עס איז שרייען אויף די שווייגענדיגע עדות פון זיין הייניגער שאַנד, און אין דעם געדאַנק איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט פאַרניכטעט דעם אונטערשייד פון זייער לאַגע, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט ערנידעריגט זיין אָפיצערישען, און, ווי איהם האָט זיך געדוכט, אויך זיין מענשליכען ווערט.

און אין איהם האָבען זיך, ווי ביי אַ אינגעל, — אין איהם איז נאָך ווירקליך פיעל אינגעלשעם פאַרבליבען, — באַלד אויפגעהויבען נקמה־דורשטיגע, פאַנטאַסטישע, פאַר'שיכור'ענדע טרוימען: „נאַרישקייט

טען! דאָס גאַנצע לעבען איז פאַר מיר!", האָט ראָמאַשאָוו געטראַכט,
און אין באַגייסטערונג פון זיינע אייגענע געדאַנקען, האָט ער גענומען
טרעטען מוטיגער און אָנגעהויבען צו אָטעמען טיפער.—אָט, אויף צו
להכעיס זיי אַלעמען, וועל איך זיך מאָרגען פון אין דער פריה אָן נעמען
צו די ביכער, איך וועל זיך צוגרייטען און אָנקומען אין אַקאַדעמיע.
אַרבייט! אָ, מיט אַרבייט קאָן מען אויספיהרען אַלץ, וואָס דו ווילסט
נאָר. נאָר נעמען זיך אין די הענט. איך וועל לערנען אויף אויסווענינ,
ווי אַ וואַהנזיניגער... און אָט, אונערוואַרט פאַר אַלעמען, וועל איך
גלענצענד אויסהאַלטען דעם עקזאַמען. און דאַן וועלען געווים אַלע
זאָגען: „איז וואָס איז דאָ דער חידוש אין דעם? מיר זיינען נאָך
פאָראויס געווען אין דעם איבערצייגט. אַזאַ פעהיגער, ליעבער, טאַ־
לאַנטפולער יונגער מאַן."

און ראָמאַשאָוו האָט זיך זעהר לעבעדיג דערזעהן אַלס אַ געלע־
רענטען אָפיצער פון גענעראַל־שטאַב, וועלכער גיט זעהר גרויסע האָפ־
נונגען... זיין נאָמען איז פאַרשריבען אין דער אַקאַדעמיע אויף אַ גאָל־
דענעם ברעט. די פּראָפעסאָרען זאָגען איהם פאָר אַ גלענצענדע צו־
קונפט, לעגען איהם פאָר צו פאַרבלייבען אין דער אַקאַדעמיע. נאָר
ניין! ער געהט אין סטראָי. מען דאַרף דאָך איבערקומען דעם סראָק
פון קאָמאַנדעווען מיט דער ראָטע. און אומבאַדינגט אין אייגענעם
פּאָלק. אָט קומט ער צופאָהרען אַהער — אַ פיינער, איינפאַכער,
אויפגעהאַלטענער, קאָרעקטער און חוצפּה'דיג העפליכער, ווי יענע אָפי־
צערען פון גענעראַל־שטאַב, וועלכע ער האָט געזעהן פאָראַיאָהרען אויף
די מאַנעווערס. פון דער אָפיצערען געזעלשאַפט ווייכט ער. די גראָבע
אַרמעאישע געוואוינהייטען, פאַמיליאַריטעט, קאָרטען, שכרות —
ניין, דאָס איז ניט פאַר איהם: ער געדענקט, אַז דאָ איז נאָר אַ סטאַנ־
ציע אויף דעם וועג פון זיין ווייטערדיגער קאַריערע און רוהם.

אָט האָבען זיך אָנגעהויבען די מאַנעווערן. אַ גרויסע צוויי־זיי־
טיגע שלאַכט. דער פּאָלקאָווניק שולגאָוויטש פאַרשטעהט ניט די דיס־
פּאָזיציע. ער פּלאָנטערט זיך, שרייט אויף די מענשען און לויפט אַרום
אַליין — דער קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס האָט איהם שוין צוויי מאָל גע־
מאַכט, דורך זיין אַדיוטאַנט, אַ באַמערקונג. „נו, קאַפּיטאַן, העלפט
אַרויס!"—ווענדט ער זיך צו ראָמאַשאָוו'ן. „איהר ווייסט, אויס אַלטער
גוטפריינדשאַפט. איהר געדענקט, כע־כע־כע, ווי מיר האָבען זיך מיט

אייך געקריגט. זייט שוין אזוי גוט." דאָס געזיכט א פאַרשעמטע, א בעטענדע. נאָר ראָמאַשאָוו, העפליך סאַלוטירענדיג און עטוואָס צו־בויגענדיג זיך פאָראויס אין זאָטעל, ענטפערט מיט א רוהיגען, שטאָלצען אויסזעהן: „ענטשולדיגט, הער פאָלקאָווניק... דאָס איז אייער פליכט צו אָנפיהרען די באַוועגונגען פון פאָלק. מיין זאַך איז — אויפצו־נעמען די באַפעלען און אויספיהרען זיי..." און פון קאָרפּוס־קאָמאַנדיר פליהט שוין דערווייל דער דריטער שליח מיט א נייעם אויסרייד.

דער גלענצענדער אָפיצער פון גענעראַל־שטאַב, ראָמאַשאָוו, געהט אַלץ העכער און העכער אויף דעם וועג פון זיין דיענסט־קאַריערע... אָט האָט זיך צופלאַקערט א בונט פון אַרבייטער אין א גרויסער אייזען־פאַבריק. מען האָט שנעל אַרויסגעפאָדערט ראָמאַשאָוו'ס ראָטע. א נאַכט. דער פלאַם פון א שרפה, א גרויסער וואיענדיגער עולם, עס פליהען שטיינער... דער שלאַנקער, שעהנער קאַפּיטאַן געהט אַרויס פאָראויס דער ראָטע. דאָס איז ראָמאַשאָוו. „ברידערלאַך, — ווענדט ער זיך צו די אַרבייטער, — איך וואָרען אייך דעם דריטען און לעצ־טען מאָל, אז איך וועל שיסען!"... געשרייען, פייפעריי, א געלעכ־טער... א שטיין פאַלט ראָמאַשאָוו'ן אין פלייצע, נאָר זיין העלדישער, עהרליכער פנים בלייבט רוהיג. ער קערט זיך אום אַהינטער, צו די סאָל־דאַטען, ביי וועלכע די אויגען ברענען מיט כעס, ווייל מען האָט באַ־ליידיגט זייער פאַרגעטערטען נאַטשאַלניק. „גלייך אויפ'ן עולם א שאָס פון דער ראָטע. ראָטאַ־א, פלי!..." הונדערט שאָסען גיסען זיך צונויף אין איינעם. א רעווע פון שרעק. צעהנדליגע טויטע און פאַרוואונדעטע וואַלגערען זיך אין איין קופּע... די איבעריגע לויפען אין אומאָרדנונג, אַנדערע שטעלען זיך אויף די קניה, בעטענדיג רחמים. דער בונט איז איינגעשטילט. ראָמאַשאָוו'ן ערוואַרט פאָר־אויס א דאַנק פון זיין נאַטשאַלסטוואָ און א באַלוינונג פאַר זיין מוס־טערהאַפטער העלדישקייט.

און דאָרטען איז א מלחמה. ניין, ביז דעם קריעג וועט ראָמאַשאָוו בעסער פאָהרען אַלס מיליטערישער שפּיאָן אין דייטשלאַנד. ער וועט זיך אויסלערנען דייטש ביז דער העכסטער פאָלקאָמענהייט און וועט אַוועק־פאָהרען. וואָס פאַר אַן אויסערגעוועהנליך פרעהענדע דרייסטקייט! אַליין, אין גאַנצען אַליין, מיט א דייטשען פּאַספּאָרט אין טאַש, מיט א שפּיעל־קאַסטען הינטער די פלייצעס; אומבאַדינגט מיט א שפּיעל־

קאַסטען. געהט ער פון שטאָדט צו שטאָדט, דרעהט דאָס הענטעל, קלייבען פעניגס, פאַרשטעלט זיך פאַר אַ נאַר, און צו דער זעלבער צייט נעמט ער שטילערהייד אַראָפּ די פּלאַנען פון פעסטונגען, שפּייז־אוצרות, קאַזאַרמעס און לאַגערען. אַרום איז די אייביגע געפאַהר. די אייגענע רעגירונג האָט זיך אָפּגעקערט פון איהם, ער איז אויסער די געזעצען. וועט זיך איינגעבען צו קריגען וויכטיגע ידיעות — האָט ער געלט, טשינען, אַ הויכע געזעלשאַפטליכע לאַגע, באַריהמטקייט, ניט — וועט מען איהם שיסען, אָהן אַ געריכט, אָהן קיינע פאָרמאַליטעטען, אין אַ פריהמאָרגען ערגעץ אין אַ קאַנאַווע. אָט לייגט מען איהם פאָר, אויס מיטפיהל, צו פאַרבינדען די אויגען מיט אַ ווייסען טיכעל, נאָר ער, מיט שטאָלץ, שליידערט עס אויף דער ערד. „אפשר דענקט איהר, אַז אַן אמת׳ער אָפיצער האָט מורא אַ קוק צו טאָן דעם טויט אין פּנים?“ דער אַלטער פאָלקאָווניק זאָגט איהם מיט מיטגעפיהל: „הערט אויס, איהר זייט נאָך יונג, מיין זוהן איז אויך אין זעלבען עלטער, וואָס איהר. רופט אָן אייער נאָמען. זאָגט נאָר אייער נאַציאָנאַליטעט און מיר וועלען אייך פאַרבייטען די טויט־שטראָף אויף געפענגנים.“ נאָר ראָמאַשאָוו שלאָגט איהם איבער מיט קאַלטער העפליכקייט: „דאָס איז אַלץ אומזיסט, פאָלקאָווניק, איך דאַנק אייך. טוט אייער פליכט“. און נאָכדעם ווענדט ער זיך צום ווזוואָד שיסער: „סאָלדאַטען, — זאָגט ער מיט אַ פעסטער שטימע, פאַרשטעהט זיך אויף דייטש, — „איך בעט אייך טאָן מיר, אַלס חבר, אַ געפעליגקייט: ציעלט זיך גלייך אין האַרץ!“ דער ווייכהערציגער לייטענאַנט, קוים באַהאַלטענדיג די טרערען, מאַכט מיט אַ ווייסען טיכעל. אַ זאַלפּ...

דאָס בילד איז אַזוי לעבעדיג און דייטליך אַרויסגעקומען אין זיין געדאַנק, אַז ראָמאַשאָוו, וואָס איז שוין אַ לאַנגע צייט געגאַנגען מיט שנעלע, גרויסע טריט און האָט טיף געאָטעמט, האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען צו ציטערען, און איז אין שרעק שטעהן געבליבען אויפ׳ן אָרט, מיט קאָנוואולסיוו צונויפגעדריקטע פויסטען און מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ. נאָר באַלד האָט ער שלאָף און שולדיג אַ שמייכעל געטאָן צו זיך אַליין אין דער פינסטער און אַן איינגעהויקערטער האָט ער פאָרטגעזעצט דעם וועג.

נאָר באַלד האָבען איהם שנעלע, ווי אַ שטראָם, אומבאַזיעגבאַרע טרוימען ווידער באַהערשט. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַן איינגע׳־

עקשנ׳טער, בלוטיגער קריעג מיט פרייסען און עסטרייך. א ריזיגע שלאכטפעלד, קערפערס, גראנאטען, בלוט, טויט! דאס איז א גענעראלע שלאכט, וואס דארף ענטשיידען דעם שיקזאל פון קריעג. עס קומען אונטער די לעצטע רעזערווען, מען ערוואַרט פון מינוט צו מינוט די ערשיינונג פון א רוסישער מחנה אהינטער דעם פיינד. מען דארף אויסהאלטען דעם שרעקליכען דרוק פון דעם פיינד, מען דארף זיך האלטען, עס מעג זיין וואס עס וויל זיך. און דער שרעקליכסטער פייער, די ווילדעסטע אנשטרענגונגען פון דעם שונא זיינען אנגעווענדט אויף דעם קערענסקי פאלק. די סאלדאטען שלאגען זיך ווי לייבען, זיי האבען קיין איינמאל ניט א ציטער געטאן, כאטש זייערע רייהען צושמעלצען זיך יעדע סעקונדע אונטער׳ן האגעל פון דעם שונא׳ס קוילען. א היסטארישער מאמענט. אנהאלטען זיך נאך א מינוט, צוויי — און דער זיעג וועט ארויסגעריסען ווערען פון דעם געגנער. נאר פאלקאווניק שולגאוויטש איז צוטומעלט: ער איז דרייסט, אהן צווייפעל, נאר זיינע נערוועו האלטען ניט אויס דעם שרעק. ער פארמאכט די אויגען, ווערט פארציטערט און בלייך... אט האט איהר שוין געגעבען א צייכען דעם טרובאטש, ער זאל שפיעלען דעם ריקצוג־סיגנאל, נאר אין דער סעקונדע פליהט ארויס פון הינטער׳ן בערגעל אויף א פארשוימטען אראבער פערד דער נאטשאלניק פון דיוויזיע שטאב, פאלקאווניק ראמאשאוו. „פאלקאווניק, איהר זאלט ניט וואגען אפצוטרעטען! דא ווערט ענטשידען דער שיקזאל פון רוסלאנד!..“ שולגאוויטש ווערט אן אנגעצונדענער. „פאלקאווניק, דא קאמאנדעווע א י ך, און איך בין פאראנטוואָרטליך פאר גאט און פאר׳ן קיסר! איך קאן ניט האלטען דעם פאלק מען זאל איהם צושיסען! טרובאטש, ריקצוג!„ נאר ראמאשאוו האט שוין ארויסגעכאפט פון דעם טרובאטשס הענט דעם הארן. „קינדער, פאראויס! דער קיסר און דאס פאטערלאנד קוקען אויף אונז! אורא!“ ווילד, מיט אן ערשיטערענדען געשריי האבען זיך די סאלדאטען אווארף געטאן פאראויס נאך ראמאשאוו׳ן. אלץ האט זיך צונויפגעמישט, איינגעהילט געווארען אין רויך און האט זיך אוועקגעקייקעלט אין אן אפגרונד. דעם פיינדס רייהען האבען א ציטער געטאן און טרעטען אפ אין אומארדנונג. און הינטער זיי, ווייט הינטער די בערג, בלאנקען שוין די שפיזען פון דער אנקומענער רוסישער קאלאנע. „אורא, ברידער, א זיעג!...“

ראָמאַשאָוו, וועלכער איז שוין ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, לע־בעדיג זשעסטיקולירענדיג, האָט זיך אָפּגעשטעלט און איז קוים געקומען צו זיך. איבער זיין רוקען, איבער די הענט און די פיס, אונטער די קליידער איבער'ן נאַקעטען לייב, זיינען, דוכט זיך, אומגעלאָפען עמי־צענס קאַלטע פינגער; די האָר אויפ'ן קאָפּ האָבען זיך אויפגעשטעלט און טרערען פון בעגייסטערונג האָבען איהם געשניטען אין די אויגען. ער האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי ער איז דערגאַנגען ביז צו זיין הויז, און איצטער, אויפכאַפּענדיג זיך פון זיינע ברענענדיגע טרוימען, האָט ער מיט באַוואונדערונג געקוקט אויף די גוט באַקאַנטע טויערען, אויף דעם שיטערען פרוכט־גאָרטען אהינטער זיי און אויף דער קליינינקער גע־ביידע אין דער טיפעניש פון גאָרטען.

— דאָך, וואָס פאַר א נאַרישקייטען עס קריכען אין קאָפּ! — האָט ער פארשעמט געמורמעלט צו זיך אַליין, און זיין קאָפּ איז אריינ־געזונקען אין די אויפגעהויבענע אַקסלען.

3.

קומענדיג צו זיך, האָט זיך ראָמאַשאָוו, ווי ער איז געווען אין פּאַלטאָ, ניט אַראָפּנעמענדיג אַפילו דאָס היטעל, געלעגט אויפ'ן בעט און איז לאַנג געלעגען, ניט באַוועגענדיג זיך, טעמפּ צוקוקענדיג זיך צו דער סטעליע. איהם האָט וועה געטאָן דער קאָפּ און עס האָט געבראָ־כען דער רוקען, און אין דער נשמה איז געווען אזא פּוסטקייט, פּונקט ווי דאָרטען וואָלטען קיינמאָל ניט געבאָרען ווערען קיין געדאַנקען, קיין עראינערונגען און קיינע געפיהלען; עס האָט זיך ניט געפיהלט אַפילו ניט קיין בייזקייט, ניט קיין אומעט, נאָר עס איז איינפאַך גע־לעגען עפּעס גרויסעס, פינסטערעס און גלייכגילטינעס.

הינטער'ן פענסטער האָט זיך ווייך געלאָשען דער אומעטיגער, צאַרטער און גרינליכער אַפּריל־אָווענט. אין פאָרהויז האָט זיך שטיל גע'עסק'ט דער דיענער, פאָרזיכטיג קלאַפּענדיג מיט א מעטאַלענער זאַך.

— אָט איז מאָדנע, — האָט פאַר זיך גערעדט ראָמאַשאָוו: — איך האָב ערגעץ געלייענט, אַז א מענש קאָן איין רגע ניט לעבען ניט טראַכטענדיג. און אָט ליג איך און טראַכט ניט פון קיין זאַך. איז

דאָס אזוי? ניין, איך האָב דאָך ערשט געטראַכט פון דעם, אז איך טראַכט גאָרנישט, — הייסט דאָס, אַז עס האָט זיך דאָך עפּעס א רעדעל אין מארך געדרעהט. און אָט איצטער איבעררעכען איך זיך, הייסט דאָס, אַז איך טראַכט דאָך ווידער...

און ער האָט זיך אזוי לאַנג פאַנאַנדערגעקליבען אין די נודנע, פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען, ביז וואַנען איהם איז דאָס געוואָרען פּיזיש עקעלהאַפט: פּונקט ווי ביי איהם אונטער'ן שאַרבען האָט זיך צושוואומען א גרויע, קויטיגע שפּינוועב, פון וועלכער מען האָט זיך אין קיין פאַל ניט געקאָנט באַפרייען. ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון קישען און האָט א געשריי געטאָן:

היינאַן!...

אין פאָרהויז האָט עפּעס א קלאַפּ געטאָן און זיך אוועקגעקייקעלט, ווייזט אויס, דער סאַמאָוואַר קוימען. אין צימער האָט זיך אריינגעריסען דער דיענער, אזוי שנעל און מיט אזא גערויש האָט ער אויפגעמאַכט און פאַרמאַכט די טיר, פּונקט ווי מען וואָלט זיך יאָגען נאָך איהם פון הינטען.

— איך, וואַשע בלאַגאָראָדיע, — האָט היינאַן א געשריי געטאָן מיט א צושראָקענער שטימע.

— פון פּאָרוטשיק ניקאָלאַיעוו איז קיינער ניט געווען?

— געוויס ניט, וואַשע בלאַגאָראָדיע, — האָט א געשריי געטאָן היינאַן.

צווישען דעם אָפיצער און דעם דיענער האָבען זיך שוין לאַנג איינגעשטעלט איינפאַכע, פאַרטרויליכע און זאָגאַר עטוואָס ליעבליך־פאַמיליארע באַציהונגען. נאָר ווען ביי זיי פלעגט דערגעהן צו אָפּיציעלע ענטפערס, ווי, צום ביישפּיעל, „געוויס אזוי“, „געוויס ניט“, „איך ווינש אייך געזונט“ און „איך קען ניט וויסען“, פלעגט זיי היינאַן ניט ווילענדיג אויסשרייען מיט דעם הילצערנעם, אומנאַטירליכען, אומזיניגען געשריי, מיט וועלכען עס ריידען אַלע מאָל די סאָלדאַטען מיט די אָפיצערען אין סטראָי. דאָס איז געווען א געוואוינהייט, וואָס האָט זיך איינגעגעסען אין איהם פון די ערשטע טעג פון זיין דיענען, און וועלכע, ווייזט אויס, וועט איהם פאַרבלייבען אויפ'ן גאַנצען לעבען.

היינאַן איז געווען א טשערעמיס און לויט'ן רעליגיאָן א געצענ

דיינער. דאָס לעצטע האָט זעהר הנאה געטאָן ראָמאַשאָוו׳ן. אין פּאָלק אין צווישען די אָפיצערען געווען פאַרשפּרייט אַ גאַנץ נאַאיווע, קינ־דעריש לעבערליכע שפּיעל: צו לערנען די דיענער פאַרשידענע, זאָגר־דערבאַרע, אויסערגעוועהנליכע זאַכען. וויעטקין, צום ביישפּיעל, ווען צו איהם פלעגען קומען געסט, זיינע חברים, פלעגט געוועהנליך פרע־גען זיין דיענער, דעם מאָלדאַוואַנין: „וואָס, בוזעסקול, איז נאָך ביי אונז אין קעלער פאַרבליבען שאַמפּאַניער?“ און בוזעסקול פלעגט אויף דעם גאַנץ ערנסט ענטפערען: „געווים ניט, וואַשע בלאַגאָראָדיע, זיי האָבען נעכטען די לעצטע טוץ אויסגעטרונקען!“ — דער צווייטער אָפיצער, פּאָדפּאָרוטשיק יעפּיפאַנאָוו, פלעגט ליעב האָבען צו שטעלען זיין דיענער פאַרדרעהטע, איהם אליין קוים פאַרשטענדליכע פראַגען: „וואָס פאַר אַ מיינונג, מיין פריינד, האָסטו וועגען דאָס אויפלעבען פון דעם מאָנאַרכישען אָנהויב אין דער איצטיגער פראַנקרייך?“ — און דער דיענער, ניט אַ קרים טוענדיג זיך, פלעגט ענטפערען: — „געוויס אזוי, וואַשע בלאַגאָראָדיע, דאָס קומט אוים זעהר גוט“. דער פּאָרו־טשיק באָבעטינסקי האָט געלערענט זיין דיענער דעם קאַטעכיזים, און יענער פלעגט גלייך ענטפערען אויף די וואונדערליכסטע, אָפּגעריסענע פראַגען. „פאַר וואָס איז דאָס וויכטיג, דריטענס?“ — „דאָס איז, דריטענס, ניט וויכטיג“, אָדער: — „וואָס פאַר אַ מיינונג האָט וועגען דעם די הייליגע קירכע?“ — „די הייליגע קירכע שווייגט צו וועגען דעם“. ביי איהם פלעגט דער דיענער אויך דעקלאַמירען מיט אונזיניגע זשעס־טען פּימענס מאָנאָלאָג פון „באָרים גאָדונאָוו“. עס איז אויך געווען פאַרשפּרייט די מאָדע צו צווינגען די דיענער רייִדען פראַנצויזיש: „באָנזשור, מאָסיע, באָנן ניואיט, מוסיע, וואולעי, וואו דיו טע“ און נאָך אזוינס. דאָס אַלץ פלעגט מען צוקלערען פון לאַנגווייליגקייט, פון שמאָלקייט פון דעם פאַרשלאָסענעם לעבען, און פון דער אבוועזענהייט פון אנדערע אינטערעסען, אויסער דיענסט.

ראָמאַשאָוו פלעגט אָפט רייִדען מיט הייִנאַנ׳ען וועגען זיינע גע־טער, פון וועלכע דער טשערעמים אַליין האָט געהאַט גאַנץ טונקעלע און קליינע באַגריפען און אויך, איבערהויפּט פון דעם, ווי אזוי ער האָט געשוואָרען טרייהייט דער מלוכה און פאָטערלאַנד. און איינ־געשוואָרען האָט מען איהם ווירקליך אָריגינעל. אין דער צייט, ווען די ווערטער פון דער שבועה האָט געלעזען צו די פּראַוואָסלאַווע — דער

גלח, צו די קאטוילישע — דער קסיאָנדז, צו די אידען — דער רב, צו די פּראָטעסטאַנטען, אוים מאַנגעל אין אַ פּאַסטאָר — דער קאַפּי־טאַן דיץ, און צו די מאַכמעדאַנער — דער פּאָרוטשיק בעקאַגאַמאַלאָוו, איז מיט היינאַנען פּאָרגעקומען גאָר אַן אַנדער געשיכטע. דער אַדיו־טאַנט פון פּאָלק האָט צוגעטראָגען איהם און זיינע צוויי לאַנדסלייט און גלויבענס גענאָסען צו שטיקלאַך ברויט מיט זאַלץ אויף דער שפּיץ פון שווערד, און יענע, ניט אָנריהרענדיג דעם ברויט מיט די הענט, האָבען עס גענומען מיט'ן מויל און גלייך אויפ'ן אָרט אויפגעגעסען. דער סימבאָלישער זין פון דער צערעמאָניע איז געווען, דוכט זיך, אַזאַ: אָט האָב איך געגעסען ברויט און זאַלץ אויף דער דיענסט ביי מיין נייעם באַלעבאָס; זאָל מיך דער אייזען באַשטראָפען, אויב איך וועל זיין אומטריי. היינאַן האָט, ווייזט אוים, נעשטאָלצירט מיט דעם און פלעגט גערן זיך אויף דעם דערמאָנען. און אַזוי ווי מיט יעדען מאָל פלעג ער אריינברענגען אין זיין דערצעהלונג נייע פּינקטליכקייטען, איז ענדליך פון דעם געוואָרען עפּעס אַן אומזיניג־אומגלויבליכע און באמת לעכערליכע געשיכטע, וועלכע פלעגט פּאַרווייַלען ראַמאַשאָוו'ן און די פּאָדפּאָרוטשיקעס, וואָס פלעגען צו איהם קומען.

היינאַן האָט געדענקט, אַז דער פּאָרוטשיק וועט איצטער אויך אָנ־הויבען מיט איהם דעם געוועהנליכען געשפּרעך וועגען געטער, וועגען איינשווערען און איז דעריבער געשמאַנען און כיטרע געשמייכעלט. נאָר ראַמאַשאָוו האָט איהם מיד געזאָגט:

— נו, גוט... געה זיך דיר...

— דעם נייעם סורטוק צוגרייטען דיר, וואַשע בלאַגאָראָדיע? — האָט באַזאָרגט געפרעגט היינאַן.

ראַמאַשאָוו האָט געשוויגען און זיך געוואַקעלט. איהם האָט זיך געוואָלט זאָגען — יע, נאָכדעם — ניין, נאָכדעם ווידער — יע. ער האָט טיף, קינדעריש עטליכע מאָל אַ זיפץ געטאָן און טרויעריג גע־ענטפערט:

— ניין, היינאַן... צו וואָס... זאָל זיי גאָט העלפען... גיב, ברור־דער, דעם סאַמאָוואַר און נאָכדעם וועסטו אריבערלויפען אין קלוב נאָך אָוועגטברויט. צו וואָס שוין!

„היינט וועל איך אויף צו להכעים ניט געהן,—האָט ער איינגעז־עקשנ'ט, נאָר אָנמעכטיג געטראַכט, — עס איז אוממעגליך אַלע טאָג

צו דערעסן מענשען און דערצו איז מען מיט מיר, דוכט זיך, ניט צופרידען".

אין געדאנק ביי איהם איז דער באשלוס געווען פעסט, נאָר ערגעץ אין דער טיפעניש באהאלטען אין דער זעל, כמעט ניט אריינדרינגענדיג אין זיין באוואוסטזיין, האָט זיך באוועגט אַן איבערצייגונג, אַז ער וועט היינט, אזוי ווי נעכטען און אזוי ווי ער פלעגט דאָס טאָן אלע טאָג, זינט די לעצטע דריי מאָנאטען, פאָהרט גערן צו די ניקאָלאיעווס. יעדען טאָג, אוועקגעהענדיג פון זיי צוועלף אזייגער ביינאכט, פלעגט ער מיט א כעס אויף זיין אייגענער כאראקטערלאָזיגקייט, געבען זיך אַן עהרענוואָרט דורכצולאָזען א וואָך אָדער צוויי, און אפשר גאָר אויפהערען געהן צו זיי. און ביז וואנען ער איז געגאנגען צו זיך, ביז וואנען ער האָט זיך געלעגט אין בעט, ביז וואנען ער פלעגט איינשלאָפען, פלעגט ער אלץ גלויבען, אז איהם וועט זיין לייכט וואָרט צו האלטען. נאָר עס פלעגט דורכגעהן די נאכט, לאנגזאם און העסליך פלעגט זיך שלעפען דער טאָג, פלעגט אָנקומען דער אָוועגט, און איהם פלעגט ווידער קרענקליך, אָהן אַן אָפהאלט ציהען אין דעם ריינעם, ליכטיגען הויז, אין די היימליכע צימערען צו די דאָזיגע רוהיגע און פרעהליכע מענשען און איבערהויפט צו דעם זיסען צויבער פון פרויען־שעהנקייט, צערטליכקייט און קאָקעטעריי.

ראמאשאָוו האָט זיך געזעצט אויפ'ן בעט. עס איז שוין געוואָרען פינסטער, נאָר ער האָט נאָך אלץ ניט געזעהן זיין צימער. אָה, ווי איהם האָט דערעסען צו זעהן אַלטעגליך די זעלביגע אָרימע זאכען פון זיין „אויסשטאטונג". דער לאָמפּ מיט א ראָזעווען קאָלפּאַק אין דער פאָרם פון א טולפּאַן אויף זיין קליינינקען שרייבטיש, לעבען דעם קיילעכדיגען, שנעל קלאפּענדען וועקזייגער און טינטער אין דער פאָרם פון א מאָפּס־הונט; אויף דער וואנט, איבער דער לענג פון בעט, א וואָלענער טעפּיך, מיט דעם געשטאלט פון א טיגער אויף איהם, און א רייטענדען אראב מיט א שפּיז; א שיטערינקע עטזשערקע מיט ביכער אין איין ווינקעל, און אין צווייטען ווינקעל א פאנטאסטישער סילועט פון א וויאָלאנטשעל שייד; אויף דער איינציגען פענסטער א שטרויענער פאָרהאנג צונויפגעדרעהט אין א טרובע, ארום טיר א ליילאַך, וואָס פאָרדעקט דעם הענגער מיט קליידער; ביי יעדען ניט פארהייראטען אָפיצער, ביי יעדען פאָדפּאָרוטשיק זיינען געווען פונקט אזוינע זאכען,

מיט דער אויסנאַם פון אַ וויאָלאָנטשעל; איהר האָט ראַמאַשאָוו גע־נומען פון דעם פּאָלק אָרקעסטער, וואו זי איז גאָר ניט נוציג געווען, נאָר ניט אויסלערנענדיג אפילו די מאַזשאָרנע גאַמען, האָט ער פאַר־וואָרפען זי און די מוזיק נאָך מיט אַ יאָהר צוריק.

אַ יאָהר מיט עפּעס צוריק, האָט ראַמאַשאָוו מיט פאַרגעניגען און שטאָלץ, ארויסגעהענדיג פון מיליטערישער שול, איינגעקויפט די אַלע זאַכען. אַן אייגענע וואוינונג, אייגענע זאַכען, די מעגליכקייט צו קויפען, צו אויסקלייבען לויט'ן אייגענעם פאַרלאַנג, — דאָס אַלץ האָט אָנגעפילט מיט שטאָלצער פרייד דאָס הארץ פון דעם צוואַנציג יאָה־ריגען אינגעל, וועלכער איז נאָך נעכטען ערשט געזעסען אויף'ן שול־בענקעל, און וועלכער איז געגאַנגען צו דעם טיי און צום אָנבייסען אין סטראָי, צוזאַמען מיט די חברים. און וויפיעל האָפנונגען און פּלענער זיינען געווען דאַן, ווען עס זיינען געקויפט געוואָרען די דאָזיגע קלוג־ליכע לוקסוס־זאַכען! וואָס פאַר אַ שטרענגע פּראָגראַם אין לעבען ער האָט אָנגעצייכענט. אין די ערשטע צוויי יאָהר — אַ גרינדליכע באַ־קאַנטשאַפט מיט דער קלאַסישער ליטעראַטור, סיסטעמאַטיש לערנען די פראַנצויזישע און דייטשע שפּראַך און מוזיק. אין לעצטען יאָהר — זיך צוגרייטען צו דער אַקאַדעמיע. מען האָט געמוזט נאָכפאָלגען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען, ליטעראַטור און בילדונג, און צוליעב דעם האָט ראַמאַשאָוו אויסגעשריבען אַ צייטונג און אַ מאָנאַט־ליכען פּאָפּולערען זשורנאַל. צוליעב זעלבסטבילדונג האָט ער גע־קויפט: פּסיכאָלאָגיע, — פון וואונדט, פיזיאָלאָגיע, — פון לואיס און „זעלבסטאַרבייט“ — פון סמיילס...

און אַט ליגען שוין די ביכער ניין מאָנאַטען אויף אַן עטאַזשערקע און הינאַן פאַרגעסט אָראָפּצוקערען פון זיי די שטויב. די צייטונגען, אָך ניט פאַנאַנדערגענומענע, וואַלגערען זיך אונטער'ן שרייבטיש, ־עם זשורנאַל שיקט מען מעהר ניט ארויס, ווייל דאָס געלט איז אויף יוייטער ניט אריינגעטראָגען געוואָרען, און דער פּאָדפּאָרוטשיק ראַ־מאַשאָוו אליין טרינקט פיעל בראַנפען אין קלוב, און האָט אַ דויערענדע, קויטיגע און לאַנגווייליגע פאַרהעלטניס מיט אַ פּאָלקס־פרוי, צוזאַמען מיט וועלכער ער נאַרט אָפּ איהר שווינדזוכטיגען מאַן, שפּיעלט אין שטאָס און אַלץ אָפטער און אָפטער ווערט איהם איבער־דריסיג דער דיענסט, די חברים און דאָס אייגענע לעבען.

— ענטשולדיג, וואשע בלאנגאָרדיע! — האָט א געשריי געטאָן דער דיענער, פלוצלונג מיט א גערויש ארויסשפרינגענדיג פון פאָר־הויז. נאָר באלד האָט ער אָנגעהויבען צו ריידען מיט גאָר אן אנדערען, איינפאכען און גוטמוטיגען טאָן:

— איך האָב פארגעסען צו זאָגען. דיר איז פון דער מיידעל פע־טערסאָן א בריוו געקומען. דער דיענער האָט געבראכט, געהייסען דיר אן ענטפער שרייבען.

ראָמאשאָוו, א קרים טוענדיג זיך, האָט אויפגעריסען דעם לאנגען, שמאָלען, ראָזאָווען קאָנווערט, אויפ'ן ווינקעל פון וועלכען עס איז גע־פלויגען א טויב מיט א בריוו אין מויל.

— צינד אָן דעם לאָמפ, — האָט ער באפוילען זיין דיענער.

— ליעבער, טייערער, וואָנסענדיגער זשאָרזשיק, — האָט ראָמאָ־שאָוו געלעזען די איהם גוט באקענטע אומציכטיגע שורות, וואָס קייק־לען זיך אראָפ צו, אין דער נידער. — דו ביזט ביי אונז שוין ניט געווען א גאנצע וואָך, און איך האָב נאָך דיר אזוי געבענקט, אז איך האָב אָפ־געוויינט די פאָריגע נאכט. געדענק נאָר, אז אויב דו ווילסט פון מיר לאכען, וועל איך דעם פארראט ניט אריבערטראָגען. איין שלונג פון פלעשעלע מיט מאָרפי, און איך וועל אויף אייביג אויפהערען צו ליידען, און דיך וועט דער געוויסען אויפעסען. קום אומבאדינגט היינט האלב אכט אין אָוונט. ע ר וועט ניט זיין צו הויז, ער וועט זיין אויף די טאקטישע איבונגען און איך וועל דיך שטארק, שטארק, שטארק אויס־קושען, ווי איך וועל נאָר קאָנען. קום־זשע. איך קוש דיך א מיליַ־אָרד מאָל. אין גאנצען דיין ראאיסא.

פ. ס.—ליעבע, געדענקסטו די צווייגען, די שטארקע,
פון בוים איבער פליסענדען טייך?
דו האָסט מיר געשענקט דיינע ברענענדע קושען
און כ,האָב זיי געטיילט מיט דיר גלייך.

פ.

פ. פ. ס.—איהר דארפט אומבאדינגט, אומבאדינגט זיין אין קלוב אויפ'ן אָוונט דעם קומענדיגען שבת. איך לאַד אייך איין פאָר־אויס אויף דער דריטער קאדריל.

ר. פ.

און ענדלעך, גאָר פון אונטען, אויף דער פערטער זייט, איז געווען צוגעשריבען:

„דאָ האָב איך אַ קוש געטאָן!"

פון דעם בריוו האָט געשמעקט מיט באַקאַנטען פּערפום — פּער־זישע סירען. די טראָפּענס פון דעם פּערפיום זיינען אין געלע פלעקען פאַרטריקענט געוואָרען וואו ניט וואו אויפ'ן פּאַפּיר; און אונטער זיי זיינען העלע בוכשטאבען זיך צושוואומען אין פאַרשיידענע זייטען. דער פריקרער ריח צוזאַמען מיט דעם באַנאַל־שפּיעלענדען טאָן פון דעם בריוו, צוזאַמען מיט דעם אויפ'ן געדאַנק אַרויפגעקומענעם רויטהאָריגען, קליינעם און ליגנערישען געזיכט, האָט מיט אַמאָל אויפגעהויבען אין ראַמאַשאָוו'ן אַן אומערטרעגליכען עקעל. ער האָט מיט אַ בייזען פאַרגניגען צוריסען דעם בריוו אויף העלפט, נאָכדעם צונויפגעלייגט איהם און צוריסען אויף פיער שטיק, און נאָך, און נאָך, און ווען, ענדליך, איהם איז שווער געווען מיט די הענט צו רייסען, האָט ער אַ וואָרף געטאָן די שטיקלאַך אונטער'ן טיש, שטאַרק צונויפדריקענדיג און אויסשטעלענדיג די ציינער.

ראָמאַשאָוו האָט נאָך אין דער סעקונדע צייט געהאַט, לויט זיין געוואוינהייט, אַ טראַכט צו טאָן בילדליך וועגען זיך אליין אין דער צווייטער פּערזאָן:

„און ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ ביטערען, פאַראַכטענדען גע־לעכטער".

און דאָך האָט ער אין דער זעלבער מינוט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אומבאַדינגט געהן צו די ניקאָלאַיעווס. „נאָר דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל!" — האָט ער געפּרואווט אָפּנאַרען זיך אליין. און מיט אַמאָל איז ער געוואָרען פרעהליך און רוהיג:

— היינאַן, אַנטאָן זיך.

ער האָט זיך מיט אומגעדולד איינגעוואַשען, אָנגעטאָן דעם נייעם סורטוק, אָנגעדופטעט אַ ריינעם נאָז־טיכעל מיט בלומען־אָדעקאָלאָן. נאָר ווען ער, אין גאַנצען אָן אָנגעטאָנענער, האָט זיך געקליבען אַרויס־צוגעהן, האָט איהם היינאַן פּלוצלונג אָפּגעשטעלט.

— וואַשע בלאַגאָראָדיע! — האָט דער טשערעמיס געזאָגט מיט אַן אויסערגעוועהנליך ווייכען און בעטענדיגען טאָן, און האָט אָנגע־הויבען צו טאַנצען אויפ'ן אָרט. ער פלעגט אַלע מאָל אַזוי טאַנצען,

ווען ער פלעגט זיין אויפגערעגט אָדער צוטומעלט פון וואָס ניט איז: ער האָט אַרויסגערוקט, דאָס איינע, דאָס די צווייטע קניה פּאַראויס, געצוקט מיט די אַקסלען, אויסגעצויגען און געגלייכט דעם האַלז און נערוועז באַוועגט מיט די פינגער פון די אַראָפּגעלאָזענע הענט.

— וואָס דאַרפסטו נאָך?

— וואַשע בלאַגאָראַדיע, איך וויל דיר, זיי אַזוי גוט, זעהר בעטען. שענק מיר דעם ווייסען הער.

— וואָס איז? וועלכער ווייסער הער?

— אָט, וועלכען דו האָסט געהייסען אַרויסוואַרפען. אָט דער, אָט.

ער האָט געצייגט מיט'ן פינגער הינטער'ן אויווען, אוואו עס איז געשטאַנען אויף דער ערד פּושקינ'ס ביוסט, וואָס ראָמאַשאָוו האָט אַמאָל געקויפט ביי אַן אַרומגעהענדען פּעדלער. דער דאָזיגער ביוסט, וועלכער האָט, אגב, פאַרגעשטעלט, ניט קוקענדיג אויף זיין אויפשריפט, אַן אַלטען אידישען מעקלער, און ניט דעם גרויסען רוסישען דיכטער, איז געווען אַזוי העסליך געאַרבייט, אַזוי פאַרזעסען מיט פליגען און האָט אַזוי אַנגעבלענדט ראָמאַשאָוו'ן די אויגען, אַז ער האָט, ווירקליך פאַרזאָגט די טעג הייניאַנען אַרויסוואַרפען איהם אין דרויסען.

— צו וואָס דאַרפסטו איהם? — האָט דער פּאָדפּאָרוטשיק גע־פרעגט לאַכענדיג. — נו נעם איהם, טו א געפעליגקייט, נעם. איך בין זעהר צופרידען. איך דאַרף ניט. נאָר אויף וואָס דאַרפסטו איהם?

הייניאַן האָט געשוויגען און איבערגעטראָטען פון איין פוס אויף דער צווייטער.

— נו יע, גוט, זאָל דיר גאָט העלפען,—האָט ראָמאַשאָוו געזאָגט.— אָבער ווייסטו ווער דאָס איז?

הייניאַן האָט צערטליך און צוטומעלט געשמייכעלט, און האָט נאָך מעהר ווי פריהער גענומען טאַנצען.

— איך ניט ווייס... — און ער האָט מיט'ן אַרבעל אָפּגעווישט די ליפּען.

— דו ווייסט ניט — טאָ וויים. דאָס איז פּושקין. אַלעקסאַנדר סערגעאיטש פּושקין. האָסט פאַרשטאַנען? זאָג נאָך מיר אַלעקסאַנדר־ סערגעאיטש...

— בעסיעוו, — האָט באַשלאָסען נאָכגעזאָגט הייניאַן.

— בעסיעוו? נו זאָל זיין בעסיעוו, — האָט ראָמאַשאָוו איינגעשטימט. — נאָר איך געה. אויב מען וועט קומען פון די פעטערסאָנס, זאָלסטו זאָגען, אַז דער פּאָדפּאָרוטשיק איז אַוועקגעגאַנגען — און וואוהין ווייסטו נים. האָסט פאַרשטאַנען? און אויב עפּעס וועגען פּאָלק געשעפטען, זאָלסטו גלייך לויפען נאָך מיר אין פּאָרוטשיק ניקאָלאַיעווס וואוינונג. זיי געזונד, אַלטער!.. נעם פון קלוב מיין אַוועגדברויט און קענסט איהם אויפעסען.

ער האָט פריינדליך אַ קלאַפּ געטאָן אין רוקען דעם טשערעמיס, וועלכער האָט אַלס ענטפער שטיל געשמייכעלט, ברייט, צופרידען און פאַמיליאַר.

4

אין דרויסען אין געשטאַנען אינגאַנצען אַ שוואַרצע אונדורכזיכטיגע נאַכט אַזוי, אַז פון אָנהויב איז ראָמאַשאָוו'ן אויסגעקומען, ווי אַ בלינדען, צו טאַפּען דעם וועג פאָראויס. זיינע פיס און די ריזיגע קאַלאָשען, זיינען טיף געגאַנגען אין דעם געדיכטען קויט און ארויסגעקראָכען פון דאָרטען מיט אַ פייפעריי און קוואַטשען. אָפטמאָל, פלעגט זיך איינע פון די קאַלאָשען אריינזויגען אַזוי טיף, אַז פון איהר פלעגט זיך ארויסנעמען די פוס, און דאַן פלעגט ראָמאַשאָוו'ן אויסקומען, באַלאַנסירענדיג אויף איין פוס, אויסצוזוכען מיט דער צווייטער פוס אין דער פינסטער די פאַרזונקענע קאַלאָש.

דאָס שטעדטעל איז אַזוי ווי אויסגעשטאָרבען, אַפּילו הינט האָבען נים געבולען. פון די פענסטער פון די נידעריגע ווייסע הייזער האָט זיך וואו נים וואו אין נעבעלדיגע, גלייכע פאַסען געגאָסען ליכט און זיך געלייגט אויף דער געל־ברוינער ערד. נאָר פון די נאַסע, קלעפּיגע פּלויטען ביי וועלכע ראָמאַשאָוו האָט זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען, פון דער פייכטער קאָרע פון די ביימער, פון די קויט אויף דעם וועג, האָט געשמעקט מיט עפּעס פריהלינגדיגעס, שטאַרקעס, גליקליכעס, מיט עפּעס, וואָס האָט אונזיניג און פרעהליך געררייצט. אַפּילו דער שטאַרקער ווינט, וואָס האָט זיך האַסטיג געטראָגען איבער די גאַסען האָט געבלאָזען פריהלינגדיג נים גלייך, אָפּגעריסען, אַזוי ווי ציטערענדיג, פּלאָנטערענדיג זיך און שטיפּענדיג.

כאר דעם הויז, וואו די ניקאלאיעווס האבען געוואוינט, האט זיך דער פארפארוטשיק אפגעשטעלט, א ווײלע וואקלענדיג זיך . די קלײנע פענסטער זײנען געווען פארצויגען מיט געדיכט געוועבטע ברוינע פארהאנגלאך, נאר הינטער זײ האט זיך געפיהלט א קלײנע העלע ליכט. אין אײן ארט האט זיך דער פארהאנג פארבויגען, שאפענדיג א לאנגען שמאלען שפאלט. ראמאשאוו איז צוגעפאלען מיט'ן קאפ צום גלאז, אויפרעגענדיג זיך און באמיהענדיג זיך אטעמען וואס שטילער, אזוי ווי מען וואלט איהם געקענט דערהערען אין צימער.

ער האט דערזעהן דאס געזיכט און די אקסלען פון אלעקסאנדרא פיעטראוונא, וועלכע איז טיף און עטוואס אײנגעהויקערט געזעסען אויף דעם באקענטען דיוואן פון גרינעם ריפס. פון דער פאזע, פון די לײכטע קערפער באוועגונגען, פון דעם נידעריג אראפגעלאזענעם קאפ איז קענטיג געווען, אז זי איז פארנומען מיט האנט ארבייט.

אט האט זי זיך פלוצלונג אויסגעגלײכט, אויפגעהויבען דעם קאפ אין דער הויך און טיף אפגעזיפצט... איהרע ליפען באוועגען זיך... „וואס זאגט זי ? — טראכט ראמאשאוו. — אט — האט זי א שמײכעל געטאן. ווי מאדנע דאס איז — קוקען דורכ'ן פענסטער אויף א רײדענדיגען מענשען און ניט הערען איהם!“

דער שמײכעל איז פלוצלונג פארשוואונדען פון אלעקסאנדרא פיעטראוונאס געזיכט און דער שטערען האט זיך פארקנײטשט. ווידער האסטיג, מיט א פאר'עקשנ'טען אויסדרוק, האבען זיך די ליפען גענומען באוועגען און מיט אמאל ווידער א שמײכעל א שטיפערישער א אפלאכענדיגער. אט האט זי א מאך געטאן מיט'ן קאפ לאנגזאם, אויף ניט. „עס קאן זײן דאס איז וועגען מיר?“, האט ראמאשאוו א טראכט געטאן. מיט עפעס שטילעס, רײנעס און רוהיגעס, האט אויף איהם געוועהט פון דער יונגער פרוי, אויף וועלכער ער האט איצטער געקוקט, אזוי ווי אויף אן אנגעצײכענטען, לעבעדיגען לאנג באקענטען בילד. „שוראטשקא!“ האט ער שטיל און צארט ארויסגערעדט.

אלעקסאנדרא פיעטראוונא האט אויפגעהויבען דאס געזיכט פון דער ארבייט און האט שנעל, מיט א צוטראגענעם אויסדרוק א קעהר געטאן זיך צום פענסטער. ראמאשאוו'ן האט זיך אויסגעדוכט, אז זי קוקט איהם גלײך אין די אויגען. בײ איהם האט פון שרעק פארקוועטשט און קאלט געווארען דאס הארץ און ער איז האסטיג

אָפּגעשפּרונגען הינטער'ן וואַנט. אויף אַ מינוט איז ער געוואָרען ניט בײַ־זיך. ער איז שוין גרייט געווען אומצוקערען זיך אַהיים, נאָר ער האָט זיך געשטאַרקט און איז דורכ'ן פּערטעל אַריינגעגאַנגען אין קיך. אין דער צייט, וואָס ניקאָלאַיעווס דינער האָט פון איהם אַראָפּגענומען די קויטיגע קאַלאָשען, און האָט איהם אָפּגערייניגט מיט אַ קיך שמאַטע די שטיוועל, ווען ער האָט מיט'ן נאָז טיכעל אָפּגעווישט די פאַרשוויצטע פון וואַרימקייט ברילען, צוטראָגענדיג זיי האַרט צו די קורצזיכטיגע אויגען, האָט זיך פון גאַסטצימער דערהערט אַלעקסאַנדראַ פּיעטראָוו־נאַס שטים:

— סטעפּאַן, דאָס האָט מען געבראַכט אַ באַפעהל?

„דאָס טוט זי אַבזיכטליך" — האָט אַ טראַכט געטאָן אַזוי ווי שטראָפענדיג זיך דער פּאָרוטשיק, — זי ווייס דאָך, אַז איך קום אַלע מאָל אין דער צייט!"

— ניין, דאָס בין איך, אַלעקסאַנדראַ פּיעטראָוונאַ!, — האָט ער אַ געשריי געטאָן אין טיר מיט אַ פאַלשען טאָן.

— אַ, ראָמאַטשקאַ, נו, געהט אַריין. וואָס זייט איהר דאָרטען געבליבען שטעקען? וואָלאָדיאַ, דאָס איז ראָמאַשאָוו געקומען.

ראָמאַשאָוו איז אַריינגעגאַנגען, אַ צוטומעלטער, אַן איינגעהוי־קערטער און אָהן אַן אורזאַך רייבענדיג די הענט.

— איך שטעל זיך פאָר, ווי איך האָב אייך דערעסען, אַלעקסאַנדראַ פּיעטראָוונאַ.

ער האָט דאָס געזאָגט, דענקענדיג, אַז דאָס וועט בײַ איהם אַרויס־קומען פרעהליך און פריי, נאָר אַרויסגעקומען איז דאָס ניט גוט, און ווי איהם האָט זיך געדוכט, שטאַרק אומנאַטירליך.

— ווידער נאַרישקייטען! — האָט אַלעקסאַנדראַ פּיעטראָוונאַ אַ געשריי געטאָן, — זעצט זיך, לאָמיר טרינקען טעה.

קוקענדיג איהם אין די אויגען אויפמערקזאַם און קלאָר, האָט זי, ווי געוועהנליך, ענערגיש מיט איהר קליינער, וואַרימער און ווייכער האַנט, געדריקט זיין קאַלטע האַנט.

ניקאָלאַיעוו איז געזעסען מיט'ן רוקען צו זיי, בײַם טיש, וואָס איז פאַרוואָרפען געווען מיט ביכער, אַטלאַסען און צייכנונגען. אין דעם יאָהר האָט ער באַדאַרפט האַלטען עקזאַמען אין דער אַקאַדעמיע פון דעם גענעראַל שטאַב, און ער האָט זיך דעם גאַנצען יאָהר האַרטנעקיג, אָהן

און אָפּרוהּ געגרייט צו איהם. דאָס איז שוין געווען דער דריטער עקזאַ־מען, ווייל צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד איז ער דורכגעפאַלען.

ניט אָפּקערענדיג זיך אויף צוריק, און קוקענדיג אין דעם אָפּענעם בוך, וואָס איז פאַר איהם געלעגען. ניקאָלאַיעוו האָט איבער זיין אַקסעל אויסגעצויגען ראָמאַשאָוו׳ן די האַנט און האָט געזאָגט מיט אַ רוהיגער געדיכטער שטימע:

— גוטען אָוועגד, יורי אַלעקסעאיטש, קיין נייעס איז ניטאָ?

שוראַטשקאַ! גיב איהם טעה. ענטשולדיגט שוין מיר. איך בין פאַרנומען.

„געוויס בין איך אומזיסט געקומען, — האָט ווידער מיט פאַר־צוויפלונג ראָמאַשאָוו געטראַכט. — אָה, וואָס פאַר אַ נאַר איך בין!“

— ניין, וואָס פאַר אַ נייעס... דער צענטאַוור האָט אין קלוב שטאַרק געזידעלט דעם פּאָדפּאָלקאָווניק לעך. יענער איז געווען איינ־גאַנצען שיכור, זאָגט מען. אומעטום אין די ראָטעס פאָדערט מען צו לערנען זיך אויף דעם ליימענעם גולם. יעפּיפאַנאָוו׳ן האָט ער אריינ־געקאַטעוועט אונטער אַרעסט.

— יע? — האָט צוטראָגען איבערגעפרעגט ניקאָלאַיעוו, — אַזוי גאָר?

— מיר איז אויך אריינגעפלויגען — אויף פיער מעת לעת... מיט איין וואָרט, אַלטע נייעסען.

ראָמאַשאָוו׳ן האָט זיך געדוכט, אַז די שטימע ביי איהם איז ניט אַ נאַטירליכע, אַ פאַרשטיקטע, פּונקט ווי אין האַלז איז עפּעס ביי איהם געבליבען שטעקען. „ווי קלעגליך, מסתמא, איך זעה אויס!“ — האָט ער אַ טראַכט געטאָן, נאָר ער האָט זיך באַלד באַרוהיגט מיט דעם מיטעל, וועלכען שעמעוודיגע מענשען געברויכען. „דאָס איז דאָך אַלע מאָל אַזוי, ווען דו פאַרשעמסט זיך, מיינסטו אַז אַלע זעהען דאָס, און אין דער ווירקליכקייט זעהסטו דאָס נאָר אַליין, און די איבעריגע ניט“.

ער האָט זיך געזעצט אויף אַ שטול גלייך מיט שוראַטשקען, וועלכע האָט שנעל בלאַנקענדיג מיט דאָס פרענטעל, געשטריקט עפּעס אַ האַפט. זי איז קיינמאָל ניט געזעסען אָהן אַרבייט און אַלע מישטוכער, סאַל־פעטקעס, צודעקען און פאָרהאַנגלאַך זיינען געווען אויסגעשטריקט מיט איהרע פינגער.

ראַמאַשאָוו האָט פאַרזיכטיג אָנגענומען מיט'ן פינגער דאָס פּאַדים, וואָס האָט זיך געצויגן פון קנייכעל צו איהר האַנט און האָט געפרעגט:

— ווי רופט זיך די שטריקונג?

— גיפּיור. איהר פרעגט דאָס שוין צום צעהנטען מאָל.

שוראָטשקאַ האָט פּלוצלונג האַסטיג, אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויפ'ן פּאַדפּאָרוטשיק און האָט אויך אַזוי האַסטיג אַראָפּגעלאָזען די אויגען צו דער שטריקונג. נאָר באַלד האָט זי זיי ווידער אויפגעהויבען און האָט זיך צולאַכט.

— יע, עס מאַכט ניט אויס, יורי אַלעקסיעיעוויטש, איהר וועט זיך אָפּרוהען און זיצען אַ ווײַלע. „פּאַרריכט זיך!", ווי מען קאָמאַנדע־ווען בײַ אײַך.

ראַמאַשאָוו האָט אָפּגעזיפצט און האָט קרום אַ קוק געטאָן אויף ניקאָלאַיעוו'ס שטאַרקען האַלז, וואָס האָט זיך געבליטשט פון קאָלנער פון זיין גרויער טוזשורקע.

— גליקליך איז וולאַדימיר יעפימיטש, — האָט ער געזאָגט, — אָט זומער וועט ער פאָהרען אין פּעטערבורג... וועט אַריין אין אַקאַ־דעמיע.

— נו, דאָס דאַרף מען נאָך זעהן! — האָט רייצענדיג זיך שו־ראָטשקאַ אַ זאָג געטאָן אין מאַנס זייט. — צוויי מאָל מיט שאַנד זיך אומגעקערט אין פּאָלק. איצט איז שוין צום לעצטען.

ניקאָלאַיעוו האָט זיך אומגעקוקט. זיין קריגערישער און גוטער פּנים מיט פּוכיגע וואָנסען איז רויט געוואָרען, און די גרויסע דונקעלע, אָקסענע אויגען האָבען בייז אַ בלאַנק געטאָן.

— פּלאַפּעל ניט קיין נאַרישקייטען! איך האָב געזאָגט: איך וועל אויסהאַלטען, — און וועל אויסהאַלטען. — ער האָט שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער זייט פון האַנט אָן טיש.—דו זיצט נאָר און קאַר־קעסט. איך האָב געזאָגט.! ..

— איך האָב געזאָגט! — האָט איהם זיין ווייב איבערגעקרימט, און האָט אויך, ווי ער, אַ קלאַפּ געטאָן מיט איהר קליינער האַנט אָן קניה. — נאָר דו זאָג מיר בעסער, וועלכע באַדינגונגען באַפרידיגען די שלאַכט־אָרדנונג פון אַ מיליטערישער אָפּטיילונג? איהר ווייסט, — האָט זי קלוג און פרעהליך מיט די אויגען ראַמאַשאָוו'ן געשמיי־

כעלט. — איך ווייס דאָך טאַקטיק בעסער איידער ער. נו, דו, וואָ־
לאָדיאַ, אָפּיצער פון גענעראַל־שטאַב, — וועלכע באַדינגונגען?

— נאַרישקייטען, שוראָטשקאַ, לאָז אָפּ, — האָט ניקאָלאַיעוו אומ־
צופרידען געמורמעלט. נאָר פּלוצלונג האָט ער זיך צוזאַמען מיט דעם
שטול אומגעקערט צו דער ווייב, און אין זיינע ברייט געעפענטע, שעהנע
און נאַרישעוואַטע אויגען האָט זיך באַוויזען אַ צומישטע אומבאַהאָל־
פענקייט, כמעט אַ שרעק.

— וואַרט אויס, מיידעלע, איך געדענק דאָך ווירקליך ניט. אַ
קריעגס אָרדנונג? אַ קריעגס פּראָנט דאַרף זיין געבויט אַזוי, אַז
ער זאָל וואָס ווייניגער פּאַרלירען פייער, און נאָכדעם, עס זאָל אויך
זיין באַקוועם צו קאָמאַנדעווען... נאָכדעם... וואַרט אויס...

— פּאַר אויפוואַרטען צאָהלט מען געלט, — האָט איהם מיט
אַ פרייד איבערגעריסען שוראָטשקאַ... און זי האָט שנעל אָנגעהויבען
צו ריידען, ווי אַן ערשטע שילערין, אַראָפּלאָזענדיג די אויג־דעקלאַך און
וויגענדיג זיך:

— די שלאַכט־אָרדנונג דאַרף באַפרידיגען די פאָלגענדע
באַדינגונגען: קעהרזאַמקייט, באַוועגליכקייט, בויגזאַמקייט און באַ־
קוועמליכקייט צו קאָמאַנדעווען, צוגעפּאַסטקייט צו דער געגענד; זי
דאַרף וואָס ווייניגער ליידען פון פייער, דאַרף זיך לייכט צונויפנעמען
און פאַנאַנדערנעמען און שנעל פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ מאַרשי־
רונגס־אָרדנונג. גאָר!

זי האָט געעפענט די אויגען, מיט מיה אָפּגעאָטעמט און, אומ־
קערענדיג איהר לאַכענדען באַוועגליכען פּנים צו ראָמאַשאָוו'ן, האָט זי
געפרעגט:

— גוט?

— צום טייפעל, וואָס פאַר אַ זכרון! — האָט עס מיט קנאה נאָר
מיט ענטציקונג ניקאָלאַיעוו אַרויסגערעדט, פאַרטיפענדיג זיך אין
זיינע ביכלאַך.

— מיר טוען דאָך אַלץ צוזאַמען, — האָט שוראָטשקאַ אויסגע־
טייטשט, — איך וואָלט כאָטש שוין געקאָנט אויסהאַלטען דעם עקזאַ־
מען. איבערהויפּט... — זי האָט אַ מאַך געטאָן אין דער לופט מיט
דעם שטריק פרענטעל. — איבערהויפּט — איז די סיטעם. אונזער
סיסטעם, — דאָס איז מיין ערפינדונג, איז מיין גרויסקייט. אַלע טאָג

געהען מיר דורך אַ שטיקעל מאַטעמאַטיק, אַ שטיקעל פון די מיליטערי־שע לימודים,—אָט אַרטילעריע, ווירקליך, גיט זיך מיר ניט: דורכאויס עפעס אָפשייליכע פאָרמולען, איבערהויפט אין באַליסטיק, — נאָכ־דעם אַ שטיקעלע פון די געזעצען. נאָכדעם, אין אַ טאָג אַרום,ביידע שפּראַכען, און איבער אַ טאָג געאָגראַפיע מיט געשיכטע.

— און רוסיש? — האָט ראָמאַשאָוו אויס העפליכקייט געפרעגט.

— רוסיש? דאָס איז גאָרנישט. דאָס אויסלייגען נאָך גראָט'ן האָבען מיר שוין בייגעקומען. און די אויפזאַצען — איז דאָך באַ־וואוסט וועלכע: אַלע יאָהר די זעלבע: “Para pacem, para bellum”, די כאַראַקטעריסטיק פון אָניעגין אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין עפּאָכע“...

און מיט אַמאָל, איינגאַנצען אויפלעבענדיג זיך, און אָפּנעמענדיג פון פאָדפּאָרוטשיק'ס האַנט די פּאָדים, אַזוי ווי צוליעב דעם, אַז קיין זאַך זאָל איהם ניט פאַרנעמען, האָט זי זיך ליידענשאַפטליך צורעדט וועגען דעם וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט איהר גאַנצען אינטערעס, די הויפּט זאַך פון איהר איצטיגען לעבען.

— איך קען ניט, איך קען ניט פאַרבלייבען, ראָמאָטשקאַ! יפאַרשטעהט מיך! פאַרבלייבען דאָ, הייסט אַראָפּלאָזען זיך, ווערען אַ פּאָלק־דאַמע, געהן אויף אייערע ווילדע אָווענטען, רכילות טרייבען, אינטריגירען און אויפגערעגט זיין פון פאַרשיעדענע געהאַלטען, רייזע־קאָסטען... צוליעב גראָשענס! בררר... איינאָרדנען מיט די פריינדינס, כסדר די באַנאַלע „באַלען“, שפּיעלען אין ווינט. אָט זאָגט איהר, אַז אויך ביי אונז איז היימליך. אָבער גיט אַ קוק, גאָט אין הימעל, אויף די קליינבירגערליכע צופרידענקייט! אָט די דאָזיגע פיל'ע און גיפּיורען — איך האָב זיי דאָך אַליין געשטריקט, דאָס קלייד, — איך האָב עס אַליין איבערגעמאַכט, דער עקעלהאַפטער, האָריגער טע־פּיך פון שטיקלאָך... דאָס איז דאָך אַלץ אבשייליך, אבשייליך, אב־שייליך, אָבשייליך! פאַרשטעהט, מיין ליעבער ראָמאָטשקאַ, אַז איך דאַרף געזעלשאַפט, די גרויסע ווירקליכע געזעלשאַפט, די וועלט, מוזיק, געאַכטקייט, איידעלע חניפה, קלוגע געשפּרעך פיהרער. איהר ווייסט, וואָלאָדיאַ, וועט קיין פולווער ניט אויסקלעהרען, נאָר ער איז אַן עהרליכער, דרייסטער און אַרבייטזאַמער מענש. זאָל ער נאָר דורכגעהן אין גענעראַל־שטאַב, און — איך שווער אייך — ער וועט מאַכען אַ גלענצענדע קאַריערע. איך ווייס שפּראַכען און וועל

זיך קענען האַלטען אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע עס זאָל ניט זיין. אין מיר איז דאָ — איך ווייס ניט ווי אויסצודריקען דאָס, — אַזאַ בוינ־זאַמקייט אין דער נשמה. אַז איך וועל זיך אומעטום קענען געפינען, צו אַלץ קענען צופּאַסען זיך. און ענדליך, ראַמאַשקאַ, גיט אויף מיר אַ בליק ניט אַ בליק אויפמערקזאַם. בין איך דען שוין ניט אַזוי אינטערע־סאַנט אַלס מענש, און ניט שעהן אַלס פרוי אַז איך זאָל דאָס גאַנצע לעבען דאַרפען זייערען אין דער אבשייליכער לאָך, אין דעם שמוציגען שטעדטעל, וואָס איז ניט באַצייכענט אויף קיין געאָגראַפישער מאַפּע!

און זי ,שנעל פאַרשטעלענדיג דאָס געזיכט מיט'ן טיכעל, האָט זיך פלוצלונג צוואַויינט מיט שלעכטע, עגאָאיסטישע, שטאָלצע טרערען.

דער מאַן, אַ באַאומרוהיגטער, מיט אַ צוטראָגענעם פאַרלאָרענעם אויסזעהן איז באַלד צו איהר צוגעלאָפען. נאָר שוראטשקאַ האָט זיך שוין באַרוהיגט און האָט אראָפּגענומען דאָס טיכעל פון די אויגען. קיין טרערען זיינען מעהר ניט געווען, כאָטש איהרע אויגען האָבען נאָך געבלאַנקט מיט אַ שלעכטען, ליידענשאַפטליכען פייערעל:

— ענטפערט, שווער־באַוועגליכער ראמאַטשקאַ, בין איך שעהן אָדער ניט? אויב אַ פרוי בעט אַ קאָמפּלימענט, — איז עס העכסט ניט־העפליך ניט צו ענטפערען איהר.

— שוראטשקאַ, נו ווי איז דיר ניט מיאוס, — האָט זיך ניקאָ־לאַיעוו פאַרנינפטיג אָפּגערופען פון זיין אָרט.

ראמאַשאוו האָט מיט ליידען פאַרשעמט אַ שמייכעל געטהאָן און האָט געענטפערט מיט אַ קוים, קוים ציטערענדיגע שטימע, ערנסט און אומעטיג:

— זעהר שעהן!...

שוראטשקאַ האָט שטאַרק פאַרמאַכט די אויגען און האָט שטיפע־ריש אַ טרייסעל געטאָן מיט'ן קאָפּ, אַזוי אַז די פאַנאַנדערגעפאַלענע האָר האָבען אָנגעהויבען צו שפּרינגען ביי איהר אויפ'ן שטערען.

— ראמאַטשקאַ, וואָס פאַר אַ לעכערליכער מענש איהר זייט! — האָט זי אויסגעזונגען מיט אַ דינער, קינדערשער שטימע.

און דער פּאָדפּאָרוטשיק, רויט ווערענדיג, האָט ווי געוועהנליך פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן: „זיין האַרץ איז אָהן רחמנות צובראָכען געוואָרען"...

אַלע האָבען געשוויגען. שוראטשקאַ האָט שנעל אומגעמאַכט

מיט׳ן פרענטעל. וולאדימיר יעפימיטש, וועלכער האָט איבערזעצט אויף דייטש פון טוססען און לאנגעשטעדט׳ס בוך, האָט עפּעס געמור־מעלט אונטער׳ן נאָז. עס האָט זיך געהערט, ווי עס האָט צוגעקנאַקט און געשיפּעט דער פייער פון לאָמפּ, וואָס איז געווען איינגעדעקט אין א געלען זיידענעם אבאזשור, אין דער פאָרם פון א געצעלט. ראַ־מאַשקאָוו האָט ווידער אָנגענומען די פאָדים און שטילערהייד, אליין קוים באַמערקענדיג, האָט ער זי געצוויגען פון דער יונגער פרוי׳ס הענד. ער האָט געפיהלט אַן איידעלען, צארטען פארגעניגען, פיהלענדיג ווי שוראָטשקאָ׳ס הענט האָבען זיך אומבאוואוסטזיניג געוועהרט געגען זיי־נע פאָרזיכטיגע אָנשטרענגונגען. עס האָט זיך געדאכט, אז א געהיימער, פארבינדענדער און אויפרעגענדער שטראָם פליסט איבער דער פאָדים. צו דערזעלבער צייט האָט ער פון דער זייט, אומבאַמערקט, נאָר אָהן אויפהער, געקוקט אויף איהר אַרונטערגעבויגענעם קאָפּ און האָט גע־טראכט, קוים־קוים שאָקלענדיג מיט די ליפּען, ארויסזאָגענדיג אינערליך אין זיך די ווערטער אין א שווייגענדער שטילקייט, פונקט ווי ער וואָלט געפיהרט מיט שוראָטשקאַ׳ן אַן אינטימען, געפיהלפולען גע־שפּרעך:

„ווי דרייסט זי האָט געפרעגט: ׳צי בין איך שעהן?׳ אָה, דו ביזט הערליך, געליעבטע! אָט זיץ איך און קוק אויף דיר — וואָס פאַר א גליק! הער אוים: איך וועל דיר דערצעהלען ווי שעהן דו ביזט. הער: ביי דיר איז א בלייך, שווארץ־חנ׳עוודיג געזיכט; א ליידענשאַפטליכעס געזיכט; און אויף איהם זיינען רויטע, ברענענדיגע ליפּען — אָה, ווי זיי דארפען קענען קושען! — און אַרומגערינגעלטע מיט א געלבליכען שאָטען... ווען דו קוקסט גלייך, זיינען די ווייסלאך פון דיינע אויגען עטוואָס בלוי, און אין דיינע גרויסע שווארצאַפּלען איז א אומדייטליכע טיפע בלויקייט. דו ביזט ניט קיין ברונעטין, נאָר אין דיר איז עפּעס דאָ ציגיינערישעס. נאָר דערפאַר זיינען דיינע האָר אַזוי פיין און דין און געהען זיך צונויף פון הינטען אין א קנויל אזוי פינקטליך און נאַאיוו, אז עס ווילט זיך אָנריהרען זיי שטילער־הייט מיט די פינגער. דו ביזט א קליינינקע, א גרינגע און איך וואָלט דיך אויפגעהויבען אויף די הענט ווי א קינד. נאָר דו ביזט א בויגזאַמע און א שטאַרקע, ביי דיר איז א ברוסט ווי ביי א מיידעל. דו ביזט אין גאַנצען א שטורמישע און באַוועגליכע. אויף דעם לינקען אויער ביי

דיר אונטען איז אַ קליינער געבורטס־צייכען, ווי אַ שפּור פון אַן אויערינגעל — דאָס איז הערליך!"

— איהר האָט ניט געלייענט אין די צייטונגען וועגען די אַפּיצערענס דועל? — האָט פּלוצלונג שוראָטשקאַ געפרעגט.

ראָמאַשאָוו האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט קוים אָפּגעקערט די אויגען פון איהר.

— ניין, איך האָב ניט געלעזען, נאָר געהערט. וואָס איז?

— געוויס, איהר, געוועהנליך, לעזט גאָר ניט. ווירקליך, יורי אַלעקסעאיטש. איהר לאָזט זיך אָפּ. נאָך מיר נאָך, איז ארויסגעקומען עפּעס אַן אומזיניגעס. איך פאַרשטעה: דועלען צווישען אָפיצערען איז אַ נויטיגע און קלוגע זאַך — שוראָטשקאַ האָט צוגעדריקט איהר שטריקעריי צו דער ברוסט — נאָר צו וואָס אַזאַ אונטאַקטישקייט? באַטראַכט נאָר: איין פּאָרוטשיק האָט באַליידיגט דעם צווייטען. אַ שווערע באַליידיגונג און די געזעלשאַפט פון אָפיצערען האָט באַשטימט אַ דועל. נאָר ווייטער געהען שוין נאַרישקייטען. די באַדינגונגען זיינען — ווי טויט שטראָף. פּופצעהן טריט דיסטאַנץ און שלאָגען זיך ביז אַ שווערער וואונד... אויבביידע געגנער שטעהען נאָך אויף די פיס — הויבט זיך ווידער אָן די שיסעריי... אָבער דאָס איז דאָך אַ שלאַכט הויז, דאָס איז דאָך... איך ווייס ניט וואָס! נאָר וואַרט, אַקאָרשט, דאָס זיינען נאָך בלימעלאַך. צום אָרט פון דועל קומען צו פאָהרען אַלע אָפיצערען פון פּאָלק, אפילו די פּאָלק דאַמען, און אין די שטרויכען ערגעץ באַהאַלט זיך אַפּילו אויך אַ פאָטאָגראַף. נאָר דאָס איז דאָך אַ שרעק, ראָמאַשאָוו. און דער אומגליקליכער פּאָדפּאָרוטשיק, פּענדריק, ווי וואָלאָדיאַ זאָגט, אַזוי ווי איהר, און דערצו נאָך, דער באַליידיגטער און ניט דער באַליידיגער באַקומט נאָכ'ן דריטען שאָס אַ שרעקליכע וואונד אין בויך און צו דער נאַכט שטאַרבט ער אין ליידען. און ביי איהם, לאָזט זיך אויס, איז געווען אַן אַלטע מוטער און אַ שוועסטער אַ אַלטע מיידעל, וואָס האָבען מיט איהם געלעבט, אַזוי ווי ביי אונזער מיבינען... יע, הערט זשע אויס; צוליעב וואָס, וועמען איז דאָס נויטיג געווען צו מאַכען פון דעם דועל אַזאַ בלוטיגע בוף־פאָרשטעלונג? און באַמערקט נאָך דערצו, דאָס איז אין דער ערשטער צייט, באַלד ווי די דועלען זיינען ערלויבט געוואָרען. און גלויבט מיר, גלויבט! — האָט שוראָטשקאַ אַ געשריי געטאָן. גלאַנצענדיג מיט די ברענענדיגע אויגען: — באַלד וועלען די סענטי־

מענטאַלע געגנער פון אָפּיצערישע דועלען — אָה, איך קאָן די פּראַכטע ליבעראַלע פּייגליגגען ! — באַלד וועלען זיי אָנהויבען צו גוואַלדעווען : אָך, באַרבאַריזם ! אָך, אַן איבערבלייבעניש פון ווילדע צייטען ! אָך, אַ ברודערמאָרד !"...

— ווי עס ווייזט אויס, זייט איהר בלוטדורשטיג, אַלעקסאַנדראַ פּעטראָוונאַ ! — האָט ראָמאַשאָוו אַריינגעשטעלט.

— ניט בלוטדורשטיג, ניין ! האָט זי שניידענד געענטפערט — איך בין אַ מיטפיהלענדע. איך וועל אַ פליגעלע, וואָס קיצעלט מיר דעם האַלז, אַראָפּנעמען און זיך באַמיהען ניט אָנטאָן איהם קיין וועהטאָג. נאָר פּרוּווט פאַרשטעהן, ראָמאַשאָוו, דאָ איז דאָך איינפאַכע לאָגיק. צוליעב וואָס זיינען אָפיצערען ? צוליעב קריעג ? וואָס פאָדערט זיך פריהער פון אַלץ אין מלחמה? דרייסטקייט, שטאָלץ און פעהיגקייט ניט אַ פינטעל צו טאָן מיט'ן אויג פאַר דעם טויט. וואו קענען זיך די דאָזיגע זאַכען קלאָרער אַרויסצייגען אין דער פרידליכער צייט ? אין דועלען און גאָר. דאַכט זיך,קלאָר. און טאַקע ניט פאַר די פראַנצויזישע אָפיצערען זיינען נויטיג דועלען, — ווייל דער באַגריף פון עהרע און נאָך אַ פאַרגרעסערטער, איז אין בלוט ביי יעדען פראַנצויז, — ניט די דייטשע אָפיצערען — ווייל דייטשען זיינען פון געבאָרען אָן אַנשטענדיג און דיסציפּלינירט, — נאָר אונז, אונז, אונז ! דאַן וועלען ביי אונז אין דער אָפיצערישער געזעלשאַפט ניט זיין קיין שווינדלער, ווי אַרטשאַקאָווסקי, אָדער שטענדיגע שכורים, אַזוי ווי אייער נאַזאַנסקי; דאַן וועלען פון זיך אַליין פאַרשווינדען די פריינדשווייגעריי, די פאַמיליאַרע נבול פה אין קלוב פאַר דער דינערשאַפט, אייער געגענזייטיגע זידלעריי און דאָס לאָזען אין קאָפּ איינער דעם צווייטען מיט אַ פלאַש, אין דער האָפנונג דאָך ניט צו טרעפען, נאָר פאַרבייוואַרפען. דאַן וועט איהר אונטער די אויגען אַזוי ניט באַריידען איינער דעם צווייטען. ביי אַן אָפיצער דאַרף יעדעס וואָרט זיין געוואויגען. אַן אָפיצער — דאָס איז דער מוסטער פון אויפגעהאַלטענקייט. און ווידער, וואָס זיינען דאָס פאַר אַ צערטליכקייטען : די שרעק פאַר'ן שאָס ! אייער פּראָפעסיע איז צו ריזיקירען מיט'ן לעבען. אָך, נאָר צו וואָס !

זי האָט קאַפּריזנע איבערגעריסען איהרע רייד און האָט מיט בייזקייט אינגאַנצען פאַרטיפט זיך אין דער אַרבייט. עס איז ווידער שטיל געוואָרען.

— שוראַטשקאַ, ווי זעצט מען איבער אויף דייטש—„סאָפּערניק“,

— האָט ניקאָלאַיעוו געפרעגט אויפהויבענדיג דעם קאָפּ פון דעם בוך.

— „סאָפּערניק„?—שוראַטשקאַ האָט פארטראַכטערהייט אַ ריהר געטאָן מיט׳ן פרענטעל דעם טייל פון איהרע ווייכע האָר — אַנו, זאָג דעם גאַנצען זאַץ.

— דאָ איז געזאָגט געוואָרען... באַלד, באַלד... אונזער אויסלענדישער געגנער.

„נעבענבוהלער“. — האָט באַלד שוראַטשקאַ איבערזעצט.

„אונזער“, האָט שטיל ראָמאַשאָוו נאָכגעזאָגט, פאַרטרוימט קוקענדיג אויף דעם פייער פון לאָמפּ. — „ווען איהר רעגט עפּעס אויף — האָט ער געטראַכט, — פליהען ביי איהר די ווערטער ארוים אַזוי האַסטיג, הילכיג און דייטליך, אַזוי ווי שרויט שיט זיך אויף אַ זילבערנעם טאַץ“. אונזער — וואָס פאַר אַ לעכערליך וואָרט דאָס איז... אונזער, אונזער, אונזער...

— וואָס רעדט איהר דאָס שטיל, ראָמאַטשקאַ ? — האָט פּלוצלונג שטרענג אַלעקסאַנדראַ פּיעטראָוונאַ געפרעגט. — איהר זאָלט ניט וואַגען צו ריידען אויסען וועג אין מיין אַנוועזענהייט.

ער האָט געשמייכעלט מיט אַ צוטראָגענעם שמייכעל.

— איך רייד ניט אויסען וועג.. איך האָב אַלץ נאָכגעזאָגט פאַר זיך : אונזער, אונזער. וואָס פאַר אַ לעכערליך וואָרט...

— וואָס פאַר אַ נארישקייטען... אונזער ? פאַר וואָס איז לעכערליך ?

— פאַרשטעהט איהר... — איהם איז שווער געווען צו ערקלערען זיין געדאַנק. — אויב מען זאָגט איבער לאַנג איין און דעם זעלבען וואָרט און מען טראַכט זיך אריין אין איהם, פאַרלירט עס דעם זין און ווערט אזא... ווי זאָל איך אייך זאָגען...

— אַך, איך וויים, איך וויים ! — האָט איילענדיג און פרעהליך שוראַטשקאַ איהם איבערגעשלאָגען. — אָבער איצטער איז דאָס ניט אַזוי לייכט צו טאָן ווי אין דער קינדהייט, — אַך ווי דאָס איז געווען פרעהליך.

— יע, יע, טאַקע אין קינדהייט. יע.

— געוויס, איך געדענק דאָס זעהר גוט. איך געדענק אפילו דאָס וואָרט, וועלכעס האָט מיך איבערהויפּט געוואונדערט : „קען זיין“.

איך פלעג זיך אַלץ אומוויגען מיט פאַרמאַכטע אויגען און איבערזאָגנען „קען זיין, קען זיין". און פּלוצלונג פלעג איך איינגאַנצען פאַרגעסען, וואָס דאָס הייסט. איך פלעג זיך באַמיהען און דאָך ניט קענען דער־מאָנען. מיר פלעגט זיך אַלץ דוכטען, אַז דאָס איז עפּעס אַ ברוין־רויטליכער פלעק מיט צוויי עקעלאָך. אמת?

ראַמאַשאָוו האָט אויף איהר צערטליך אַ קוק געטאָן.

— ווי מאָדנע דאָס איז, אַז ביי אונז איז די זעלבע געדאַנקען. — האָט ער שטיל געזאָגט. און „אונזער", פאַרשטעהסט איהר, איז עפּעס אַ הויכעס אַ הויכעס, עפּעס אַ דאַרעס מיט אַ גיפט שנאָבעל: אַזוי ווי אַ לאַנגער, דינער אינזעקט און זעהר אַ שלעכטער.

— אונזער?—שוראָטשקאַ האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט געקוקט אין דער ווייטעניש אין דעם פינסטערען ווינקעל פון צימער, באַמיהענדיג זיך פאָרצושטעלען זיך דאָס, וועגען וואָס ראַמאַשאָוו האָט גערעדט. — ניין וואָרט: דאָס איז עפּעס אַ גרינעס, אַ שאַרפעס. נו יע, נו יע, געוויס אַן אינזעקט! אַזוי ווי אַ גריל, נאָר אבשייליכער און ערגער... פו, וואָס פאַר אַ נאַראָנים מיר זיינען, ראַמאַטשקאַ.

— און אָט טרעפט זיך נאָך, — האָט געהיימניספול אָנגעהויבען ראַמאַשאָוו, — און אין קינדהייט פלעגט דאָס טאַקע זיין דייטליכער. איך זאָג אַרוים עפּעס אַ וואָרט און באַמיה זיך צו פאַנאַנדערציהען דאָס וואָרט לענגער. איך ציה פאַנאַנדער אונענדליך יעדעם בוכשטאַב? און פּלוצלונג אין איין מאָמענט ווערט מיר אַזוי מאָדנע, אַזוי ווי אַלץ אַרום איז פאַרשוואונדען, און דאַן קומט מיר פאָר וואונדערליך, וואָס איך רייד, וואָס איך לעב און וואָס איך טראַכט.

— אָה, איך ווייס דאָס אויך — האָט שוראָטשקאַ פרעהליך אונ־טערגעכאַפּט. — נאָר ניט אַזוי. איך פלעג איינהאַלטען דעם אָטעם ביז די כחות פלעגען סטייען און טראַכטען: אָט אָטעם איך ניט, און איצטער אָטעם איך נאָך אויך ניט, און אָט, און אָט... און דאַן פלעגט ווערען עפּעס מאָדנע. איך פלעג פיהלען, ווי פאַרביי מיר געהט דורך די צייט. ניין, דאָס איז ניט דאָס: אפשר, איז גאָר קיין צייט ניט געווען. דאָס קען מען ניט ערקלערען.

ראַמאַשאָוו האָט אויף איהר געקוקט מיט ענטציקטע אויגען און האָט נאָכגעזאָגט מיט אַ פאַרשטיקטער, גליקליכער און שטילער שטימע.

— יע, יע... דאָס קען מען ניט ערקלערען. דאָס איז מאָדנע. דאָס איז אומבאַגרייפליך.

— נו, אָבער, הערען פּסיכאָלאָגען אָדער ווי אַנדערש, געגוג, שוין צייט צו עסען אַוואַנד־ברויט, — האָט ניקאָלאַיעוו געזאָגט אויפהויבענדיג זיך פון שטול. פון לאַנג זיצען זיינען ביי איהם פאַרגאַנגען די פיס און ס'האָט אָנגעהויבען וועה צו טאָן דער רוקען. אויסציהענדיג זיך אין זיין גאַנצען וואוקס, האָט ער שטאַרק אַ ציה געטאָן די הענט אין דער הויך און אויסגעבויגען די ברוסט, און זיין גאַנצער גרויסער, מוסקולדיגער קערפער האָט אַ קנאַק געטאָן אין די סוסטאַווען פון דער קרעפטיגער באַוועגונג.

אין קליינעם, אָבער שענעם עס־צימער, וואָס איז העל באַלויכטען געוועזן מיט אַ פאָרצעלייענעם מאַט־ווייסען הענג־לאָמפּ, איז געווען געגרייט אַ קאַלטער פאַרבייסענס. ניקאָלאַיעוו האָט ניט געטרונקען, נאָר פאַר ראָמאַשאָוו'ן איז געשטאַנען אַ גראַפינטשיק בראַנפען. צו־נויפנעמענדיג איהר ליעבליכעם געזיכט אין אַן עקעל אויסדריקענדער מינע, האָט שוראָטשקאַ געפרעגט, אַזוי ווי זי פלעגט אָפט פרעגען:

— איהר קענט זיך דאָך, מסתמא, אָהן דער עקעלהאַפטיגקייט ניט באַגעהן?

ראָמאַשאָוו האָט ווי אַ שולדיגער אַ שמייכעל געטאָן און פון צו־מישטקייט האָט ער זיך דערוואָרגען מיט דאָס בראַנפען און פאַרהוסט זיך.

— ווי איז אייך ניט מיאוס — האָט באַלעהרענד באַמערקט די באַלעבאָסטע. איהר קענט נאָך ניט טרינקען, און אויך... איך פאַר־שטעה, אייער געליעבטען נאַזאַנסקי'ן איז דאָס ערלויבט, ער איז שוין אַן אָפּגעדאַוועגטער, אָבער איהר צוליעב וואָס? אַזאַ יונגער, וואוילער, פעהיגער אינגעל און אָהן שנאַפּס זעצט ער זיך ניט צום טיש. נו, צוליעב וואָס? דאָס מאַכט אייך אַלץ קאַליע דער נאַזאַנסקי.

איהר מאַן, וואָס האָט אין דער זעלבער צייט געלעזען דעם ערשט געבראַכטען באַפעהל, האָט מיט אַ מאָל אַ געשריי געטאָן:

— אָך, יע: נאַזאַנסקי באַקומט אורלויב אויף אַ מאָנאַט, צוליעב היימישע אַנגעלעגענהייטען. טיו־יו־או! דאָס הייסט ער האָט שוין ווידער אָנגעהויבען שיכור'ען איהר, יורי אַלעקסעאיטש, האָט דאָך איהם געווים געזעהן? וואָס, ער טרינקט שוין ווידער?

ראַמאַשאָוו האָט אַ צוטומעלטער אומגעמאַכט מיט די אויגענ־דעקלאַך.

— ניין, איך האָב ניט באַמערקט. און ווידער, קאָן זיין, ער טרינקט...

— אייער נאַזאַנסקי איז אַבשייליך! — האָט מיט כעס, מיט אַן איינגעהאַלטענער, נידעריגער שטימע שוראָטשקאַ געזאָגט. — אויב פון מיר וואָלט דאָס געווען אָפּהענגיג, וואָלט איך די דאָזיגע מענשען שיסען, אַזוי ווי משוגע'נע הינט. אַזוינע אָפיצערען זיינען אַ שאַנד פאַר'ן פאָלק. העסליך.

באַלד נאָך אָוונט־ברויט האָט ניקאָלאַיעוו, וועלכער האָט געגעסען אַזוי פיעל און פלייסיג, פונקט אַזוי, ווי ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין בילדונג, האָט אָנגעהויבען צו גענעצען און האָט ענדליך אָפענהערציג באַמערקט:

— מיינע העררן, וואָס וואָלט זיין, ווען מען זאָל געהן אויף אַ ווײַלע שלאָפען? „אַ שלאָף טאָן", ווי מען פלעגט זאָגען אין די אַלטע, גוטע ראָמאַנען.

— דאָס איז ווירקליך אַזוי, וולאַדימיר יעפימיטש, — האָט ראָמאַשאָוו אונטערגעכאַפּט מיט אַ, ווי איהם אַליין האָט אויסגעוויזען, צו־איילענדיגער נאָכגעבענדער ברייטקייט. צו דער זעלבער צייט, אויפשטעהענדיג פון טיש, האָט ער טרויעריג געטראַכט: „יע, מיט מיר צערעמאָניעט מען זיך ניט! און צוליעב וואָס אָבער קריך איך?"

ביי איהם איז געווען אַזאַ איינדרוק, אַזוי ווי ניקאָלאַיעוו טרייבט איהם מיט פאַרגעניגען אַרויס פון שטוב. נאָר דאָך, זעגענענדיג זיך מיט איהם אַבזיכטליך פריהער ווי מיט שוראָטשקאַ'ן, האָט ער מיט פאַרגעניגען געטראַכט, אַז באַלד וועט ער דערפיהלען דעם שטאַרקען און צערטליכען דרוק פון אַ ליעבער פרויען־האַנט. וועגען דעם פלעגט ער יעדעס מאָל אָוועקגעהענדיג טראַכטען. און ווען דער מאָמענט איז אָנגעקומען, איז ער אויף אַזוי פיעל מיט'ן גאַנצען נפש פאַרטאָן געווען אין דעם צויבערליכען מאָמענט, אַז ער האָט ניט געהערט ווי שוראָטשקאַ האָט איהם געזאָגט:

— איהר זעהט, פאַרגעסט אונז ניט. דאָ איז מען מיט אייך אַלעמאָל צופרידען. איידער שיכור'ן מיט אייער נאַזאַנסקי'ן, זיצט

בעסער ביי אונז. נאָר געדענקט: מיר צערעמאָניען זיך ניט מיט אייך.

ער האָט געהערט די ווערטער און האָט זיי ערשט פאַרשטאַ־נען, ווען ער איז געווען שוין אין דרויסען.

— יע, מיט מיר צערעמאָניעט מען זיך ניט. — האָט ער שטיל געזאָגט מיט אַ ביטערער באַליידיגונג, צו וועלכער עס זיינען אַזוי קרענק־ליך געניגט אַלע יונגע זעלבסטווירדיגע מענשען פון זיין עלטער.

.5

ראַמאַשאָוו איז ארויס אויף'ן גאַניק. די נאַכט איז געוואָרען אַזוי ווי נאָך געדיכטער, נאָך שוואַרצער און וואַרימער. דער פּאָ־רוטשיק איז טאַפּענדיגערהייט געגאַנגען לעבען פּלויט, האַלטענדיג זיך אָן איהם מיט די הענט, און האָט געוואַרט ביז וואַנען די אויגען וועלען זיך צוגעוואוינען צום חושך. אין דערזעלבער צייט האָט זיך די טיר פון ניקאָלאַיעוו'ס קיך געעפענט, ארויסוואַרפענדיג אויף אַ ווײַלע אין דער פינסטערניש אַ גרויסען שטראָם געלען נעבעלדיגען ליכט. עמיצער האָט זיך געשלעפּט אין די קויט און ראַמאַשאָוו האָט דערהערט די בייזע שטימע פון ניקאָלאַיעוו'ס דיענער, סטעפּאַן:

— געהט און געהט יעדען טאָג. און צו וואָס געהט ער; דער טייוועל וויים איהם!...

און דעם צווייטען סאָלדאַטס שטימע, וואָס איז דעם פּאָדפּאָרו־טשיק געווען אומבאַקאַנט, האָט גלייכגילטיג, צוזאַמען מיט אַ לאַנגען פוילען געגעץ, געענטפערט:

— געשעפטען, ברודער דו מיינער... דאָס איז אַלץ פון צו־פיעל גוטקייט. נו, זיי געזונט, סטעפּאַן.

ראַמאַשאָוו האָט זיך צוגעקלעפּט צום פּלויט. פון שניידענדער שאַנד איז ער רויט געוואָרען, ניט קוקענדיג אויף דער פינסטערניש. זיין קערפּער האָט זיך באַדעקט מיט שוויים, און אַזוי ווי טויזענטער נאָדלען האָבען געשטאָכען די הויט אויף זיינע פיס און אויף זיין רוקען. „געוויס! אפילו די דיענער לאַכען". האָט ער אַ טראַכט געטאָן מיט פאַרצווייפלונג. ער האָט זיך באַלד דערמאָנט אָן דעם גאַנצען היינ־טיגען געשפּרעך, און אין פאַרשידענע ווערטער, אין דעם טאָן פון די

זאצען, אין די בליקען, מיט וועלכע די בעלי בתים האָבען זיך דורכ־געוואָרפען, האָט ער מיט אמאָל דערזעהן פיעל קליינינקייטען, וועלכע ער האָט פריהער ניט באמערקט, וועלכע, ווי איהם האָט זיך געדוכט, זיינען געווען א באוויין פון פאראכטונג, שפּאָט און אונפריינדליכ־קייט צו דעם דערעסענדען גאסט.

— וואָס פאר א שאנד, וואָס פאר א שאנד! — האָט דער פּאָ־רוטשיק געמורמעלט, ניט ריהרענדיג זיך פון אָרט. — קומען צו דעם, אז מען זאָל דיך קוים פארליידען, ווען דו קומסט... ניין, גענוג! איצ־טער ווייס איך גוט, אז עס איז שוין גענוג.

אין ניקאָלאַיעוו'ס גאסט־צימער האָט זיך דער פּייער פארלאָשען.

„אָט זיינען זיי שוין אין שלאָף־צימער", — האָט ראָמאשאָוו געטראכט און ער האָט זיך אויסערגעוועהנליך קלאָר פאָרגעשטעלט, ווי די ניקאָ־לאַיעווס, לעגענדיג זיך שלאָפען, טוען זיך אוים איינער פאר'ן צוויי־טען מיט דער געוואוינהייט און אומפארשעמטקייט פון לאנג פאר־הייראטע מענשען און ריידען וועגען איהם. זי, אין איין אונטער־קליידעל, פארקאמט פאר'ן שפּיגעל די האָר אויף דער נאכט, וולאדימיר יעפימיטש זיצט אין אונטערוועש אויפ'ן בעט, נעמט אראָפּ די שטיוועל און, רויט וועררענדיג פון אָנשטרענגונג, רעדט ער בייז און שלאָפּענ־דיג: „דו ווייסט, שוראָטשקא, מיר האָט דיין ראָמאשאָוו דערעסען אָט ביז דאנען. איך וואונדער זיך, וואָס דו פארנעמסט זיך מיט איהם?" און שוראָטשקא, ניט ארויסלאָזענדיג די שפּילקעס פון מויל, און ניט אומקערענדיג זיך, ענטפערט איהם אין שפּיגעל מיט אַן אומצופריי־דענעם טאָן: „ער איז גאָר ניט מיינער, נאָר דיינער!.."

עס איז אריבער נאָך פינף מינוט, ביז וואנען ראָמאשאָוו, געמא־טערט פון זיינע ביטערע געדאנקען, האָט באשלאָסען צו געהן וויי־טער. פארביי דעם גאנצען לאנגען פּלויט, וואָס האָט אָפּגעצוימט ני־קאָלאַיעוו'ס הויז, איז ער דורכגעגאנגען גנב'ענענדיג זיך, פאָרזיכטיג, ארויסשלעפּענדיג די פים פון קויט, גלייך ווי מען וואָלט איהם גע־קאָנט דערהערען און כאפּען אין עפּעס ניט גוטעס. געהן אהיים האָט זיך איהם ניט געוואָלט: ס'איז איהם געווען סומנע און עקעלהאפט צו דערמאָנען זיך אפילו אָן זיין שמאָלען, לאנגען, איינפענסטערדיגען צימער מיט די אלע זאכען, וועלכע האָבען איהם ביז עקעל דערעסען. „אָט, אויף צו להכעיס איהר, וועל איך געהן צו נאזאנסקי'ן

—האָט ער פּלוצלונג באַשלאָסען, און האָט באַלד דערפיהלט אין דעם עפּעס אַ נקמה־צופרידענהייט. — זי האָט מיר אויסגערעדט פאַר מיין פריינדשאַפט צו נאַזאַנסקי'ן, וועל איך אבזיכטליך געהן! און גאָר!"

אויפהויבענדיג די אויגען צום הימעל און שטאַרק צודריקענדיג די האַנט צום ברוסט, האָט ער מיט היץ פאַר זיך געזאָגט: „איך שווער, איך שווער, אַז צום לעצטען מאָל בין איך דאָס געווען ביי זיי. איך וויל מעהר ניט פיהלען אזא ערנידערונג. איך שווער!"

און באַלד האָט ער, לויט זיין שטייגער, צוגעגעבען אין געדאַנק:

„זיינע אויסדרוקספולע שוואַרצע אויגען האָבען געברענט מיט ענטשלאָסענהייט און פאַראַכטונג!"

כאָטש די אויגען זיינע זיינען געווען ניט שוואַרצע, נאָר גאָר געוועהנליכע, אין אַ גרינעם רעמעלען.

נאַזאַנסקי האָט פאַרנומען אַ צימער ביי זיינעם אַ חבר, פּאָרוטשיק זעגרזשעט. דער זעגרזשעט איז געווען איינער פון די געוועהנליכע פּאָרוטשיקעס אין דער גאַנצער רוסישער אַרמיי, ניט קוקענדיג אויף זיין גוטער דיענסט און אויף זיין אַנטיילנעמען אין דער טערקישער קאַמפּאַניע. עפּעס אויף אַ פאַטאַלען און אומבאַגרייפליכען שטייגער איז איהם ניט געגאַנגען אין טשינען. ער איז געווען אַן אַלמן מיט פיער קליינע קינדער, און דאָך איז ער ווי עס איז אויסגעקומען מיט זיין אַכט און־פערציג־רובעלדיגער געהאַלט. ער פלעגט פאַרנעמען גרויסע וואוינונגען, און פלעגט זיי צימערווייז אָפּגעבען צו די ניט־פאַרהייראַטע אָפיצערען; געהאַלטען קעסטניקעס, געהאָדעוועט היהנער און אינדיקעס און האָט געקאָנט אויסערגעוועהנליך ביליג און אין צייט איינקויפען האָלץ. די קינדער זיינע פלעגט ער אַליין באָדען אין קאָריטעס, ער פלעגט זיי אַליין היילען פון זיין היימישער אַפּטייק און פלעגט אַליין נייהען פאַר זיי אויף דער נייה־מאַשינקע לייבעלאַך, הויזעלאַך און העמדעלאַך. נאָך פאַר זיין חתונה האָט זעגרזשעט, ווי פיעלע אַנדערע ניט־פאַרהייראַטע אָפיצערען, געקראָגען אַ חשק צו ווייבערשע האַנט־אַרבייט, איצטער אָבער האָט איהם די נויט געצוואונגען צו פאַרנעמען זיך מיט דעם. שלעכטע צינגער פלעגען אויף איהם זאָגען, אַז ער שיקט ערגעץ אָפּ אין געהיים זיין אַרבייט צום פאַרקויפען.

נאָר די אַלע קליינע ווירטשאַפטליכע הוצאות האָבען זעגרזשעט'ן ווייניג געהאָלפען. זיינע עופות פלעגען אויסשטאַרבען פון פאַרשידענע

קראַנקהייטען, די צימערען זיינען געשטאַנען ליידיג, די קעסטעניקעס פלעגען זיך זידלען פאַר שלעכטע קעסט און פלעגען ניט צאָהלען קיין געלט, און פעריאָדיש, אַמאָל פיער אין יאָהר, האָט מען געקאָנט זעהן, ווי דער דאַרער, לאַנגער, בּאָרדיגער זעגרזשעט, מיט אַ פאַרלאָ־רענעם און פאַרשוויצטען פּנים, טראָגט זיך אַרום איבער'ן שטאָדט, אין דער האָפנונג צו איבערכאַפּען וואו ניט איז אַ ביסעל געלט; דערביי פלעגט זיין פלאַכע היטעל זיצען מיט'ן דאַשעק אָן אַ זייט, און די פאַר־צייטיגע ניקאָלאַיעווער שינעל, וועלכע איז געוועזען גענעהט נאָך פאַר'ן קריעג, האָט געציטערט און געפּאָכט אַהינטער זיינע אַקסלען ווי פליגלען.

איצטער האָט אין זיינע צימערען געברענט פייער, און צוגעהענדיג צו אַ פענסטער האָט ראָמאַשאָוו דערזעהן זעגרזשעט'ן אַליין. ער איז געזעסען ביי דעם קיילעכדיגען טיש אונטער'ן הענג־לאָמפּ און, נידעריג אַראָפּבויגענדיג זיין פליכעוואַטען קאָפּ און פאַרהאָרעוועטען, צוקנייטש־טען, שטילען פּנים, האָט ער מיט רויטען בוים־וואָל אויסגענעהט עפּעס אַ לייוועטענע געסטקע, ווייזט אויס, אַ הערצעל פאַר אַ קליינרוסישער העמדעל. ראָמאַשאָוו האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין שויב. זעגרזשעט האָט אַ ציטער געטאָן, אַוועקגעלייגט די אַרבייט אָן אַ זייט און איז צו־געגאַנגען צום פענסטער.

— דאָס בין איך, אַדאַם איוואַניטש. עפענט אָקאָרשט אויף אַ ווײַלע, — האָט ראָמאַשאָוו געזאָגט.

זעגרזשעט איז אַרויפגעקראָכען אויפ'ן פענסטער־ברעט און האָט דורכגערוקט אין פענסטער־טירעל זיין הוילען שטערען און דאָס אויף איין זייט פאַרוואַלגערטע, שיטערע בּערדעל.

— דאָס זייט איהר, פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו? וואָס איז?

— נאַזאַנסקי איז אין דער היים?

— אין דער היים, אין דער היים. אָבער גאָט מיינער, — זעגרזשעט'ס באָרד האָט אָנגעהויבען צו ציטערען אין פענסטער־טירעל, — ער דרעהט מיר אַ קאָפּ, אייער נאַזאַנסקי. דעם צווייטען מאָנאַט, אַז מען שיקט איהם מיטאָגען, און ער זאָגט אַלץ צו אָפּצוצאָהלען. ווען ער האָט זיך אַריינגעקליבען, האָב איך איהם שטאַרק געבעטען, אום אויסצומיידען מיספאַרשטענדניסען...

— יע, יע... דאָס איז ווירקליך... — האָט איהם ראָמאַשאָוו אַ צו־

טראָגענער איבערגעשלאָגען. — נאָר, זאָגט מיר, וואו איז ער? קאָן מען איהם זעהן?

— איך דענק, אז מען קאָן... ער געהט ארום אלץ איבער'ן צימער.

— זענרזשעט האָט זיך א ווײלע צוגעהערט. — אָט געהט ער איצטער אויך. איהר פארשטעהט, איך האָב איהם אויסדריקליך געזאָגט: אום אויסצומיידען מיספארשטענדניסען, לאָמיר איינשטעלען, אז דאָס באצאָהלט...

— ענטשולדיגט, אדאָם איוואָניטש, איך וועל באלד... — האָט איהם ראָמאַשאָוו איבערגעריסען. — אויב איהר וועט ערלויבען, וועל איך פארגעהן א צווייטען מאָל. זעהר א נויטיגע זאַך...

ער איז דורכגעגאנגען ווייטער און האָט זיך פארקערט ארום ראָג. אין דער טיפעניש פון גערטענדעל, האָט ביי נאזאנסקי'ן געברענט פייער. איין פענסטער איז געווען אינגאנצען אָפען. נאזאנסקי אליין, אָהן א סורטוק, אין אַן אונטערשטער העמד, אַן אָפּגעשפּילעטע ביים קראגען, איז געגאנגען מיט שנעלע טריט הין און צוריק איבער'ן צי־מער; זיין ווייסע פיגור און גאָלדהאָריגער קאָפּ האָבען געבלאנקט אין די דורכזיכטען פון פענסטער און ווידער זיך באהאלטען אהינטער די צווישענוועגטלאַך. ראָמאַשאָוו איז אריבערגעקראָכען דעם פלויט פון גערטענדעל און האָט איהם אָפּגערופען.

— ווער איז דאָס? — האָט רוהיג, גלייך ווי ער וואָלט דאָס ערווארט, געפרעגט נאזאנסקי, ארויסרוקענדיג זיך אין דרויסען איבער'ן פענסטער־ברעטעל. — אָ, דאָס זייט איהר, געאָרגי אלעקסעאיטש? ווארט אוים, דורך דער טיר וועט איך זיין ווייט — אין פענסטער, קריכט אין פענ־סטער. גיט אייער האַנט.

דער צימער ביי נאזאנסקי איז נאָך אַן אָרימערער ווי ביי ראָמאַ־שאָוו'ן. איבער דער לענג פון צימער איז געשטאַנען א שמאָלינקע, נידעריגע, אין גאַנצען צובויגענע בעט, אזא מאָגערע, פּונקט ווי אויף איהרע אייזענדלאַך וואָלט נאָר געלעגען איין קאָלדרע; ביי דער צוויי־טער וואַנט — אַן איינפאַכער, ניט געפּאַרבטער טיש, און צוויי פּראָסטע בענקלאַך. אין איינעם פון די ווינקלען אין צימער איז געווען צוגע־שלאָגען א שמאָלער הילצערנער אַלמער. צופוסען פון דער בעט איז געשטאַנען א ברוינער, לעדערנער רייזע־טאַש, אין גאַנצען א פארקלעפּ־

טער מיט אייזענבאהן פאפירלאך. אויסער דעם, ניט רעכענענדיג דעם לאמפ, איז אין צימער קיין זאך ניט געווען.

— וואס מאכט איהר, מיין טייערער? — האט נאזאנסקי גע־פרעגט, שטארק דריקענדיג און טרייסלענדיג ראמאשאוו'ס האנט און קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען מיט זיינע פארטראכטע, הערליכע בלויע אויגען. — זעצט זיך שוין בעסער אט דא אויף דער בעט. איהר האט געהערט, איך האב געגעבען א מעלדונג, אז איך בין קראנק?

— יע, ערשט האט מיר וועגען דעם ניקאלאיעוו געזאגט.

ראמאשאוו האט זיך ווידער דערמאנט אן די שרעקליכע ווערטער פון דעם דיענער סטעפאן, און זיין געזיכט האט זיך פארקרימט אויס מיטלייד.

— א, איהר זייט געווען ביי ניקאלאיעוו'ן? — האט מיט אויפ־לעבונג און אינטערעס נאזאנסקי געפרעגט. — איהר זייט אפט ביי זיי?

עפעס אן אומדייטליכער אינסטינקט פון פארזיכטיגקייט, וועל־כער איז ארויסגערופען געווארען דורך דעם אומגעוועהנליכען טאן פון דער פראגע, האט געצוואונגען ראמאשאוו'ן צו לייגען, און ער האט אומאכטענדיג געענטפערט:

— ניין, גאר ניט אפט. אזוי זיך, צופעליג פארבייגעגאנגען.

נאזאנסקי, וועלכער איז אומגעגאנגען הין און צוריק איבער'ן צימער, האט זיך אפגעשטעלט ביי דעם אלמערעל און האט איהם גע־עפענט. דארטען איז אויף א פאליצע געשטאנען א גראפין בראנפען, און עס איז געלעגען אן עפעל, צושניטען אויף גלייכע, דינע שטיקלאך. שטעהענדיג מיט'ן רוקען צום גאסט, האט ער איילענדיג זיך אנגעגאסען א קעלעשאק און אויסגעטרונקען. ראמאשאוו האט געזעהן, ווי ביי איהם האט קאנוואולסיוו א ציטער געטאן דער רוקען אונטער דעם דינעם לייוונטענעם העמדעל.

— ווילט איהר, אפשר? — האט נאזאנסקי פארגעלעגט, אנווייז־ענדיג אויף דעם אלמער. — דאס פארבייסענס איז ניט קיין רייכע, נאר אויב איהר זייט הונגעריג, קאן מען מאכען א פיינקוכען. מען קאן אויס'פועל'ן דאס ביי אדאמ'ן, דעם ערשטען מעגשען.

— א דאנק. איך וועל שפעטער.

נאזאנסקי איז זיך דורכגעגאנגען איבער'ן צימער, פארזוקענדיג די הענט אין די קעשענעס. דורכגעהענדיג דעם צימער צוויי מאל, האט

ער אָנגעהויבען צו ריידען, אזוי ווי פאָרטזעצענדיג דעם ערשט איבער־געריסענעם געשפּרעך:

— יע. אָט אזוי גערה איך אַלץ און טראַכט. און, ווייסט איהר, ראָמאַשאָוו: איך בין גליקליך. אין פאָלק ווערען מאָרגען אַלע זאָגען, אַז ביי מיר איז אַ שכרות־קראַנקהייט. נאָר וואָס, דאָס איז כמעט ריכ־טיג, אָבער דאָס איז ניט אינגאַנצען אַזוי. איך בין איצטער גליקליך, אָבער גאָר ניט קראַנק און איך לייד ניט. אין אַ געוועהנליכער צייט איז מיין פאַרשטאַנד, מיין ווילען געדריקט. איך גיס זיך צונויף דאָן מיט דער הונגעריגער, פייגער סביבה, און איך בין באַנאַל, לאַנגוויילינ פאַר זיך אַליין, פאַרנינפּטיג און אויסגערעכענט. איך האַס, צום ביישפּיעל, מיליטער־דיענסט, — נאָר איך דיען. פאַרוואָס דיען איך? דער טייפעל ווייס, צו וואָס! ווייל מיר האָט מען פון קינדווייז אָן איינגע־שמועסט און איצטער אויך אַלע ארום זאָגען, אַז די הויפּט זאַך אין לעבען איז — דיענען, זיין זאַט און געקליידט, און פילאָסאָפיע, זאָ־גען זיי, איז אַ נאַרישקייט, דאָס איז גוט פאַר יענעם וועמען די מאַ־מינקע האָט געלאָזען אַ ירושה, און ווער עס האָט ניט וואָס צו טאָן. און אָט טו איך זאַכען, צו וועלכע מיין הארץ ליגט גאָר ניט, איך פיהר אוים, אוים מורא פאַר דאָס לעבען, באַפעהלען, וועלכע זיינען ווי מיר דוכט זיך צייטענווייז, גרויזאַם, און צייטענווייז — אומזיניג. מיין עקזיסטענץ איז איינזייטיג, ווי דער פלויט און גרוי, ווי סאָלדאַטען־גע־וואַנט. איך וואַג ניט צו פאַרטראַכטען זיך, און ניט נאָר וואָס ריידען הויך וועגען ליעבע, וועגען שעהנקייט, וועגען מיינע באַציהונגען צו דער מענשהייט, וועגען דער נאַטור, וועגען גלייכהייט און גליק פון מענשען, וועגען פּאָעזיע, וועגען גאָט. זיי לאַכען: כאַ־כאַ־כאַ, דאָס איז אַלץ פילאָסאָפיע! עס איז לעכערליך, ווילד און אומערלויבט פאַר אַן אָפיצער פון דער ארמיי־אינפאַנטעריע צו טראַכטען וועגען הויכע מאַטעריען. דאָס איז פילאָסאָפיע, צו אַל די שוואַרציאָהרען, איז דאָס במילא נאַרישקייט און אומזיניגע, אומווירדיגע פלאַפּלעריי.

— אָבער דאָס איז דאָך די הויפּט זאַך אין לעבען, — האָט פאַר־טראַכטערהייט ראָמאַשאָוו ארויסגערעדט.

— און אָט קומט אָן פאַר מיר די צייט, וועלכער זיי האָבען אַזאַ גרויזאַמען נאָמען געגעבען, — האָט, ניט הערענדיג איהם, נאַזאַנסקי פאָרטגעזעצט. ער איז אַלץ אומגעגאַנגען הין און צוריק און פון צייט

צו צייט געמאכט איבערצייגענדע זשעסטען, וועגדענדיג זיך, אָבער ניט צו ראַמאַשאָוו'ן, נאָר צו די צוויי געגענזייטיגע ווינקלען, צו וועלכע ער פלעגט צוגעהן. — דאָס איז די צייט פון מיין פרייהייט, ראַמאַשאָוו, פרייהייט פון גייסט, ווילען און פארשטאַנד! איך לעב דאַן, קאָן זיין, מיט אַ מאָדנעם, נאָר מיט אַ טיפען, וואונדערבארען, אינערליכען לע־בען. מיט אַזאַ פולען לעבען! אַלץ, וואָס איך האָב געזעהן, וועגען וואָס איך האָב געלעזען אָדער געהערט, — אַלץ ווערט אין מיר אויפ־געלעבט, אַלץ באַקומט אַן אויסערגעוועהנליך העלען ליכט און אַ טיפען אומערשעפּליכען זין. דאַן איז מיין זכרון אַזוי, ווי אַ מוזעאום פון זעלטענע ערפינדונגען. איהר פארשטעהט—איך בין ראָטשילד! איך נעם דאָס ערשטע, וואָס קומט מיר אַרויף אויפ'ן געדאַנק, און טראַכט וועגען דעם לאַנג, דורכדרינגענד, מיט אַ גענוס. וועגען פּערזאָנען, באַגעגענישען, כאַראַקטערען, וועגען ביכער, וועגען פרויען, — אַך, איבערהויפּט וועגען פרויען און פרויען־ליעבע! ווען עס איז טראַכט איך וועגען די אוועקגעגאַנגענע גרויסע מענשען, וועגען די קדושים פון דער בילדונג, וועגען די חכמים און העלדען און וועגען זייערע וואונ־דערליכע ווערטער. איך גלויב ניט אין גאָט, ראַמאַשאָוו, נאָר ווען עס איז טראַכט איך וועגען די הייליגע צדקים, וועגען די וואָס האָבען צו־ליעב גאָט געליטען,און איך באַניי אין מיין געדאַנק די הייליגע, אייג־פאַך ערהאַבענע תפלות. איך האָב זיך דאָך, מיין טייערער, געלערענט אין דער סעמינאַר, און מיין זכרון איז אַ מורא'דיגער. טראַכט איך אַלץ וועגען דעם און עס טרעפט זיך, אַז איך הויב אָן מיט אַמאָל אַזוי דורכצופיהלען אַ פרעמדע פרייד אָדער אַ פרעמדען אומעט, אָדער אַן אומשטערבליכע שעהנקייט פון עפּעס אַ טאַט, און איך געה, אָט אַזוי, אַליין... און ווייַן—ליידענשאַפּטליך, הייס וויין איך...

ראַמאַשאָוו איז פאַמעלאַך אויפגעשטאַנען פון בעט און האָט זיך געזעצט מיט די פיס אויף דעם אָפענעם פענסטער אַזוי, אַז זיינע פיס און דער רוקען האָבען זיך אָנגעשפּאַרט אָן די זייטען פון דער ראַם. פון דאַנען, פון דעם באַלויכטענעם צימער, האָט זיך געדוכט, אַז די נאַכט איז נאָך פינסטערער, נאָך טיפער און נאָך געהיימניספולער. דער וואַרימער, איבערגעהאַקטער, נאָר שטילער ווינט האָט געוויגט פון אונ־טער'ן פענסטער די שוואַכע בלעטער פון די נידריגע שטרויכען. און אין דער ווייכער לופט, וואָס איז פול געוועזן מיט מאָדנע פריהלינג־

אראמאטען, אין דער שטילקייט, פינסטערקייט, אין די פארגרעסערט־קלארע און, רוכט זיך, ווארימע שטערען — האט זיך געפיהלט א גע־היימע, ליידענשאפטליכע אירונג. עס האט זיך געפיהלט א דורשט נאך מוטערליכקייט און די ברייטע תאוה פון דער ערד, געוויקסען, בוימער — פון דער גאנצער וועלט.

און נאזאנסקי איז אלץ אומגעגאנגען איבער'ן צימער, און האט גערעדט, ניט קוקענדיג אויף ראמאשאוו'ן, אזוי ווי ער וואלט זיך גע־ווענדט צו די ווענט און צו די ווינקלען פון צימער:

— דער געדאנק אין די שטונדען לויפט אזוי קאפריזנע, אזוי פיעל פארביג און אזוי אומגעריכט. דער פארשטאנד ווערט שארף און העל, די פאנטאזיע — אזוי ווי א שטראם! אלע געגענשטאנדען און פער־זאנען, וואס איך רוף ארויס, שטעהען פאר מיר אזוי בולט און אזוי־הערליך־קלאר, אזוי ווי איך וואלט זיי געזעהן אין אן אבסקור־קאמער. איך וויים, איך וויים, מיין ליעבער, אז דאס איז א פארשארפונג פון די געפיהלען, אז אט די גאנצע גייסטיגע באלויכטונג—וועה—איז ניט קיין אנדער זאך, ווי די פיזיאלאגישע ווירקונג פון אלקאהאל אויף דער נערווען־סיסטעם. צום אנהויב, ווען איך האב צום ערשטען מאל דער־פיהלט דעם וואונדערליכען שוואונג פון אינערליכען לעבען, האב איך געמיינט, אז דאס איז די באגייסטערונג אליין. נאר ניין: אין דעם איז ניטא קיין האר שאפענדעס, אפילו קיין האר איינגעשטעלטעס. דאס איז איינפאך א קרענקליכער פראצעס. דאס זיינען איינפאך מאמענ־טאנע צופלוסען, וועלכע עסען אוים די דעק אלץ מעהר און מעהר־יע. אבער דאך איז מיר די משוגעת זים, און... צום טייוועל די רע־טענדע שפארזאמקייט און, צוזאמען מיט איהר, די נארישע האפנונג אפצולעבען הונדערט און צעהן יאהר און אריין אין די צייטונגס־כראָ־ניקעס אלס א זעלטענער ביישפיעל פון לאנג לעבען. איך בין גליקליך — און גאר!

נאזאנסקי איז ווידער צוגעגאנגען צום אלמער, און אויסטרינקענ־דיג, האט ער פינקטליך צוגעמאכט די טירלאך. ראמאשאוו איז פויל, כמעט אומבאמערקבאר אויפגעשטאנען און האט געטאן דאס זעלבע.

— וועגען וואס האט איהר דאס געטראכט ביז מיין קומען, וואַ־סילי ניליטש? — האט ער געפרעגט, זעצענדיג זיך, ווי פריהער, אויפ'ן פענסטער־ברעט.

נאָר נאַזאַנסקי האָט כמעט ניט געהערט זיין פראַגע.

— וואָס, צום ביישפּיל, פאַר א געגנום עס איז צו טרוימען וועגען פרויען! — האָט ער אויסגעשריען, דערגעהענדיג ביז דעם ווייטערען ווינקעל און ווענדענדיג זיך צו דעם ווינקעל מיט א ברייטען איבערצייטמענדען זשעסט. — ניין, עס איז ניט שמוציג צו טראַכטען. וואָס איז? קיינמאָל דאַרף מען ניט מאַכען א מענשען, אפילו אין די געדאַנקען, פאַר אַן אנטיילנעמער פון שלעכטעס, ניט נאָר פון שמוץ. איך טראַכט אָפט וועגען די צאַרטע, ריינע, שעהנע פרויען, וועגען זייערע ליכטיגע טרוימען און הערליכע שמייכלען. איך טראַכט וועגען יונגע אומשולדיגע מוטערס, וועגען געליעבטע, וואָס געהען צום טויט צוליעב ליעבע; וועגען די שעהנע, אומשולדיגע, שטאָלצע מיידלאַך מיט ווייס־שנייאיגע זעלען, וועלכע ווייסען פון אַלץ און שרעקען זיך ניט פאַר קיין זאַך. ניטאָ אַזוינע פרויען. ניין איך בין דאָך אומגערעכט. געוויס, ראָמאַשאָוו, זיינען דאָ אַזוינע פרויען, נאָר איך מיט אייך וועלען זיי קיינמאָל ניט זעהן. איהר, קען זיין, וועט זיי נאָך זעהן, אָבער איך — ניט.

ער איז איצט געשטאַנען פאַר ראָמאַשאָוו׳ן און האָט איהם געקוקט גלייך אין געזיכט. אָבער נאָך דעם טרוימערישען אויסדרוק פון זיינע אויגען, לויט דעם אומבאַשטימטען שמייכעל, וואָס האָט געבלאָנדזשעט ארום זיינע ליפּען, איז געווען קענטיג, אז ער זעהט ניט זיין מיטשפּרעכער. נאָך קיינמאָל האָט נאַזאַנסקי׳ס געזיכט, אפילו אין זיינע בעסערע, ניכטערע מינוטען זיך ניט געדוכט ראָמאַשאָוו׳ן אזוי שעהן און אינטערעסאַנט. די גאָלדענע האָר זיינען אין גאַנצע, גרויסע קרייזלאַך געפאַלען ארום זיין הויכען ריינעם שטערען, די געדיכטע, פיערעקיגע רויטע קליינע באָרד איז געלעגען וואלענמעסיג אזוי ווי גאָפרירט, און זיין גאַנצער מאַסיווער, שעהנער קאָפּ מיט א בלויזען האַלז נאָבעל געצייכענט איז געווען עהנליך צו דעם קאָפּ פון איינעם פון יענע גריכישע חכמים, וועמעס הערליכע ביוסטען ראָמאַשאָוו האָט ערגעץ געזעהן אויף גראַווירען. די קלאָרע, עטוואָס פייכטע, בלויע אויגען האָבען געקוקט באַלעבט, קלוג און עניוות׳דיג. און אויך דער פאַרב פון דעם שעהנעם, ריכטיגען פּנים איז געווען הערליך אין זיין צאַרטען ראָזעווען טאָן, נאָר זעהר א געניטע אויג וואָלט געקאָנט איינזעהן אין דער דאָזיגער פרישקייט און פולקייט פון די ליניען א רעזולטאַט פון אַלקאָהאָלישער בלוט־ענטצינדונג.

— ליעבע! צו א פרוי! וואָס פאַר אַן אָפּגרונד פון געהיימניסען! וואָס פאַר א געניוס און וואָס פאַר א שאַרפע, זיסע ליידען!—האָט מיט אַמאָל נאַזאַנסקי אויסגעשריען. ער האָט זיך אין אויפרעגונג געכאַפּט מיט די הענט פאַר די האָר, און האָט זיך ווידער א לאָז געטאָן צום ווינ־קעל, נאָר דערגרעהענדיג ביז'ן ווינקעל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אומ־געקערט זיך מיט'ן געזיכט צו ראָמאַשאָוו'ן און זיך פרעהליך צולאַכט. דער פּאָדפּאָרוטשיק האָט איהם אומרוהיג נאָכגעקוקט.

— איך האָב זיך דערמאָנט אָן א לעכערליכער געשיכטע, — האָט נאַזאַנסקי גוטמוטיג און איינפאַך אָנגעהויבען צו ריידען. — עך, ווי! די געדאַנקען שפרינגען ביי מיר! איך בין אַמאָל געזעסען אין ריאַזאַן אויף דער סטאַנציע „אָקאַ" און האָב געוואַרט אויף דעם דאַמפּער. צו וואַרטען איז אויסגעקומען עפּעס אַרום א מעת־לעת — דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם פריהלינג־אויסגוס — און איך, איהר פאַר־שטעהט דאָך געוויס, האָב זיך אויסגעפלאַכטען א נעסט אין בופעט. דאָרט, אין בופעט, איז געשטאַנען א מיידעל פון א יאָהר אכצעהן, אזא, ווייסט איהר, אין פּאָקען־גריבלאַך, ניט קיין שעהנע, אָבער אזא פרעהליכע, שוואַרצאויגיקע, מיט א וואונדערליכען שמייכעל און סוף כל סוף זעהר א ליעבליכע. און מיר זיינען נאָר דריי געווען אויף דער סטאַנציע: זי, איך און א קליינינקער, ווייסליכער טעלעגראַפיסטעל. יע, עס איז אויך געווען דאָרט איהר פאָטער, ווייסט איהר, אזא רויטע, גרויע מאָרדע, אזוי ווי ביי אַן אַלטען און ווילדען מערדעליאַנער הונט. נאָר דער פאָטער איז געווען אזוי ווי הינטער די קוליסען. ער פלעגט ארויסגעהן אויף א מינוט, און אַלץ גענעצען און קראַצען זיך דאָס בויך אונטער דער וועסט; אויף קיין פאַל ניט קאָנענדיג די אויגען אויפ־קלעפען. נאָכדעם פלעגט ער ווידער אַוועקגעהן שלאָפען. נאָר דער טעלעגראַפיסטעל פלעגט קומען שטענדיג. איך געדענק, ער פלעגט זיך אָנלעגען מיט די עלענבויגענס אויפ'ן בופעט און שווייגען. און אויך זי שווייגט, קוקט אין פענסטער אויף דעם אויסגוס. און אָט מיט אַמאָל הויבט דער יונגער מאַן אָן צו זינגען, ריידענדיג:

ליעבע, וואָס איז אזוינס?
וואָס איז אזוינס ליעבע?
א ניט־ערדישער געפיהל,
וואָס רעגט אויף אונזער בלוט.

און ווידער אַנשווייגן געוואָרען. און אין פינף מינוט אַרום ווידער: „ליעבע וואָס איז אַזוינס, וואָס איז אַזוינס ליעבע? !...“ ווייסט איהר, מיט אַזאַ געוועהנליכען, געוועהנליכען מאָטיוועל. ווייזט אויס, זיי האָבען דאָס ביידע געהערט אין אַן אָפּערעטקע אָדער פון עסטראַדע... נאָך, מסתמא, אַבזיכטליך, אין שטאָדט צו־פּוס געגאַנגען. יע. זיי פּלעגען אַ זינג טאָן און ווידער אַנשווייגען ווערען. נאָכדעם פּלעגט זי, ווי אומבאַמערקט, אַלץ קוקענדיג אין פענסטערעל, פאַרגעסען מיט אַמאָל די האַנט אויפ'ן בופעט און ער פּלעגט זי נעמען אין זיין האַנט און איבערקלייבען אַ פינגער נאָך אַ פינגער. און ווידער: „ליעבע וואָס איז אַזוינס?... אין דרויסען איז פריהלינג, דער טייך צוגאָסען, אַ מאַ־טערניש. און זיי אַ קיילעכדיגען מעת־לעת אַזוי. דאַן האָט מיר „די ליעבע“ גענוג דערעסען, און איצטער, ווייסט איהר, איז דאָס אַזוי ריהרענד צו עראינערען זיך. זיי האָבען דאָך אויף אַזאַ אופן זיך, מסתמא, געליעבט פאַר מיר אַ וואָכען צוויי און נאָך מיר, קאָן זיין, אַ גאַנצען מאָנאַט. און נאָר שפּעטער ערשט האָב איך דערפיהלט, וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז, ווי אַ שטראַל ליכט אין זייער אָרימען, שמאָלען־שמאָלען לעבען, וואָס איז נאָך באַגרענעצט מעהר איידער אונזער אונ־זיניגער לעבען — אָ, נאָך הונדערט מאָל מעהר! דאָך... וואַרט אויס, ראַמאַשאָוו. די געדאַנקען פּלאָנטערען זיך ביי מיר. צו וואָס רייד איך דאָס פון דעם טעלעגראַפּיסט?

נאַזאַנסקי איז ווידער צוגעגאַנגען צום אַלמער, אָבער ער האָט ניט געטרונקען, נאָר אומקערענדיג זיך מיט'ן רוקען צו ראַמאַשאָוו'ן, האָט ער אין לייד געריבען דעם שטערען און שטאַרק געדריקט די שלייפען מיט די פינגער פון דער רעכטער האַנט. און אין דער ראַ־זיגער נערוועזער באַוועגונג איז געווען עפּעס רחמנות'דיגעס, אוממעכ־טיגעס און ערנידעריגענדעס.

— איהר האָט גערעדט וועגען פרויען־ליעבע, וועגען אָפּגרונד, וועגען געהיימנים, וועגען פרייד, — האָט איהם ראַמאַשאָוו דערמאָנט.

— ליעבע, יע! — האָט נאַזאַנסקי אויסגעשריען מיט אַן ערהאַ־בענער באַגייסטערטער שטימע. ער האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזעל, זיך אָפּגעקערט מיט אָנגעצונדענע אויגען פון אַלמער און האָט שנעל אויסגעווישט די ליפּען מיט'ן אַרבעל פון העמד. — ליעבע! ווער פאַרשטעהט זי! פון איהר האָט מען געמאַכט אַ טעמאַ פאַר שמוציגע

אָפּערעטקעס, פאַר ניט אַנשטענדיגע בילדער, פאַר אַבשייליכע ווערט־לאַך, פאַר העסליכע, העסליכע ליעדלאַך. דאָס האָבען מיר, אָפּיצערען, געמאַכט. ביי מיר איז דאָ נעכטען געוועזען דיץ. ער איז געזעסען אויפ'ן זעלבען אָרט, וואו איהר זיצט איצטער. ער האָט זיך געשפּיעלט מיט זיין גאָלדענעם פּענסנע און גערעדט פון פרויען. ראַמאַשאָוו, מיין טייערער, אויב חיות, צום ביישפּיעל, הינט, וואָלטען געקאָנטריידען ווי מענשען, און איינע פון זיי וואָלט געהערט נעכטען דיצ'ן, שוואַר איך ביי גאָט, אַז ער וואָלט אַוועק פון צימער פאַר שאַנד. איהר ווייסט —ער איז אַ גוטער מענש און אַלע זיינען מיר גוטע, ראַמאַשאָוו; קיין שלעכטע מענשען איז ניטאָ. נאָר ער שעמט זיך צו ריידען אַנדערש וועגען פרויען. ער שעמט זיך אויס מורא צו פאַרלירען זיין רענאָמע פון אַ ציניקער, אויסגעלאַסענעם און זיגער. דאָס איז עפּעס אַן אַלגע־מיינע נאַרעריי, עפּעס אַ געמאַכטע מענערישע העלדישקייט. עפּעס אַ באַריהמערישע פאַראַכטונג צו דער פרוי. און דאָס אַלץ קומט פון דעם, וואָס פאַר דער מעהרהייט איז אין דער ליעבע, אין דער באַהערשונג פון פרוי, איהר פאַרשטעהט, אין דער ענדליכער באַהערשונג פון דער פרוי, — באַהאַלטען עפּעס געמיין־בעסטיאַלישעס, עפּעס עגאָאיסטישעס, נאָר פאַר זיך, עפּעס אַ געהיים־נידעריגעס, תאוה'דיגעס און מיאוס'עס, —צום טייפעל! איך קאָן דאָס ניט אויסדריקען. און טאַקע דערפאַר איז ביי דער מעהרהייט באַלד נאָכ'ן באַהערשונג קומט קאַלטקייט, עקעל און האַס. און דעריבער האָבען מענשען אָפּגעגעבען פאַר ליעבע די נאַכט, אַזוי ווי פאַר גנבה און מערדעריי... דאָ, מיין טייערער, האָט די נאַטור באַשאַפען פאַר די מענשען עפּעס אַ פאַסטקע מיט אַ רייץ און אַ שטריק.

— דאָס איז ריכטיג, האָט שטיל און אומעטיג איינגעשטימט ראַמאַשאָוו.

— ניין, דאָס איז ניט אמת! — האָט הויך אַ געשריי געטאָן נאַ־זאַנסקי. — איך זאָג אייך—ניט אמת. די נאַטור האָט דאָ, ווי אומע־טום, אַלץ געניאַל איינגעאָרדענט. אָט דאָס איז דאָך טאַקי די מעשה. וואָס פאַר דעם פאַרוטשיק דיץ געהט נאָך ליעבע זאַטקייט, און עקעל, און פאַר דאַנטע איז די גאַנצע ליעבע, — העריליכקייט, צויבער, פריה־לינג! ניין, ניין, מיינט ניט; איך רייד וועגען ליעבע אין דעם פּשוט־סטען, קערפּערליכען זין. נאָר זי איז דער גורל פון אויסדערוועהלטע.

אַט איז איך אַ ביישפּיל: אַלע מענשען האָבען אַ מוזיקאַלישען אויער, נאָר ביי מיליאָנען איז ער, ווי ביי אַ פיש, אָדער ווי ביי דעם שטאַבס־קאַפּיטאַן וואַסילטשענקאָ, נאָר איינער פון דעם מיליאָן — איז בעטהאָווען. אַזוי איז אין אַלץ: אין פּאָעזי, אין מאַלעריי, אין חכמה... אויך ליעבע האָט איהרע הויכקייטען, וועלכע זיינען צוגענג־ גליך נאָר איינעם פון מיליאָנען.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט זיך צוגעשפּאַרט צום ווינקעל פון וואַנט, לעבען ראָמאַשאָוו׳ן, און פאַרטראַכטערהייט, קוקענ־ דיג אין דער וואַרימער פינסטערניש פון דער פריהלינג נאַכט, האָט ער אָנגעהויבען צו ריידען מיט אַ ציטערענדער, טיפער און באַגייסטערטער שטימע:

— אָה, ווי מיר קאָנען ניט שעצען איהרע צאַרטע און אומבאַ־ גרייפליכע הערליכקייטען, מיר — געמיינע, פוילע, ניט וויטזיכטיגע. פאַרשטעהט איהר מיך, וויפיעל פאַרשידענאַרטיגער גליק און צוי־ בערליכע ליידען זיינען פאַרבאָרגען אין דער ניט געטיילטער, האָפנונגס־ לאָזער ליעבע? ווען איך בין געווען אינגער, האָט אין מיר געלעבט אַ טרוים: איינליעבען זיך אין אַן אומגרייכבאַרער, אויסערגעוועהנ־ ליכער פרוי, אַזאַ, ווייסט איהר, מיט וועלכער ביי מיר וועט קיינמאָל ניט קאָנען זיין קיין געמיינשאַפטליכעס. איינליעבען זיך און דאָס גאַנצע לעבען, אַלע געדאַנקען ווידמען איהר. אַלץ איינס: פאַרדינגען זיך פאַר אַ טאָג־אַרבייטער, אָנקומען פאַר אַ לאַקיי, פאַר אַ קוטשער — איבערטאָן זיך, קליגען זיך, כדי כאָטש נאָר איינמאָל אין יאָהר זעהן זי צופעליג, אַ קוש טאָן די שפּורען פון איהרע פיס אויף די טרעפּ, כדי — אָה, וואָס פאַר אַ משוגע׳נער פאַרגעניגען! — איינמאָל אין לעבען צוריהרען זיך צו איהרע קליידער.

— און ענדיגען מיט וואַהנזיניגקייט, — האָט פאַראומערט גע־ זאָגט ראָמאַשאָוו.

— אַך, מיין ליעבער, איז דאָס דען ניט אַלץ איינס! — האָט מיט פייער גענענטפערט נאַזאַנסקי און האָט ווידער נערוועז גענומען שפּאַנען איבער׳ן צימער. — עס קאָן זיין — ווער ווייס, — ערשט דאַן וועט איהר אַריינטרעטען אין דעם צויבערליכען, גליקליכען לעבען. נו, גוט: איהר וועט אַראָפּ פון זינען אויס וואונדערליכער אומבאַ־ גרייפליכער ליעבע און דער פּאָרוטשיק דיץ וועט אַראָפּ פון זינען פון

פּראַגרעסיווען פּאַראַליטש און פון אַ העסליכער קרענק. וואָס איז בעסער? נאָר באַטראַכט אָבער, וואָס פאַר אַ גליק עס איז צו שטעהן אַ גאַנצע נאַכט אויף דער צווייטער זייט גאַס און קוקען אין פענסטער פון דער פאַרגעטערטער פרוי. אָט איז עס באַלויכטען פון אינוועניג, אויפ'ן פאַרהאַנגעל באַוועגט זיך אַ שאָטען. איז דאָס זי, אפשר? וואָס טוט זי? וואָס טראַכט זי? פאַרלאָשען די ליכט. שלאָף פריידליך, מיין פרייד, מיין געליעבטע!... און דער טאָג איז שוין פול — דאָס איז שוין אַ זיעג! טעג, מאָנאַטען, יאָהרען — אָפּגעבען די גאַנצע קרעפטען פון ערפינדונג און הארטנעקיגקייט, און אָט — אַ גרויסע, זינגענמישענדע פרייד: ביי דיר אין האַנט איז איהר טאַשענטיכעל, אַ פּאַפּירעל פון אַ צוקערעל, אַן אָנגעוואָרענע אַפּישע. זי ווייס ניט קיין זאַך פון דיר, זי וועט פון דיר קיינמאָל ניט הערען, איהרע אויגען פאַלען אויף דיר, ניט באַמערקענדיג דיך, אָבער דו ביזט שטענדיג דער, דו אַן אימער ליעבענדער, אַן אימער גרייטער אָפּצוגעבען פאַר איהר — ניין, וואָס פאַר איהר — פאַר איהר פאַרלאַנג, פאַר איהר מאַן אָדער געליעבטען, פאַר איהר באַליעבטען הינטעל — אוועקגעבען אי דאָס לעבען, אי די עהרע, און אַלץ וואָס עס איז נאָר מעגליך אוועקצוגעבען! ראָמאַשאָוו, פון אזא פרייד ווייסען ניט די שעהנע און די זיעגער.

— אָה, ווי דאָס איז ריכטיג. ווי גוט איז דאָס אַלץ, וואָס איהר זאָגט! — האָט אַ געשריי געטאָן דער אויפגערעגטער ראָמאַשאָוו. ער איז שוין לאַנג אויפגעשטאַנען פון פענסטער ברעט, און, אַזוי ווי נאַזאַנסקי, אומגעגאַנגען איבער דעם שמאָלען, לאַנגען צימער, יעדע ווײַלע אָנשטויסענדיג זיך אויף איהם און אָפּשטעלענדיג זיך. — וואָס פאַר אַ געדאַנקען קומען אייך אין קאָפּ! איך וועל אייך דערצעהלען פון זיך זעלבסט. איך בין געווען פאַרליעבט אין איין... פרוי. דאָס איז געווען ניט דאָ, ניט דאָ, נאָר אין מאָסקווע... איך בין געווען... אַ יונקער. נאָר זי האָט ניט געוואוסט פון דעם. און מיר פלעגט זיין אַ גרויסער פאַרגעניגען צו זיצען לעבען איהר, און ווען זי פלעגט עפּעס ארבייטען, אָננעמען די פאָדים און פאַמעליך ציהען צו זיך. דאָס גאָר. זי פלעגט דאָס ניט באַמערקען, גאָר ניט באַמערקען, און ביי מיר פלעגט זיך פון גליק דרעהען דער קאָפּ.

— יע, יע, איך פאַרשטעה, — האָט נאַזאַנסקי געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, פרעהליך און צערטליך שמייכלענדיג, — איך פאַרשטעה אייך.

דאָס איז אַזוי ווי אַ דראָט, אַזוי ווי אַן עלעקטרישער שטראָם? יע? עפּעס אַן איידעלער, צאַרטער צוזאַמענבונד? אַך, מיין ליעבער, דאָס לעבען איז אַזוי הערליך!...

נאַזאַנסקי איז אַנטשוויגען געוואָרען, געריהרט פון זיינע געדאַנ־קען, און זיינע אויגען, פול ווערענדיג מיט טרערען, האָבען אָנגעהויבען צו בלאַנקען. ראָמאַשאָוו'ן האָט אויך אַרומגענומען עפּעס אַן אונ־דייטליכער ווייכער רחמנות־געפיהל, און אַ ביסעל אַ היסטערישע ווייכקייט. די געפיהלען האָבען זיך באַצויגען אין אַ גלייכער מאָס אי צו נאַזאַנסקי'ן, אי צו איהם זעלבסט.

— וואַסילי ניליטש, איך וואונדער זיך אויף אייך — האָט ער געזאָגט, אָננעמענדיג נאַזאַנסקי'ן פאַרביידע הענט און שטאַרק דריקענדיג זיי. — איהר זייט דאָך אַזאַ טאַלאַנטפולער, פיהלענדער, ברייטער מענש און אָט... איהר פאַרניכט זיך אַבזיכטליך... אָה ניין, ניין, איך וואַג ניט צו זאָגען אייך מוסר... איך אַליין... נאָר וואָס וואָלט זיין, ווען איהר וואָלט באַגעגענען אין לעבען אַ פרוי, וועלכע וואָלט אייך קענען אָפּשאַצען און וועלכע וואָלט ווערט געווען צו האָבען אייך? איך טראַכט אָפט פון דעם!...

נאַזאַנסקי איז שטעהן געבליבען און לאַנג געקוקט אין אָפענעם פענסטער.

— אַ פרוי... — האָט ער פאַרטראַכטערהייד אַרויסגערעדט. — יע! איך וועל אייך דערצעהלען — האָט ער פּלוצלונג ענטשלאָסען אַ געשריי געטאָן. — איך האָב זיך אין לעבען איין איינציגען מאָל באַגעגענט מיט אַ וואונדערליכער, אויסערגעוועהנליכער פרוי, מיט אַ מיידעל... נאָר איהר ווייסט, ווי דאָס איז דאָרטען ביי היינע: „זי האָט פאַרדיענט ליעבע און ער האָט איהר ליעב געהאַט, נאָר ער האָט ניט פאַרדיענט קיין ליעבע און זי האָט איהם ניט ליעב געהאַט". זי האָט מיך אויפגעהערט צו ליעבען דערפאַר ווייל איך טרינק... ווי־דער ווייס איך ניט, קען זיין איך טרינק דערפאַר, ווייל זי האָט מיך אויפגעהערט צו ליעבען. זי... זי איז דאָ אויך ניטאָ... דאָס איז גע־ווען שוין לאַנג. איהר ווייסט דאָך, איך האָב געדיענט פריהער דריי יאָהר, נאָכדעם בין איך געווען פיער יאָהר אין רעזערוו און נאָכדעם מיט דריי יאָהר צוריק בין איך ווידער אריין אין פּאָלק. צווישען אונז איז ניט געווען קיין ראָמאַן. איינגאַנצען צעהן־פופצעהן באַגעגע־

נישען, פינף זעקס אינטימע געשפּרעכן. אָבער — האָט איהר ווען עס איז געטראַכט וועגן דער צוּבערענדער הערשאַפט פון פאַרגאַנגענהייט? אַט אַזוי איז אין די אומשולדיגע קליינינקייטען מיין גאַנצער רייכטום. איך האָב איהר ליעב נאָך ביז איצט. וואַרט אויף ראַמאַשאוו... איהר זיינט דאָס ווערט. איך וועל אייך דורכלעזען איהר איינציגען בריעף — דעם ערשטען און דעם לעצטען — וואָס זי האָט מיר געשריבען.

ער האָט זיך געזעצט אויף די שפּיץ פינגער פאַר דעם רייזע-טאַש און האָט שנעל גענומען איבערוואַרפען זיינע פּאַפּירען. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך פאָרטגעזעצט:

— קען זיין, אַז זי האָט קיינמאָל קיינעם ניט געליעבט, אויסער זיך אַליין. אין איהר איז אַן אָבגרונט פון הערשזיכטיגקייט, עפּעס אַ שלעכטע און שטאָלצע קראַפט. און צו דערזעלבער צייט איז זי אַזא גוטע, פרעהליכע, אונענדליך-ליעבע; אַזוי ווי צוויי מענשען זיינען אין איהר: איינער מיט אַ טרוקענעם עגאָאיסטישען פאַרשטאַנד, און דער צווייטער — מיט אַ צאַרט, ליידענשאַפטליך האַרץ. אַט איז דער בריעף, לעזט, ראַמאַשאוו. וואָס פון אויבען, דאָס איז איבעריג.— נאַזאַנסקי האָט פאַרבויגט עטליכע שורות פון אויבען. — אַט פון דאַנען לעזט.

אַזוי ווי עפּעס פון דער זייט וואָלט אַ קלאַפּ געטאָן ראַמאַשאוו'ן אין קאָפּ, און דער גאַנצער צימער וואָלט זיך אַ וויעג געטאָן פאַר זיינע אויגען. דער בריעף איז געווען געשריבען מיט אַ גרויסער, נערוועזער, דינער האַנדשריפט, וואָס האָט געקענט באַלאַנגען נאָר צו איין אַלעקסאַנדראַ פּעטראָוונאַ — אויף אַזויפיעל איינענאַרטיג, ניט-ריכטיג און שעהן איז די האַנטשריפט געווען. ראַמאַשאָוו, וואָס פלעגט פון איהר אָפט באַקומען בריוועלאַך מיט איינלאַדונגען אויף מיטאָג, אָדער אויף אַ קאָרטען-שפּיעל, וואָלט געקענט דערקענען די האַנט-שריפט צווישען טויזענד אַנדערע בריעף.

„... און ביטער, און שווער איז דאָס אויסצורייידען, — האָט ער געלייענט פון אונטער נאַזאַנסקי'ס האַנט, — נאָר איהר אַליין האָט געטאָן אַלץ, צו ברענגען אונזער באַקאַנטשאַפט צו אַזא טרויעריגער ענדע. מעהר פון אַלץ אין לעבען שעם איך זיך פאַר אַ ליגען, וואָס שטאַמט פון פייגהייט און שוואַכקייט, און דעריבער וועל איך אייך

ניט אַנהויבען צו נאַרען. איך האָב אייך געליעבט און איך ליעב אייך נאָך איצט אויך, און איך וויים, אַז מיר וועט ניט שנעל און לייכט זיין אָוועקצוגעהן פון דעם געפיהל. נאָר סוף כל סוף וועל איך דאָך איהם באַזיעגען. וואָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט אַנדערש באַגעהן זיך? אין מיר, באמת, וואָלט קלעקען כחות און זעלבסטאָפּפּערונג צו זיין אַ פיהרערין, אַ ניאַנקע, אַ באַרמהאַרציגע שוועסטער ביי אייך, ווילענסלאָזיגען, אָפּגעלאָזענעם און גייסטיג־פויי־לענדען מענשען. נאָר איך האָס די רחמנות־געפיהלען און דאָס שטענ־דיגע ערנידעריגענדע פאַרגעבונג און איך וויל ניט, אַז א י ה ר זאָלט זיי אין מיר אויפוועקען. איך וויל ניט אַז א י ה ר זאָלט זיך שפּייזען מיט רחמנות־געפיהל און מיט הינטישער איבערגעבענ־הייט. און זיין אַנדערס קענט איהר ניט — ניט קוקענדיג אויף אייער פאַרשטאַנד און שעהנער נשמה. זאָגט מיר עהרליך, אויפריכטיג, — איהר קענט דאָך ניט? אָך, וואָסילי ניליטש, אויב איהר וואָלט נאָר געקענט! אויב! צו אייך שטרעבט מיין גאַנצעס האַרץ, אַלע מיינע פאַרלאַנגען, — איך ליעב אייך. נאָר איהר האָט מיך אַליין ניט געוואָלט. צוליעב אַ געליעבטען מענשען קען מען דאָך איבערקעהרען די גאַנצע וועלט, און איך האָב פון אייך געבעטען אַזוי ווייניג. איהר קענט ניט?

זייט געזונד. איך קוש אייך אין שטערען... ווי אַ פאַרשטאָר־בענעם, ווייל איהר זייט פאַר מיר געשטאָרבען. איך ראָט אייך צו פאַרניכטען דעם בריעף. ניט צוליעב דעם, ווייל איך האָב פאַר עפּעס מורא, נאָר דערפאַר, ווייל מיט דער צייט וועט דער בריעף זיין פאַר אייך אַ קוואל פון בענקשאַפט און שווערע עראינערונגען. נאָך אַמאָל זאָג איך אייך"...

— וויטער איז אייך ניט אינטערעסאַנט, — האָט נאַזאַנסקי געזאָגט אַרויסנעמענדיג פון ראָמאַשאָוו'ס האַנט דעם בריוו, — דאָס איז געווען איהר איינציגער בריוו צו מיר.

— וואָס איז נאָך דעם געווען? — האָט קוים געפרעגט ראָמאַ־שאָוו.

— נאָך דעם? נאָך דעם האָבען מיר זיך מעהר ניט געזעהן. זי... זי איז אָפּגעפאָהרען ערגעץ און האָט, דאַכט זיך, חתונה געהאַט פאַר... איינעם אַן אינזשינער. נאָר דאָס איז ניט וויכטיג.

— און קיינמאָל קומט איהר ניט צו אַלעקסאַנדראַ פּעטראָוונאַ?

די דאָזיגע ווערטער האָט ראַמאַשאָוו אַרויסגערעדט גאָר שטיל, נאָר ביידע אָפּיצערען האָבען אַ ציטער געטאָן פון זיי און האָבען ניט געקענט אָפּנעמען די אויגען איינער פון צווייטען. אי די עטליכע סעקונדען האָבען זיך צווישען זיי אַזוי ווי פאַנאַנדער גערוקט אַלע צאַמען פון דער מענשליכער קלוגקייט, פאַרשטעלטקייט און אומ־דורכדרינגליכקייט, און זיי האָבען פריי געלעזען איינער דעם צווייטען אין הארצען. זיי האָבען מיט אַמאָל פאַרשטאַנען הונדערטער זאַכען, וועלכע זיי האָבען ביז איצטער באַהאַלטען ביי זיך, און דער גאַנצער היינטיגער געשפּרעך זייערער האָט פּלוצלונג אָנגענומען עפּעס אַ באַ־זונדערען, טיעפען, טראַגישען זין.

— ווי? און איהר אויך? — האָט שטיל, מיט אַן אויסדרוק פון וואהנזיניגען שרעק אין די אויגען, ענדליך נאַזאַנסקי אַרויסגערעדט. נאָר ער איז באַלד צו זיך געקומען, און מיט אַ געמאַכטען געלעכטער האָט ער אַ געשריי געטאָן:

— פע, וואָס פאַר אַ מיספאַרשטענדניס! מיר האָבען זיך מיט אייך גאָר דערווייטערט פון דער טעמאַ. דער בריוו, וועלכען איך האָב אייך באַוויזען, איז געווען געשריבען מיט הונדערט יאָהר צוריק, און די פרוי לעבט איצטער ערגעץ ווייט, דאַכט זיך, אַהינטער קאַווקאַז... און אַזוי, ביי וואָס האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט?

— מיר איז צייט אַהיים צו געהן, וואַסילי ניליטש. עס איז שפּעט, — האָט ראַמאַשאָוו געזאָגט אויפשטעהענדיג.

נאַזאַנסקי האָט איהם ניט אָפּגעהאַלטען. געזעגענט האָבען זיי זיך ניט קאַלט און ניט טרוקען, נאָר אַזוי ווי זיי וואָלטען זיך געשעמט איינער פאַר'ן צווייטען. ראָמאַשאָוו איז איצטער געווען נאָך מעהר איבערצייגט, אַז דער בריוו איז געווען פון שוראָטשקען. געהענדיג אַהיים, האָט ער די גאַנצע צייט געטראַכט פון דעם בריוו, און ער האָט אַליין ניט געקענט פאַרשטעהן, וואָס פאַר געפיהלען דאָס האָט אין איהם אויפגעוועקט. דאָס איז געווען ווי אַן אייפערזיכטיגע קנאה צו נאַזאַנסקי'ן, — אַן אייפערזוכט צו דער פאַרגאַנגענהייט, און עפּעס אַ צופרידענער, שלעכטער מיטגעפיהל צו ניקאָלאַיעוו'ן, נאָר אין דערזעלבער צייט אויך עפּעס אַ נייע האָפענונג, — אַן אומדייטליכע, נעבעלדיגע, אָבער זיסע און רייצענדע. אַזוי ווי דער בריוו וואָלט

איהם אויך געגעבען אין האנט עפּעס אַ געהיימניספּולען, אומבאַמערק־טען פּאַדים, וואָס ציהט זיך אין דער צוקונפט.

דער ווינד איז שטיל געוואָרען.

די נאַכט איז געווען פול מיט טיעפער שטילקייט און די פינסטער־ניש איז געווען אַ סאַמעטענע און ווארימע. נאָר דאָס געהיימע, שאַפענדע לעבען האָט זיך געפיהלט אין דער שלאָפלאָזער לופט, אין דער רוהיגקייט פון די אומבאַמערקטע בוימער, אין דעם גערוך פון דער ערד. ראַמאַשאָוו איז געגאַנגען ניט זעהענדיג דעם וועג און איהם האָט זיך אַלץ פאָרגעשטעלט, אַז אָט אָט וועט עמיצער, אַ שטאַרקער, מעכטיגער און צאַרטער, איהם אָן אָטעם טאָן אין פּנים מיט אַ הייסען אָטעם. און געווען איז ביי איהם אויף דער נשמה אַן אייפערזיכטיגער אומעט נאָך זיינע פריהערדיגע, קינדערישע, אַזוינע העלע, פאַרגאַנגענע פריהלינגען; עס איז געווען אַ שטילע, שמערצלאָזע קנאה צו זיין ריינער, צאַרטער פאַרגאַנגענהייט...

קומענדיג צו זיך, האָט ער געטראָפען אַ צווייטען בריוו פון ראַאיסאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ פּעטערסאָן. זי האָט אין אַן אונזיניגען הויכען סטיל געשריבען וועגען דער ניעדערטרעכטיגער פאַלשקייט, וועגען דעם, וואָס זי פאַרשטעהט אַלץ, און וועגען יענע שרעקען פון ראַכע, אויף וועלכע עס איז פעהיג אַ צובראָכען פרויען־הארץ.

„איך וויים וואָס איך דאַרף איצטער טאָן! — האָט זי געשרי־בען אין בריוו. — אויב נאָר איך וועל ניט שטאַרבען פון שווינדזוכט פון אייער נידערטרעכטיגער אויפפיהרונג, איז, גלויבט מיר, אַז איך וועל אייך גוט באַצאָהלען. עס קען זיין, איהר טראַכט, אַז קיינער וויים ניט וואו איהר זיינט יעדען אָוועגד? בלינדער! אויך די־ווענט האָבען אויערען. מיר איז באַוואוסט יעדער אייער טראָט. נאָר, אַלץ איינס, מיט אייער אויסזעהן און באַרערעוודיגקייט, וועט איהר זיך ד אָ ר ט ע ן קיין זאַך ניט דערשלאָגען, אויסער דעם, וואָס נ. וועט אייך ארויסוואַרפען הינטער טיר אַזוי ווי אַ הינטעל. און מיט מיר ראָט איך אייך צו זיין פאָרזיכטיגער. איך בין ניט פון יענע פרויען, וועלכע זיינען מוחל באַליידיגונגען.

איך קען באַהערשען דעם קינזשאַל,
און אין קאַווקאַז בין איך געבאָרען! ! !

ראאיסא.“

נ. ב. — אומבאדינגט זייט שבת אין קלוב. מיר דארפען זיך דורכשמועסען. איך לאז פאר אייך דעם דריטען קאדריל. — ר. פ.“

מיט נארישקייט, אויסגעדראשענקייט, פראווינציעלער בלאטע און רכילות האט אן אטעם געטאן אויף ראמאשאוו׳ן פון דעם דאזיגען שלעכטגעשריבענעם נארישען בריוו. און איהם האט זיך געדאכט, אז ער זעלבסט איז אויסגעשמירט פון די פיס ביז דעם קאפ אין שווערען שמוץ, וואס אויף איהם האבען ארויפגעלייגט די באציהונגען מיט דער פרוי, וועלכע ער ליעבט ניט, — די באציהונגען, וואס האבען זיך געצויגען שוין כמעט א האלב יאהר. ער האט זיך געלייגט אין בעט א שלעכטגעשטימטער, אזוי ווי א צוגעדריקטער מיט דעם גאנצען היינטיגען טאג, און שוין איינשלאפענדיג האט ער געטראכט וועגען זיך מיט די ווערטער, וועלכע ער האט היינט געהערט פון נאזאנסקי׳ן:

„זיינע געדאנקען זיינען געווען גרוי, ווי סאלדאטען־געוואנט“.

ער איז אנטשלאפען געווארען שנעל, מיט א שווערען שלאף. און, ווי עס פלעגט מיט איהם אימער פאסירען אין דער לעצטער צייט נאך גרויסע ערגערנישען, האט ער זיך געזעהן אין חלום אלס א אינגעל. עס איז ניט געווען קיין שמוץ, קיין בענקשאפט, קיין איינפארביגקייט פון לעבען; אין קערפער האט זיך געפיהלט א מונטערקייט, דער גייסט איז געווען ליכטיג און ריין און האט געשפיעלט מיט אונזיניגער פרייד. און די גאנצע וועלט איז געווען ליכטיג און ריין, און אין דער וועלט האבען די ליעבע, באקאנטע מאסקווער גאסען געפינקעלט מיט דעם הערליכען שיין, וועלכען מען קען זעהן נאר אין חלום. נאר ערגעץ אויף׳ן ברעג פון דער יובעלדיגער וועלט, ווייט אויפ׳ן האריזאנט, איז פארבליבען א פינסטערער, שלעכטס־אנזאגענדער פלעק: דארטען האט זיך צוגעטוליעט א גרוי, אומעטיג שטעדטעל, מיט דעם שווערען, לאנגווייליגען דיענסט, מיט ראטנע שולען, מיט שכרות אין קלוב, מיט שווערינקייטען און מיט אן עקעלהאפטען ראמאן, מיט בענקשאפט און עלענדקייט. דאס גאנצע לעבען האט געקלונגען און געשיינט מיט פרייד, נאר דער פינסטערער פיינדליכער פלעק האט געהיים, ווי א שווארצער גייסט, נאכגעשפירט ראמאשאוו׳ן און געווארט אויף זיין צייט. און אליין, דער קליינינקער ראמאשאוו,

דער ריינער, זאַרגלאָזער, אומשולדיגער, — האָט ליידענשאַפטליך גע־וויינט אויף זיין עלטערען דאַבעלגענגער, וואָס געהט אַוועק און ווערט צושוואומען אין דער בייזער פינסטערניש.

אין מיטען דער נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און באַמערקט, אַז זיין קישען איז פייכט פון טרערען. ער האָט זיי ניט געקענט מיט איינמאָל איינהאַלטען, און זיי האָבען נאָך לאַנג אַראָפּגעפּליסט פון זיינע באַקען אין ווארימע, נאַסע, האַסטיגע שטראָמען.

6.

מיט דער אויסנאַם פון ניט פיעלע עהרגייציגע קאַריעריסטען, האָבען אַלע אָפיצערען געטראָגען דעם דיענסט, ווי אַן אומאַנגענעמע, געצוואונגענע אַרבייט, מאַטערענדיג זיך און ניט ליעבענדיג איהם. די יונגע אָפיצערען פלעגען, ווי חדר־אינגלעך, זיך פאַרשפּעטיגען צו די איבונגען, און פלעגען שטילערהייט אַנטלויפען פון זיי, ווען זיי פלעגען וויסען, אַז דאָס וועט זיי גלאַט אַראָפּ. די ראָטנע קאָמאַנדי־רען, אַם מעהרסטען מענשען מיט גרויסע פאַמיליען, פאַרזונקענע אין די היימישע קריעגערייען און אין די ראָמאַנען פון זייערע ווייבער, צוגעדריקטע פון דער שווערער נויט, און פון לעבען איבער די מיטלען, האָבען געקרעכצט אונטער דער לאַסט פון די אונמעסיגע אויסגאַבען און וועקסלען. זיי האָבען געלייגט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, כאַפּענדיג געלט אין איין אָרט, צו פאַרשטעקען אַ חוב אין צווייטען אָרט. פיעלע פון זיי פלעגען זיך וואַגען, — אָפטמאָל לויט זייערע ווייבער׳ס באַ־פעהל, — צו נעמען פון די ראָטנע געלט, אָדער פון די געלט וואָס האָט געקומט די סאָלדאַטען אַלס לוין פאַר פרייער אַרבייט; מאַנכע פלעגען מאָנאַטען, אָדער יאָהרען לאַנג פאַרהאַלטען די געלט־בריעף, וואָס פלעגען אָנקומען די סאָלדאַטען, וועלכע זיי, די ראָטנע קאָמאַנ־דירען, האָבען געהאַט רעכט צו עפענען. אייניגע האָבען מעהר ניט געלעבט ווי נאָר פון קאָרטען־שפּיעל. אייניגע פלעגען שפּיעלען ניט ריין, פון דעם האָט מען געוואוסט, נאָר געקוקט ווי דורך די פינגער. דערצו האָבען אַלע שטאַרק געטרונקען אין קלוב, אין געסט איינער ביי דעם צווייטען, און אַנדערע, אַזוי ווי סליוואַ, — אַליין.

אויף אַזאַ אופן האָבען די אָפיצערען קיין צייט ניט געהאַט

ערנסט צו באַציהען זיך צו זייערע פליכטען. געוועהנליך, פלעגט דעם גאַנצען מעכאַניזם פון דער ראָטע ברענגען אין באַוועגונג און רעגולי־רען דער פעלדפעבעל. ער פלעגט אויך פיהרען די קאַנצעלאַריע רעכע־נונגען, און פלעגט האַלטען דעם ראָטנעם קאָמאַנדיר, אומבאַ־מערקט אָבער שטאַרק, אין זיינע אָדערדיגע, פיעל־געניטע הענט. צו דעם דיענסט פלעגען די ראָטנע קאָמאַנדירען געהן מיט דעמזעלביגען עקעל, ווי די נידעריגע אָפיצערען, און זיי פלעגען געבען א פאָרציע די יונגע נאָר, כדי אויפצוהאַלטען זייער פרעסטיזש אָדער גלאַט צו־ליעב היילע שגעונות פון מאַכט־דורשט.

די באַטאַליאָנע קאָמאַנדירען פלעגען גאָרנישט טאָן, דערהויפט ווינטער־צייט. עס זיינען פאַראַן אין דער אַרמעע צוויי אַזוינע אי־בערגאַנגס־טשינען — דער באַטאַליאָנער און בריגאַדנער קאָמאַנדיר: זיי געפינען זיך אַלעמאָל אין אַן אומבאַשטימטער, ווירקונגסלאָזער לאַ־גע. זומער קומט זיי דאָך אוים צו מאַכען באַטאַליאָנע איבונגען, אַן אנטייל נעמען אין די פאָלק און דיוויזיאָן־איבונגען, און טראָגען די שוועריגקייטען פון די מאַנעווורעם. אין דער פרייער צייט פלעגען זיי זיצען אין קלוב, און פלעגען מיט פליים לעזען דעם „אינוואַליד“ און קריגען זיך וועגען טשינען, שפּיעלען אין קאָרטען און גערן ערלויבען די אינגערע אָפיצערען צו מכבד זיין זיי. זיי פלעגען איינאָרדנען ביי זיך אין דער היים אָוועגדען און פלעגען זיך באַמיהען חתונה צו מאַכען זייערע טעכטער.

אָבער פאַר די גרויסע „סמאָטרען פלעגען זיך אַלע אָנשטרענגען און ציהען איינער דעם צווייטען. דאַן פלעגען זיי ניט וויסען פון רוה, אָניאָגענדיג מיט איבעריגע שטונדען אַרבייט און מיט אָנגע־שטרענגטער אָבער אומנוציגער ענערגיע דאָס, וואָס איז געווען דורכגע־לאָזט. מיט די כחות פון די סאָלדאַטען האָט מען זיך ניט גערעכענט, שטאַרק מאַטערענדיג זיי. די ראָטנע קאָמאַנדירען האָבען געשניטען די אינגערע אָפיצערען, די אינגערע אָפיצערען האָבען זיך אומנאַטירליך און העסליך געזידעלט, די אונטעראָפיצערען, הייזעריגע פון זידלעריי, פלעגען זיך שטאַרק שלאָגען. שלאָגען פלעגען אָבער ניט נאָר די אונ־טעראָפיצערען אליין.

אזוינע טעג זיינען געווען ווירקליכע ארבייטס־טעג, און וועגען דער זונטאג־רוה, מיט איבעריגע שטונדען פון שלאף, פלעגט טרוימען דער גאנצער פאלק, אנהויבענדיג פון דעם קאמאנדיר ביז דעם לעצטען פארשמאכטען, אפגעריסענעם דיענער.

אין דעם פריהלינג האט מען זיך אין פאלק שטארק צוגעגרייט צו דעם מאי־פאראד. עס איז באוואוסט געווען באשטימט, אז דעם סמאטר וועט מאכען דער קארפוס קאמאנדיר, א שטרענגער קריעגס־גענעראל, וואס איז באוואוסט אין דער וועלטס קריעג־ליטעראטור מיט זיינע שריפטען וועגען דעם קריעג פון די קארליסטען און וועגען דעם פראנצויזיש־דייטשען קריעג פון 1879 יאהר, אין וועלכען ער האט אן אנטייל גענומען אלס א פרייוויליגער.

נאך א ברייטערע באוואוסטקייט האבען געהאט זיינע באפעהלען, וועלכע זיינען געשריבען געווען אין סואוואראוו׳ס גייסט. די פאר־שולדיגטע אפיצערען פלעגט ער אין די באפעהלען אויסריידען מיט שארפען און גראבען סארקאזם, אז די אפיצערען האבען פאר דעם מורא געהאט מעהר איידער פאר אלע דיסציפלינירענדע שטראפען. דעריבער איז אין די ראטעס שוין צוויי וואכען אנגעגאנגען א פיבער־האפטע, שנעלע ארבייט, און אויף דעם זונטאגדיגען טאג האבען גע־ווארט מיט דעם זעלבער אומגעדולד די פארמאטערטע אפיצערען אזוי ווי די געיאגטע, ווילד געווארענע סאלדאטען.

נאר פאר ראמאשאוו׳ן, א דאנק דעם ארעסט, איז פארפאלען געווארען די גאנצע הערליכקייט פון דעם זיסען אפרוה. ער איז אויפגעשטאנען זעהר פריה, און ווי ער האט זיך ניט באמיהט, האט ער ניט געקענט נאכדעם איינשלאפען. ער האט זיך פויל אנגעטאן, מיט עקעל טיי געטרונקען און פאר עפעס אנגעשריען אויף היינאנען, וועלכער איז ווי אימער געווען פרעהליך, באוועגליך און אומגעלומפערט ווי א יונגער הינטעל.

אין א גרויען פאנאנדערגעשפילעטען רעקעל האט זיך ראמאשאוו אומגעדרעהט איבער זיין קליינעם צימער, אנריהרענדיג מיט די פיס די פיסלאך פון בעט און מיט די עלענבויגענס די שאקלענדיגע שטוי־ביגע עטאזשערקע. צום ערשטען מאל פאר די אנדערטהאלבען יאהר, — און דאס נאך אויך א דאנק א צופאל, — איז ער געבליבען איינער אליין מיט זיך. פריהער האט איהם געשטערט אין דעם דער

דיענסט, די אָוועגטען אין קלוב, קאָרטען־שפּיעל, די באַציהונגען מיט פּעטערסאָן, די אָוועגטען ביי ניקאָלאַיעוו׳ן. ווען עס איז, ווען עס פלעגט זיך טרעפען א פרייע שטונדע, פלעגט ראָמאַשאָוו, אויס לאַנג־ווייליגקייט, ארבייטלאָזיגקייט, אויס מורא פאַר זיך אליין, שנעל לויפען אין קלוב, צו באַקענטע אָדער גאָר אויפ׳ן גאַס, ביז עס פלעגט זיך שטענדיג ענדיגען מיט א טרינקעריי. איצטער אָבער, האָט ער מיט א בענקשאַפט געטראַכט, אַז פאָראויס איז נאָך א גאַנצער טאָג עלענד־קייט, און אין קאָפּ זיינען געקראָכען אַלץ אַזוינע מאָדנע, אומבאַ־קוועמליכע, נוצלאָזע געדאַנקען .

אין שטאָדט האָט מען אָנגעהויבען צו קלינגען אין קלויסטער צו דער שפּעטיגער תפילה. דורך דעם צוויייענדיגען פענסטער, וואָס איז נאָך ניט געווען אַרויסגענומען, האָבען זיך צו ראָמאַשאָוו׳ן דער־טראָגען ציטערדיגע קלאַנגען, אַזוי ווי איינער וואָלט דעם צווייטען געבאָרען, פריהלינגדיגע, צויבערליך־אומעטיגע. באַלד, הינטער דעם פענסטער, האָט זיך אָנגעהויבען דער סאָד, וואו עס האָבען געוואַקסען פיעל קאַרשען־בוימער, אַלע ווייסע פון בליהונג, קיילעכדיגע, געקריי־זעלטע, אַזוי ווי א סטאַדע שניי־ווייסע שעפּסען, אַזוי ווי א געזעל־שאַפט פון מיידלאַך אין ווייסע קליידער. צווישען זיי, דאָ און דאָרט, האָבען זיך געהויבען שלאַנקע, גלייכע טאָפּאָל־בוימער, מיט צווייגען אויסגעשטרעקט ווי צו א תפילה, אין דער הויך צום הימעל, און ברייט האָבען פאַנאַנדערגעוואָרפען זייערע מעכטיגע קיילעכדיגע שפּי־צען די אַלטע קאַשטאַנען־בוימער ; די בוימער זיינען נאָך געווען פוסט און האָבען געהאַט הוילע צווייגען, נאָר, אומבאַמערקט פאַר דעם אויג, האָבען זיי שוין אָנגעהויבען צו גרינען מיט דער ערשטער, פוכיגער, פרעהליכער גרינקייט. דער פריהמאָרגען איז געווען א קלאָרער, העלער און פייכטער. די בוימער האָבען שטיל געציטערט און האָבען זיך לאַנגזאַם געוויעגט. עס האָט זיך געפיהלט, אַז צווישען זיי לויפט אום א צערטליכער, קיהלער ווינטעל און שטיפט, און שפּיעלט, און קושט זיי, איינבויגענדיג ניעדעריג די בליהונגען.

פון פענסטער אויף רעכטס האָט זיך געזעהן דורכ׳ן טויער א טייל פון דער שוואַרצער, קויטיגער גאַס מיט עמיצענס א פּלויט פון יענעם זייט. אין דער לענג פון דעם פּלויט, פאָרזיכטיג טרעטענדיג מיט די פיס אויף טרוקענע ערטער, זיינען לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען

מענשען. „ביי זיי איז נאָך אַ גאַנצער טאָג פֿאָראויס, — האָט ראַמאַשאָוו געטראַכט, נאָכקוקענדיג זיי מיט קנאה, — דעריבער איילען זיי זיך ניט. אַ גאַנצער פֿרייער טאָג!“

און פּלוצלונג האָט זיך איהם אומגעדולדיג, ליידענשאַפֿטליך, ביז טרערען, פֿאַרוואָלט באַלד אָנטאָן זיך און אַוועקגעהן פֿון צימער. איהם האָט געצויגען ניט אין קלוב, ווי אַלע מאָל, נאָר פּראָסט אויפ׳ן גאַס, אויף דער לופֿט. ער האָט פֿריהער, ווייזט אויס, ניט געוואוסט דעם ווערט פֿון פֿרייהייט, און איצטער האָט ער זיך אַליין געוואונדערט וויפֿיעל גליק עס קען זיך באַהאַלטען אין דער איינפֿאַכער מעגליכקייט פֿון געהן, וואוהין מען וויל, פֿאַרקירעווען זיך אין דעם ערשטען געסעל, אַרויסגעהן אויפ׳ן פּלאַץ, פֿאַרגעהן אין קלויסטער און טאָן דאָס, ניט מורא האָבענדיג, ניט טראַכטענדיג וועגען די פֿאָלגען פֿון דעם. די דאָזיגע מעגליכקייט האָט זיך איהם פּלוצלונג פֿאָרגעשטעלט אַלס גרויסער פֿייערטאָג פֿון דער נשמה.

צו דער זעלבער צייט האָט ער זיך דערמאָנט, ווי אין דער קינדהייט, נאָך איידער ער איז געגאַנגען אין מיליטער־שול, פֿלעגט איהם זיין מוטער באַשטראָפֿען מיט דעם, וואָס זי פֿלעגט איהם צובינדען פֿאַר׳ן פֿוס מיט אַ דינער פֿאָדים צום בעט, און פֿלעגט אַליין אַוועקגעהן. און דער קליינער ראָמאַשאָוו פֿלעגט אונטערטעניג זיצען אַזוי שטונדען לאַנג. אַזוי פֿלעגט ער זיך אויף איין סעקונדע ניט פֿאַרטראַכטען צו אַוועקלויפֿען פֿון הויז אויף אַ גאַנצען טאָג, כאָטש ער פֿלעגט צוליעב דעם זיך דאַרפֿען אַראָפּלאָזען פֿון פֿענסטער פֿון צווייטען שטאָק איבער דער וואַסער־רינע; אָפֿט, פֿאַרשווינדענדיג אויף אַזאַ אופֿן, פֿלעגט ער זיך פֿאַרשלעפֿען אויף דעם אַנדער עק מאָסקווע, נאָכגעהענדיג אַ לויה, אָדער נאָך מיליטער־מוזיק; ער פֿלעגט דרייסט גנב׳ענען ביי דער מוטער צוקער, איינגעמאַכטס און פּאַפּיראָסען פֿאַר די עלטערע חברים, נאָר די פֿאָדים! — די פֿאָדים פֿלעגט אויף איהם מאַכען אַ מאָדנע, היפּנאָטיזירענדע ווירקונג. ער פֿלעגט מורא האָבען אָנצוציהען די פֿאָדים עטוואָס שטאַרקער, אַז זי זאָל ניט פּלאַצען. אין דעם איז ניט געווען קיין שרעק פֿאַר באַשטראָפֿט צו ווערען, און געוויס, ניט די עהרליכקייט און חרטה, נאָר טאַקע אַ היפּנאָז, עפּעס עהנליכעס צו אַבערגלויבישען שרעק פֿאַר די מעכטיגע, אומבאַגרייפֿליכע טאַ־

טען פון דערוואַקסענע, עפּעס עהנליכעס צום שרעק פון אַ ווילדען מענשען פאַר די מאַגישע צייכענס פון שאַמאַן.

„און אָט זיץ איך איצטער, ווי אַ חדר־אינגעל, ווי אַ אינגעל צו־געבונדען פאַר'ן פוס, — האָט ראַמאַשאַוו געטראַכט, אַרומשלעפּענדיג זיך איבער'ן צימער, — די טיר איז אָפען, מיר ווילט זיך געהן וואוהין איך וויל, טאָן וואָס איך וויל, ריידען, לאַכען — און איך זיץ אויף אַ פּאָדיום. דאָס זיץ איך, איך, דאָס בין — א י ך! נאָר דאָס האָט ע ר דאָך באַשלאָסען, אַז איך דאַרף זיצען. איך האָב דאָך מיין צושטי־מונג ניט געגעבען.

— איך! — ראַמאַשאַוו איז שטעהן געבליבען אין מיטען צי־מער, און מיט צושפּרייטע פיס און אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, האָט ער זיך שטאַרק פאַרקלערט. — איך! איך! איך! — האָט ער פּלוצ־לונג אויסגעשריען הויך, מיט באַוואונדערונג, גלייך ווי ער וואָלט צום ערשטען מאָל ערשט פאַרשטאַנען דעם דאָזיגען קורצען וואָרט. — ווער שטעהט עס דאָ און קוקט אַראָפּ אויף דעם שוואַרצען שפּאַלט פון דיל? דאָס בין — א י ך!. אָה, ווי מאָדנע!... א ־ י ך, — האָט ער געצויגען לאַנגזאַם, אַריינדרינגענדיג מיט דעם גאַנצען געדאַנק אין דעם קלאַנג.

ער האָט צוטראָגען אַ שמייכעל געטאָן, נאָר ער איז באַלד ערנסט געוואָרען און איז בלייך געוואָרען פון געדאַנקען־אָנשטרענגונג. עהנ־ליכעס פּלעגט מיט איהם ניט זעלטען פּאַסירען פאַר די לעצטע פינף־זעקס יאָהר, אַזוי ווי דאָס פּאַסירט מיט אַלע יונגע לייט אין דער צייט ווען זייער גייסט ווערט רייף. אַן איינפאַכע זאַך, אַ וואָרט, אַן אַלגעמיין באַוואוסטער זאַץ, די באַדייטונג פון וועלכען ער האָט שוין לאַנג מעכאַניש געוואוסט, באַקומט פּלוצלונג, אַ דאַנק אַ צופעליגער, אינ־נערליכער באַלייכטונג, אַ טיפען פילאָזאָפישען זין, און דאַן האָט זיך איהם געדאַכט, אַז ער הערט דאָס צום ערשטען מאָל, אַז ער האָט דאָס אַליין ענטדעקט. ער האָט נאָך אַפילו געדענקט, ווי אַזוי ד אָ ס האָט מיט איהם פּאַסירט צום ערשטען מאָל. דאָס איז געווען אין קלאַס אויף דער לעקציע פון רעליגיאָן. דער גלח האָט דערצעהלט דעם משל וועגען די אַרבייטער, וועלכע האָבען אַריבערגעשלעפּט שטיי־נער. איינער האָט פון אָנאַפאַנג אַריבערגעטראָגען די קליינע שטיינער און נאָכדעם די גרויסע, און די לעצטע שטיינער האָט ער שוין ניט

געקענט איבערשלעפּען; דער צווייטער האָט געטאָן פאַרקערט, און האָט זיין אַרבייט זעהר גוט געענדיגט. פאַר ראָמאַשאָוו'ן האָט זיך פּלוצלונג געעפענט אַ גאַנצער אָפּגרונט פון פּראַקטישען פאַרשטאַנד. וואָס איז באַהאַלטען אין דעם איינפאַכען משל, וועלכען ער האָט נאָך געוואוסט און פאַרשטאַנען פון זינט ער האָט אָנגעהויבען לעזען. דאָס זעלבע האָט מיט איהם פּאַסירט אין גיכען מיט דעם באַוואוסטען גלייכוואָרט: „זיעבען מאָל מעסט — און איינמאָל שנייד אָפּ", און עפּעס אין איין גליקליכען איינזיכטספולען מאָמענט האָט ער אַלץ אין איהם פאַרשטאַנען: פאַרנונפט, ווייטזיכטיגקייט, פאָרזיכטיגע שפּאָרזאַמקייט, אויסגערעכנטקייט. אַ ריעזיגע לעבענסגעניטקייט איז געווען איינגעשלאָסען אין די דאָזיגע פינף־זעקס ווערטער. און איצ־טער האָט איהם אויך אַזוי איבערראַשט און ערשיטערט דער אומגע־ריכט־קלאָרער באַוואוסטזיין פון זיין אינדיווידואַליטעט...

„א י ך — דאָס איז אינערליך — האָט ראָמאַשאָוו געטראַכט, — און דאָס איבעריגע — איז נ י ט א י ך. אָט דער צימער, די גאַס, די ביימער, דער הימעל, דער פּאָלק־קאָמאַנדיר, דער פּאָרוטשיק אַנדרוסעוויטש, דער דיענסט, די פאָהן, די סאָלדאַטען — דאָס איז אַלץ ניט א י ך. ניין, ניין — דאָס איז ניט א י ך. אָט זיינען מיינע הענט און פיס, — ראָמאַשאָוו האָט מיט באַוואונדערונג באַ־קוקט זיינע הענט, צוטראָגענדיג זיי נאָהנט צום געזיכט, אַזוי ווי ער וואָלט זיי צום ערשטען מאָל געזעהן. — ניין, דאָס איז אַלץ — ניט א י ך. און אָט וועל איך זיך אַ קניפּ טאָן פאַר דער האַנט... יע, אָט אַזוי... דאָס איז א י ך. איך זעה די האַנט, הויב זי אויף אין דער הויך — דאָס בין א י ך. דאָס, וואָס איך טראַכט איצטער — איז אויך א י ך. און אויב איך וועל וועלען געהן — דאָס איז א י ך. און אָט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט — דאָס איז א י ך.

אָה, ווי מאָדנע דאָס איז, ווי איינפאַך, ווי וואונדערבאַר. קען זיין, אַז ביי אַלעמען איז דאָ דער א י ך? און, קען זיין, אַז ניט ביי אַלעמען? קען זיין ביי קיינעם ניט, אויסער מיר? און וואָס — איז יע דאָ? אָט שטעהען פאַר מיר הונדערט סאָלדאַטען, איך שריי צו זיי: „די אויגען רעכטס!" און די הונדערט מענשען, פון וועלכע ביי יעדען איז דאָ אַן אייגענער א י ך, און וועלכע זעהען אין מיר עפּעס אַ פרעמדעס, זייטיגעס, אַ נ י ט ־ א י ך, — זיי אַלע קעהרען

אום די קעפּ אויף רעכטס. נאָר איך טייל זיי ניט אָפּ איינעם פון צווייטען, זיי זיינען — די מאַסע. און ביי דעם פּאָלקאָווניק שולגאַ־וויטש, קען זיין, בין איך, און וויעטקין, און לבאָוו, און אַלע פּאָרוטשי־קעס און קאַפּיטאַנען — אַלע צונויפגעגאָסען צוזאַמען אין איין פּנים, און מיר זיינען איהם אויך אַזוי פרעמד און ער טיילט אונז ניט אָפּ איינעם פון צווייטען?"

די טיר האָט אַ קלאַפּ געטאָן און אין צימער איז אריינגעשפּרונגען היינאַן. וואַקלענדיג זיך פון איין פוס אויף דער צווייטער און צי־הענדיג מיט די אַקסלען און אונטערטאַנצענדיג, האָט ער אויסגעשריען אין אַ געבראָכענער שפּראַך:

— וואַשע בלאַגאָראָדיאַ! בופעטשיק מעהר ניט געבען פּאַפּי־ראָסען. ער זאָגט פּאָרוטשיק סקריאַבין ניט געהייסען דיר געבען באָרג.

— אַך, טייפעל! — האָט זיך ביי ראָמאַשאָוו'ן ארויסגעריסען, — נו, געה, געה זיך דיר. ווי וועל איך דאָס זיין אָהן פּאַפּיראָסען?... נו, אַלץ איינס, קענסט געהן, היינאַן!

„וועגען וואָס האָב איך דאָס איצטער געטראַכט?" — האָט זיך זעלבסט ראָמאַשאָוו געפרעגט, בלייבענדיג אַליין. ער האָט אָנגעוואָ־רען די פעדים פון זיינע געדאַנקען, און פון אומגעוואוינהייט צו דענ־קען נאָכאַנאַנד, האָט ער זיי ניט געקענט געפינען. — וועגען וואָס האָב איך דאָס איצטער געטראַכט? וועגען עפּעס וויכטיגעס און נויטיגעס... וואַרט, מען דאַרף זיך דערמאָנען... איך זיץ ארעסטירט... אין גאָס געהען מענשען... קינדווייז האָט מיך די מאַמע צוגעבונדען... מ י ך צוגעבונדען... יע, יע... ביי דעם סאָלדאַט — איז אויך אַן א י ך. פּאָלקאָווניק שולגאָוויטש... איך האָב זיך דערמאָנט... נו איצ־טער ווייטער, ווייטער..."

„איך זיץ אין צימער. ניט אַ פארשפּאַרטער. איך וויל, נאָר איך וואָג ניט ארויסצוגעהן. פאַר וואָס וואָג איך ניט? בין איך דען אַ פאַרברעכען באַגאַנגען? אַ גנבה? אַ מערדעריי? ניין; ריידענ־דיג מיט אַ צווייטען, זייטיגען מענשען האָב איך ניט געהאַלטען די פּיס אין איינעם, און האָב עפּעס געזאָגט. קען זיין, איך האָב יע גע־דאַרפט האַלטען די פּיס אין איינעם! פאַרוואָס? איז דאָס דען וויכ־טיג? איז דען דאָס די הויפּט זאַך אין לעבען? אָט וועלען דורכ־געהן נאָך צוואַנציג־דרייסיג יאָהר — איין סעקונדע פון דער צייט,

וואָס איז געווען ביז מיר און וועט זיין נאָך מיר. — איין סעקונדע. מ י י ן א י ך וועט אויסגעלאָשען ווערען ווי אַ לאָמפּ, ביי וועלכען מען האָט פאַרדרעהט דאָס קנויטעל. נאָר דעם לאָמפּ וועט מען אָנ־צינדען נאָכאַמאָל, אָבער א י ך וועל שוין ניט זיין. און עס וועלען ניט זיין ניט דער צימער, ניט דער הימעל, ניט דער פּאָלק, ניט די מי־ליטער, ניט די שטערען, ניט דער ערד־קוגעל, ניט מיינע הענט און פיס... דערפאַר, ווייל א י ך וועל ניט זיין...

„יע, יע... דאָס איז אַזוי... נו, גוט... וואַרט, מען דאַרף ביסלעכ־ווייז... נו, ווייטער... איך וועל ניט זיין. עס איז געווען פינסטער, האָט עמיצער אָנגעצונדען מיין לעבען, און האָט עס באַלד פאַרלאָשען, און עס איז ווידער פינסטער געוואָרען אויף שטענדיג, אויף אייביג, אייביג... און וואָס האָב איך געטאָן אין דער קליינער רגע? געהאַלטען די הענט אויסגעצויגען אַראָפּ, די פיס צוזאַמען, אומגעמאַכט מיט דאָס נעזעל אַראָפּ מאַרשירענדיג און געשריען מיט'ן גאַנצען האַלז: „אויפ'ן אקסעל!" געזוידעלט זיך און ביידז געוואָרען איבער אַן איבערגעקערטען ביקס הענטעל, געציטערט אין דער אַנוועזענהייט פון הודערטער מענ־שען... פאַרוואָס? די דאָזיגע גייסטער, וואָס וועלען שטאַרבען צוזאַמען מיט מ י י ן א י ך, האָבען מיך געצוואונגען צו טאָן הונדערטער נוצ־לאָזע, אומאַנגענעמע זאַכען, און פאַר דעם האָבען זיי מ י ך באַליי־דיגט און ערנידערט. מ י ך ! ! ! פאַר וואָס האָט זיך דאָס מ י י ן א י ך אונטערגעגעבען צו די גייסטער?

ראַמאַשאָוו האָט זיך געזעצט צום טיש, זיך אָנגעלעהנט אויף איהם און צונויפגעדריקט דעם קאָפּ מיט זיינע הענט. ער האָט קוים איינגעהאַלטען די, פאַר איהם אומגעוועהנליכע, שוועבענדיגע געדאַנקען.

„הם... האָסטו פאַרגעסען? דאָס פאָטערלאַנד? דאָס וויעגעלע? די קברים פון די עלטערען? די מזבחות? און דער מיליטער־סאַלוט מיט דער דיסציפּלין? ווער וועט פאַרהיטען דיין פאָטערלאַנד, אויב אין איהם וועלען זיך אַריינרייסען פרעמדע שונאים?... יע, אָבער איך וועל שטאַרבען, און עס וועט ניט זיין מעהר ניט קיין פאָטערלאַנד, ניט קיין פיינד, ניט קיין עהרע. זיי לעבען ביז וואַנען עס לעבט מיין באַוואוסטזיין. זאָל אָבער פאַרשווינדען דאָס פאָטערלאַנד, די עהרע, און דער מונדיר און די אַלע הויכע ווערטער, וועט מיין א י ך בלייבען אומבאַריהרט. ווייזט אויס, אַז מ י י ן א י ך איז דאָך פאָרט

וויכטיגער איידער אַלע באַגריפען פון פליכט, עהרע און ליעבע? אַט דיעזען איך און פלוצלונג וועט מ י י ן א י ך זאָגען: איך וויל ניט! ניין — ניט מיין א י ך, נאָר מעהר... דער גאַנצער מיליאָן א י ך, פון וועלכע די אַרמיי איז צוזאַמענגעשטעלט, ניין—נאָך מעהר, — אַלע א י ך, וואָס באַזעצען דעם ערד־קוגעל, וועלען מיט אַמאָל זאָגען: איך וויל ניט! און דאַן וועט גלייך מלחמה ווערען אַן אוממעגליכע זאַך, און קיינמאָל, קיינמאָל וועלען מעהר ניט זיין „דאָפּעל די רייהען!" און „האַלב אויף רעכטס!" — ווייל אין דעם וועט מעהר קיין באַדערפניש ניט זיין. יע, יע, יע! דאָס איז ריכטיג, דאָס איז ריכטיג! — האָט אָנגעהויבען שרייען אין ראָמאַשאָוו'ן אַ צופרידענע שטימע. — די גאַנצע מיליטערישע העלדישקייט, די דיסציפּלין, די טשינען, די עהרע פון מונדיר, און די גאַנצע מיליטערישע בילדונג — אַלץ האַלט זיך נאָר אויף דעם, וואָס די מענשהייט וויל ניט, אָדער קען ניט, אָדער וואַגט ניט צו זאָגען: „איך וויל ניט!"

„און וואָס איז אַזוינס די קלוג צוזאַמענגעשטעלטע געביידע פון דער מיליטערישער אַרבייט? גאָרנישט, אַ פּוץ, אַ געביידע, וואָס הענגט אין דער לופט, וואָס איז באַגרינדעט ניט אויף די דריי קורצע ווערטערלאַך „איך וויל ניט", נאָר אויף דעם, וואָס די דאָזיגע דריי ווערטער זיינען נאָך ביז איצט ניט אַרויסגערעדט געוואָרען. מיין א י ך וועט דאָך קיינמאָל ניט זאָגען: „איך וויל ניט עסען, איך וויל ניט אָטעמען, איך וויל ניט זעהן". און אויב מען וועט פאָרלייגען שטאַרבען, וואָלט ער אומבאַדינגט, אומבאַדינגט זאָגען: „איך וויל ניט". איז וואָס איז דאַן מלחמה מיט איהרע אומפאַרמיידליכע טויטען, און די גאַנצע מיליטער־קונסט, וואָס לערענט בעסערע מיטלען, ווי אַזוי צו טויטען? אַ וועלט פעהלער? אַ פאַרבלענדעניש?"

„ניין, דו וואַרט, וואַרט... ווייזט אויס איך האָב אַליין אַן אירטום. עס קען דאָך ניט זיין, אַז איך זאָל ניט האָבען קיין אירטום, וואָרים דער „איך וויל ניט" איז אַזוי פּראָסט, אַזוי נאַטירליך, אַז עס דאַרף אַריין אין קאָפּ יעדען איינעם. נו, גוט; לאָמיר זיך פאַנאַנדערקלייבען. מיר וועלען זיך פאָרשטעלען, אַז מאָרגען, לאָמיר זאָגען אַז אין דער סעקונדע איז דער דאָזיגער געדאַנק אַריין אַלעמען אין זינען: די רוסען, דייטשען, ענגלענדער, יאַפּאַנעזער... און אָט איז שוין מעהר ניטאָ קיין מלחמה, ניטאָ קיין אָפיצערען און סאָלדאַטען און אַלע זיי־

נען זיך צוגאַנגען אהיים. איז וואָס וועט זיין ? יע, וואָס וועט דאַן זיין ? איך וויים, שולגאָוויטש וועט מיר אויף דעם ענטפערען: דאַן וועט מען קומען צו אונז אומגעריכטערהייט, מען וועט ביי אונז אָפּנע־מען די ערד און די הייזער, מען וועט צוטרעטען אונזערע פעלדער, מען וועט אוועקפיהרען אונזערע ווייבער און שוועסטער. און די בונטאָור־שטשיקעס ? סאָציאַליסטען, רעוואָלוציאָנערען ? אָבער ניין.—דאָס איז ניט ריכטיג. ווער וועט דאַן געהן מיט געוועהר און גוואַלט־טאַטען? קיינער ניט. איז וואָס וועט פאַסירען ? אָדער, קען זיין, אַלע וועלען דאַן שלום מאַכען ? מען וועט נאָכגעבען איינער דעם צווייטען ? מען וועט זיך צוטיילען ? מען וועט זיך איבערבעטען ? מיין גאָט, וואָס וועט דאָס זיין ?"

ראַמאַשאָוו, אַ פאַרנומענער מיט זיינע געדאַנקען, האָט ניט באַ־מערקט ווי היינאַן איז צוגעגאַנגען צו איהם פון הינטען און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט איבער זיין אַקסעל. ראַמאַשאָוו האָט עטוואָס אַ ציטער געטאָן און אַ געשריי געטאָן פון שרעק:

— וואָס דאַרפסטו, טייפעל!?

היינאַן האָט אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש אַ ברוינעם פּאַפּירענעם פעקעל.

— דיר! — האָט ער פאַמיליאַר און צערטליך געזאָגט, און ראַ־מאַשאָוו האָט דערפיהלט, אַז ער שמייכעלט איהם פריינדליך אהינ־טער'ן רוקען. — דיר פּאַפּיראָסען. רויכער!

ראַמאַשאָוו האָט אַ קוק געטאָן אויפ'ן פעקעל. אויף איהם איז געווען אָנגעדרוקט: פּאַפּיראָסען „טרובאַטש", פּרייז 3 קאָפּ 20 שטיק.

— וואָס איז דאָס ? צוליעב וואָס ? — האָט ער פאַרוואונדערט געפרעגט. — וואו האָסטו דאָס גענומען ?

— איך זעה, דיר פּאַפּיראָסען ניטאָ. געקויפט פאַר מיין געלט. רויכער, זיי גוט, רויכער. גאָר ניט. איך שענק דיר.

היינאַן האָט זיך פאַרשעמט און איז האַסטיג אַרויסגעלאָפען פון צימער, שטאַרק אַ קלאַפּ טוענדיג מיט דער טיר. דער פּאָדפּאָרוטשיק האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. אין צימער האָט אָנגעהויבען צו שמע־קען מיט טריפּוואַקס און געברענטע פעדערען.

„אָה, ליעבער! — האָט געריהרטער ראַמאַשאָוו אַ טראַכט געטאָן. — איך בין אויף איהם בייז, איך שריי, איך צווינג איהם ביי־

נאכט אראָפּגענומען פון מיר ניט נאָר די שטיוועל, נאָר אויך די זאָקען און די הויזען. און ער האָט מיר אָט געקויפט פּאַפּיראָסען פאַר זיינע קלעגליכע לעצטע סאָלדאַטסקע גראָשענס. „רויכער, זיי אַזוי גוט!" פאַר וואָס איז דאָס?

ער איז ווידער אויפגעשטאַנען און פאַרלעגענדיג די הענט אהינ־טער'ן רוקען, האָט ער גענומען אומגעהן איבער'ן צימער.

„אָט זיינען זיי הונדערט מענשען אין אונזער ראָטע. און יעדער פון זיי איז אַ מענש מיט גדאַנקען, מיט געפיהלען, מיט זיינעם אַן אייגענעם כאַראַקטער, מיט לעבען געניטקייט. מיט פערזענליכע סימ־פּאַטיען און אַנטיפּאַטיען. ווייס איך וועגען זיי עפּעס? ניין — גאָרנישט, אויסער זייערע גזיכטער. אָט זיינען זיי פון רעכטען פלאַנג: סאָלטיס, ריאַבאָשאַפּקאַ, וועדעניעיעוו, יעגאַכאָוו, יאַשצישישין... גרויע, איינטאָניגע גזיכטער... וואָס האָב איך געטאָן אויף צו ברייננגען אין באַריהרונג מיין נשמה מיט זייער נשמה, מ י י ן א י ך מיט ז י י ע ר א י ך? גאָרנישט."

ראַמאַשאָוו האָט זיך דערמאָנט אָן אַ פּייכטען שפּעטיגען הערבסט־אָווענט. עטליכע אָפיצערען און צוזאַמען מיט זיי אויך ראַמאַשאָוו זיינען געזעסען אין קלוב און געטרונקען בראַנפען, ערשט עס איז אריינ־געלאָפען דער פעלדפעבעל פון דער 9טער ראָטע און אַ פאַרסאָפּעטער האָט ער אַ געשריי געטאָן צו זיין ראָטנעם קאָמאַנדיר:

— וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע! מען האָט די יונגע געבראַכט צוטרייבען!...

יע, טאַקע געבראַכט צוטרייבען. זיי זיינען געשטאַנען אויפ'ן הויף אין איין קופּע, אונטער'ן רעגען, אַזוי ווי אַ סטאַדע צושראָקענע און אונטערטעניגע חיות, און האָבען געקוקט אומפּאַרטרויליך פון אונ־טער'ן שטערען. נאָר ביי אַלעמען זיינען געווען באַזונדערע פּנים'ער. עס קען זיין, דאָס האָט זיך געדוכט אַזוי, ווייל זייערע קליידער זיינען געווען פאַרשידענאַרטיג. „דער, אָט, איז געווים געווען אַ שמיעד, — האָט דאַן ראַמאַשאָוו געטראַכט, דורכגעהענדיג פאַרביי און איינקוקענ־דיג זיך אין די גזיכטער, — און דער, ווייזט אויס, איז אַ פרעהליכער און איז אַ מייסטער צו שפּיעלען אויף דער האַרמאָניע. דער — איז ניט קיין פּראָסטער, אַ ריהרעוודיגער, אַ דורכגעטריבענער יונג, מיט אַ שנע־לער, גלאַטער שפּראַך,—צי איז ער ניט געווען אַמאָל אַ דיענער אין אַ

רעסטאָראַן?" עס איז אויך קענטיג געווען, אַז מען האָט זיי געבראַכט צוטרייבען. אַז נאָך מיט עטליכע טעג צוריק האָבען זיי די ווייבער און די קינדער מיט געשריי און געוויין באַגלייט און אַז זיי אַליין האָבען זיך געשטאַרקט ניט צו וויינען... נאָר עס איז אַריבער אַ יאָהר און אַט שטע־הען זיי אין אַ לאַנגער, טויטער רייהע—גרויע, דערשלאָגענע, הילצערנע —ס אָ ל ד אַ ט ע ן! זיי האָבען ניט געוואָלט געהן. ז י י ע ר א י ך ה אָ ט נ י ט ג ע װ ו אָ ל ט. מיין גאָט, וואו זיינען דאָס די אורזאַכען פון דער שרעקליכער מיספאַרשטענדניס? וואו איז דער אָנהויב פון דעם קניפּעל? אָדער דאָס אַלץ איז די זעלבע, ווי דער באַוואוסטער שווי־שפּיעל מיט דעם האָהן? מען בויגט איין דעם האָהנס קאָפּ צום טיש —וואַרפט ער זיך. נאָר מען פיהרט דורך מיט קרייד אַ פּאַס ביי איהם איבער די נאָז און נאָכדעם ווייטער איבער'ן טיש, און ער טראַכט שוין, אַז מען האָט איהם צוגעבונדען, און זיצט, ניט אַ ריהר טוענדיג זיך, מיט אויסגעשטאַרצטע אויגען און אַן אומנאַטירליכען שרעק.

ראַמאַשאָוו איז צוגעגאַנגען צו דער בעט און האָט זיך אַוועקגע־לעגט.

„וואָס בלייבט מיר איצט צו טאָן אויף אַזאַ אופן? — האָט ער ערנסט, כמעט בייז, געפרעגט ביי זיך אַליין — יע, וואָס זאָל איך טאָן? אַוועק פון דיענסט? אָבער, וואָס ווייסטו? וואָס קענסטו טאָן? אין אָנפאַנג איז געווען פּאַנסיאָן, נאָכדעם מיליטער שול, נאָכדעם זיין איינגעשלאָסען אין אָפיצערישעם לעבען... האָסטו געוואוסט פון קאַמף? פון נויט? ניין, דו האָסט געלעבט אויף אַלעם פאַרטיגען, דענקענדיג, ווי אַ שילערין, אַז פראַנצויזישע קוילעטשען וואַקסען אויף בוימער. פּרואוו זיך אָקאָרשט אוועקגעהן. מען וועט דיך פאַרפיהרען, דו וועסט ווערען אַ שיכור, דו וועסט פאַלען ביי דעם ערשטען טראָט פון אַ זעלבסטשטענדיגען לעבען. וואַרט. ווער פון די אָפיצערען, וועמען דו קענסט, איז אוועק פרייוויליג פון דיענסט? קיינער ניט. זיי אַלע האַלטען זיך ביים דיענסט, ווייל זיי טויגען מעהר ערגעץ ניט, זיי ווייסען גאָרנישט. און אויב זיי געהען אוועק, געהען זיי אום אין אַ פאַרשמאָלצען מיליטערישען היטעל. „אייע לאַ באַנטע... אַ נאָבעלער רוסישער אָפיצער... קאָמפּרענע וואו..." אַך, וואָס זאָל איך טאָן, וואָס זאָל איך טאָן!"

— אַרעסטאַנט! אַרעסטאַנט! — האָט אונטער'ן פענסטער גע־הילכט אַ קלאָרע פרויען־שטימע.

ראַמאַשאָוו איז אויפגעשפרונגען פון בעט און איז צוגעלאָפען צום פענסטער. אין דרויסען איז געשטאַנען שוראָטשקאַ. פאַרשטעלענדיג מיט די הענט די אויגען פון ליכט, איז זי נאָהענט צוגעפאַלען מיט איהר לאַכעדיגען פנים צו דער שויב און האָט גערעדט זינגענדיג:

— גי־יט דעם אַ־אָרימען געפאַנגענעם...

ראַמאַשאָוו האָט זיך גענומען פאַר דאָס הענטעל פון פענסטער נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָס צווייענדיגע פענסטער איז נאָך ניט ארויסגענומען. דאַן האָט ער, פול מיט פרעהליכער ענטשלאָסענהייט, מיט די גאַנצע כחות אַ ציה געטאָן צו זיך די ראַם פון פענסטער. די ראַם האָט זיך מיט אַ קנאַק פאַנאַנדערגעפענט, באַשיטענדיג ראַמאַ־שאָוו'ס קאָפּ מיט שטיקלאַך וואַפנע און טרוקענע ליים. די פרישע לופט, אָנגעפילט מיט צאַרטען, פרעהליכען דופט פון ווייסע בלומען, האָט זיך ווי אַ שטראָם אריינגעריסען אין צימער.

„אָט אזוי! אָט אזוי דאַרף מען זוכען אַן אויסגאַנג!" האָט אין ראַמאַשאָוו'ס זעל געשריען אַ לאַכענדיגע, יובעלדיגע שטימע.

— ראָמאָטשקאַ! משוגע'נער! וואָס טוט איהר?

ער האָט אָנגענומען איהר האַנט, וואָס זי האָט אויסגעשטרעקט דורכ'ן פענסטער און האָט איהר דרייסט אַ קוש געטאָן, אָנפאַנגס פון אויבען, נאָכדעם פון אונטען, אין צוזאַמענבויג, אין דעם קיילעכדיגען אויסשניט איבער די קנעפּלאַך פון הענטשקע. ער האָט דאָס פריהער קיינמאָל ניט געטאָן, נאָר זי האָט באַוואוסטלאָז, אזוי ווי אונטערגעבענ־דיג זיך דעם שטראָם פון יענער ערהאַבענער דרייסטקייט, וואָס האָט אזוי פּלוצלונג אין איהם אויפגעברויזט, זיך ניט געוועהרט פון זיינע קו־שען, און האָט נאָר געקוקט אויף איהם מיט אַ צומישטער באַוואונדע־רונג, שמייכלענדיג.

— אַלעקסאַנדראַ פּעטראָוונאַ! ווי זאָל איך אייך דאַנקען? ליעבע!

— ראָמאָטשקאַ, וואָס איז דאָס מיט אייך? וואָס האָט איהר זיך אזוי דערפרעהט — האָט זי געזאָגט לאַכענדיג, נאָר אַלץ דורכדרינ־גענד און נייגעריג קוקענדיג אויף ראַמאַשאָוו'ן. — ביי אייך בלאַנקען די אויגען. וואַרט אויס, איך האָב אייך קוילעטשען געבראַכט, ווי אַן

ארעסטאנט... ביי אונז איז היינט וואונדערבארע עפעל־קוילעטשען, זיסע... סטעפאן, טראגט צו דאס קוישעל.

ער האט נאך אלץ געקוקט אויף איהם מיט שיינענדע, פארליעבטע אויגען, ניט ארויסלאזענדיג איהר האנט פון זיינער, — זי האט זיך ווידער ניט געווערט פון דעם, — און איילענדיג געזאגט:

— אך, ווען איהר וואלט נאר וויסען, פון וואס איך האב גע־טראכט היינט דעם גאנצען פריהמארגען... ווען איהר וואלט נאר וויסען... נאר וועגען דעם שפעטער...

— יע, שפעטער... אט גערט מיין מאן און באפעלער... לאזט אפ די האנט. וואס פאר א וואונדערליכער איהר זייט היינט, יורי אלעקסעאיטש, איהר זייט גאר שעהנער געווארען.

צום פענסטער איז צוגעגאנגען ניקאלאיעוו. ער איז געווען אומ־צופרידען און האט זיך ניט איבריגס ליעבליך באגריסט מיט ראמא־שאוו'ן.

— גערה, שוראטשקא, גערה, — האט ער צוגעאיילט זיין ווייב. — דאס איז דאך, גאט ווייס וואס דאס איז. איהר זייט, ווירקליך,ביידע משוגעים. עס וועט דערגעהן צום קאמאנדיר—איז וואס וועט דערפון ארויסקומען. ער איז דאך ארעסטירט. זייט געזונט, ראמאשאוו. קומט אריין.

— קומט אריין, יורי אלעקסעאיטש, — האט נאכגעזאגט אויך שוראטשקא. זי איז אוועק פון פענסטער, נאר זי האט זיך באלד אומ־געקערט און האט געזאגט שנעל, שטילערהייט:

— הערט אויס, ראמאטשקא: ניין, ווירקליך, פארגעסט אונז ניט. דער איינציגער מענש ביי מיר, מיט וועמען איך פיהל זיך ווי מיט א פריינד — זייט איהר. איהר הערט? נאר ניט וואגט אצושטעלען אויף מיר אזוינע שעפסענע אויגען. אויב אזוי, וויל איך אייך ניט אנ־קוקען. זייט אזוי גוט, ראמאטשקא, ניט דענקט קיין זאך וועגען זיך. איהר זייט גאר קיין מאנסביל ניט אויך.

.7

אום האַלב פֿיער איז צו ראָמאַשאָוו'ן געקומען צופֿאָהרען דער אַדיוטאַנט פֿון פּאָלק, פּאָרוטשיק פּעטראָוואָוסקי. דאָס איז געווען אַ הויכער און, ווי די דאַמען פֿון פּאָלק פֿלעגען זיך אויסדריקען, אַן אַנזיכטיגער יונגער מאַן. מיט קאַלטע אויגען און מיט לאַנגע וואָנסען. ער פֿלעגט זיך האַלטען אָנגעצויגען־העפֿליך, נאָר שטרענג אָפֿיציעל מיט די יונגע אָפֿיצערען. ער איז מיט קיינעם ניט געווען באַפֿריינדעט און האָט געהאַט אַ הויכע מיינונג וועגען זיין דיענסט־לאַגע. די ראָטנע קאָמאַנדירען פֿלעגען איהם חנפֿ'ענען.

אַריינקומענדיג אין צימער, האָט ער מיט אַ לויפֿענדיגען בליק אַרומגעקוקט די אָרימע אויסשטאַטונג פֿון ראָמאַשאָוו'ס צימער. דער פּאָדפּאָרוטשיק, וועלכער איז געלעגען אויפֿ'ן בעט, איז האַסטיג אויפֿגעשפּרונגען און, רויט ווערענדיג, האָט ער איילענדיג גענומען פֿאַרשפּילען די קנעפֿלאַך פֿון זיין ראָק.

— איך בין ביי אייך לויט דעם באַפֿעל פֿון פּאָלקאָווניק, — האָט פּעטראָוואָוסקי געזאָגט מיט אַ טרוקענעם טאָן, — באַמיהט זיך אָנצוטאָן זיך און פֿאָהרען מיט מיר.

— ענטשולדיגט... איך וועל באַלד... די פֿאָרם פֿון די קליידער דאַרף זיין אַ געוועהנליכע? ענטשולדיגט, איך בין אָנגעטאָן היימליך.

— עס מאַכט ניט אויס, ניט שרעקט זיך. אַ סורטוק. מיט אייער ערלויבניש, מעג איך זיך צוזעצען?

— אַך, ענטשולדיגט, איך בעט אייך. פֿיליכט ווילט איהר טיי?

— האָט זיך ראָמאַשאָוו גענומען איילען.

— ניין, אַ דאַנק. איך בעט אייך, וואָס שנעלער.

ניט אַראָפּנעמענדיג דאָס מאַנטעל און די האַנדשוה, האָט ער זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול, און ביז וואַנען ראָמאַשאָוו האָט זיך איילענדיג, אויפֿגערעגטערהייט און שעמענדיג זיך פֿאַר זיין ניט איבריגס ריינער העמד, אָנגעטאָן, איז ער די גאַנצע צייט געזעסען גלייך און אומבאַוועגליך, מיט אַ שטיינערנעם געזיכט, האַלטענדיג די הענט אויף דאָס הענטעל פֿון שווערד.

— איהר ווייסט ניט, צוליעב וואָס רופֿט מען מיך?

דער אַדיוטאַנט האָט אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען.

— א מאָדנע פראַגע. פון וואַנען זאָל איך וויסען? אייך איז דאָס, אָהן צווייפעל, מעהר באַוואוסט, ווי מיר... פאַרטיג? איך ראַט אייך דעם רימען פון שווערד דורכצוציהען אונטער׳ן עפּאָלעט און ניט פון אויבען. איהר ווייסט, ווי דער פּאָלקאָווניק האָט דאָס ניט ליעב. אָט אזוי... נו, לאָמיר פאָהרען.

ביים טויער איז געשטאַנען א קאַרעט געשפּאַנט מיט א פּאָר גע־וויקסיגע, אָפּגעפּאַשעוועטע פּאָלקאָווע פערד. די אָפיצערען האָבען זיך געזעצט און אַוועקגעפאָהרען. אוים העפליכקייט, האָט זיך ראָמאַשאָוו די גאַנצע צייט געמיהט צו האַלטען זיך אָן א זייט אַזוי, אַז ער זאָל ניט ענג מאַכען דעם אדיוטאַנט, און יענער האָט זיך געמאַכט, אַז ער באַ־מערקט דאָס גאָר ניט. אין וועג האָבען זיי באַגעגענט וועטקינ׳ען. ער האָט געסאָליוטירט דעם אַדיוטאַנט, נאָר באַלד אַהינטער זיין פּלייצע האָט ער געמאַכט ראָמאַשאָוו׳ן א באַזונדער׳ן הומאָריסטישען זשעסט, וועלכער האָט געזאָלט הייסען: „וואָס, ברודער, מען האָט דיך אוועק־געשלעפּט צום משפּט?“ און נאָך אָפיצערען האָבען זיי באַגעגענט. אייניגע פון זיי האָבען אויפמערקזאַם, אַנדערע מיט באַוואונדערונג, און אייניגע מיט שפּאָט — געקוקט אויף ראָמאַשאָוו׳ן. און ער האָט זיך ניט ווילענדיג איינגעהויקערט אונטער זייערע בליקען.

פּאָלקאָווניק שולגאָוויטש האָט ניט באַלד אויפגענומען ראָמאַ־שאָוו׳ן: ביי איהם איז עמיצער געווען אין קאַבינעט. עס איז אויסגע־קומען צו וואַרטען אין דעם האַלב־פינסטערען פאָרצימער, וואו עס האָט געשמעקט מיט עפּעל, מיט נאַפטאַלין, מיט פרישע פאַרב און מיט נאָך עפּעס באַזונדערעס, ניט אומאַנגענעמעס, מיט וואָס עס שמעקען די קליידער און די זאַכען אין בעל הבית׳ישע פּינקטליכע דייטשע פאַמי־ליען. אין פאָרצימער האָט ראָמאַשאָוו עטליכע מאָל א קוק געטאָן אויף זיך אין שפּיגעל, וועלכע איז געווען איינגעפּאַסט אין א העלע ראַם, און יעדער מאָל האָט זיך איהם זיין געזיכט אַרויסגעוויזען עקעלהאַפט בלייך, ניט שעהן און אומנאַטירליך, דער סורטוק — צו אַלט, און די עפּאָלעטען ניט פריש.

אָנפאַנגס האָט זיך פון קאַבינעט דערטראָגען נאָר דער פאַרטויב־טער איינטאָניגער קלאַנג פון פּאָלקאָווניקס באַס. די ווערטער האָט ער ניט געקענט הערען, אָבער נאָך די כעס׳דיגע אינטאָנאַציעס האָט מען געקענט פאַרשטעהן, אַז דער פּאָלקאָווניק בייזערט זיך אויף עמיצען

הארטנעקיג און איינגעשפּארט. דאָס האָט געדויערט אַ מינוט פינף. נאָך דעם איז שולגאָוויטש פּלוצלונג אַנשווינגען געוואָרען. עס האָט זיך געלאָזט הערען עמיצענס ציטעריגע, בעטענדיגע שטימע, און באַלד, נאָך אַ קליינער פּאוזע, האָט ראַמאַשאָוו קלאָר דערהערט די ווערטער, וועלכע זיינען ארויסגעזאָגט געוואָרען מיט גאוה, פּאַרדראָס און פאַר־אַכטונג:

— וואָס דרעהסט איהר אַ קאָפּ? קינדער? אַ ווייב? שפּייען וויל איך אויף אייערע קינדער! איידער צו אָנהאָבען קינדער, האָט איהר באַדאַרפט אַ טראַכט טאָן, מיט וואָס צו נעהרען זיי. וואָס? אהא, איצטער — ענטשולדיגט, הערר פּאָלקאָווניק. דער הערר פּאָל־קאָווניק איז אין אייערע געשעפטען גאָר ניט שולדיג. איהר, קאַפּיטאַן, זאָלט וויסען, אַז אויב דער הערר פּאָלקאָווניק וועט אייך ניט איבערגע־בען צום געריכט, וועל איך מיט דעם באַגעהן אַ פאַרברעכען געגען דיענסט. וואָ־אָס? שווייגט, זייט אַזוי גוט! ניט אַ פעהלער, נאָר אַ פאַרברעכען! אייער אָרט איז ניט אין פּאָלק, נאָר איהר ווייסט אַליין — וואו! וואָס?

און ווידער האָט אָנגעהויבען צו דרינדזען אַ ציטעריגע, בעטענדיגע שטימע, אַזאַ קלעגליכע, אַז עס האָט זיך געדוכט, דאָס אין איהר איז גאָר קיין מענשליכעס ניטאָ. „גאָט מיינער, וואָס איז דאָס?“ — האָט אַ טראַכט געטאָן ראַמאַשאָוו, וועלכער האָט זיך אַזוי ווי צוגעקלעפּט צו דער שפּיגעל, גלייך קוקענדיג אויף זיין אייגענעם בלייכען פּנים און ניט זעהענדיג איהם, פיהלענדיג, אַז זיין הארץ האָט זיך קרענקליך געגומען וואַרפען און ציטערען. — „מיין גאָט, וואָס פאַר אַ שרעק!“

די רחמנות'דיגע שטימע האָט גערעדט גאַנץ לאַנג. ענדליך האָט זיך ווידער צוקייקעלט דעם פּאָלקאָווניקס טיפער באַס, נאָר איצטער שוין אַ רוהיגערער, אַ ווייכערער, אַזוי ווי שולגאָוויטש האָט שוין באַוויזען אויסצוגיסען זיין כעס און געשריי, און צופרידענשטעלען זיין נקמה דורשט אין דעם צוזעהן פון פרעמדער ערנידערונג.

ער האָט גערעדט אָפּגעהאַקט:

— גוט, צום לעצטען מאָל. נאָר געדענקט, דאָס איז דאָס לעצטע מאָל. איהר הערט? פאַרשרייבט דאָס אויף אייער רויטען שיכור'ן נאָז. אויב איך וועל נאָך אַמאָל דערהערען, אַז איהר טרינקט... וואָס? גוט, גוט, איך ווייס אייערע צוזאָגען. די ראָטע זאָלט איהר מיר צו־

גרייטען צום סמאָטר. דאָס איז ביי אייך ניט קיין ראָטע, נאָר אַ ב.... אין אַ וואָך אַרום וועל איך אַליין קומען און זעהן... נו, און איצטער האָט איהר מיין עצה. ערשטענס, רייניגט זיך אָפּ מיט די סאָלדאַטען געלדער און מיט די רעכענונגען. איהר הערט? מאָרגען זאָל דאָס זיין געטאָן! וואָס? און מיר איז וואָס פאַר אַ דאגה? איהר מעגט כאָטש... און ווייטער, קאַפּיטאַן, פאַרהאַלט איך אייך ניט. איך האָב די עהרע צו זעגענען זיך מיט אייך.

עמיצער האָט אויף די שפּיצען פינגער, סקריפּענדיג מיט די שטיוועל, גענומען געהן צום אַרויסגאַנג. נאָר באַלד האָט איהם אָפּגעשטעלט דעם פּאָלקאָווניקס שטימע, וועלכע איז געוואָרען צופיעל בייז, כדי זי זאָל זיך ניט אַרויסווייזען פאַר געקינסטעלט.

— וואַרט נאָר אויף, קום אהער, דו שוואַרציאָהר איינער. ווּעסט מסתמא לויפען צו די אידעלאַך? הא? וועקסלאַך אונטערשרייבען? עך, דו נאַר, נאַר, נאַרישער קאָפּ, וואָס דו ביזט... נא דיר שוין, אַ טייפעל דיר אין לעבער, איינס, צוויי... איינס, צוויי, דריי... דרייהונדערט. מעהר קען איך ניט. ווּעסט אָוועקגעבען ווען דו ווּעסט קענען. פוּ, טייפעל, וואָס טוט איהר דאָס, קאַפּיטאַן! — האָט דער פּאָלקאָווניק אָנגעהויבען צו ליאַרמען, אַלץ העכערענדיג און העכערענדיג זיין שטימע. — איהר זאָלט זיך ניט וואַגען טאָן דאָס קיינמאָל! דאָס איז נידעריג. נו, מאַרש, מאַרש, מאַרש. איך האָב די עהרע!...

אין פּאָרצימער איז אַריין אינגאַנצען אַ רויטער, מיט טראָפּענס שווייס אויף דער נאָז און אויף די שלייפען, מיט אַ צודרעהטען, צוטומעלטען געזיכט, דער קאַפּיטאַן סוועטאָווידאָוו. זיין רעכטע האַנט איז געווען ביי איהם אין קעשענע און האָט קרעמפּהאַפּט געקנאַקט מיט די נייאינקע פּאַפּירלאַך. דערזעהענדיג ראָמאַשאָוו'ן, האָט ער אָנגעהויבען צו טרעטען שנעל מיט זיינע פיס, אומנאַטירליך־פּאַיאַציש אָנגעהויבען צו לאַכען און האָט זיך איינגעשצעמעט מיט זיין פייכטער, הייסער, ציטעריגער האַנט אין דעם פּאָדפּאָרוטשיקס האַנט. זיינע אויגען זיינען אָנגעשטרענגט און פאַרשעמט אַרומגעלאָפען און צו דער זעלבער צייט אַרומגעטאַפּט ראָמאַשאָוו'ן: האָט ער געהערט, אָדער ניט?

— בייז ווי אַ טיגער! — האָט ער פריינדליך און פאַרשעמטערהייט געמורמעלט, אָנווייזענדיג אויף דעם קאַבינעט. — נאָר, גאָרנישט!

— סוועטלאָווידאָוו האָט זיך שנעל און נערוועז איבערגע׳צלמ׳ט צוויי מאָל. — גאָרנישט. אַ דאַנק דיר, גאָט, אַ דאַנק דיר, גאָט.

— באַנדאַרענקאָ! — האָט פון הינטער׳ן וואַנט אַ געשריי געטאָן דער קאָמאַנדיר, און זיין ריזיגע שטימע האָט אָנגעפילט דעם גאַנצן הויז, און די דינגע וועגטלאַך פון פּאַרצימער, האָט זיך געדוכט, האָבען אָנגעהויבען ציטערען. ער האָט קיינמאָל ניט געברויכט קיין גלעקעל, פּאַרלאָזענדיג זיך אויף זיין אויסערגעוועהנליכען האַלז. באַנדאַרענקאָ! ווער איז נאָך דאָרטען? בעט אריינקומען!

— ווי אַ שלאַנג! — האָט אַ מורמעל געטאָן סוועטלאָווידאָוו מיט אַ קרומען שמייכעל. — זייט געזונט, פּאָרוטשיק. איך ווינש אייך אַ גרינגע היץ.

פון טיר האָט זיך ארויסגעדרעהט דער דיענער, אַ כאַראַקטערים־טישער דיענער פון אַ קאָמאַנדיר, מיט אַ וואויל־חוצפּה׳דיגען פּנים און מיט אויליגען טייל אויף דער זייט פון קאָפּ, אין ווייסע פּאַדימנע האַנדשוה. מיט אַ טאָן פון עהרפורכט און צו דערזעלבער צייט חוצפּה׳דיג, עטוואָס נאָך פּארזשמורענדיג די אויגען, האָט ער געזאָגט צום פּאָרוטשיק, קוקענדיג גלייך אויף איהם:

— דער וויסאָקאָבלאַגאָראָדיע בעט אייך.

ער האָט געעפענט די טיר אין קאַבינעט, שטעהענדיג מיט אַ זייט, און אליין גענומען טרעטען צוריק, געבענדיג דעם פּאָדפּאָרוטשיק דעם וועג. ראָמאַשאָוו איז אריינגעגאַנגען.

פּאָלקאָווניק שולגאָוויטש איז געזעסען ביים טיש אין דעם לינקען ווינקעל פון אריינגאַנג. ער איז געווען געקליידט אין אַ גרויען ראָק, פון וועלכען עס האָט זיך ארויסגעזעהן אויסגעצייכענטע, בלאַנקענדע וועש. די פלייישיגע רויטע הענט זיינען געלעגען אויף די הענטלאַך פון הילצערנעם שטול. זיין מגושמ׳דיגער אלטער פּנים, מיט אַ גרויער, קורצער בארשט האָר אויפ׳ן קאָפּ און גרויע פּארשפּיצטע באָרד, איז געוועזן בייז און קאַלט. די פּאַרבלאָזע העלע אויגען האָבען געקוקט פיינד־ליך. אויף דעם פּאָרוטשיקס נייג האָט ער קורץ אַ שאָקעל געטאָן מיט׳ן קאָפּ. ראָמאַשאָוו האָט פּלוצלונג באמערקט ביי איהם אין אויער אַ זילבערנעם אויערינגעל אין דער פאָרם פון אַ האַלבער לבנה מיט אַ קרייץ, און האָט אַ טראַכט געטאָן: „אָט דעם אויערינגעל האָב איך דאָך פריהער ניט געזעהן“.

— ניט גוט, — האָט דער קאָמאַנדיר אָנגעהויבען מיט אַ ברו־
מענדיגען באַס, וועלכער איז אַרויסגעקומען, ווי עס האָט זיך געדוכט,
פון דער טיפעניש פון זיין בויך, און האָט געמאַכט אַ לאַנגע פּאַוזע. —
מיאוס! — האָט ער פאַרטגעזעצט, העכערענדיג זיין שטים. — איהר
דיענט ערשט אַזאַ קורצע צייט, און איהר הויבט שוין אָן צו דרעהען
מיט'ן עק. איך האָב פיעל גרונד צו זיין מיט אייך אומצופרידען. איך בעט
אייך, וואָס הייסט דאָס? דער קאָמאַנדיר פון פּאָלק מאַכט איהם אַ
באַמערקונג, און ער, דער אומגליקליכער פראַפּאָרשטשיק, דער פענדריק
ערלויבט זיך צו ענטפערען עפּעס אַ נאַרישקייט. אבשייליך! —
האָט מיט אַמאָל דער פּאָלקאָווניק אַ געשריי געטאָן אַזוי הויך, אַז ראַ־
מאַשאָוו האָט אַ ציטער געטאָן. — אונזיניג! סקאַנדאַליעז!

ראָמאַשאָוו האָט אַ ברוגז'ער געקוקט אָן אַ זייט, און איהם האָט
זיך געדוכט, אַז קיין קראַפט אין דער וועלט וועט ניט קענען צווינגען
איהם אָפּנעמען די אויגען און אַ קוק טאָן אין פּנים דעם פּאָלקאָווניק.
„וואו איז מיין א י ך? — האָט זיך שפּאָטיש דורכגעטראָגען ביי איהם
אַ געדאַנק. — אָט דאַרפסטו שטעהן אויסגעצויגען און שווייגען".

— מיט וועלכע ווערטער דאָס איז צו מיר דערגאַנגען, וועל איך אייך
ניט איבערגעבען, נאָר מיר איז גוט באַוואוסט, אַז איהר טרינקט. דאָס
איז אבשייליך. אַ יונג אינגעל, אַ געלבמויליגער קליינער פויגעל, וואָס
איז ערשט אַרויס פון שול, — און טרינקט זיך אָן אין קלוב ווי דער לעצ־
טער שוסטער־געזעל. איך, מיין ליעבער, ווייס אַלץ; פון מיר קען זיך
קיין זאַך ניט באַהאַלטען. מיר איז פיעלעס באַוואוסט, וועגען וואָס
איהר זייט גאָר ניט חושד אפילו. מילא, אויב איהר ווילט זיך אַראָפּ־
קייקלען אַראָפּ פון אַ משופּע'דיגער פּלאַכקייט — איז אייער ווילען.
אָבער איז זאָג אייך צום לעצטען מאָל: מען הויבט אָן מיט אַ גלע־
זעל, נאָכדעם מיט אַ צווייטען, און נאָכדעם ענדיגט מען אַזוי, דאָס
לעבען אונטער אַ פּלויט ערגעץ. נעמט זיך דאָס אין קאָפּ אַריין. און
אויסער דעם זאָלט איהר וויסען: מיר זיינען געדולדיג, אָבער אויך
אַ מלאך'ס געדולד קען דאָך פּלאַצען... זעהט, ניט דערפיהרט מיך
ביז'ן סוף. איהר זייט איינער, און די געזעלשאַפט פון אָפיצערען —
איז אַ גאַנצע משפּחה. הייסט דאָס, קען מען אַלע מאָל, דאָס... פּאַר'ן
עק און אַרויס פון קאָמפּאַניע.

„איך שטעה, איך שוויג, — האָט מיט בענקשאַפט געטראַכט

ראָמאַשאָוו גלייך קוקענדיג אויף דעם אויערינגעל אין דעם פּאָלקאָווניקס אויער, — און איך האָב גאָר באַדאַרפט זאָגען, אַז איך אַליין האַלט ניט מייער די דאָזיגע משפּחה, און אַז איך בין גרייט כאָטש שוין אַרויס־רייסען זיך פון איהר. זאָגען? וועל איך דען וואָגען?" — דאָס האַרץ האָט ביי ראָמאַשאָוו'ן ווידער אַ ציטער געטאָן און גענומען שלאָגען. ער האָט אפילו געטאָן אַ מאַכטלאָזע באַוועגונג מיט די ליפּען און דער־שלונגען דאָס שפּייעכטס, אָבער ער איז געבליבען ווי פּאַראויס אומ־באַוועגליך.

— יע, און אין אַלגעמיין אייער אויפפיהרונג... — האָט שולגאָ־וויטש פּאַרטגעזעצט אין אַ האַרטען טאָן. — אָט אין פאָריגען יאָהר, צום ביישפּיעל, האָט איהר געבעטען אורלויב, ניט אָפּדיענענדיג נאָך אפילו קיין פולען יאָהר. איהר האָט עפּעס גערעדט וועגען דער קרענק פון אייער מוטער, באַוויזען דאָרטען פון איהר עפּעס אַ בריוועל... פּאַר־שטעהט איהר, איך וואָג ניט, יע, איך וואָג ניט צו גלויבען מיינעם אַן אָפיצער. אויב איהר זאָגט — די מוטער, זאָל זיין מוטער. איז וואָס, אַלעס פּאַסירט. אָבער ווייסט איהר — דאָס אַלץ, איינס צו איינס און, פּאַרשטעהט איהר...

ראָמאַשאָוו האָט שוין לאַנג געפיהלט ווי ביי איהם, אָנפאַנגס אומבאַמערקט, און וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, האָט אָנגעהויבען צו טרייסלען זיך די קניה פון דער רעכטער פוס. ענדליך איז די דאָזיגע נערוועזע בעוועגונג געוואָרען אַזוי שטאַרק, אַז ביי איהם האָט גענומען ציטערען דער גאַנצער קערפּער. דאָס איז געווען זעהר ניט אַנגענעם און ראָמאַשאָוו האָט מיט פּאַרדראָס געטראַכט, אַז שול־גאָוויטש קען אָננעמען דאָס ציטערען אַלס אַן אויסדרוק פון שרעק פאַר איהם. נאָר ווען דער פּאָלקאָווניק האָט גענומען ריידען וועגען זיין מוטער, האָט זיך דאָס בלוט, אין אַ הייסען פּאַרשיכור'ענדען שטראָם, אַ וואָרף געטאָן אין קאָפּ ראָמאַשאָוו'ן, און דאָס ציטערען האָט אויגענבליקליך אויפגעהערט. צום ערשטען מאָל האָט ער אויפגעהוי־בען די אויגען און האָט גלייך אַ קוק געטאָן אויף שולגאָוויטש'ן מיט האַס, מיט אַן עקשנות'דיגען און חוצפּה'דיגען אויסדרוק, וואָס האָט מיט אַמאָל פּאַרניכטעט דעם ריזיגען מרחק, וועלכער טיילט אָפּ דעם קליינעם אונטערטאַן פון דעם גרויזאַמען הערשער. אין גאַנצען צי־מער איז פּלוצלונג אַזוי ווי פינסטער געוואָרען, פּונקט ווי אין איהם האָ־

בען זיך פֿאַרצויגען די פֿאָרהאַנגען. דעם קאָמאַנדירס געדיכטע שטימע איז אַריינגעפֿאַלען אין עפּעס אַ קלאַנגלאָזע טיפֿעניש. עס איז ענט־שטאַנען אַ מאָמענט פֿון אימה'דיגער פֿינסטערניש און שטילקייט — אָהן געדאַנקען, אָהן ווילען, אָהן קיינע אויסערליכע איינדרוקען, כמעט אָהן באַוואוסטזיין, אויסער איין שרעקליכער איבערצייגונג, אַז אָט, די מינוט, וועט געשעהן עפּעס אונזיניגעס, וואָס מען קען ניט באַזייטיגען, עפּעס שרעקליכעס. עפּעס אַזוי ווי אַ מאָדנע פֿרעמדע שטימע האָט אויסערליך געמורמעלט ראַמאַשאָוו'ן אין אויער: „באַלד וועל איך איהם אַ קלאַפּ טאָן", און ראַמאַשאָוו האָט לאַנגזאַם איבערגעפֿיהרט די אויגען אויף זיין גרויסען פֿליישיגען אַלטען פּנים...

נאָכדעם, אַזוי ווי אין שלאָף, האָט ער דערזעהן, נאָר ניט פֿאַר־שטעהענדיג דאָס, אַז אין שולגאָוויטש'עס אויגען האָבען, בייטענדיג זיך, אָפּגעשפּיגעלט זיך פֿאַרוואונדערונג, שרעק, אויפֿרעגונג, רחמנות... די וואָהנזיניגע אומפֿאַרמיידליכע כוואַליע, וואָס האָט אַזוי גרויזאַם און סטיכיש פֿאַרכאַפּט ראַמאַשאָוו'ן, איז פּלוצלונג אָנגעפֿאַלען, צוגאַנגען און אָפּגעשוואומען ערגעץ ווייט. ראַמאַשאָוו, אַזוי ווי פֿון שלאָף אויפֿ־באַפֿענדיג זיך, האָט טיף און שטאַרק אָפּגעאָטעמט. אַלץ איז מיט אַמאָל אין זיינע אויגען געוואָרען איינפֿאַך און געוועהנליך. שולגאָ־וויטש האָט אַ צוטומעלטער איהם אָנגעצייגט אַ שטול און האָט צו איהם גערעדט מיט אַן אומערוואַרטעטער פּראָסטער צערטליכקייט:

— פֿו, טייפֿעל... ווי שנעל איהר באַליידיגט זיך... זעצט זיך שוין, דער שד זאָל אייך נעמען! נו, יע... אַלע זייט איהר אַזוי. איהר קוקט אויף מיר, ווי אויף אַ חיה. ער שרייט, הייסט דאָס, דער אַלטער כריין, אָהן אַ טאַלק, אָהן אַ זינען, דער טייפֿעל זאָל איהם נעמען. און איך— אין זיין געדיכטער שטימע האָבען אָנגעהויבען ציטערען די וואַרימע אויפֿגערעגטע נאָטען — און איך, איך שווער אייך, מיין ליעבער, האָב אייך אַלעמען ליעב, מיינע קינדער. וואָס דען, דענקט איהר, אַז איך לייד ניט פֿאַר אייך? איך קרענק ניט? עך, מיינע העררן, מיינע העררן, איהר פֿאַרשטעהט מיך ניט. נו, גוט, נו, איך האָב זיך צורעדט און איבערגעכאַפּט די מאָס — דאַרף מען שוין פֿאַר דעם אויף דעם אַלטען אין כעס זיין? ע־עך, יונגוואַרג. נו — שלום. געענדיגט. די האַנט גיט און קומט מיטאָג עסען.

ראַמאַשאָוו האָט זיך שווייגענדיג פֿאַרנייגט, און האָט שווייגענ־

דיג געדריקט די אויסגעשטרעקטע האַנט, די גרויסע, פּוכיגע און קאַלטע האַנט. דאָס געפיהל פון באַליידיגונג איז ביי איהם שוין פאַרשוואונדען, נאָר גרינגער האָט ער זיך ניט געפיהלט. נאָך די היינטיגע פריהמאָרגענדיגע, שטאָלצע און וויכטיגע געדאַנקען, האָט ער זיך איצט געפיהלט ווי אַ קליינער, קלעגליכער, בלייבער חדר־איינגעל, ווי אַ שעמעוודיגער, פאַרוואָרפענער איינגעל, און אַזאַ איבערגאַנג איז געווען פאַר איהם מיאוס. און דעריבער, געהענדיג אין עס־צימער, הינטער דעם פּאָלקאָווניק, האָט ער געטראַכט פאַר זיך, לויט זיין שטענדיגער געוואוינהייט, ווי וועגען עמיצען אַנדערש:

„פינסטערע רעיונות האָבען געמאַכט קנייטשען זיין שטערען.“

שולגאָוויטש האָט ניט געהאַט קיין קינדער. צום טיש איז ארויסגעגאַנגען זיין פרוי, אַ דיקע, גרויסע, ערנסטע און שווייגענדיגע דאַמע אָהן אַ האַלז מיט עטליכע גיידערס. ניט קוקענדיג אויף די פּענסנע, וואָס זי האָט געטראָגען און אויף איהר שטאָלצען בליק, איז איהר פּנים געווען אַ פּראָסטער און האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי מען וואָלט איהם איילענדיג מיט אַ זייט, אויסגעבאַקט פון טייג מיט ראָזשינקעס אנשטאַט אויגען. באַלד נאָך איהר, אָפּט שאַרענדיג מיט די פּיס, האָט זיך אריינגעשלעפּט דעם פּאָלקאָווניקס אַלטע מוטער, אַ קליינע, טויבע, אָבער זעהר אַ מונטערע, גיפטיגע — און עהרענגייציגע אַלטע פרוי, דורכדרינגענד און אָהן צערעמאָניעס קוקענדיג אויף ראָמאַשאָוו'ן פון אונטען ארויף, דורך די ברילען, האָט זי איהם אויסגעשטרעקט גלייך צו די ליפּען איהר קליינע דונקעלע, איינגאַנצען צוקנייטשטע האַנט. נאָכדעם האָט זי זיך געווענדט צום פּאָלקאָווניק און האָט געפרעגט מיט אַזאַ טאָן, אַזוי ווי קיינער, אויסער זיי ביידען, וואָלט אין עס־צימער ניט געווען:

— ווער איז דאָס? איך געדענק עפּעס ניט.

שולגאָוויטש האָט צונויפגעלייגטביידע הענט, ווי אַ טרובע, ארום מויל און האָט אריינגעשריען דער אַלטער גלייך אין אויער אריין:

— פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו, מאַמאַ. אַן אויסגעצייכענטער אָפיצער, אַ העלדישער... פון קאַדעטען־קאָרפּוס.

— אַך, יע! — האָט ער זיך פּלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן. — איהר, פּאָדפּאָרוטשיק, זייט דאָך, דוכט זיך, אונזערער, אַ פּענזער?

— אַזוי, הערר פּאָלקאָווניק, אַ פּענזער.

— נו יע, נו יע... איך האָב זיך איצט דערמאָנט. מיר זיינען דאָך לאַנדסלייט מיט אייך. פון נאַראָווטשאַטער אויעזד, דוכט זיך?

— אזוי, פון נאַראָווטשאַטער.

— נו יע. ווי אזוי האָב איך דאָס געקענט פארגעסן? נאַראָוו־טשאַטער — און מיר זיינען אינסארער. — מאמא! — האָט ער ווידער א טרובע געטאָן דער אַלטער אין אויער, — דער פּאָדפּאָרוטשיק ראַ־מאַשאָוו איז אונזערער, א פּענזער! פון נאַראָווטשאַט, א לאַנדסמאַן!

— אַ־אַ! — די אַלטע האָט פיעל באַדייטענד א פיהר געטאָן מיט די ברעמען. — אזוי, אזוי, אזוי. דאָס טראַכט איך טאַקע. הייסט עס, קומט אויס, אז איהר זייט סערגיי פּעטראָוויטש שישקינ'ס א זוהן?

— מאַמאַ! איהר האָט א טעות געהאַט! דעם פּאָדפּאָרוטשיקס פאמיליע איז ראָמאַשאָוו, ניט שישקין!

— אַט, אַט, א... זאָג איך דאָך... סערגיי פּעטראָוויטש'ן האָב איך ניט געקענט... געהערט מעהר ניט. פּיאָטר פּעטראָוויטש'ן, יענעם האָב איך אפילו זעהר אָפט געזעהן. זייערע גיטער זיינען געווען ניט ווייט פון אונזערע. זעהר, זעהר אַנגענעם, יונגער מאַן... זעהר פיין פון אייער זייט.

— נו, זי האָט שוין גענומען סקריפּען, די אַלטע, — האָט דער פּאָלקאָווניק געזאָגט שטיל מיט א פּראָסטער גוטמוטיגקייט. — זיצט, פּאָדפּאָרוטשיק... פּאָרוטשיק פּיאָדאָרעווסקי! — האָט ער א געשריי געטאָן אין טיר. — ענדיגט דאָרטען און קומט טרינקען שנאַפּס!...

אין עס־צימער איז שנעל אריינגעקומען דער אדיוטאַנט, וועל־בער האָט, לויט דעם איינגעפיהרטען מנהג, שטענדיג מיטאָג געגעסען ביי דעם פּאָלקאָווניק. ווייך און פריי קלינגענדיג מיט די שפּאָרען, איז ער צוגעגאַנגען צו א באַזונדער מאַיאָליקאָווען טישעל מיט פארבייסענס, האָט זיך אָנגעגאָסען בראַנפען און, ניט אייליגדיג זיך, האָט ער אויס־געטרונקען און פארביסען. ראָמאַשאָוו האָט דערפיהלט צו איהם קנאה און א לעבערליכען קליינליכען עהר־געפיהל.

— און איהר? — האָט שולגאָוויטש געפרעגט, — איהר טרינקט ניט?

— ניין. איך דאנק אייך זעהר. מיר ווילט זיך עפּעס ניט. — האָט ראָמאַשאָוו געענטפערט מיט א הייזעריגער שטימע און האָט זיך אויסגעהוסט.

— זעהר וואויל. דאָס איז די בעסטע זאַך. איך ווינש אייך פאַר־אוים אויך אזוי.

דער מיטאָג איז געווען אַ זעטיגער און אַ געשמאַקער. עס איז קענטיג געווען, אַז דער פּאָלקאָווניק און די פּאָלקאָווניצע האָבען זיך איבערגעגעבען צו דער אומשולדיגער לײדענשאַפט — גוט אָפּצועסען. מען האָט דערלאַנגט אַ שמעקעדיגען זופּ פון יונגע קרייטיכער און גרינ־סען, אַ געבראָטענעם לעשטש מיט קאַשע, אַ גוט אָפּגעקאָרמעטע שטור־ביגע ענטעל און שפּאַרגעל. אויפ׳ן טיש זיינען געשטאַנען דריי פלע־שער — מיט רויטען און ווייסען ווײן און מיט מאַדערא — אמת, שוין אָנגעהויבענע און פאַרשטעקטע מיט זילבערנע פיגורען פּראָבקעס, — אָבער טײערע, פון גוטע אויסלענדישע פירמען. דער פּאָלקאָווניק,— אַזוי ווי זיין כעס וואָלט געווירקט אויף זיין אַפּעטיט, האָט געגעסען מיט אַ באַזונדער חשק און אַזוי שעהן, אַז אויף איהם איז געווען אַנגע־נעם צו קוקען. ער האָט די גאַנצע צייט ליעבליך און פּראָסט געשמאַטסט. ווען מען האָט דערלאַנגט די שפּאַרגעל, האָט ער, טיפער פאַרשטעקענדיג אַהינטער׳ן קאָלנער די ווייסע סאַלפעטקע, פרעהליך ארויסגעזאָגט:

— ווען איך וואָלט זיין אַ קעניג, וואָלט איך שטענדיג געגעסען שפּאַרגעל.

נאָר פריהער, ביי די פיש, האָט ער ניט געקענט איינזיצען און האָט אַ געשריי געטאָן אויף ראַמאַשאָוו׳ן מיט אַ הערשענדען טאָן:

— פּאַרוטשיק, זייט אַזוי גוט, לייגט אָפּ דאָס מעסער אָן אַ זייט. פיש און קאָטלעטען עסט מען אויסשליסליך מיט׳ן גאָפּעל. ניט גוט. אַן אָפיצער דאַרף קענען עסען. יעדער אָפיצער קען זיין איינגעלאַדען צו דעם אַלערהעכסטען טיש. איהר זאָלט דאָס געדענקען.

ראָמאַשאָוו איז געזעסען ביים טיש אַ געדריקטער, ניט וויסענדיג וואו אַהינצוטאָן די הענט, מעהרסטענס האַלטענדיג זיי אונטער׳ן טיש און פאַרפלעכטענדיג אין צעפּ די פרענז פון טישטוך. ער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעוואוינט פון אַ גוטער היימישער אויסשטאַטונג, פון אַנ־שטענדיגע, באַקוועמע הויז־געשיר און פון אָן אָרדנונג ביים טיש. און די גאַנצע צייט האָט איהם געמאַטערט איין געדאַנק: „דאָס איז דאָך עקעלהאַפט, דאָס איז אַזאַ שוואַכקייט, פייגהייט פון מיין זייט, וואָס איך האָב ניט געקענט, ניט געוואַגט צו ענטזאַגען זיך פון דעם ערני־דעריגענדען מיטאָג. נו, אָט וועל איך זיך באַלד אויפהויבען, זיך אַלע־

מען פאַרנייגען און אַוועקגעהן. זאָלען זיי טראַכטען, וואָס זיי ווילען. ער וועט דאָך מיך ניט אויפעסען? ער וועט דאָך ביי מיר ניט אָפּנעמען מיין נשמה, מיינע געדאַנקען, מיין באַוואוסטזיין? ווען איך דען אַוועקגעהן?" און ווידער האָט ער, מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ, בלייך ווערענדיג פון אינערליכער אויפרעגונג, געפיהלט, אַז ער איז דאָס ניט אימשטאַנד צו טאָן.

עס איז געוואָרען אָווענד, ווען מען האָט דערלאַנגט קאַווע. די רויט־קרומע שטראַלען פון דער זון האָבען זיך אַריינגעריסען אין די פענסטער און האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט ווי העלע קופּערנע פלעקען אויף די דונקעלע אָבאָיעס, אויפ'ן טישטוך, אויפ'ן קריסטאָל און אויף די געזיכטער פון די מענשען. אַלע זיינען שטיל געוואָרען אין דעם אומעטיגען צויבער פון דער אָווענד־שטונדע.

— ווען איך בין נאָך געווען אַ פּראָפּאָרטשיק, — האָט שולגאַ־וויטש אָנגעהויבען צו ריידען, — איז ביי אונז געווען אַ קאָמאַנדיר פון בריגאַדע, גענעראַל פּאָפּאָוו. אַזאַ ליעבער אַלטיטשקער, אַ שלאַכט־אָפיצער, אָבער פון די קאַנטאָניסטען. איך געדענק, ער פלעגט אויף אַ סמאָטר צוגעהן צום באַראַבאַנשטשיק, — ער האָט שרעקליך ליעב געהאַט דעם באַראַבאַן, — פלעגט צוגעהן און זאָגען: „אַנו, ברוּ־דערל, שפּיעל מיר אוים עפּעס מעלאַנכאָלישעס". יע. איז דער גע־נעראַל, ווען ביי איהם פלעגען זיך צונויפקלייבען געסט, פלעגט אַלע מאָל אַוועקגעהן פּונקט עלף. פלעגט ער זיך ווענדען צו די געסט און פלעגט זאָגען: „נו, מיינע הערען, עסט, טרינקט, פרעהט זיך, און איך וועל געהן אין די אָרעמס פון נעפּטון." פלעגט מען איהם זאָגען: „פון מאָרפיי, מיינט איהר?" — „עה, אַלץ איינס, עס איז פון איין מינעראַלאָגיע"... אַזוי בין איך איצטער, מיינע הע־רען, — שולגאַוויטש האָט זיך אויפגעהויבען און אַוועקגעלייגט אויפ'ן שטול־ווענטעל זיין סאַלפעטקע, — איך געה אויך אין נעפּטונ'ס אָרעמס. איהר זייט פריי, מיינע הערען.

די אָפיצערען זיינען אויפגעשטאַנען און האָבען זיך אויסגעצויגען. „אַן איראָנישער, ביטערער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף זיינע ליפּען", האָט ראָמאַשאָוו אַ טראַכט געטאָן; נאָר אַ טראַכט געטאָן בלויז, ווייל דאָס געזיכט איז ביי איהם אין דער מינוט געווען קלעג־ליך, בלייך און ניט שעהן.

ווידער איז ראָמאַשאָוו אַוועק אַהיים, פּיהלענדיג זיך עלענד און פאַרלאָרען אין עפּעס אַ פרעמדען, פינסטערען און פיינדליכען אָרט. וויעדער האָט אין מערב־זייט, אין די גרוי־רויטליכע, שווער־אָנגעלייגטע וואָלקענס געבו־ענט דער רויט־ברושטינענער זון־אונטערגאַנג, און וויעדער האָט זיך ראָמאַשאָוו'ן געדאַכט, אַז וויט, הינטער דעם האָריזאָנט, הינטער די הייזער און פעלדער, ליגט אַ פאַנטאַסטישע שטאָדט מיט אַ לעבען פול שעהנקייט און גליק.

אויף די גאַסען איז שנעל פינסטער געוואָרען. איבער דעם שאָסיי זיינען מיט געשרייען געלאָפען אידישע קינדערלאַך. ערגעץ אויף די פריזבעס, ביי די טויערען און טירען, אין די סעדער, האָט געקלונגען אַ פרויען געלעכטער, געקלונגען אָהן אַ אויפהער, רייצענד, מיט עפּעס אַ הייסען פרעהליכען ציטער, ווי ער קלינגט נאָר אין אָנהויב פריהלינג. און צוזאַמען מיט דער שטילער, פאַרטראַכטער בענקשאַפט זיינען אין ראָמאַשאָוו'ס זעעל געבאָרען געוואָרען מאָדנע עראינערונגען און באַדויערונגען וועגען דעם קיין מאָל ניט געוועזענעם גליק, וועגען די פאַרשוואונדענע, הערליכע פריהלינגען, און אין הארץ האָט זיך אויפגעוועקט אַן אומדייטליכער זיסער פאָרגעפיהל פון דער קומענדיגער ליעבע...

ווען ער איז געקומען אַהיים, האָט ער היינאַנען געטראָפען אין זיין פינסטערען צימערעל פאַר דעם ביוסט פון פושקינ'ען. דער גרויסער פאָעט איז געוועזן איינגאַנצען אויסגעשמירט מיט אויל, און דאָס ליכט, וואָס האָט לעבען איהם געברענט, האָט געוואָרפען גלאַנציגע פלעקען אויף דער נאָז, אויף די גראָע ליפען און אויף דעם אָדערדיגען האַלז. הייגאַן אַליין, זיצענדיג, אויף טערקיש, אויף די דריי ברעטלאַך, וואָס האָבען איהם פאַרביטען אַ בעט, האָט זיך אומגעוויגט אַהין און אַהער, און האָט זינגענדיג געמורמעלט עפּעס אַ ציהענדיגען מאָנאָטאָנעם ניגון.

— הייגאַן, — האָט איהם ראָמאַשאָוו אָפּגערופען.

דער דיענער האָט אַ ציטער געטאָן, און אויפשפּרינגענדיג פון בעט, האָט ער זיך אויסגעצויגען. אויף זיין געזיכט האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט שרעק און צומישטקייט.

— אַללאַ? — האָט איהם ראָמאַשאָוו פריינדליך געפרעגט.

דער אינגעלשער מויל פון דעם טשערעמיס האָט זיך אינגאַנצען

אויסגעצויגען אין אַ לאַנגען שמייכעל, פון וועלכען זיינע אויסגעצייכענטע ווייסע ציינער האָבען אָנגעהויבען צו גלאַנצען ביי דעם פייער פון ליכט.

— אַללאַ, וואַשע בלאַהאַראָדיע.

— נו, נו, נו... זיץ זיך, זיץ. — ראָמאַשאָוו האָט צערטליך אַ גלעט געטאָן דעם דיענער. — אַלץ איינס, היינאַן, ביי דיר אַללאַ, ביי מיר אַללאַ. איין אַללאַ, ברודערקע, ביי אַלע מענשען.

„אַ וואוילער היינאַן, — האָט דער פּאָרוטשיק אַ טראַכט געטאָן, געהענדיג אין צימער. — און אָט, דאָך וואַג איך ניט צו דריקען איהם די האַנט. יע, איך קען ניט, איך וואַג ניט. אָה, טייפעל! מען וועט דאַרפען פון היינט אָן אַליין זיך אויסטאָן און אָנטאָן. עס איז אַ שווינערײַ צו צווינגען אַ צווייטען מענשען צו טאָן דאָס אנשטאַט זיך.“

אין דעם אָוועגט איז ער ניט אַוועק אין קלוב, נאָר ער האָט אַרויסגענומען פון קאַסטען אַ דיקע העפט, וואָס איז געוועען פאַרשריבען מיט אַ קליינער, ניט־גלייכער האַנטשריפט, און האָט געשריבען ביז טיעף אין דער נאַכט. דאָס איז געוועען די דריטע ערצעהלונג וואָס ראָמאַשאָוו האָט פאַרפאַסט אונטער'ן נאָמען „דער לעצטער גרויזאַמער דעביוט“. דער פּאָדפּאָרוטשיק האָט זיך אַליין געשעמט מיט זיין ליטעראַרישער אַרבייט, און פאַר קיינעם אין דער וועלט וואָלט ער זיך וועגען דעם ניט מודה זיין.

8.

די קאַזאַרמעס פאַר'ן פּאָלק האָט מען ערשט אָנגעהויבען צו בויען אויפ'ן עק פון שטעדטעל, הינטער דער אייזענבאַן. און ביז וואַנען די געביידעס זיינען נאָך ניט געוועען פאַרענדיגט, איז דער גאַנצער פּאָלק מיט אַלע אַנשטאַלטען זיינע געוועען צושטעלט אויף פּריוואַטע וואוינונגען. דער אָפיצערען־קלוב האָט פאַרנומען אַ קליינעם איינשטאָקיגען הויז, וואָס האָט געהאַט די פאָרם פון אַ ⊥: די לאַנגע לאַנגע זייט, וואָס האָט זיך געצויגען צום גאַס, האָט פאַרנומען דעם טאַנץ־זאַל און דעם גאַסט־צימער, און די קורצע זייט, וואָס [illegible] זיך געצויגען אין דער טיפעניש פון קויטיגען הויף, האָבען פאַרנומען—

דער עס־צימער, די קיך און די „נומערען" פאר דורכפאהרער. די צוויי זייטען זיינען געווען פארבונדען מיט א פארפלאנטערטען, שמאלען קארידאר, וואס האט זיך געצויגען ניט גלייך און האט געשאפען קליי־נע צימערלאך, וועלכע האבען געדיענט אלס בופעט, א ביליארדען קארטען־צימער, פאר־צימער און פרויען־טואלעט. אזוי ווי די אלע צימערען, אויסער דעם עס־צימער, זיינען ניט געווען באלעבט און פלעגען קיינמאל ניט אויסגעלופטערט ווערען, פלעגט אין זיי שטעהן א פייכטליכע, זויערע לופט, צו וועלכער עס האט זיך צוגעמישט א באַ־זונדער גערוך פון דער אלטער מאטעריע, מיט וועלכער די מעבעל איז געווען באשלאגען.

ראמאשאוו איז געקומען אין קלוב אום נייען אוהר אווענט. פינף־זעקס ניט פארהייראטע אפיצערען זיינען זיך שוין צוזאמענגעקומען אויפ'ן אווענט, נאר די דאמען זיינען זיך נאך ניט צונויפגעפאהרען. זיי האבען פון שטענדיג אן איבערגעשטייגט איינע דער צווייטער אין גו־טע מאניערען, און פאר א דאמע איז געווען א חרפה צו קומען איינע פון די ערשטע אויפ'ן באל. די מוזיקאנטען זיינען שוין געזעסען אויף זייערע ערטער אין דער גלעזערנער גאלעריע, וואס איז געווען צוזאַ־מענגעבונדען מיט דעם זאל דורך איין פיעל־שויביגען פענסטער. אין זאל, אויף די ווענט, צווישען די פענסטער האבען גע־ברענט דריי־רעהריגע לאמפען, און פון באלקען האט זיך אראפגעלאַ־זען א הענג־לייכטער מיט קריסטאלענע הענגלאך. א דאנק דער העלער באלייכטונג, האט דער גרויסער צימער מיט הוילע ווענט, געקלעפט מיט ווייסע אבאיעס, מיט טוליענע פארהענגלעך אויף די פענסטער, אויסגעזעהן באזונדערס פוסט.

אין ביליארד־צימער האבען צוויי באטאליאנע אדיוטאנטען, פאָ־רוטשיק בעק אגאמאלאוו און פארוטשיק אליזאר, וועלכען אלע פלעגען רופען גראף אליזאר, געשפיעלט אין פינף קוילען אויף ביער. אלי־זאר — א לאנגער, דינער, גלאט פארקאמטער, אנגעשמירטער יונגער זקן, מיט א הוילען נאר צוקנייטשטען געזיכט, האט די גאנצע צייט געשאטען מיט ביליארד־ווערטלאך. בעק־אגאמאלאוו האט די גאנצע צייט פארשפיעלט און איז געווען בייז. אויף זייער שפיעלען האט געקוקט, זיצענדיג אויפ'ן פענסטער־ברעט, דער שטאבס־קאפיטאן לעש־טשענקא, אן אומעטיגער מענש פון א יאהר פינף־און־פערציג, וועלכער

פלעגט נאָר מיט זיין אויסזעהן אליין אָנווערען אן אומעט: אלץ אין זיין געזיכט און זיין פיגור איז געהאנגען אראָפּ מיט אן אויסדרוק פון האָפנונגסלאָזער מעלאַנכאָליע. עס איז גע־האנגען אראָפּ, אזוי ווי א סטרוק פעפער, א לאנגע, פליי־שיגע, רויטע און ווייכע נאָז; אראָפּגעהאנגען זיינען אויך ווי צוויי דינע, גרויליכע פעדים, די וואָנסען; די ברעמען האָבען זיך אראָפּגעלאָזען אין דער ניעדער, צוגעבענדיג זיין פּנים א שטענדיג־וויינענדיגען אויסדרוק; אפילו זיין אלטער סורטוק איז אראָפּגעהאנגען פון זיינע אקסלען און איינגעפאלענער ברוסט ווי אויף א הענגער. לעשטשענקאָ האָט קיין זאַך ניט געטרונקען, ניט געשפּיעלט אין קאָר־טען און אפילו ניט גערויכערט. נאָר ער האָט געהאַט א מאָדנעם אומפארשטענדליכען פארגעניגען צו שטארצען אין קאָרטען־ אָדער אין ביליארד־צימער אהינטער די רוקענס פון די שפּיעלער, אָדער אין עס־צימער, ווען דאָרטען פלעגט מען שטארק שכור'ן. גאנצע שטונדען פלעגט ער דאָרט אָפּזיצען א שווייגענדיגער, אן אומעטיגער, ניט אויס־ריידענדיג קיין וואָרט. אין פּאָלק זיינען צו דעם אלע געוואוינט גע־וואָרען, און קיין קאָרטען־שפּיעל, קיין הוליאנקע האָט זיך ניט גע־קלעפּט ווען דאָרט פלעגט ניט זיין דער שווייגעדיגער לעשטשענקאָ.

באגריסענדיג זיך מיט די דריי אָפיצערען, האָט זיך ראָמאשאָוו געזעצט גלייך לעבען לעשטשענקא, וועלכער האָט זיך העפליך אָפּגע־רוקט אן א זייט, ער האָט אָפּגעזיפצט און א קוק געטאָן אויף דעם יונגען אָפיצער מיט אומעטיגע, איבערגעגעבענע, הינטישע אויגען.

— וואָס מאכט מאריא וויקטאָראָוונא? — האָט ראָמאשאָוו גע־פרעגט מיט א פרייער און אבזיכטליך הויכער שטימע, ווי מען רעדט געוועהנליך מיט טויבע אָדער שלעכט באגרייפענדע מענשען, און ווי אלע אין פּאָלק, אפילו די פּאָדפּאָרוטשיקעס, האָבען גערעדט מיט לעש־טשענקאָ.

— א דאנק, מיין טייערער, — האָט מיט א שווערען זיפץ געענט־פערט לעשטשענקאָ. — געוויס זיינען ביי איהר נערווען... אזא צייט איז איצטער.

— און פארוואָס זייט איהר ניט צוזאמען מיט דער פרוי? אָדער, מאריא וויקטאָראָוונא, קען זיין, קלייבט זיך גאָר ניט צו זיין דאָ היינט?

— ניין. ווי דען? זי וועט זיין, מיין טייערער. נאָר, פאר־

שטעהט איהר, אין קארעט איז ניטאָ קיין אָרט. זי מיט ראאיסא אַלעקסאנדראָוונא האָבען צוזאַמען גענומען אַ קארעט, נו, פארשטעהט איהר, מיין טייערער, זאָגען זיי צו מיר: „ביי דיר איז שטיוואַלעס קויטיגע, דו וועסט אונז די קליידער איבערפיהרען“.

— קרואזע אין מיטען! אַ דינער שניט. נעם ארויס די קויל פון ביליארד־זאַק, בעק! — האָט אַליזאר אַ געשריי געטאָן.

— אַפריהער מאַך די קויל, און נאָכדעם וועל איך ארויסנעמען, — האָט זיך בעק־אַגאַמאַלאָוו בייז אָפּגערופען. לעשטשענקאָ האָט גע־נומען אין מויל די שפּיצען פון זיינע וואָנסען און האָט זיי פארטראכ־טערהייט אַ קיי געטאָן.

— איך האָב צו אייך אַ ביטע, טייערער יורי אַלעקסעאיטש, — האָט ער געזאָגט, בעטענדיג און אָפּשטעלענדיג זיך. — איהר זייט דאָך היינט דער אָנפיהרער פון די טענץ?

— יע, דער טייפעל זאָל זיי נעמען. איך בין אָנגעשטעלט גע־וואָרען. איך האָב זיך געדרעהט, געדרעהט פאר דעם פּאָלק־אדיוטאַנט, איך האָב געוואָלט אָנשרייבען אַ ראַפּאָרט אַז איך בין קראַנק. נאָר מיט איהם קען מען עפּעס מאַכען? „ברענגט, זאָגט ער, אַ צייגניס פון אַ דאָקטאָר“.

— אָט וויל איך אייך טאַקע בעטען, מיין טייערער, — האָט לעש־טשענקאָ פאַרטגעזעצט מיט אַ ליעבליכער שטימע, — אָרדענט שוין איין אזוי, אַז זי זאָל ניט זיצען. ווייסט איהר, איך בעט אייך אַלס אַ חבר.

— מאַריא וויקטאָראָוונא?

— נו יע, איך בעט אייך.

— אַ געלער דופּלעט אין ווינקעל — האָט בעק־אַגאַמאַלאָוו גע־זאָגט. איהם איז געווען ניט בעקוועם צו שפּילען איבער זיין ניט־הויכען וואוקס, און ער האָט זיך געדאַרפט אויסציהען מיט'ן קערפּער אויפ'ן ביליארד. פון אָנשטרענגונג איז זיין פּנים רויט געוואָרען, און אויפ'ן שטערן האָבען זיך אויפגעבלאָזען צוויי אָדערען.

— זשאַמאַאיס! — האָט, רייצענדיג זיך, מיט אַ זיכערען טאָן געזאָגט אַליזאר. — דאָס וועל איך שוין אפּילו ניט מאַכען.

אגאַמאַלאָוו'ס שטעקען האָט זיך מיט אַ טרוקענעם קנאַק אַ

גליטש געטאָן איבער׳ן קויל, נאָר די קויל האָט זיך ניט געריהרט פון אָרט.

— קיקס! — האָט צופרידען א געשריי געטאָן אליזאר און האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען ארום ביליארד. — ווען דו שלאָפסט, כראָ־פּעסט דו, נשמה, מיינע?

אגאמאלאָוו האָט א קלאַפּ געטאָן מיט׳ן גראָבען שפּיץ שטעקען אָן דער ערד.

— און דו זאָלסט ניט וואגען ריידען אונטער׳ן האַנט מיר! — האָט ער א געשריי געטאָן, גלאַנצענדיג מיט די שווארצע אויגען. — איך וועל אויפהערען צו שפּיעלען!

— שריי ניט, מיין נשמה, דו וועסט זיך איבערפיהרען דיין בלוט.

צו ראָמאַשאָוו׳ן איז צוגעלאָפען איינער פון די דיענער, וואָס זיינען געשטאַנען אין פּאָרהויז, כדי אויסצוטאָן די אויבערמאַנטלען ביי די דאַמען.

— וואַשע בלאַהאָראָדיע! א דאַמע בעט אייך אין זאל.

דאָרטען זיינען זיך שוין דורכגעגאַנגען הין און צוריק דריי דאַמען, וואָס זיינען ערשט געקומען, — אלע דריי — ניט יונגע. די עלטסטע פון זיי, די פרוי פון דעם אָפיצער וואָס פיהרט די ווירטשאַפט פון פּאָלק, אננא איוואַנאָוונא מיגונאָווא, האָט זיך געווענדעט צו ראָמאַ־שאָוו׳ן אין א קאָקעטישען טאָן מיט אריסטאָקראַטישער ערנסטקייט, מאַכענדיג מיט׳ן קאָפּ...

— פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו, הייסט די מוזיקאנטען אויסשפּיע־לען עפּעס ניט צום טאַנצען, נאָר צום הערען.

— איך פאָלג אייך. — ראָמאַשאָוו האָט זיך א נייג געטאָן און איז צוגעגאַנגען צו דעם מוזיקאנטען־פענסטער. — זיסערמאַן, — האָט ער א געשריי געטאָן צו דעם עלטסטען אין אָרקעסטער, — שפּיעל עפּעס צום הערען!

דורך דעם אָפענעם פענסטער פון דער גאַלערעע האָבען א הילך געטאָן די ערשטע קלאַנגען פון דער אָווערטור „דאָס לעבען פאר׳ן קע־ניג“, און אין טאַקט צו זיי האָבען זיך די פלאַמען פון די ליכט גענומען וויגען ארויף און אראָפּ.

די דאַמען זיינען זיך ביסלעכווייז צונויפגעפאָהרען. פריהער, מיט א יאָהר צוריק, האָט ראָמאַשאָוו שרעקליך ליעב געהאַט די מינוטען פאר

דעם באַל, ווער ער, לויט זיינע פּליכטען פון אַ דיריזשאָר, פלעגט דאַר־פען באַגעגנען אין פאָרהויז די אַריינקומענדע דאַמען. ווי געהיימ־ניספּול און הערליך האָבען זיי איהם אויסגעוויזען, ווען ערמונ־טערטע פון ליכט און מוזיק און ערוואַרטונג פון טענץ, פלעגען זיי אין אַ פרעהליכער איילעניש אַראָפּנעמען פון זיך די היטעלאַך, פוטערס און מאַנטלען. צוזאַמען מיט פרויען געלעכטער און הילכיגער פּלאַפּלעריי, פלעגט דער ענגער פאַרצימער זיך אָנפילען מיט אַ גערוך פון פראָסט, פּערפיום, פודער און לייקענע האַנדשוה, — מיט דעם טיף אויפרעגענ־דען גערוך פון שעהנע פרויען פאַר אַ באַל. ווי גלאַנציג און פאַרליעבט האָבען איהם אויסגעוויזען זייערע אויגען אין די שפּיגלען, פאַר וועלכע זיי פלעגען אויף שנעל גוט מאַכען זייערע האָר. וואָס פאַר אַ מוזיק האָט געקלונגען אין דעם שאָרך פון זייערע קליידער. וואָס פאַר אַ צאַרטקייט האָט זיך געפיהלט אין דער באַריהרונג פון זייערע קליינע הענט, פון זייערע טיכלאַך און פעכער!...

איצט איז דער צויבער אַריבער, און ראָמאַשאָוו האָט געוואוסט, אַז אויף אַלע מאָל. איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז פיעל פון דער באַצויבערונג איז געקומען געוואָרען פון די פּראָנציוזישע שלעכטע ראָ־מאַנען, אין וועלכע עס באַשרייבט זיך אימער, ווי גוסטאַוו און אַר־מאַן, קומענדיג אויף אַ באַל אין דער רוסישער געזאַנדשאַפט, פלעגען דורכגעהן דורכ׳ן וועסטיביול... ער האָט אויך געוואוסט, אַז די פּאָלק־דאַמען טראָגען יאָהרען־וויַיז די „שיקאַרנע" קלייד, מאַכענדיג קלעגליכע אָנשטרענגונגען צו באַנייען עס צו יעדען גרויסען באַל, און אַז זיי ריי־ניגען די האַנדשוה מיט בענזין. לעכערליך און פּרעטענציעז האָט איהם אויסגעוויזען זייער חשק צו אַלערליי האַלזטיכלאַך, שפּיצען, ריזיגע קינסטליכע שטיינער, צו פעדערען און צו סטיינגעס; אין דעם האָט זיך אַרויסגעוויזען עפּעס אַ שמאַטעדיגער, געשמאַקלאָזער, היימיש געמאַכטער לוקסוס. זיי האָבען געברויכט פעטע פאַרבען רויטע און ווייסע, נאָר אַזוי ניט קינסטלעריש, און נאַאיוו־פראָסט; ביי אייניגע פלעגען פון די דאָזיגע מיטלען, די פּנים׳ער ווערען שרעקעדיג בלוי. אָבער אומאַנגענעמער פון אַלץ איז פאַר ראָמאַשאָוו׳ן געווען דאָס, וואָס ער, ווי אַלע אין פּאָלק, האָט געוואוסט די הינטער־קוליסען גע־שיכטעס פון יעדער באַל, פון יעדעס קלייד און כמעט פון יעדען קאָ־קעטישען זאַץ; ער האָט געוואוסט, אַז אהינטער זיי האָבען זיך באַ־

האַלטען: אָרעמקייט, אָנשמירעניונג, רכילות, געגענזייטיגער האַס, אַ מאַכטלאָזע פּראָווינציעלישע שפּיעל אין אריסטאָקראַטיזם, און לאַנג־ווײַליגע, געמיינע באַציהונגען...

עס זיינען אָנגעקומען דער קאַפּיטאַן טאַלמאַן מיט זיין פרוי: ביידע זעהר הויכע, פעסט געבויטע; זי — אַ צאַרטע, פּוכינע בלאָנ־דינקע, ער — מיט אַ דונקעלען גזלנ׳ישען פּנים, מיט אַ שטענדיגען הוסט און הייזעריגער שטימע. ראַמאַשאָוו האָט שוין פאַראויס גע־וואוסט, אַז באַלד וועט טאַלמאַן זאָגען זיין געוועהנליכען זאַץ, און, ווירקליך, ארומלויפענדיג מיט זיינע ציגיינערישע אויגען, האָט זיך טאַלמאַן צו איהם געווענדעט מיט אַ הייזעריגער שטימע:

— וואָס, פּאָדפּאָרוטשיק, אין קאָרטען־צימער שפּיעלט מען שוין?

— ניין נאָך. אַלע זיינען אין עס־צימער.

— ניין נאָך? ווייסטו, סאָנעטשקאַ, איך וועל דאָס... איך וועל געהן אין עס־צימער דורכקוקען די צייטונג „אינוואַליד“. איהר, ליע־בער ראַמאַשאָוו, זעהט איהר דאָ צו, נו מיט עפּעס.... אַ קאַדרילכעל.

נאָך דעם איז אין פאָרצימער אַריינגעפלויגען די פאַמיליע לי־קאַטשאָוו, — אַ גאַנצע פאַמיליע פון שעהנינקע, לאַכעדיגע, פאַרצויגען ריידענדיגע פרייילינס, צוזאַמען מיט זייער מוטער. זייער מוטער איז געוועזן אַ קליינע, לעבעדיגע פרוי, וועלכע האָט צו פערציג יאָהר אונערמידליך געטאַנצט, און האָט שטענדיג געבאָרען קינדער — „צווי־שען דער צווייטער און דער דריטער קאַדריל“, — ווי דער פּאָלק־וויצלינג, אַרטשאַקאָווסקי, פלעגט וועגען איהר זאָגען.

די פרייילינס, לאַכענדיג און איבערשלאָגענדיג איינע די צווייטע, זיינען אַלע אָנגעפאַלען אויף ראַמאַשאָוו׳ן.

— פאַר וואָס זייט איהר צו אונז ניט צריינגעקומען?

— שלעכטער, שלעכטער!

— ניט קיין גוטער, ניט קיין גוטער!

— שלעכטער, שלעכטער!

— איך לאַד אייך איין אויף דער ערשטער קאַדריל.

— מאַדאַמען! מאַדאַמען! — האָט ראַמאַשאָוו געזאָגט, אָהן זיין ווילען פאַרשטעלענדיג מיט זיך אַ העפליכען קאַוואַלער און נויגענדיג זיך אין אַלע זייטען.

צו דער זעלבער צייט האָט ער צופעליג אַ קוק געטאָן אויף דער

אריינגאַנג טיר און האָט אַהינטער איהר גלאָז דערזעהן דאָס בלייכע, געזיכט מיט גראָבע ליפּען פון ראַאיסאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ פּעטערסאָן, אונטער אַ ווייסען טוך איבער'ן היטעלע. ראַמאַשאָוו איז שנעל, ווי אַ אינגעל, אריין אין גאַסט־צימער. נאָר ווי קורץ די רגע איז ניט געווען און ווי דער פּאָרוטשיק האָט זיך ניט געמיהט איינצורייידען, אַז ראַאיסאַ האָט איהם ניט באַמערקט, האָט ער דאָך געפיהלט אַן אומרוהיגקייט; אין דעם אויסדרוק פון זיין געליעבטערס קליינע אויגען האָט זיך איהם געדוכט עפּעס אַ נייע, אומרוהיגע, אומרחמנות'דיגע, בייזע און איבער־צייגענדע דראָהונג.

ער איז אריין אין עס־צימער. דאָרטען איז שוין געווען פיעל מענשען. כמעט אַלע ערטער ביי דעם לאַנגען טיש זיינען געווען פאַר־נומען; דער בלויער טאַבאַק־רויך האָט זיך געוויגט אין דער לופט. עס האָט געשמעקט מיט צוגעברענטע פּוטער פון קיך. צוויי אָדער דריי גרופּען אָפיצערען האָבען זיך שוין גענומען אויסטרינקען און פאַר־בייסען. ווער ניט ווער האָט געלייענט אַ צייטונג. דער געדיכטער, פאַרשידענפאַרביגער גערויש פון די שטימען האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דער קלאַפּעריי פון מעסער, מיט דעם קנאַקען פון ביליאַרד־קוגעל און דעם גערויש פון קיך־טיר. אין די פיס האָט געצויגען אַ קעלט פון פאָרהויז.

ראַמאַשאָוו האָט אויסגעזוכט דעם פּאָרוטשיק באַבעטינסקי און איז צוגעגאַנגען צו איהם. באַבעטינסקי איז געשטאַנען לעבען טיש, אריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס פון די הויזען, וויגענדיג זיך אויף די שפּיצען פון די פינגער און אויף די זוילען און פאַרמאַכענדיג די אויגען פון דעם פּאַפּיראָסען רויך. ראַמאַשאָוו האָט איהם אָנגע־ריהרט ביי דעם אַרבעל:

— וואָס? — האָט ער זיך אַ קעהר געטאָן, און ארויסנעמענדיג איין האַנט פון קעשענע, האָט ער אַ דרעה געטאָן זיין לאַנגען רויטען וואָנס, קרום אָנשטעלענדיג אויף איהם די אויגען און אויפהויבענדיג אין דער הויך דעם עלענבויגען. — אַ־אַ! דאָס זייט איהר? זעהר אָנ־גענעם.

ער פלעגט אימער ריידען מיט אַ געבראָכענער שפּראַך, מיינענדיג אַז ער מאַכט מיט דעם נאָך דער גאַלדענער יוגענד פון גוואַרדיע. ער האָט וועגען זיך געהאַט אַ הויכע מיינונג, און האָט זיך געהאַלטען פאַר

אַ מבין אויף פערד און פרויען, פאַר אַ גוטען טענצער און דערצו פאַר אַ שעהנעם, וועלטליכען, נאַר, ניט קוקענדיג אויף זיין פיער־און־צוואַנ־ציג יאָהריגען עלטער, — פאַר אַן אָפּגעלעבטען און ענטווישטען מענ־שען. דערפאַר פלעגט ער שטענדיג האַלטען זיינע שולטערען בילדליך אויפגעהויבען אין דער הויך, געדעדט אַ שלעכטען פראַנצויזיש, געגאַנגען מיט אָפּגעשוואַכטע טריט, און ריידענדיג, פלעגט ער שטענדיג מאַכען מידע זשעסטען.

— פּיאָטר פּאַדעאיטש, ליעבער, איך בעט אייך, דיריזשירט איצ־טער פאַר מיר, — האָט ראָמאַשאָוו געבעטען.

— מע, מאָן אַמי! באַבעטינסקי האָט אויפגעהויבען אין דער הויך זיינע ברעמען און די אַקסלען און האָט אָנגעשטעלט נאַרישע אויגען — אָבער... מיין פריינד! צוליעב וואָס, פּורגואַ? ווירקליך, איהר האָט מיך... ווי זאָגט מען דאָס?... איהר וואונדערט מיך!

— מיין טייערער, איך בעט אייך...

— וואַרט אויס... ערשטענס, אָהן פאַמיליאַריטעטען. וואָס איז דאָס — מיין טייערער און אַזוי ווייטער...

— נו, איך בעט אייך, פּיאָטר פּאַדעאיטש. מיר טוט וועה דער קאָפּ... און די האַלז... איך קען אויף קיין פאַל ניט.

ראָמאַשאָוו האָט לאַנג און איבערצייגענד געבעטען זיין חבר. ענד־ליך האָט ער באַשלאָסען צו אונטער'חנפ'ענען איהם.

— קיינער אין פּאָלק קאָן דאָך ניט אַזוי שעהן און אַזוי פיעלזייטיג אָנפיהרען די טענץ, ווי פּיאָטר פּאַדעאיטש; און אויסער דעם האָט וועגען דעם געבעטען אַ דאַמע...

— אַ דאַמע?... — באַבעטינסקי האָט געמאַכט אַ צוטראַגענעם מעלאַנכאָלישען געזיכט. — אַ דאַמע? מיין פריינד, אין מיינע יאָהרען... ער האָט זיך צולאַכט מיט אַ געמאַכטער פאַרביטערטקייט און ענטוי־שונג. — וואָס איז אַ פרוי? כאַ־כאַ־כאַ... יון יעניגם! נו, גוט, זאָל זיין אַזוי, איך וועל איינשטימען... איך בין איינשטימיג.

און מיט דערזעלבער ענטוישטער שטימע האָט ער פלוצלונג צוגע־געבען:

— מאָן שער אַמי, און צי האָט איהר ניט... ווי הייסט דאָס... דריי רובעל?

— צום באַדויערען! — האָט ראָמאַשאָוו אָפּגעזיפצט.

— און אײן רובעל?

— ממ!...

— דרעזאגרעאבל... מען קאָן גאָרנישט מאכען. נו, לאָמיר געהן אויב אַזוי טרינקען בראנפען.

— צום באַדויערען, באַרגט מען מיר ניט אויף, פּיאָטר פּאַדרעאיטש.

— יע, אַ פאָוור אנפאַן!... אַלץ אײנס לאָמיר געהן. — באַבעטינסקי האָט מיט דער האַנט געמאַכט אַ ברייטען זשעסט פון גרויסמוטיגקייט. — איך באַגרים אייך.

אין עס־צימער איז דער געשפּרעך דערוויילע געוואָרען העכער, און צו דער זעלבער צייט אינטערעסאַנטער פאַר די אַנוועזענדע. מען האָט גערעדט וועגען די אַפּיצערישע דועלען, וועלכע זיינען ערשט דאַן ערלויבט געוואָרען, און די מיינונגען זיינען געווען פאַרשידענאַרטיג.

מעהר פון אַלעמען האָט געפיהרט דעם געשפּרעך דער פּאָרוטשיק אַרטשאַקאָווסקי—אַ גאַנץ פאַרדעכטיגטע פּערזענליכקייט—שיער ניט אַ שולער. וועגען איהם פּלעגט מען שטילערהייט דערצעהלען, אַז נאָך איידער זיין אָנקומען אין פּאָלק, ווען ער איז נאָך געווען אין רעזערוו, האָט ער געדיענט אַלס אויפזעהער אויף אַ פּאָסט־סטאַנציע און איז געווען גע׳משפּט דערפאַר, וואָס ער האָט מיט אַ קלאַפּ פון זיין פויסט דער׳הרג׳ט עפּעס אַ פוהרמאַן.

— דאָס איז אין גוואַרדיע גוט אַ דועל — פאַר די אַלערליי לעדיג געהער און פיגעל־מיגעלניקעס, — האָט גראָב גערעדט אַרטשאַקאָווסקי, — אָבער ביי אונז... נו, גוט, איך בין ניט קיין פאַמיליע־מאַן... לאָמיר זאָגען, איך מיט וואַסיל וואַסיליטש ליפּסקי האָבען זיך אָנגעטרונקען אין קלוב און איך, באַטרונקענערהייט, בין איהם פאַרפאָהרען אין אויער. וואָס דאַרפען מיר טאָן? אויב ער וועט ניט וועלען שיסען זיך מיט מיר, דאַרף ער אַרויס פון פּאָלק; פרעגט זיך, וואָס וועלען זיינע קינדער פרעסען? און געהט ער מיט מיר אויף אַ דועל, — זעץ איך איהם אַריין אַ קויל אין בויך, און ווידער האָבען די קינדער ניט וואָס צו בייסען... ס׳איז אַלץ אַ נאַרישקייט.

— דו וואַרט אויס... האָב צייט, — האָט איהם איבערגעשלאָגען דער אַלטער באַטרונקענער פּאָדפּאָלקאָווניק ליעך, האַלטענדיג אין איין האַנט דאָס גלעזעל, און מיט דער צווייטער האַנט מאַכענדיג שוואַכע באַוועגונגען אין דער לופט. — דו פאַרשטעהסט, וואָס עס הייסט עהרע

פון דעם מונדיר?... דאָס איז, ברודערל, אזא זאַך... די יאָהרע, יע...
אָט געדענק איך, איז אזא פאַל געווען ביי אונז אין טומרעקער פּאָלק
אין 1862טען יאָהר.

— נו, ווייסט איהר, אַלע מעשיות קען מען ניט אויסהערען, —
האָט איהם ארטשאקאָווסקי איבערגעשלאָגען, — איהר וועט נאָך עפּעס
דערצעהלען, וואָס עס האָט פּאַסירט איך וויים ווען... פאר דעם מלך
סאָבעצקי'ס צייטען.

— דו, ברודער'ל... ווי געוואגט דו ביזט... דו ביזט נאָך א אײַנ־
געל, און איך... עס האָט פּאַסירט, זאָג איך, אזא פאַל...

— נאָר בלוט קאָן אָפּוואשען דעם פלעק פון באַליידיגונג, — האָט
זיך מיט אַן אויפגעבלאָזענעם טאָן אריינגעמישט באָבעטינסקי און
האָט ווי א האָהן אויפגעהויבען די אַקסלען.

— דאָס... ביי אונז איז געווען א פּאָדפּראָפּאָרשטיק סאָלוכאַ, —
האָט זיך ליעך געמיהט צו פּאַרטזעצען.

צום טיש איז צוגעקומען, ארויסגעהענדיג פון בופעט, דער פיהרער
פון דער ערשטער ראָטע, קאַפּיטאַן אָסאַדטשי.

— איך הער, אז ביי אייך געהט דאָ דער געשפּרעך וועגען דועלען.
אינטערעסאנט צו הערען. — האָט ער ארויסגערעדט מיט א געדיכטען
ברומענדיגען באַס, פּאַרדעקענדיג אַלע שטימען. — וואָס מאַכט איהר,
הערר פּאָלקאָווניק. וואָס מאַכט איהר, מיינע הערען.

— א, קאלאס פון ראדאס, — האָט איהם ליעך צערטליך באַ־
גריסט. — דאָס... זעץ זיך לעבען מיר, מאָנומענט דו איינער... בראַנפּען
וועסטו טרינקען מיט מיר?

— געוויס, — האָט אויף א נידעריגער אָקטאַווע אָסאַדטשי גע־
ענטפערט.

אָט דער אָפיצער פלעגט אַלעמאָל מאַכען א מאָדנעם אויפרע־
גענדען איינדרוק אויף ראָמאַשאָוו'ן, אויפוועקענדיג אין איהם א גע־
פיהל, וואָס איז געווען עהנליך צו שרעק און נייגעריגקייט. אָסאַדטשי,
אזוי ווי דער פּאָלקאָווניק שולגאָוויטש, איז געווען באַריהמט, ניט נאָר
אין פּאָלק, נאָר אין דער גאַנצער דיוויזיע, מיט זיין אויסערגעוועהנלי־
כער, גרויסער און שעהנער שטימע, און אויך מיט זיין הויכען וואוקס
און מורא'דיגער פיזישער קראַפט. ער איז אויך באַריהמט געווען מיט
זיין אויסגעצייכענטען קענען דעם דיענסט. איהם פלעגט מען אָפטמאָל

איבערפיהרען פון איין ראָטע אין דער צווייטער,—צוליעב די נוצען פון דיענסט,—און ער פלעגט אין אַ צייט פון אַ האַלב יאָהר מאַכען פון דער צולאָזענסטער, ערגסטער קאָמאַנדע עפּעס אַזוינס, וואָס איז עהנ־ליך געווען, לויט איהר דיסציפּלין און ערפילונגס־קראַפט אויף אַ מאַשין, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ ציטער פאַר איהר באַפעלער. זיין צויבער און מאַכט זיינען נאָך אומפאַרשטענדליכער געווען פאַר זיינע חברים, ווייל ער האָט זיך ניט נאָר קיינמאָל ניט געשלאָגען, נאָר אפילו זעלטען געזידעלט זיך, בלויז אין אַן אויסנאַמס־פאַל. ראַ־מאַשאָוו פלעגט אַלע מאָל פיהלען אין זיין שעהנעם פּנים, די בלייכ־קייט, פון וועלכער איז נאָך קענטיגער געווען פון זיינע שוואַרצע, כמעט בלויע האָר, עפּעס אַנגעשטרענגטעס, אויפגעהאַלטענעס, עפּעס אַזוינס, וואָס איז אייגענשאַפטליך ניט אַ מענשען, נאָר אַ גרויסער שטאַרקער חיה. אָפטמאָל אומבאַמערקט נאָכקוקענדיג איהם פון דערווייטענס, פלעגט זיך ראַמאַשאָוו פאָרשטעלען, ווי אַזוי עס זעהט אויס דער דאָזי־גער מענש, ווען ער איז אין כעס, און טראַכטענדיג פון דעם, פלעגט ער בלייך ווערען פון שרעק און צונויפדריקען די פינגער. איצטער אויך, האָט ער, ניט אָפּרייסענדיג זיך, געקוקט, ווי דער זעלבסטאיבער־צייגטער, שטאַרקער מאַן האָט זיך רוהיג געזעצט אויף אַ צוגערוקטען שטול ביי דער וואַנט.

אסאַדטשי האָט אַ טרונק געטאָן בראַנפען, פאַרביסען מיט רע־טאָך און האָט גלייכגילטיג געפרעגט:

— נו, און אַזוי, איז וואָס איז די רעזיומע פון דער געעהרטער פאַרזאַמלונג?

— דאָס... ברודער'ל, איך דערצעהל איצטער. ביי אונז האָט פּאַ־סירט אַזאַ צופאַל, ווען איך האָב געדיענט אין טיומרעקער פאָלק. פּאָ־רוטשיק פאָן־זאָן האָט אויך אַמאָל אַזוי אין קלוב...

נאָר איהם האָט איבערגעשלאָגען ליפּסקי, אַ פערציג־יאָהריגער שטאַבס־קאַפּיטאַן, וועלכער, ניט קוקענדיג אויף זיינע יאָהרען, האָט זיך געהאַלטען אין דער געזעלשאַפט פון די אָפיצערען, ווי אַ ליץ און האָט געהאַט אַ מאָדנעם לעכערליכען טאָן פון אַ צולאָזענעם, נאָר ביי אַלעמען געליעבטען קאָמישען, אינגעל.

— ערלויבט מיר, הערר קאַפּיטאַן, איך וועל זיין קורץ. אָט זאָגט פּאָרוטשיק ארטשאַקאָווסקי, אַז אַ דועל אין אַ נאַרישקייט. „מען דאַרף,

ווי ביי אונז אין שול, — גענעבען צוויי מאָל איבער׳ן פּאַטילניצע און קוויט„. נאָכדעם האָט דעבאַטירט דער פּאָרוטשיק באָבעטינסקי, וועלכער האָט געפּאָדערט בלוט. נאָכדעם האָט זיך דער הערר פּאָלקאָוו־ניק אומזיסט געמיהט צו דערצעהלען א וויץ, — פון זיין פריהערדיגען לעבען, און האָט איהם נאָך ביז איצט, דוכט זיך, ניט דערצעהלט. און ווידער, אין רעכטען אָנהויב פון געשפּרעך, האָט דער פּאָדפּאָרוטשיק מיכין ארויסגעזאָגט זיין אייגענע מיינונג, נאָר צוליעב זיין שוואכער שטים און זיין אומשולדיגער שעמעוודיגקייט איז די מיינונג ניט אויס־געהערט געוואָרען.

פּאָדפּאָרוטשיק מיכין, א קליינינקער, שוואכברוסטיגער יונגערמאַן, מיט א טונקעלען געשטופּעלטען, געזיכט אין זומער־שפּרינקלאַך, אויף וועלכען עם האָבען ציטעריג, כמעט דערשראָקען געקוקט צוויי צאַרטע טונקעלע אויגען, איז פלוצלונג רויט געוואָרען ביז טרערען.

— איך האָב בלויז, מיינע הערען... איך, מיינע הערען, האָב, קען זיין, א טעות, — האָט ער אָנגעהויבען ריידען שטאַמלענדיג און צו־מישט, פיהרענדיג מיט די הענט איבער זיין גלאַטען געזיכט. — נאָר לויט מיין מיינונג, דאָס הייסט, מיר דוכט... אז אין יעדען איינציגען פאַל דאַרף מען זיך באַזונדער פאַרנאַנדערקלייבען. אין אַנדערש מאָל איז א דועל נוציג, דאָס איז אומבאַדינגט, און יעדער איינער פון אונז, וועט געוויס ארויסגעהן אויף א דועל. אומבאַדינגט. אָבער, אין אַנ־דערש מאָל, ווייסט איהר, דאָס... קען זיין, אז די העכסטע עהרע באַ־שטעהט אין דעם, אז מען זאָל... דאָס... אומבאַדינגט מוחל זיין... נו, איך ווייס ניט, וואָס נאָך פאַר א צופאַלען עם קאָנען פּאַסירען... אָט...

— עך, איהר דעקאַדענט איוואַנאָוויטש, — האָט צו איהם מיט׳ן האַנט א מאַך געטאָן אַרטשאַקאָווסקי, — א שמאַטקע דאַרפט איהר זויגען — דאָס, אָבער לאָזט מיר נאָר, ברידערלאַך, ארויסזאָגען זיך.

און באַלד, פאַרדעקענדיג מיט דעם מעכטיגען קלאַנג פון זיין שטימע די אַלע איבעריגע שטימען, האָט אָסאַדטשי אָנגעהויבען צו ריידען:

— א דועל, מיינע הערען, דאַרף זיך אומבאַדינגט ענדיגען מיט א שווערען סוף, אויב ניט איז דאָס אן אבסורד! אויב ניט איז דאָס נאָר נאַרישע רחמנות, שוואכקייט און א קאָמעדיע. פופציג טריט דיסטאַנץ און צו איין שאָס. אייך זאָג איך: פון דעם קומט ארויס

נאָר באַנאַליטעט, אויסגעדראָשענקייט, אַט אַזוי ווי יענע פּראָנצוויזישע דועלען, וועגען וועלכע מיר לייענען אין די צייטונגען. געקומען, אויסגעשאָסען פון די פּיסטאָלעטען, און נאָך דעם שרייבט מען אין די צייטונגען דעם פּראָטאָקאָל פון דועל: „די דועל האָט זיך, צום גליק, גוט געענדיגט. די געגנער האָבען געשאָסען, ניט אָנטועענדיג איינער דעם צווייטען קיין שאָדען, אָבער אַרויסווייזענדיג גרויס העלדישקייט. ביים אָנבייסען האָבען זיך די ניט לאַנג בעפאָר געוועזענע שונאים געדריקט פריידליך די הענט". אַזאַ דועל, מיינע העררן, איז אַ נאַרישקייט. און קיינע פאַרבעסערונגען וועט דאָס אין אונזער געזעלשאַפט ניט אַריינטראָגען.

איהם האָבען אין איין מאָל געענטפערט עטליכע שטימען. ליעך, וועלכער האָט אין צייט פון רעדען ניט איינמאָל זיך געפּרואווט צו פאַרענדיגען זיין ערצעהלונג, האָט געוועז ווידער אָנגעהויבען: „און אַט, דאָס, איך, ברידער מייגע... הערט־זשע אויס, מיינע יונגע פערדלאַך". נאָר איהם האָט מען ניט געהערט, און ער, אַרומלויפענדיג מיט די אויגען פון איין אָפיצער צום צווייטען האָט געזוכט אַ מיטפיהלענדען בליק. פון איהם האָבען זיך אַלע אָפּגעקערט, זייענדיג היגגעריסען פון דעם געשפּרעך, און ער האָט טרויעריג אומגעמאַכט מיט זיין שווער געוואָרענעם קאָפּ. ענדליך האָבען זיך זיינע אויגען באַגעגענט מיט ראָמאַשאָוו'ס. דער יונגער אָפיצער האָט אוים פּראַקטיק געוואוסט, ווי שווער עס איז איבערצולעבען אַזוינע מינוטען, ווען די ווערטער, פיעל מאָל ווידערהאָלטע, בלייבען אַזוי הענגען אָהן אַן אויפהאַלט אין דער לופט, און ווען אַ שטעכיגע שאַנד צווינגט האַרטנעקיג און האָפנונגסלאָז צו אומקערען זיך צו זיי. און דעריבער האָט ער זיך ניט אָוועקגעדרעהט פון פּאָדפּאָלקאָווניק, און יענער, אַ דערפרעהטער, האָט איהם אַ שלעפּ געטאָן פאַר'ן אַרבעל צומישט.

— דאָס... הער כאָטש דו מיך אוים, פּראַפּאָר, — האָט ליעך פאַרזאָרגטערהייט געזאָגט, — זעץ זיך, טרינק בראַנפען... זיי זיינען, ברודער'ל מיינער, אַלע... — ליעך האָט שוואַך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף די אָפיצערען, וואָס האָבען זיך געשפּאַרט. — האַוו, האַוו, האַוו, און קיין געניטקייט האָבען זיי ניט. איך האָב געוואָלט דערצעהלען, וואָס פאַר אַ צופאַל ביי אונז איז געוועזן...

האַלטענדיג מיט איין האַנט דאָס גלעזעל, און מאַכענדיג מיט דער

פרייער האנט אזוי, ווי ער וואָלט געדירידזשירט מיט אַ כאָר, און שאָק־לענדיג מיט דעם אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, האָט ליעף אָנגעהויבען צו דערצעהלען איינעם פון זיינע אונצעהליגע וויצען, מיט וועלכע ער איז געווען אָנגעשטאָפּט, ווי אַ וואורשט מיט לעבער, און וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט געקאָנט דערפיהרען ביז'ן סוף, אַ דאנק די אונצעהליגע באַמערקונגען, זייטיגע ווערטלאַך, פאַרגלייכונגען און רעטענישען. דער איצטיגער וויץ זיינען איז באשטאנען אין דעם, וואָס איין אָפיצער האָט פאַרגעלעגט דעם צווייטען — דאָס איז פאַרגעקומען, פאַרשטעהט זיך, מיט גאָר אַ לאַנגער צייט צוריק, — אַן אַמעריקאַנער דועל. אַלס אַ גורל האָט זיי געדיענט דאָס אוּם אָדער גראָד אויף אַ רובעל פּאַפּיר. נאָר עמיצער פון זיי — עס איז שווער געווען צו פאַרשטעהן ווער, — פּאַר־זוואָן אָדער סאַלוכאַ, האָט אָפּגעטאָן אַ שווינדעל: „אַזוי, ברודער'ל דו מיינער, ער האָט גענומען און צונויפגעקלעפּט צוויי פּאַפּירלאַך צוזאַמען, און עס איז אויסגעקומען, אַז אויף איין זייט גראָד און אויף דער צווייטער אוּם. האָבען זיי אָנגעהויבען, ברודער'ל דו מיינער, צו ציהען דעם גורל... זאָגט דער צו יענעם...

נאָר אויך צו דעם מאָל האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק, ווי געוועהנליך, ניט געענדיגט זיין וויץ, ווייל אין בופעט איז שפּיעלענדיג אריינגעשוואומען ראַאיסאַ אַלעקסאַנדראָווגאַ פּעטערסאָן. שטעהענדיג אין טיר פון עס־צימער, נאָר ניט אריינגעהענדיג אין איהם (וואָס איז, אין אַלגעמיין, ניט אָנגענומען), האָט זי אַ געשריי געטאָן מיט אַ קאַפּריזנעם פרעהליכען קול'כעל, אזוי ווי עס שרייען צולאָזענע, נאָר ביי אַלעמען באַליעבטע מיידלאַך:

— מיינע העררן, וואָס איז דאָס אַזוינס! די דאַמען זיינען זיך שוין לאַנג צונויפגעפאָהרען, און איהר זיצט דאָ און טרינקט! מיר ווי־לען טאַנצען!

צוויי־דריי יונגע אָפיצערען זיינען אויפגעשטאַנען צו געהן אין זאַל. די איבעריגע זיינען געבליבען זיצען, רויכערען און ריידען, ניט שענקענדיג קיין אויפמערקזאַמקייט דער קאָקעטישער דאַמע; נאָר דער אַלטער ליעף איז מיט זייטיגע קליינע טריט צוגעגאַנגען צו איהר, און, צונויפלייגענדיג די הענט ווי אַ קרייץ, און פאַרגיסענדיג זיך אויפ'ן ברוסט אַ גלעזעל שנאַפּס, האָט ער אויסגעשריען מיט אַ שיכור'ער געריהרטקייט:

— גערליכע! און ווי ערלויבט דאָס נאַטשאַלסטוואָ, אַז אַזאַ שעהנהייט זאָל עקזיסטירען! דאָס הענטעלע!... אַ קוש טאָן!...

— יורי אַלעקסעאיטש, — האָט פעטערסאָן איהר פלאַפלעריי פּאַרטנגעזעצט, — איהר זייט דאָכט זיך אויף היינט באַשטימט? ניטאָ וואָס צו ריידען, אַ גוטער דיריזשאָר!

— מיל פּאַרדאָן, מאַדאַם. סע מאַ פאָט! דאָס איז מיין שולד,

— האָט באַבעטינסקי אויסגעשריען, צולויפענדיג צו איהר. אין גאַנג האָט ער שנעל געשאַרט מיט די פיס, געבאַלאַנסירט מיט׳ן קערפּער, און אומגעמאַכט מיט די אַראָפּגעלאָזענע הענט מיט אַזאַ אויסזעהן, ווי דאָס וואָלטען געווען פאַרבאַריייטונגס פאַ פון עפּעס אַ פּרעהליכען באַלעטען טאַנץ. — אייער האַנט. וואָטר מען, מאַדאַם. אין זאָל, מיינע העררן, אין זאָל!

ער איז אַוועק אונטער׳ן האַנט מיט פעטערסאָן, הויך פאַרוואַרפענדיג דעם קאָפּ, און באַלד האָט זיך שוין פון אַנדער צימער דערטראָגען זיין שטימע — פון אַ גרויסאַרטיגען דיריזשאָר, ווי ער האָט געמיינט.

— מאָסיע, לאַדעט איין די דאַמען אויף אַ וואַלס! מוזיקאַנטען, אַ וואַלס!

— עך, ברודער׳ל דו מיינער, — האָט ליעך מיט באַדויערונג אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. — אויך דו ביזט אַזאַ פעפער, ווי זיי אַלע. דאָס.. וואַרט, וואַרט אויס, פּראָפּאַרשטשיק... דו האָסט געהערט וועגען מאַלטקע? וועגען דעם גרויסען שווייגער, פעלדמאַרשאַל... דאָס... און דעם סטראַטעג מאַלטקע?

— הער פּאָלקאָווניק, ווירקליך...

— און דו, ניט דרעה זיך אום... דער משל איז אַ קורצער... דער גרויסער שווייגער פלעגט באַזוכען אַלע אָפיצערישע קלובען, און ווען ער פלעגט עסען מיטאָג, פלעגט ער... דאָס... אַוועקלייגען פאַר זיך אויפ׳ן טיש אַ טייסטער אָן אָנגעשלאָגענעם, ברודער׳ל מיינער, מיט גאָלד. אין געדאַנק ביי זיך האָט ער באַשלאָסען אָפּצוגעבען דעם טייסטער יענעם אָפיצער, פון וועלכען ער וועט כאָטש איינמאָל הערען אין קלוב אַ וואָרט צו דער זאַך. נאָר דער אַלטער איז אַזוי געשטאָרבען, אָפּלעבענדיג אויף דער וועלט הונדערט מיט נײַנציג יאָהר, און זיין טייסטער איז, ברודער׳ל דו מיינער, געבליבען גאַנץ. וואָס? האָסט

צוקנאַקט דעם נוס? נו, איצטער געה זיך דיר, ברודער׳ל, געה, געה, דו יונגער שפּאַץ... שפּרינג אַביסעל...

אין זאַל, וועלכער האָט אינגאַנצען געציטערט, ווי עס האָט זיך געדרוכט, פון די פאַרטויבענדע וואַלס־קלאַנגען, האָבען זיך געדרעהט צוויי פּאָר. באָבעטינסקי, אָנשטעלענדיג די עלענבויגענס ווי פליגלען, האָט שנעל געשאַרט מיט די פיס אַרום דער דיקער טאַלמאַ׳ן, וועלכע האָט געטאַנצט מיט דער ערהאַבענער רוהיגקייט פון אַ שטיינערנעם מאָנומענט. דער געוויקסיגער אַרטשאַקאָווסקי האָט געדרעהט אַרום זיך די קליינע, רויטליכע ליקאַטשאָווא, די אינגערע, עטוואָס צובויגענדיג זיך צו איהר און קוקענדיג אויף איהרע האָר. ניט מאַכענדיג קיינע פּאַ, האָט ער פויל און נאַכלעסיג געמאַכט מיט די פיס, ווי מען טאַנצט געוועהנליך מיט קינדער. די פּופּצעהן איבעריגע דאַמען זיינען געזעסען אַרום די ווענט אין פולער איינזאַמקייט און האָבען זיך געפּלייסט צו מאַכען אַזאַ איינדרוק, אַז דאָס אַרט זיי גאָרניט. ווי עס פלעגט אַלע מאָל פּאָרקומען אויף די פּאָלק־פאַרזאַמלונגען, איז קאַוואַליערען געווען פיער מאָל ווייניגער ווי דאַמען, און דער אָנהויב פון דעם אָוועגט האָט געשיינט צו זיין לאַנגווייליג.

פּעטערסאָן, וועלכער האָט נאָר וואָס געעפענט דעם באַל, וואָס דאָס איז געווען דער הויפּט־שטאָלץ פון די דאַמען, איז איצט אַוועק מיט דעם דינעם, שלאַנקען אָליזאַר. ער האָט געהאַלטען איהר האַנט, אַזוי ווי אַ צורעקנעפּעלטע צו זיין לינקען זייט; זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף איהר אַנדער האַנט, וועלכע איז געלעגען אויף זיין אַקסעל און דעם קאָפּ אויסגעדרעהט אויף צוריק אין אַן אומנאַטירליכער בילדליכער פּאָזע. ענדיגענדיג דעם טור, האָט זי זיך אַבזיכטליך געזעצט ניט ווייט פון ראָמאַשאָוו׳ן, וועלכער איז געשטאַנען ניט ווייט פון טיר פון דעם פרויען־צימער. זי האָט זיך שנעל געפּאָכט מיט דעם פּעכער, און קוקענדיג אויף אָליזאַר׳ן, וועלכער האָט זיך צו איהר צוגעבויגען, האָט זי גערעדט מיט אַ זינגענדיגער ליידענשאַפטליכקייט:

— ניין, אָבער זאָגט מיר, גראַף, פאַר וואָס איז דאָס מיר שטענדיג אַזוי היים? איך בעט אייך, זאָגט מיר.

אָליזאַר האָט זיך האַלב פאַרנויגט, אַ קלונג געטאָן מיט די שפּאָרען און אַ פיהר געטאָן מיט דער האַנט איבער די וואָנסען איןביידע זייטען.

— מיין הארענטע, דאָס וועט איך אפילו מארטין זערעקא אליין ניט זאָגען.

און אזוי ווי אין דער זעלבער צייט האָט אָליזאר געקוקט אויף איהר פלאכע דעקאָלטע, האָט זי אָנגעהויבען אָפּט און אומנאטירליך טיף צו אָטעמען.

— אך,ביי מיר איז אלע מאָל א געהעכערטע טעמפעראטור! — האָט פאָרטגעזעצט ראאיסא אלעקסאנדראָוונא, אָנווייזענדיג מיט א שמייכעל, אז הינטער איהרע ווערטער באהאלט זיך עפּעס א באזונדערער ניט פיינער מיין. — ביי מיר איז דאָס אזא הייסער טעמפּעראמענט!..

אָליזאר האָט קורץ און אומדייטליך אָנגעהויבען צו הירזשען.

ראָמאשאָוו איז געשטאנען, געקוקט אין דער קרים אויף פעטערסאָן און געטראכט מיט עקעל: „אָה, ווי אבשייליך זי איז.“ און פון דעם געדאנק וועגען דער פריהערדיגער פיזישער נאָהנטקייט מיט דער פרוי, איז ביי איהם געווען אזא געפיהל, אזוי ווי ער וואָלט זיך ניט געוואַשען און ניט אומגעביטען קיין וועש עטליכע מינאטען.

— יע, יע, יע. איהר לאכט נאָר ניט, גראף. איהר ווייסט ניט, אז מיין מוטער איז א גריכין!

„און זי רעדט אזוי העסליך, — האָט ראָמאשאָוו געטראכט, — מאָדנע, ווי איך האָב דאָס ניט באמערקט. זי רעדט אזוי, פונקט ווי ביי איהר איז א כראָנישער קאטער אָדער א פּאָליפּ אין נאָז: „מיין מוטער איז א גריכין“.

צו דער זעלבער צייט האָט זיך פעטערסאָן א קער געטאָן צו ראָמאשאָוו'ן, און האָט פרעך א קוק געטאָן אויף איהם מיט האלב פארזשמורעטע אויגען.

ראָמאשאָוו האָט לויט זיין געוואוינהייט א טראכט געטאָן:

„זיין געזיכט איז געוואָרען אומדורכדרינגבאר, ווי א מאסקע“.

— וואָס מאכט איהר, יורי אלעקסעאיטש? ווארום געהט איהר ניט צו באגריסען זיך? — האָט ראאיסא אלעקסאנדראָוונא גענומען זינגען.

ראָמאשאָוו איז צוגעגאנגען. יי האָט איהם שטארק א דריק געטאָן די האנט, קוקענדיג אויף איהם מיט בייזע אויגען, וועלכע זיינען געוואָרען אויסערגעוועהנליך קליין און שארף.

— איך האָב פאַר אייך געלאָזען די דריטע קאַדריל, ווי איהר האָט געבעטען. איך האָף, אַז איהר האָט ניט פאַרגעסען?

ראַמאַשאָוו האָט זיך אַ נויג געטאָן.

— ווי אומהעפליך איהר זייט, — האָט זיך אַלץ פעטערסאָן גע־קרימט. — איהר האָט באַדאַרפט זאָגען: אַנשאַנטע, מאַדאַם, — אַנשאַנטע, מאַדאַם, — האָט ראַמאַשאָוו דערהערט. — גראַף, זאָגט דעם אמת, ער איז אָנגעבלאָזען ווי אַ זאַק?

— געוויס... איך געדענק, — האָט געמורמעלט ראַמאַשאָוו. — איך דאַנק אייך פאַר דער עהרע.

באָבעטינסקי האָט ווייניג מיטגעווירקט, אַז דער אָווענט זאָל באַ־לעבט זיין. ער האָט געדיריזשירט מיט אַ מידען און ענטוישטען אויס־זעהן, אַזוי ווי ער וואָלט ערפילט עפּעס אַ פליכט, וואָס איז זעהר וויכ־טיג פאַר אַלעמען, און וועלכע האָט איהם שטאַרק דערעסען. נאָר פאַר דער דריטער קאַדריל האָט ער אויפגעלעבט, און פליהענדיג אי־בער'ן זאַל, ווי אויף גליטשערס איבער אייז, האָט ער מיט שנעלע גלי־טשיגע טריט הויך אויסגעשריען:

— קאַדריל—מאָנסטר! קאַוואַליע, אַנגאַזשע וואַ דאַם!

ראַמאַשאָוו מיט ראַאיסאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ האָבען זיך געשטעלט ניט ווייט פון מוזיקאַנטען־פענסטער, האָבענדיג אַנטקעגען זיך מיכינ'ען און לעשטשענקאָ'ס ווייב, וועלכע האָט קוים דערגרייכט צו די שול־טערען פון איהר קאַוואַליער. צו דער דריטער קאַדריל זיינען צוגעקו־מען טענצער, אַזוי אַז די פּאָרען זיינען געשטאַנען אין דער לענג און אין דער ברייט פון זאַל. אי די אי יענע איז אויסגעקומען צו טאַנצען, בייטענדיג זיך, און דעריבער האָט מען יעדע פיגור געשפּיעלט צו צוויי מאָל.

„מען דאַרף אַלץ קלאָר מאַכען און מאַכען אַן ענדע, — האָט גע־טראַכט ראַמאַשאָוו, אַ פאַרטויבטער פון די באַראַבאַן־קלעפּ און פון די קופּערנע קלאַנגען, וואָס האָבען זיך געריסען פון פענסטער. — „גענוג!“ —„אויף זיין געזיכט איז געלעגען אַן אומצושטערבאַרע ענטשלאָ־סענקייט“.

ביי די פּאָלק־דיריזשאָרען זיינען שוין פון לאַנג אָן איינגעשטעלט באַזונדערע איינפאַלען און שפּאַסען. אַזוי, אַז אין דער דריטער קאַדריל האָט מען אַלע מאָל געפונען פאַר נויטיג צו פּלאָנטערען די פיגורען,

און מאכען כלומרשט ניט בכיוון, פרעהליכע פעהלערען, וועלכע פלעגען אלע מאל אויפהויבען א טומעל און א געלעכטער. און באבעטינסקי, אנהויבענדיג די קאדריל פון דער צווייטער פיגור, פלעגט צווינגען די קאַוואליערען דורכגעהן א סאלא, און באלד, אזוי ווי כאפענדיג זיך אויף דעם פעהלער, אומקערען זיי צוריק צו די דאמען, אדער ער פלעגט מאכען א גראנד־ראנד, און צופלאנטערענדיג איהם, פלעגט ער צווינגען די קאוואליערען אויפצוזוכען זייערע דאמען.

— מעדאם, אוואנסע... ענטשולדיגט, ריקוליע! קאוואליע, סאלא! פארדאן, צוריק, באלאנסע אוועק ווא דאם. צוריק!

ראאיסא אלעקסאנדראוונא האט דערוויל גערעדט מיט א גיפטיגען טאן שטיקענדיג זיך פון כעס, נאר מאכענדיג אזא שמייכעל, אזוי ווי דער געשפרעך וואלט זיך געפיהרט וועגען זעהר פרעהליכע און אנגענעמע זאכען:

— איך וועל ניט ערלויבען אזוי זיך צו באגעהן מיט מיר. איהר הערט? איך בין אייך ניט עפעס א מיידעלע. יע. אנשטענדיגע מענשען פיהרען זיך ניט אויף אזוי. יע.

— לאמיר ניט זיין בייז, ראאיסא אלעקסאנדראוונא, — האט איהר ווייך און איבערצייגענד געבעטען ראמאשאוו.

— אה, צופיעל עהרע — בייז זיין! איך קאן נאר פאראכטען אייך. אבער אויסלאכען זיך פון מיר וועל איך קיינעם ניט ערלויבען. פאר וואס האט איהר זיך ניט באמיהט צו ענטפערען אויף מיין בריוו?

— אבער אייער בריוו האט מיר אין דער היים ניט געטראפען. איך שווער אייך.

— כא! איהר דרעהט מיר א קאפ! פונקט ווי איך ווייס ניט, וואוהין איהר געהט... נאר זייט זיכער...

— קאוואליע, אן אוואן! ראן דע קאוואליע א האש! לינקס, לינקס! לינקס, מיינע העררן! עך, זיי פארשטעהען גאר ניט. פליו דע־ליא־ווי, מעסיע, — האט באבעטינסקי געשריען, שלעפענדיג די טענצער אין א שנעלען קאראהאד און פארצווייפעלט טופענדיג מיט די פיס.

— איך ווייס אלע אינטריגעס פון דער פרוי, פון דער ליליפוטקע, — האט ראאיסא פארטגעזעצט, ווען ראמאשאוו האט זיך אומגעקערט

אויפ׳ן אָרט. — אָבער אומזיסט טראַכט זי וועגען זיך אַזוי פיעל! דאָס וואָס זי איז אַ טאָכטער פון אַ גנב אַ נאָטאַריאוס...

— איך וואָלט אייך בעטען, ניט אויסדריקען זיך אַזוי אין מיין אַנוועזענהייט וועגען מיינע באַקאַנטע,—האָט איהר ראָמאַשאָוו שטרענג אָפּגעשטעלט.

דאָ איז פאָרגעקומען אַ העסליכע סצענע. פּעטערסאָן האָט שטאַרק גענומען זידלען שוראָטשקע׳ן. זי האָט שוין גאָר פאַרגעסען אויף די געמאַכטע שמייכלען, און אין גאַנצען אין פלעקען, האָט זי זיך געמיהט צו איבערשטייגען די מוזיק מיט איהר שטימע. ראָמאַשאָוו איז ביז טרערען רויט געוואָרען פון אָהנמעכטיגקייט און פאַרלעגענהייט, און אויס וועהטאָג פאַר דער באַליידיגטער שוראָטשקאַ, און איבער דעם, וואָס איהם איז ניט געלונגען אַ וואָרט אַריינצושטעלען איבער די פאַר־טויבענדע קלאַנגען פון קאַדריל, און, איבערהויפּט, פון דעם, וואָס אויף זיי האָט מען שוין גענומען קוקען.

— יע, יע, איהר פאָטער איז אַ גנב, זי האָט ניט וואָס אויפצו־הויבען די נאָז! — האָט פּעטערסאָן געשריען. — זאָגט נאָר, זי נע־גליזישרט אונז. מיר ווייסען וועגען איהר אויך עפּעס וואָס! יע!

— איך בעט אייך, — האָט ראָמאַשאָוו געפלאַפּעלט.

— וואַרט נאָר אויס! איהר און זי וועט נאָך דערזעהן מיינע נעגעל. איך וועל אויפעפענען די אויגען דעם נאַר, ניקאָלאַיעוו׳ן, וועלכען זי קאָן ניט אַריינשטופען אין אַקאַדעמיע שוין צייט דריי יאָהר. און ווי אַזוי זאָל ער קאָנען אָנקומען אַהין, אַז ער זעהט ניט וואָס עס טוט זיך ביי איהם אונטער׳ן נאָז. און אַ פיינער פאַרעהרער איז ביי איהר!...

— מאַזורקאַ זשענעראַל! פּראָמענאַד! — האָט באָבעטינסקי געשריען, טראָגענדיג זיך איבער׳ן זאַל אינגאַנצען און איינגעבויגענער פאָראויס אין דער פּאָזע פון אַ פליהענדיגען מלאך.

די דיל האָט קענומען ציטערען און ריטמיש באַוועגען זיך אונטער דער שווערער טופּעריי, און אין טאַקט צו דער מאַזורקע האָבען אָנגע־הויבען צו קלינגען די הענגלאַך אויף דער לוסטרע, שפּילענדיג מיט פאַרשידענפאַרביגע פייערלאַך, און מעסיג האָבען זיך גענומען וויגען די טויל־פאָרהאַנגלאַך אויף די פענסטער.

— פאַר וואָס זאָלען מיר זיך ניט שיידען פרידליך און שטיל? —

האָט עניות'דיג געפּרעגט ראָמאַשאָוו. אין האַרצען האָט ראָמאַשאָוו געפיהלט, אַז די דאָזיגע פרוי זעצט אין איהם אַריין, אויסער עקעל, עפּעס אַ קליינליכען, נידעריגען אָבער אונזיגבאַרען געפיהל פון פייגהייט. — איהר ליעבט מיך ניט מעהר... לאָמיר זיך געזעגענען ווי גוטע פריינד.

— א־א, איהר ווילט מיר די ציינער פאַרריידען? ניט באַאומרוהיגט זיך, מיין ליעבער, איך בין ניט פון יענע, וועלכע מען וואַרפט אַוועק. איך וואַרף אַליין אַוועק, ווען איך וויל. נאַר איך קאָן זיך ניט אָנוואונדערען גענוג אויף אייער נידערטרעכטיגקייט...

— לאָמיר שנעלער ענדיגען,—האָט אומגעדולדיג, מיט אַ פּאַרטוויבטער שטימע, צונויפפּרעסענדיג די ציינער, אַרויסגערעדט ראָמאַשאָוו.

— אַנטראַקט פינף מינוט. קאַוואַליע, אַקקיופּע וואַ דאַם. — האָט דער דיריזשאָר אַ געשריי געטאָן.

— יע, ווען איך וועל נאַר וועלען. איהר האָט מיך נידערטרעכטיג אויסגענאַרט. איך האָב געאָפּפערט מיט אַלץ פאַר אייך, איך האָב אייך אוועקגעגעבען אַלץ, וואָס אַן עהרליכע פרוי קאָן אוועקגעבען... איך האָב ניט געוואַגט אַ קוק צו טאָן אין די אויגען מיין מאַן, אָט דעם אידעאַלען, עהרליכען מענשען. צוליעב אייך האָב איך פאַרגעסען די פּליכטען פון אַ פרוי און מוטער. אָה, פאַר וואָס בין איך ניט געבליבען געטריי צו איהם!

— לאָמיך זאָגען!... — ראָמאַשאָוו האָט זיך ניט געקאָנט צוריקהאַלטען פון אַ שמייכעל. איהרע אונצעהליגע ראָמאַנען מיט אַלע יונגע אָפיצערען, וועלכע פלעגען קומען צופאָהרען דיענען, זיינען זעהר גוט באַוואוסט געווען דעם גאַנצען פּאָלק, אַזוי ווי אַלע ליעבעס־געשיכטען, וועלכע האָבען פּאַסירט ביי אַלע פינף און זיעבעציג אָפיצערען מיט זייערע פרויען און פאַרוואַנדטע. איהם האָבען זיך איצטער דערמאָנט די אויסדרוקען, ווי: „מיין נאַר", „דער פאַראַכטעטער מענש", דער אָקס, וועלכער שטאַרצט אימער", און נאָך ניט ווענינער שטאַרקע אויסדרוקען, וועלכע זי פלעגט איינטיילען איהר מאַן מינדליך און אין די בריוו.

— א, איהר האָט נאָך די חוצפּה צו לאַכען! גוט! — האָט זיך ראַאיסאַ אָנגעצונדען. — מיר דאַרפען אָנהויבען! — האָט זי זיך געכאַפּט, און, אָננעמענדיג פאַר דער האַנט איהר קאַוואַליער, האָט זי שנעל גענומען טרעטען פאָראויס, גראַציעז וויגענדיג דעם קערפּער און

אנגעשטרענגט שמייכלענדיג. ווען זיי האָבען געענדיגט די פיגור, האָט איהר געזיכט ווידער אָנגענומען אַ בייזען אויסדרוק, „אַזוי ווי ביי אַ בייזען אינזעקט", האָט ראָמאַשאָוו אַ קלער געטאָן.

— איך וועל דאָס אייך ניט פאַרגעבען. איהר הערט! קיינמאָל ניט! איך ווייס, פאַר וואָס איהר ווילט אַזוי נידערטרעכטיג אַוועקגעהן פון מיר. איז ניין; עס וועט ניט אַרויסקומען דאָס, וואָס איהר האָט פאַרקלערט. עס וועט ניט זיין, ניט זיין, ניט זיין! אַנשטאַט צו קומען און זאָגען מיר עהרליך, גלייך, אַז איהר ליעבט מיך ניט מעהר, געפינט איהר פאַר בעסער צו אויסנאַרען מיך, און באַנוצען זיך מיט מיר אַלס אַ פרוי, אַ נקבה... אַזוי זיך, טאָמער וועט זיך דאַרטען ניט איינגעבען. כאַ־כאַ־כאַ!...

— נו, גוט, לאָמיר ריידען קלאָר. — האָט מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס ראָמאַשאָוו גענומען ריידען. ער איז נאָך בלייכער געוואָרען, און האָט געביסען די ליפען. — איהר האָט דאָס אַליין געוואָלט. יע, דאָס איז אמת: איך האָב אייך ניט ליעב.

— אַך! ווי באַליידיגענד דאָס איז פאַר מיר!

— און איך האָב אייך קיינמאָל ניט געליעבט, פונקט אַזוי, ווי איהר מיך. מיר האָבען ביידע געשפּיעלט עפּעס אַן אָבשייליכען ליגנערישען און קויטיגען שפּיעל. עפּעס אַ באַנאַלען פאַרס. איך האָב אייך זעהר גוט פאַרשטאַנען, ראַאיסאַ אַלעקסאַנדראָוונאַ. איהר דאַרפט ניט קיין צאַרטקייט, קיין ליעבע, קיין צוגעבונדענקייט. איהר זייט צו קליין און נישטיג פאַר דעם. ווייל, — ראָמאַשאָוו'ן זיינען אַרויף אויפ'ן זינען נאַזאַנסקי'ס ווערטער — ליעבען קאָנען נאָר אויסדערוועהלטע, נאָר אויסגעאייִדעלטע נאַטורען!

— כאַ, דאָס זייט איהר, מסתמא, אַן אויסדערוועהלטע נאַטור?

און ווידער האָט אָנגעהויבען צו דונערען די מוזיק. ראָמאַשאָוו האָט מיט האַס נעקוקט אין פענסטער אויף דעם שרייענדיגען קופּערנעם טראָמבאָן, וועלכער האָט מיט אַ ווילדער גלייכגילטיגקייט אַרויסגעשפּייט אין זאַל רעוועגדיגע, כריפּענדיגע קלאַנגען. העסליך איז איהם געווען אויף דער סאָלדאַט, וואָס האָט געשפּיעלט, אָנבלאָזענדיג די באַקען, אויסשטעלענדיג די גלעזערנע אויגען און ווערענדיג בלוי פון אָנשטרענגונג.

— לאָמיר זיך ניט קריעגען. עס קאָן זיין, אַז איך פאַרדיען ניט

קיין אמת'ע ליעבע. נאָר ניט דאָס איז די זאַך. די זאַך איז, וואָס איך, מיט אייערע שמאָלע פּראָווינציעלע בליקען און פּראָווינציעלער עהרגייציגקייט, איז אומבאַדינגט נויטיג, אַז עמיצער זאָל איך „ארומרינגלען", אַז אַנדערע זאָלען דאָס זעהן. אָדער, איהר מיינט, אַז איך האָב ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון אייער פאַמיליאַריטעט מיט מיר אויף די אָווענטען, דעם אינטימען און באַפעלענדען טאָן, אין דער צייט, ווען אויף אונז האָבען געקוקט זייטיגע מענשען? יע, יע. אומר באַדינגט, אַז זיי זאָלען זעהן. אויב ניט, האָט פאַר אייך די גאַנצע שפּיעל קיין זין ניט. איהר האָט ניט געדאַרפט פון מיר קיין ליעבע, נאָר איהר האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלען אייך זעהן אַן איבעריגען מאָל קאָמפּראָמענטירט.

— צוליעב דעם וואָלט איך זיך דאָך געקאָנט אויסקלייבען עמיצען אַ בעסערען און אַן אינטערעסאַנטערען פון אייך, — האָט מיט אַן אויפ־געבלאָזענעם שטאָלץ געענטפערט פּעטערסאָן.

— זייט רוהיג, מיט דעם וועט איהר מיך ניט אַ שטאָך טאָן. יע, איך זאָג אייך נאָך אַ מאָל: איהר דאַרפט נאָר, אַז מען זאָל עמיצען האַלטען פאַר אייערען אַ קנעכט, פאַר אַ נייעם קנעכט פון אייער צווי־בער. די צייט געהט און קנעכט ווערען אַלץ וועניגער. און אום ניט צו פאַרלירען דעם לעצטען זיפצער, ברענגט איהר אַ קאַלטע און ליי־דענשאַפטלאָזע פאַר אַ קרבן אייערע פאַמיליען פליכטען און געטריי־קייט צום מאַן.

— ניין, איהר וועט נאָך הערען פון מיר! — האָט בייז און פּיעלבאַדייטענד ראַאיסאַ ארויסגעמורמעלט.

דורך דעם זאָל, אָפּשפּרינגענדיג פון די טאַנצענדע פּאַרלאַך, איז צו זיי צוגעגאַנגען ראַאיסאַ'ס מאַן, קאַפּיטאַן פּעטערסאָן. דאָס איז געווען אַ דאַרער, שווינדזיכטיגער מענש, מיט אַ פליכטוואַטען געלבען שאַרבען און שוואַרצע אויגען — פּייכטליך־צערטליכע, נאָר מיט אַ באַ־האַלטענעם בייזען פייערעל. ווענען איהם האָט מען געזאָגט, אַז ער איז פאַרליעבט אין זיין פרוי, פאַרליעבט אויף אַזוי פיעל, אַז ער האָט געפיהרט אַ ויסע, צערטליכע און פאַלשע פריינדשאַפט מיט אַלע איהרע נאָכגעהער. עס איז אויך געווען באַוואוסט, אַז ער פלעגט זיי באַצאָה־לען מיט האַס און אַלערליי דיענסט־אומאַנגענעמליכקייטען, ווי נאָר זיי פלעגען מיט פרייד אוועקגעהן פון זיין פרוי.

ער האָט נאָך פון דערווייטענס אומנאַטירליך געשמייכעלט מיט זיינע צוגעקלעפּטע צום מויל בלויע ליפּען.

— דו טאַנצסט, ראַיעטשקאַ? וואָס מאַכט איהר, טייערער זשאַר־זשיק. וואָס זעהט מען דאָס אייך עפּעס ניט? מיר האָבען זיך, ווירק־ליך, אזוי צוגעוואוינט, אַז אונז איז אומעטיג אָהן אייך.

— אזוי זיך... אַלץ... ארבייט, — האָט ראָמאַשאָוו געמורמעלט.

— מיר ווייסען אייער ארבייט, — האָט איהם פּעטערסאָן אַ מאַך געטאָן מיט'ן פינגער און האָט זיך צולאַכט, אזוי ווי ער וואָלט זיך צוקוויטשעט. נאָר זיינע שווארצע אויגען מיט די געלע ווייסלאַך זיינען פארזאָרגט אריבערגעלאָפען פון זיין פּרוים געזיכט אויף ראָ־מאַשאָוו'ן.

— און איך, דעם אמת זאָגענדיג, האָב געמיינט, אַז איהר האָט זיך צוקריעגט. איך זעה, אַז איהר היצט זיך ווענען עפּעס. וואָס איז דאָס דאָרטען ביי אייך?

ראָמאַשאָוו האָט אַ צוטומעלטער געשוויגען, קוקענדיג אויף פּע־טערסאָנ'ס דארען, אָדערדיגען האַלז. נאָר ראַאיסאַ האָט געזאָגט מיט יענער חוצפה'דיגער איבערצייגטקייט, וואָס זי פלעגט שטענדיג ארויס־ווייזען אין לייגען:

— יורי אַלעקסעאיטש פילאָזאָפירט אַלץ. ער זאָגט, אַז טענץ האָבען שוין זייערס אָפּגעלעבט, און אַז טאַנצען איז נאַריש און לע־כערליך.

— און אליין טאַנצט ער, — האָט פּעטערסאָן באַמערקט מיט אַ גיפטיגער גוטמוטיגקייט. — נו, טאַנצט, קינדערלאַך מיינע, טאַנצט, איך שטער אייך ניט.

ווי נאָר ער איז אוועק, האָט ראַאיסאַ מיט אַ פאַלשער גערי־הרט־קייט געזאָגט:

— און אָט דעם הייליגען, אויסערגעוועהנליכען מענשען האָב איך גענאַרט! און צוליעב וועמען! אָה, ווען ער וואָלט נאָר וויסען, ווען ער וואָלט נאָר וויסען...

— מאַזורקאַ זשענעראַל! — האָט באָבעטינסקי אַ געשריי געטאָן.

— קאַוואַליערען כאַפּען אויס די דאַמען.

פון די צוהיצטע קערפּער־באַוועגונגען און פון דעם שטויב, וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון דער דיל, איז אין זאַל געוואָרען שטיקענד,

און די פלאמען פון די ליכט זיינען פארוואנדעלט געווארען אין געלע נעבעלדיגע פלעקען. איצטער האבען פיעלע פארלאך געטאנצט, און אזוי ווי עס איז געווען ווייניג ארט, האט זיך יעדעס פארעל געטאנצט אויף א באנגעקנעצטען פלאץ; די טענצער האבען זיך געשטופט און גע־שטויסען איינער דעם צווייטען. די פיגור, וואס דער דיריזשאר האט פארגעלייגט, איז באשטאנען אין דעם, וואס דער פרייער קאוואליער האט נאכגעפאלגט א טאנצענדע פארעל. דרעהענדיג זיך ארום איהר, און מאכענדיג צו דערזעלבער צייט די פא פון מאזורקע, וואס פלעגט ארויסקומען לעכערליך און אומזיניג, פלעגט ער זיך באמיהען צו דערהי־טען דעם מאמענט, ווען די דאמע פלעגט זיך צו איהם אומקערען מיט'ן פנים; און דאן פלעגט ער האסטיג א קלאפ טאן מיט די הענט, און דאס פלעגט הייסען, אז ער האט געוואונען די דאמע. נאר דער אנדער קא־וואליער פלעגט איהם זעהן שטערען אין דעם, און פלעגט דרעהען און צופען זיין דאמע אין אלע זייטען. פון דער פיגור פלעגט אין זאל אלע מאל ארויסקומען אן אומגעלומפערטע ניט שעהנע איילעניש און געלויף.

— אקטריסע! — האט ראמאשאוו כריפענדיג געמורמעלט, צו־בויגענדיג זיך נאהנט צו ראאיסא, — מיר איז לעכערליך און קלעגליך צו אויסהערען אייך!

— איהר זייט, דוכט ייך, באטרונקען! — האט ראאיסא מיט עקעל אויסגעשריען, ווארפענדיג אויף ראמאשאוו'ן א בליק, מיט וועל־כען די העלדינס פון א ראמאן מעסטען אפ די מערדער פון קאפ ביז די פיס.

— ניין, זאגט מיר, פאר וואס האט איהר מיך אויסגענארט? — האט בייז געשריען ראמאשאוו. — איהר האט זיך מיר אפגעגעבען בלויז צוליעב דעם, איך זאל פון אייך ניט אוועקגעהן. אה, ווען איהר וואלט דאס געטאן אויס ליעבע, אדער בלויז אויס ליידענשאפט. איך וואלט דאס פארשטאנען. יאר דאס איז דאך ביי אייך פון איין צולאזענקייט, פון נידעריגען אייטעל. שרעקט אייך דען ניט דער גע־דאנק, ווי אבשייליך מיר זיינען געווען, געהערענדיג איינער דעם אנ־דערען אהן ליעבע, אויס לאנגווייליגקייט, צום צייטפארטריי־בען, אהן נייגעריגקייט אפילו, נאר אזוי ... ווי די דיענ־סטען קנאקען יום־טוב צייט ניסלאך: פארשטעהט, אז דאס

איז ערגער פאַר דעם, ווען אַ פרוי גיט זיך אָפּ פאַר געלט. דאָר־טען איז די נויט, דער נסיון... פאַרשטעהט, אַז מיר איז מיאוס און עקעלהאַפט צו טראַכטען וועגען דער אויסגעלאַסענהייט, וואָס האָט גאָר קיין ענטשולדיגונג ניט!

מיט אַ קאַלטען שוויים אויפ'ן שטערען און מיט אויסגעלאָשענע, לאַנגווייליגע אויגען האָט ער געקוקט אויף די טאַנצענדע. אָט איז דורכגעשוואומען, ניט קוקענדיג אויף איהר קאַוואַליער, קוים פיהרענדיג מיט די פיס, מיט אומבאַוועגליכע שולטערען און באַליידיגטען אויס־זעהן, די ערהאַבענע טאַלמאַן, און מיט איהר—דער פרעהליכער יעפּי־פאַנאָוו, וואָס האָט געשפּרונגען ווי אַ באָק. אָט איז די קליינע ליקאַ־טשאָווא, אינגאַנצען אַ רויטליכע, מיט גלאַנצענדיגע אויגעלאַך, מיט אַן אויסגעבלויזטען, אומשולדיגען, מיידעלשען האַלז. אָט איז אַליזאַר אויף די דינע פיס, גלייכע און שלאַנקע, ווי די פיסלאַך פון אַ צירקעל. ראָמאַשאָוו האָט געקוקט און געפיהלט אַ קאָפּ וועהטאָג און אַ לוסט צו וויינען. און לעבען איהם האָט ראַאיסאַ, אַ בלייכע פון כעס, גע־רעדט מיט אַ פאַרגרעסערטען טעאַטראַלישען סאַרקאַזם:

— אויסגעצייכענט! אַן אינפאַנטעריע אָפיצער אין דער ראָלע פון יוסף הצדיק!

— געוויס, געוויס אין דער ראָלע, — האָט זיך ראָמאַשאָוו אָנגע־צונדען. — איך ווייס אַליין, אַז דאָס איז לעכערליך און באַנאַל. נאָר איך שעם זיך ניט צו באַדויערען מיין פאַרלוירענע ריינקייט, איינ־פאַכע פיזישע ריינקייט. מיר זיינען ביידע מיט'ן גוטען ווילען אַריינגע־קראָכען אין אַ מיסט־גרוב, און איך פיהל, אַז איצטער וועל איך קיינמאָל ניט וואַגען ליעב צו האָבען מיט אַ ריינער, פרישער ליעבע. און אין דעם איז די שולדיגע—איהר! איהר הערט, איהר, איהר, איהר! איהר זייט עלטער און געניטער פון מיר, איהר האָט שוין גענוג געניטקייט אין ליעבע זאַכען.

פעטערסאָן האָט זיך מיט אַ שטאָלצער בייזקייט אויפגעהויבען פון שטול.

— גענוג! — האָט זי געזאָגט מיט אַ דראַמאַטישען טאָן.—איהר האָט זיך דערשלאָגען צו דאָס, וואָס איהר האָט געוואָלט. איך האָס אייך. איך האָף, אַז פון היינט אָן וועט איהר אויפהערען צו באַזוכען אונזער הויז, וואו מען האָט אייך אויפגענומען ווי אַן אייגענעם מיט

עסען און טרינקען, נאָר איהר האָט זיך ארויסגעוויזען פאר אן אויס־וואורף. ווי פארדראָסיג מיר איז, וואָס איך קאָן דאָס אלץ ניט דער־צעהלען מיין מאַן. ער איז אַ הייליגער מענש, איך טו תפילה צו איהם, אָבער אויפדעקען איהם אלץ, וואָלט דאָס געהייסען — ערמאָרדען איהם. אָבער גלויבט מיר, אז ער וואָלט געקאָנט נעמען ראכע פאר א באַליי־דיגטער, הילפלאָזער פרוי.

ראָמאַשאָוו איז געשטאַנען קעגען איהר און האָט זיך קרענקליך געקרימט, קוקענדיג דורך די ברילען אויף איהר גרויסען, דינעם, פאר־וועלקטען מויל, וואָס איז געווען אויסגעקרימט פאר כעס. פון פענ־סטער האָבען זיך דערטראָגען די באַטויבענדע קלאַנגען פון מוזיק. מיט אַ האַרטנעקיגער רעגעלמעסיגקייט האָט געהוסט דער טראָמבאָן, און די קלעפּ פון דעם טערקישען פויק האָבען ראָמאַשאָוו'ן געלעכערט דעם קאָפּ. ער האָט געהערט ראַאיסאַ'ס ווערטער, נאָר ער האָט זיי ניט פארשטאַנען. איהם האָט זיך געדוכט, אז איהרע ווערטער, גלייך ווי דער פויק, שלאָגען איהם אין קאָפּ אריין, און ערשיטערען זיין מארך.

ראַאיסאַ האָט מיט אַ קנאַק צונויפגעלייגט דעם פעכער.

— אָה, נידערטרעכטיגער לומפּ! — האָט זי טראַגיש ארויסגע־מורמעלט און איז האַסטיג אַוועק דורכ'ן זאַל אין צימער פון די פרויען.

אלץ איז געווען געענדיגט, אָבער ראָמאַשאָוו האָט ניט געפיהלט די ערוואַרטע באַפרידיגונג, און פון זיין נשמה איז ניט אראָפּגעפאַלען פלוצלונג, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, די קויטיגע שווערע משא. ניין, איצטער האָט ער געפיהלט, אז ער האָט ניט גוט געטאָן, אונעהר־ליך און פייג, ארויפוואַרפענדיג די גייסטיגע שולד אויף אַ באַגרענעצ־טער, קלעגליכער פרוי, און ער האָט זיך פאָרגעשטעלט איהר פארבי־טערונג, פארלאָרענקייט און מאַכטלאָזען כעס, און ער האָט זיך פאר־געשטעלט איהרע ביטערע טרעהרען און געשוואָלענע, רויטע אויגען דאָרטען אין צימער פון די פרויען.

„איך פאַל, איך פאַל, — האָט ער געטראַכט מיט אן עקעל — וואָס איז דאָס פאר אַ לעבען! עפּעס אַן ענג, גרויעס און קויטיגס. אָט די אומנוציגע, אויסגעלאַסענע פאַרהעלטניס, שיכרות, בענקשאַפט, מער־דערליכע איינפארביגקייט פון דעם דיענסט, און כאָטש איין לעבעדיג וואָרט, כאָטש איין מאָמענט פון ריינער פרייד. ביכער, מוזיק, בילדונג — וואו איז דאָס אלץ?"

ער איז ווידער אַוועק אין עס־צימער. דאָרטען האָבען אַסאַדטשי און ראָמאַשאָוו'ס חבר, וועטקין, באַגלייט אונטער די הענט צו דער ארויסגאַנג־טיר דעם באַטרונקענעם ליעך, וועלכער האָט שוואַך און הילפלאָז געמאַכט מיט'ן קאָפּ און פאַרזיכערט אַלעמען, אַז ער איז אַן אַרכיערעי. אַסאַדטשי האָט מיט אַן ערנסטען געזיכט גערעדט אויף אַ נידעריגער ברומענדיגער אָקטאַווע, ווי אַ דיאַק:

—בענש מיך, הייליגער הערשער. די צייט פון תפילה איז שוין געקומען...

וואָס נעהנטער דער טאַנץ־אָוונט האָט זיך געהאַלטען ביים ענדי־גען, איז אין עס־צימער אַלץ טומעלדיגער געוואָרען. די לופט איז אַזוי אָנגעפילט געוואָרען מיט טאַבאַק־רויך, אַז די וואָס זיינען דאָרט געזע־סען, האָבען קוים געקאָנט זעהן איינער דעם צווייטען. אין איין ווינ־קעל האָט מען געזונגען, ביים פענסטער האָט מען דערצעהלט שמוציגע וויצען, וועלכע האָבען געדיענט אַלס אַ געריכט ביי אַלע מיטאָגען און אָווענט־ברויטען.

— ניין, ניין, ערלויבט מיר, מיינע הערן, אַט וועל איך אייך דערצעהלען, — האָט געשריען אַרטשאַקאָווסקי. — קומט אַמאָל צוגעהן אַ סאָלדאַט צו אַ פּויער. און ביי דעם פּויער איז אַ שעהנע ווייב! טראַכט זיך דער סאָלדאַט: ווי זאָל איך מיר דאָס...

און קוים האָט ער געענדיגט, האָט אָנגעהויבען וואַסילי וואַסיליטש ליפּסקי, וועלכער האָט זיין צייט ערוואַרט מיט אומגעדולד.

— ניין, וואָס איז דאָס, מיינע הערן!... אַט איך וויים אַ וויץ.

און ער האָט נאָך ניט צייט געהאַט צו ענדיגען, ווי דער פאָלגענדער פלעגט זיך שוין איילען מיט זיין דערצעהלונג.

— און אַט דאָס אויך, מיינע הערן. די זאַך איז פאָרגעקומען אין אָדעס, און דערצו...

אַלע וויצען זיינען געוועזען שלעכטע, שמוציגע און ניט שאַרפזיניגע, און, ווי עס פּאַסירט שטענדיג, האָט אַ געלעכטער ארויסגערופען בלויז איין דערצעהלער, וואָס איז געוועזען מעהר איינגעגלויבט אין זיך און מעהר ציניש.

וועטקין, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון דרויסען, וואו ער האָט אַריינגעזעצט ליעכ'ן אין אַ קאַרעט, האָט איינגעלאַדען ראָמאַשאָוו'ן צום טיש:

— זעצט זיך נאָר, זשאַרזשינקאַ.. מיר וועלען ווייזען, וואָס מיר קענען. איך בין היינט רייך, ווי אַ איד. נעכטען האָב איך געוואונען און היינט וועל איך ווידער האַלטען דעם באַנק.

ראַמאַשאָוו׳ן האָט געצויגען צו דורכריידען זיך פריינדליך, צו אויסגיסען פאַר עמיצען זיין בענקשאַפט און זיין עקעל צום לעבען. טרינקענדיג אַ גלעזעל נאָך אַ גלעזעל, האָט ער געקוקט אויף וועטקינ׳ען מיט בעטענדיגע אויגען און האָט גערעדט מיט אַן איבערצייגענדער, וואַרימער, ציטערדיגער שטימע:

— מיר אַלע, פּאַוועל פּאַווליטש, אַלע האָבען פאַרגעסען, אַז עס איז דאָ אַן אַנדער לעבען. ערגעץ, איך ווייס ניט וואו, לעבען גאָר, גאָר אַנדערע מענשען, און דאָס לעבען זייערס איז אַזאַ פולעס, אַזאַ פרעהליכעס און עכטעס. ערגעץ קעמפען מענשען, ליידען, ליעבען אַזוי שטאַרק און ברייט... מיין פריינד, ווי לעבען מיר! ווי לעבען מיר!

— יע, ברודער, וואָס זאָל מען ריידען, דאָס לעבען, — האָט מיד געענטפערט פּאַוועל פּאַווליטש. — נאָר, אין אַלגעמיין... איז דאָס, ברודער, נאַטור־פילאָזאָפיע און ענערגעטיק. הער נאָר, טייערער, וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך ענערגעטיק?

— אָה, וואָס טוען מיר! — האָט זיך ראַמאַשאָוו געהיצט, — היינט שיכור׳ען מיר זיך אָן — און מאָרגען אין ראָטע — איינס, צוויי, לינקס, רעכטס — אין אָוועגט ווייטער טרינקען און איבערמאָרגען ווידער אין ראָטע. איז דען דאָס גאַנצע לעבען אין דעם? ניין, באַטראַכט זיך נאָר — דאָס גאַנצע, גאַנצע לעבען!

וועטקין האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט מוטנע אויגען, אַזוי ווי עפּעס דורך אַ הייטעל, האָט אַ שלוקערץ געטאָן, און האָט פּלוצלונג גענומען זינגען מיט אַ דינעם, ציטערדיגען טענאָר:

אין שטילקייט געלעבט,
אין וועלדעל געלעבט,
דאָס שפּינדעל געדרעהט...

— שפּיי אויף אַלץ, מיין מלאך, און היט דאָס געזונט.
און מיט׳ן גאַנצען האַרץ
דאָס שפּינדעלע געליעבט.

לאָמיר געהן שפּילען, ראָמאַשעוויטש־ראָמאַשעווסקי. איך וועל דיר לייהען אַ צעהנערעל.

„קיינעם איז דאָס ניט פאַרשטענדליך. איך האָב ניט קיין נאָהנ־טען מענשען", האָט פאַרזאָרגט ראָמאַשאָוו אַ טראַכט געטאָן. אויף אַ ווײַלע האָט זיך ראָמאַשאָוו דערמאָנט אָן שוראָטשקאַ'ן — אַזאַ שטאַרקע, שטאָלצע און שעהנע, און איהם האָט ליידענשאַפטליך, זיס און האָפנונגסלאָז אַ דריק געטאָן דאָס האַרץ.

ער איז ביז טאָג געבליבען אין קלוב, געקוקט ווי מען שפּיעלט אין שטאָס און אַליין אויך אָן אַנטייל גענומען, אָבער אָהן פאַרגעניגען, אָהן אינטערעס. איינמאָל האָט ער געזעהן, ווי אַרטשאַקאָווסקי, וועלכער האָט פאַרנומען אַ באַזונדער טישעל מיט צוויי פּאָדפּראַפּאָרשטשיקעס, האָט אומגעלומפּערט איבערגעדרעהט די קאָרטען, אַרויסוואַרפענדיג פון טעשעל צו זיך צוויי קאָרטען אויף איין מאָל. ראָמאַשאָוו האָט זיך געוואָלט אַריינמישען, מאַכען אַ באַמערקונג, נאָר ער האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט און גלייכגילטיג אַ טראַכט געטאָן: „עך, עס איז אַלץ איינס. איך וועל מיט דעם קיין זאַך ניט בעסער מאַכען".

וועטקין, וועלכער האָט זיינע מיליאָנען פאַרשפּיעלט אין פינף מי־נוט, איז געזעסען אויפ'ן שטול און געשלאָפען אַ בלייכער, מיט אָן אָפע־נעם מויל. לעבען ראָמאַשאָוו'ן האָט פאַרטרויערט געקוקט אויף דער שפּיעל לעשטשענקאָ, און עס איז שווער געווען צו פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ קראַפט צווינגט איהם צו זיצען דאָ שטונדענלאַנג מיט אַזאַ פאַרטרויערטען פּנים. עס האָט אָנגעהויבען צו ווערען טאָג. די אָנ־געשמעלצטע ליכט האָבען געברענט מיט געלע, לאַנגע פלאַמען און האָבען געפינטעלט. די געזיכטער פון די אָפיצערען, וואָס האָבען גע־שפּיעלט, זיינען געווען בלייך און אויסגעמאַטערט. און ראָמאַשאָוו האָט אַלץ געקוקט אויף די קאָרטען, אויף די קופּעס זילבער און פאַ־פּירלאַך, אויף דעם גרינעם געוואַנט, וואָס איז געווען פאַרשריבען מיט קרייד, און אין זיין שווער געוואָרענעם, פאַרנעבעלטען קאָפּ האָבען געשוועבט דיזעלביגע געדאַנקען: וועגען זיין פאַלען און וועגען דער אומריינקייט פון לאַנגווייליגען, איינפאַרביגען לעבען.

.10

עס איז געווען אַ גאָלדענער, נאָר אַ קאַלטער—ווירקליך פריהלינג־דיגער פריהמאָרגען. די בלומען האָבען געבליהט.

ראַמאַשאָוו, וועלכער האָט זיך נאָך ביז איצט ניט אויסגעלערענט צו באַקעמפען זיין יונגען שלאָף, האָט, ווי געוועהנליך, פאַרשפּעטיגט צו די פריהמאָרגענדיגע איבונגען, און מיט דעם אומאַנגענעמען גע־פיהל פון שאַנד און פאַרזאָרגטקייט, איז ער צוגעגאַנגען צום פּלאַץ, אויף וועלכען עס האָט זיך געלערענט זיין ראָטע. אין די געפיהלען איז געווען פיעל ערגידערונג פאַר אַ יונגען אָפיציר, און דער ראָטנער, קאַפּיטאַן סליווא, האָט זיי געקאָנט מאַכען נאָך שאַרפער און באַ־ליידיגענדער.

דער מאַן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שווערען און אַ גראָבען שאַרבען פון דער פריהערדיגער מיליטערישער דיסציפּלין מיט שמיר־סעריי, קליינליכער פאָרמאַליסטיק, מאַרשירונג אין דריי טעמפען און פויסטען־געריכט. אפילו אין פּאָלק, וועלכער איז, אַ דאַנק דעם פּראָ־ווינציעלען, ווילדען לעבען, געווען ניט איבעריג הומאַניסטיש, פלעגט ער דיענען אַלס וואונדערליכע אַנדענקונג פון דער ווילדער מיליטערי־שער אַלטערטימליכקייט, און וועגען איהם פלעגט מען דערצעהלען פילע אומגלויבליכע וויצען. אַלץ וואָס איז געווען אַהינטער׳ן גרענעץ פון סטראָי, געזעץ און ראָטע, און וואָס ער האָט מיט פאַראַכטונג גערופען נאַרישקייטען, האָט פאַר איהם ניט עקזיסטירט. שלעפענדיג זיין שווערען דיענסט־יאָך, האָט ער אין זיין גאַנצען לעבען ניט דורכגע־לייענט קיין בוך און קיין צייטונג, אויסער, אפשר, די אָפיציעלע אָפּ־טיילונג פון דעם „אינוואַליד“. די אַלע פאַרוויילונגען, ווי טענץ, ספּעקטאַקלען און אַזוי ווייטער, פלעגט ער פאַראַכטען מיט זיין גאַנצען נפש, און עס זיינען ניט געווען אַזוינע קויטיגע און שלעכטע אויסדרו־קען, וואָס ער זאָל ניט צולעגען צו זיי פון זיין סאָלדאַטען ווערטערבוך. מען האָט פון איהם דערצעהלט — און דאָס האָט געקאָנט זיין אמת אויך, — אַז אין איין וואונדערליכער פריהלינג־נאַכט, ווען ער איז גע־זעסען ביי זיין אָפענעם פענסטער און דורכגעקוקט די רעכענונגס־ביכער פון דער ראָטע, האָט אין די שטרויכען לעבען איהם גענומען זינגען אַ נאַכטיגאַל. סליווא האָט זיך צוגעהערט, צוגעהערט — און מיט אַמאָל

א געשריי געטאָן צו זיין דיענער: „זאַכאַרטשוק! טרייב אַוועק מיט
אַ שטיין דעם פויגעל. ער שטערט״...

אַט דער אָפּגעלאָזענער מענש, איז געווען שרעקליך שטרענג צו די
סאָלדאַטען, און האָט ניט נאָר ערלויבט די אונטער־אָפיצערן צו שלאָ־
גען זיי. נאָר פלעגט זיי אַליין שלאָגען ביז בלוט, אַזוי, אַז דער שולדי־
גער פלעגט פאַלען פון די פיס אונטער זיינע קלעפּ. דערפאַר אָבער איז
ער צו די באַדערפנישען פון אַ סאָלדאַט געווען זעהר אויפמערקזאַם:
געלט פלעגט ער ניט פאַרהאַלטען און יעדען טאָג פלעגט ער פּערזענליך
אַכטונג געבען אויף דעם קעסעל, וואו עס פלעגט זיך קאָכען עסען פאַר
דער ראָטע. בלויז אין דער פינפטער ראָטע האָבען די סאָלדאַטען אויס־
געזעהן זאַטער און פרעהליכער ווי ביי איהם.

אויף די יונגע אָפיצערען פלעגט זיך סליוואַ בייזערען, געברויכענ־
דיג דערביי אונהעפליכע, בייסענדע אויסדרוקען, צו וועלכע זיין איינ־
געבאָרענער כאַכלישער הומאָר פלעגט צוגעבען אַ באַזונדערע גיפטיג־
קייט. ווען, צום ביישפּיעל, אין דער צייט פון די איבונגען פלעגט זיך
אַ סובאַלטערן־אָפיצער מאַרשירענדיג אָראָפּאָשלאָגען פון טאַקט, פלעגט
ער, עטוואָס שטאַמלענדיג, לויט זיין געוואוינהייט, אָנהויבען צו שרייען:

— אַט, איך ב־בעט אייך. די גאַנצע ראָטע, דער ט־טייפעל זאָל זי
נעמען, געהט ניט פוס אין פוס. בלויז דער איין פ־פּאָדפּאָרוטשיק
געהט צום טאַקט.

אַן אַנדערש מאָל, אויסזידלענדיג מיט שלעכטע ווערטער די גאַנצע
ראָטע, פלעגט ער שנעל אָבער גיפטיג צוגעבען:

— אַ־אויסער די ה־הערען אָפיצערען און דעם פּאָדפּאָרוטשיק.

נאָר באַזונדערס שטרענג און האַרט איז ער געווען אין דער אָנגע־
לעגענהייט, ווען דער אינגערער אָפיצער פלעגט זיך פאַרשפּעטיגען אין
ראָטע, און אָפטער ווי אַלע, פלעגט דאָס אויף זיך פיהלען ראָמאַשאָוו.
נאָך פון וויטענס באַמערקענדיג דעם פּאָדפּאָרוטשיק, פלעגט סליוואַ
באַפעהלען דער ראָטע: „סמירנאַ״ (אויפמערקזאַם), אַזוי ווי ער
וואָלט איינאָרדנען דעם שולדיגען אַן איראָניש־עהרענהאַפטען קבלת־
פּנים, און אַליין, אומבאַוועגליך, מיט׳ן זייגער אין דער האַנט, נאָכקוקען
ווי ראָמאַשאָוו, וואַקלענדיג זיך פון בזיון, און פּלאָנטערענדיג זיך אָן
דער שווערד, פלעגט לאַנג ניט געפינען זיין אָרט. אַן אַנדערש מאָל
פלעגט ער מיט אַ בייזער העפליכקייט פרעגען, ניט קימערענדיג זיך,

וואָס איהם פלעגען העריען די סאָלדאַטען; „איך דענק, פּאָדפּאָרוטשיק, איהר וועט אונז ערלויבען פּאָרמטצוזעצען?“ אַ צווייטען מאָל פלעגט ער זיך אָנפרעגען מיט אַ העפליכער באַזאָרגטקייט, נאָר אבזיכטליך הויך, וועגען דעם, ווי דער פּאָדפּאָרוטשיק האָט געשלאָפען און וואָס ער האָט געזעהן אין חלום. און נאָר אָפּטועענדיג איינעם פון די דאָזיגע שפּיצ־לאַך, פלעגט ער אָפּפיהרען ראָמאַשאָווען אָן דער זייט און, קוקענדיג אויף איהם מיט זיינע קיילעכדיגע פיש־אויגען, פלעגט ער איהם מאַכען אַ שטרענגע באַמערקונג.

„עך, אַלץ איינס שוין! — האָט ראָמאַשאָוו אין פאַרצווייפלונג געטראַכט, צוגעהענדיג צו דער ראָטע. — אי דאָ שלעכט, אי דאָרטען שלעכט, — אַלץ איינס. פאַרפאַלען מיין לעבען!“

דער ראָטנער, פּאָרוטשיק וועטקין, לבאָוו און דער פעלדפעבעל זיינען געשטאַנען אין מיטען פּלאַץ, און זיי אַלע צוזאַמען האָבען זיך אומגעקוקט אויף ראָמאַשאָווען. די סאָלדאַטען האָבען אויך אַ קעהר געטאָן צו איהם די קעפּ. אין דער מינוט האָט ראָמאַשאָוו זיך פאָר־געשטעלט זיך אַליין אַ פאַרשעמטען, געהענדיג מיט ניט געשיקטע טריט אונטער אַלעמענס אָנגעווענדטע בליקען, — און איהם איז געוואָרען נאָך אומאַנגענעהמער.

„נאָר אפשר איז דאָס גאָר ניט אַזוי שענדליך? — האָט ער זיך געפּרובט טרייסטען אין געדאַנק, לויט דער געוואוינהייט פון אַלע שע־מעוודיגע מענשען. — אפשר דאַכט זיך דאָס בלויז מיר אַליין, אַז עס איז שענדליך, און פאַר די איבריגע איז דאָס, ווירקליך, אַלץ איינס. נו, אָט שטעל איך זיך פאָר אַז ניט איך האָב פאַרשפּעטיגט, נאָר לבאָוו, און איך שטעה אויפ'ן אָרט און זעה ווי ער קומט. נו, איז וואָס איז דאָ אומגעוועהנליך? לבאָוו — ווי לבאָוו... אַלץ איז קליינינקייטען, — האָט ער ענדליך באַשלאָסען און האָט זיך מיט אַמאָל באַרוהיגט. — לאָמיר זאָגען, עס איז טאַקע ניט אָנגענעם... אָבער ניט אַ מאָנאַט וועט זיך דאָס ציהען, ניט אַ וואָך, און אַפילו ניט אַ טאָג. און דאָס גאַנצע לעבען איז אַזוי קורץ, אַז אַלץ ווערט פאַרגעסען.“

געגען זיין געוואוינהייט, האָט סליוואַ דאָס מאָל ניט געלעגט אַפילו אויף איהם קיין אויפמערקזאַמקייט, און האָט ניט אָפּגעטאָן איי־נעם פון די שפּיצלאַך. נאָר ווען ראָמאַשאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ טראָט פון איהם, העפליך סאַלוטירענדיג מיט דער האַנט ביי דעם היטעל,

און צונויפרוקענדיג די פיס, האָט ער געזאָגט, געבענדיג ראָמאַשאָווען זיינע פינגער, וועלכע זיינען עהנליך געווען צו פינף קאַלטע וואורשטלאַך:

— איך בעט אייך, איהר זאָלט געדענקען, אַז אייער פליכט איז צו זיין אין ראָטע פינף מינוט איידער עס קומט דער עלטערער סובאַלטער'ן־אָפיצער און צעהן מינוט פריהער ווי עס קומט דער ראָטנער.

— ענטשולדיגט, הער קאַפּיטאַן, — האָט מיט אַ הילצערנער שטים ראָמאַשאָוו געענטפערט.

— אַט האָט איהר, שולדיג!... איהר שלאָפט אַלץ. אין שלאָף קען מען קיין פוטער ניט נייהען. איך בעט די הערען אָפיצערען געהן צו זייערע אָפּטיילונגען.

די גאַנצע ראָטע איז טיילווייז געווען צואוואָרפען אויפ'ן פּלאַץ. מען האָט קאָמפּאַניעסווייז געמאַכט די פריהמאָרגענדיגע גימנאַסטיק. די סאָלדאַטען זיינען געשטאַנען רייהענווייז אַ טראַט איינער פון דעם צווייטען, מיט צוקנעפּעלטע רעק אום צו פאַרלייכטערען די באַוועגונגען. דער פלינקער אונטער־אָפיצער באָבילאָוו פון ראָמאַשאָווס האַלב ראָטע מיט עהרפורכט קוקענדיג אויף דעם אָפיצער, האָט באַפוילען מיט אַ הילכיגער שטימע, אויסציהענדיג פאָראויס די אונטערשטע ליפּ און מאַ־כענדיג קרומע אויגען:

— אויפהויבען זיך אויף די שפּיצען פינגער און צוריק צוזעצען זיך. די הענט אויף די זייטען!

און נאָכדעם האָט ער גענומען ציהען מיט אַ נידריגער שטימע:

— הויב אָ־אָ־אָן!

— איינס! — האָבען די סאָלדאַטען אין זעלבען טאָן צוגעזונגען און האָבען זיך לאַנגזאַם גענומען צוזעצען אויף די שפּיצען פינגער, און באָביליאָוו אויך, זיצענדיג אויף די שפּיצען פינגער, האָט אויסגעמאָסטען די רייהע סאָלדאַטען מיט אַ שטרענגען העלדישען בליק.

און דערביי האָט דער קליינינקער און באַוועגליכער יעפרייטאָר סעראָשטאַן אויסגעשריען מיט אַ דינער, שניידענדער שטימע, וואָס פלעגט זיך איבעררייסען ווי ביי אַ יונגען העהנדעל:

— איבונגען מיט דעם רעכטען און לינקען פוס, אַרויסשטעלען די באַטרעפענדע האַנט! הויב אָן! איינס־צוויי, איינס־צוויי! — און צעהן יונגע, געזונטע שטימען האָבען פלייסיג געשריען: האָו, האָו, האָו, האָו!

— שטעה! — האָט סערזשאַנט אויסגעשריען. — לאַפּשין! וואָס מאַכסטו זיך דאָרטען צום נאַר! מאַכסט מיט די פּויסטען, ווי א ריאַזאַנער פּויערטע מיט דער ווילקע: כאָו, כאָו!.. מאַך פריי די באַוועגונגען, צום טייוועל!

נאָכדעם האָבען די אונטער־אָפיצערען מיט א געאיילטען טראָט פאַנאַנדערגעפיהרט די קאָמפּאַניעס צו די מאַשינען, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף אַלע עקען פון פּלאַץ. פּאָדפּראַפּאָרשטשיק לבאָוו, א שטאַרקער, באַוועגליכער אינגעל און אַן אויסגעצייכענטער גימנאַסט, האָט שנעל אַראָפּגענומען פון זיך דעם אויבערמאַנטעל און דעם ראָק, און בלייבענדיג אין איין בלויען ציצענעם העמדעל, איז ער דער ערשטער צוגעלאָפען צו די קלעצער. שטעלענדיג זיך מיט די הענט אויף זייערע שפּיצען, האָט ער זיך א מאָל דריי פאַנאַנדערגעוויגט, און מאַכענדיג אין דער לופט א ראָד מיט זיין קערפּער, האָט ער זיך מיט קראַפט אָפּגעשטויסען פון זיין אָרט. דורכגעפלויגען, אַנדערטהאַלבען קלאַפטער פאָראויס און איבערדרעהענדיג זיך אין דער לופטען, האָט ער זיך פלינק, ווי א קאַץ, צוגעזעצט אויף דער ערד.

— פּאָדפּראַפּאָרשטשיק לבאָוו! איהר מאַכט ווידער קונצען! — האָט אויף איהם מיט א געמאַכטער שטרענגקייט סליוואַ א געשריי געטאָן. דער אַלטער „בורבאָן“ האָט טיף אין האַרצען געפיהלט א שוואַכקייט צו דעם פּאָדפּראַפּאָרשטשיק, ווי צו א גוטען אָפיצער און א גוטען קענער פון די מיליטערישע רעגלען. — ווייזט דאָס, וואָס עס פאָדערט זיך לויט די רעגלען. דאָ איז ניט קיין יום טוב'דיגער באַלאַגאַן.

— גוט, הער קאַפּיטאַן! — האָט לבאָוו פרעהליך א געשריי געטאָן. — איך הער, נאָר איך פאָלג ניט, — האָט ער ראָמאַשאָווען צוגעוואונקען.

די פיערטע אָפּטיילונג האָט זיך געאיבט אויף אַן אנגעבויגענעם לייטער. די סאָלדאַטען פלעגען איינער נאָכ'ן צווייטען צוגעהן, זיך אָנהאַלטען פאַר דער טרעפּ, און אָנציהענדיג די מוסקולען, פלעגען זיי אויף די הענט קריכען אין דער הויך. דער אונטער־אָפיצער שאַפּאָוואַלענקאָ איז געשטאַנען אונטען און געמאַכט באַמערקונגען:

— ניט מאַך מיט די פיס! די נעזלאַך אין דער הויך!

עס איז געקומען צו דעם סאָלדאַט כליעבניקאָוו, פון וועלכען אַלע אין ראָטע פלעגען לאַכען. אָפטמאָל, קוקענדיג אויף איהם, פלעגט זיך

ראָמאַשאָוו וואונדערען, ווי אַזוי מען האָט אַזאַ געקענט צונעמען פאַר אַ סאָלדאַט אָט דעם קלעגליכען, פאַרהונגערטען מענשען, כמעט אַ קאַר־ליק, מיט אַ קויטיגען פּנים אָהן האָר, ווי אַ פויסט די גרויס. און ווען דער פאָרוטשיק פלעגט זיך באַגעגענען מיט זיינע אומזיניגע אויגען, אין וועלכע עס איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל, פון געבורטסטאָג אָן, פאַרגליווערט געוואָרען אַ טעמפּער, אונטערטעניגער שרעק, פלעגט ער אין האַרצען האָבען עפּעס אַ מאָדנעם געפיהל, וואָס איז עהנליך געווען צו אומעט און געוויסען־ליידען.

כלעבניקאָוו איז געהאַנגען אויף די הענט, אָן אָבשייליכער, אומ־געלומפּערטער, ווי אַ געהאַנגענער.

— ציה זיך, הונט איינער, ציה זיך! — האָט דער אונטער־אָפיצער געשריען. — נו, אין דער הויך!

כלעבניקאָוו האָט זיך אָנגעשטריינגט אויפצוהויבען זיך, אָבער ער האָט נאָר הילפלאָז געוואָרפען די פיס, און זיך אומגעוויגט פון איין זייט אויף דער צווייטער. אויף אַ רגע האָט ער אַ קער געטאָן אָן אַ זייט און אַראָפּ זיין קליינעם פּנים, אויף וועלכען עס האָט קלעגליך און העסליך געשטאַרצט זיין פאַררימענע שמוציגע נאָז. און פלוצלונג, אַראָפּרייסענדיג זיך פון דער טרעפּ, איז ער אַראָפּגעפאַלען ווי אַ זאַק אויף דער ערד.

— אַ—אַ! דו ווילסט ניט מאַכען קיין גימנאַסטישע איבונגען!

— האָט דער אונטער־אָפיצער געגומען שרייען — דו, נידערטרעכ־טי־גער, פיהרסט מיר איבער מיין גאַנצע קאָמפּאַניע! איך וועל דיר!...

— שאַפּאָוואַלענקאָ, זאָלסט זיך ניט וואַגען צו שלאָגען! — האָט ראָמאַשאָוו אַ געשריי געטאָן אָן אויפגעפלאַמטער. פון כעס און באַ־ליידיגונג. — זאָלסט דאָס קיינמאָל ניט וואַגען צו טאָן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, צולויפענדיג צו דעם אונטער־אָפיצער און אָננעמענ־דיג איהם פאַר׳ן אַקסעל.

שאַפּאָוואַלענקאָ האָט זיך אויסגעצויגען ווי אַ סטרונע און צוגע־לעגט די האַנט צום היטעל. אין זיינע אויגען, וועלכע זיינען פלוצלונג געוואָרען זינלאָז ווי ביי אַ סאָלדאַט, האָט געציטערט אַ קוים באַמערק־באַרער אָפלאַכענדער שמייכעל.

— איך הער, וואַשע בלאַהאָראָדיע. אָבער ערלויבט מיר צו זאָגען איך: עס איז גאָר קיין מעגליכקייט ניטאָ מיט איהם...

כלעבניקאָוו איז געשטאַנען דערביי אַן איינגעהויקערטער; ער האָט טעמפּ געקוקט אויף דעם אָפיצער און האָט מיט דער זייט פון האַנט געווישט די נאָז. מיט אַ געפיהל פון שאַרפען נוצלאָזען מיט־לייד, האָט זיך ראַמאַשאָוו פון איהם אָפּגעקערט און איז אַוועק צו דער דריטער אָפּטיילונג.

נאָך דער גימנאַסטיק, ווען מען האָט געגעבען די סאָלדאַטען צעהן מינוטען רוה, זיינען זיך די אָפיצערען ווידער צונויפגעקומען אויפ'ן מיטען פּלאַץ. דער געשפּרעך האָט זיך געפיהרט וועגען דעם מאַר־פּאַראַד וואָס דאַרף פּאַרקומען.

— אָט קענסטו טאַקע טרעפען, אַוואו דו וועסט זיך אָנרייסען! — האָט געזאָגט סליוואַ, פיהרענדיג מיט די הענט און אויסגלאָצענדיג זיינע וואַסערדיגע אויגען. — דאָס הייסט, איך וועל אייך זאָגען: יעדער גענעראַל האָט זיך זיין פּאַנטאַזיע. איך געדענק ביי אונז איז געווען אַ קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס דער גענעראַל לייטענאַנט לוואָוויטש. ער איז געווען אַמאָל עפּעס אַן אינזשעניר. איז פאַר איהם זיינען מיר געווען פאַרנומען בלויז מיט ארומגראָבען זיך. די רעגלען, איבונגען, מאַרשירונגען — אַלץ אָן אַ זייט. פון פריה ביז נאַכט נאָר געבויט פאַרשיעדענע שוץ־גריבער, דער טייוועל זאָל זיי נעמען! זומער פון ערד, און ווינטער פון שניי. דער גאַנצער פּאָלק איז ארומגעגאַנגען איינגעשמירט פון קאָפּ ביז די פיס אין ליים. דער קאָמאַנדיר פון דער צעהנטער ראָטע, קאַפּיטאַן אַלייניקאָוו, אַ ליכטיגער גן עדן איהם, האָט באַקומען אַן אָרדען דערפאַר, וואָס ער האָט אין צוויי שעה צייט אויס־געבויט דאָרטען עפּעס אַ ליונעט, צו אַ באַרבעט.

— פיין! — האָט לבאָוו ארייגעשטעלט אַ וואָרט.

— און נאָכדעם — דאָס דאַרפט איהר שוין געדענקען, פּאַוועל פּאַוליטש — ווי מיר פלעגען שיסען פאַר דעם גענעראַל אַראַגאָנסקי.

— אַ? — האָט זיך וועטקין צולאַכט.

— וואָס איז דאָס געווען אַזוינס? — האָט ראָמאַשאָוו אַ פרעג געטאָן.

סליוואַ האָט מיט פאַראַכטונג אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— דאָס איז אַזוינס, וואָס ביי אונז איז נאָר אין זינען געווען ווי צו לערנען זיך שיסען. מען האָט אַזוי אַלעמען דעם קאָפּ פאַרשלאָגען!

דעם צייג־פינגער פלעגען מיר רופען שאָס־פינגער; און אנשטאט דעם רעכטען אויג — איז געווען דאָס ציעל־אויג.

— און געדענקט איהר, אפאנאסי קיריליטש, ווי מיר האָבען די טעאָריע געלערענט? — האָט וועטקין געזאָגט. — טראַיעקטאָריע, דער וואציע... איך שווער אייך, איך האָב אליין גאָרנישט פארשטאַנען. פלעגסט ווען זאָגען דעם סאָלדאט: נעם די ביקס און קוק אין רעהר אריין. וואָס זעהסטו? „איך שטעל זיך פאַר א ליניע, וועלכע הייסט די אַקס פון דער רעהר. אָבער דערפאַר פלעגט מען שיסען. איהר געדענקט, אפאנאסי קירילאָוויטש?

— נו, געווים. פאר גוט שיסען איז אונזער דיוויזיע באשריבען געווען אין אויסלענדישע צייטונגען. צעהן פראָצענט העבער ווי אויסגע־צייכענט — אַט האָט איהר. אָבער אויסנאַרען פלעגען מיר, טאַטינ־קעס מיינע! פון איין פאָלק אין א צווייטען פלעגט מען לייהען גוטע שיסער. אַדער, עס פלעגט טרעפען אז די ראָטע שיסט פאר זיך, און פון דער זייט פלעגען שיסען די אינגערע אָפיצערען פון זייערע רעוואָל־ווערען. איין ראָטע האָט זיך אַזוי אויסגעצייכענט, אַז מען האָט אָנ־געהויבען צעהלען, האָט זיך אויסגעלאָזען, אַז איין ציעל־ברעט איז דאָ מיט פינף קוילען מעהר איידער מען האָט ארויסגעלאָזען. הונדערט און פינף פראָצענטען. נאָך גוט, וואָס דעם פעלדפעבעל האָט געלונגען צו פארקלעפען.

— און פאר סלעסאראָווען געדענקט איהר די שרייבער־הימנאס־טיק?

— ווי זאָל איך ניט געדענקען! אַט וואו זי זיצט ביי מיר. מען האָט באלעטען געטאַנצט. און וועניג נאָך זיינען געווען גענעראַלען, דער שד זאָל זיי צורייסען! נאָר דאָס אלץ, מיינע הערען, איז נאַריש־קייטען אין פארגלייך מיט דעם, וואָס איז איצטער! אַך, איך בעט אייך זעהר, דער סאָלדאט איז דאָך אייערער א ברודער, דאַרף מען הומאַ־ניטעט! שמייסען דאַרף מען איהם, דעם לומפ! אַך, די ענטוויקלונג פון גייסטיגע פעהיגקייטען, שנעלקייט און באדענקונג. אז דו ווייסט גאָר ניט, וואָס צו לערנען דעם סאָלדאט. אַט, האָט ער א נייעם שפּי־צעל אויסגעטראכט, אַן אַטאַקע דורך און דורך.

— יע, דאָס איז ניט קיין שאָקאָלאַד! — האָט מיטפיהלענד וועטקין א מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ.

— דו שטעהסט ווי א נאַר, און אויף דיר פליהען מיט זייער גאַנ־צער שנעלקייט קאַזאַקען. און דורך און דורך. אָבער, נו, פּרוב נאָר זיך אָפּקערען, — איז באַלד א באַפעהל: „דער קאַפּיטאַן אַזאַ און אַזאַ האָט שוואַכע נערווען; זאָל ער געדענקען, אַז קיינער צווינגט איהם ניט מיט גוואַלד צו דיענען".

— א כיטרער אַלטיטשקער, — האָט וועטקין געזאָגט. — ער האָט אין ק—ער פּאָלק אַזאַ זאַך אָפּגעטאָן. ער האָט פאַרפיהרט די ראָטע אין א גרויסער בלאָטע און הייסט דעם אָפיצער באַפעהלען „לייג זיך!" ער האָט זיך געקווענקעלט, און האָט פּאַרט באַפוילען „לייג זיך!" די סאָלדאַטען האָבען זיך פאַרלאָרען, מיינענדיג, אַז זיי האָבען ניט גוט דערהערט. און דער גענעראַל האָט פאַר אַלעמען אין די אויגען גענומען זידלען דעם קאָמאַנדיר: „ווי פיהרט איהר דאָס די ראָטע! געצערטעלטע לייט! האָבען מורא די הענט איינצושמוצען! אויב זיי האָבען מורא דאָ צו לייגען זיך אין א בלאָטע, איז ווי אַזוי וועט איהר זיי אין קריעג־צייט אויפהויבען ווען זיי וועלען אונטער'ן שונא'ס פייער ליעגען ערגעץ אין א גראָבען? ניט סאָלדאַטען זיינען ביי אייך — נאָר ווייבער. און דעו' קאָמאַנדיר אויך! אין הויפּט־וואַכט!"

— שטאַרק געזאָגט! — האָט וועטקין באַמערקט.

— און וואָס פאַר א נוץ איז אין דעם. זיי פאַרשעמען דעם קאָ־מאַנדיר פאַר די סאָלדאַטען אין די אויגען, און נאָכדעם ריידען זיי פון דיסציפּלין. וואָס פאַר א דיסציפּלין איז דאָס, צום טייוועל? און א קלאַפּ טאָן איהם, דעם מנובל, טאָרסטו ניט. ניין... איך בעט אייך זעהר, ער איז דאָך א פערזענליכקייט, ער איז א מענש! ניין, אין פריהערדיגע צייטען זיינען קיין פערזענליכקייטען ניט געווען, און גע־שמיסען האָט מען זיי, די בהמות, וויפיעל מען האָט געקענט, און דאָך האָבן מיר דאַן געהאַט סעוואַסטאָפּאָל, די איטאַליענישע קאָמפּאַניע און נאָך אַזוינע זאַכען. מיך, מעג מען אָפּילו פון דיענסט באַזייטיגען, דאָך, ווען דער אויסוואורף האָט דאָס פאַרדיענט, וועל איך איהם פאַרפאָהרען אַוואו מען דאַרף! דאָס איז אמת.

—שלאָגען א סאָלדאַט איז אומעהרליך, — האָט ראָמאַשאָוו, וואָס האָט געשוויגען די גאַנצע צייט, געענטפערט. — מען טאָר ניט שלאָגען א מענשען, ווען יענער, ניט נאָר וואָס ער טאָר דיר ניט צוריקגעבען,

נאָר ער האָט אַפילו קיין רעכט ניט די האַנט אויפצוהויבען צום פנים אום צו וועהרען זיך. ער וואַגט אַפילו ניט דעם קאָפּ אַ בויג טאָן. דאָס איז מיאוס!

סליווא האָט זיך פאַראַכטענד פאַרקרימט, און אויסשטעלענדיג פאָראויס די אונטערשטע ליפּ אונטער זיינע קורצע, גרוי ווערענדיגע וואָנסען, האָט ער פון קאָפּ ביז די פיס אָנגעקוקט ראָמאַשאָווען.

— וואָ־אָ־אָ־ם? — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ טאָן פון העכס־טער פאַראַכטונג.

ראָמאַשאָוו איז בלאַס געוואָרען. איהם איז געוואָרען קאַלט אין ברוסט און אין בויך, און דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבען צו שלאַגען אַזוי ווי אין גאַנצען קערפּער מיט אַמאָל.

— איך האָב געזאָגט, אַז דאָס איז ניט שעהן. און איך זאָג דאָס נאָך אַמאָל. אָט וואָס, — האָט ער אָהן אַ צוזאַמענהאַנג, אָבער ענט־שלאָסען געזאָגט.

— זאָגט נאָר, איך בע־ע־ט אייך! — האָט סליווא אויף אַ דינער שטימע אויסגעזונגען. — מיר האָבען געזעהן אַזוינע איידעלע לייט, זייט רוהיג. אין אַ יאָהר אַרום, אויב מען וועט אייך נאָר פון פאָלק ניט אַרויסשמייסען, וועט איהר אַליין קנאַקען די סאָלדאַטען, ווי מען דאַרף. ניט ערגער פון מיר.

ראָמאַשאָוו האָט גלייך אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט האַס, און האָט געזאָגט שטיל:

— אויב איהר וועט שלאָגען די סאָלדאַטען, וועל איך וועגען דעם מעלדען דעם פּאָלקאָווניק.

— וואָ־אָ־ם? — האָט סליווא גרויזאַם אַ געשריי געטאָן, נאָר ער איז געבליבען אין מיטען. — זאָל זיין גענוג וועגען נאַרישקייטען, — האָט ער טרוקען אַרויסגערעדט. — איהר, פּאָדפּאָרוטשיק, זייט נאָך צו יונג צו לערנען אַלטע קריעגס אָפיצערען, וועלכע האָבען אָפּגעדיענט מיט עהרע פינף און צוואַנציג יאָהר דעם קיסר. איך בעט די העררען אָפיצערען צו געהן אין דער ראָטנער שול, — האָט ער בייז געענדיגט.

ער האָט זיך מיט'ן רוקען אומגעקערט צו די אָפיצערען.

— איהר האָט זיך נויטיג געדאַרפט אַריינמישען, — האָט פריעד־ליך געזאָגט וועטקין, געהענדיג צוזאַמען מיט ראָמאַשאָווען. — איהר זעהט דאָך אַליין, אַז ער איז ניט קיין זיסער מענש. איהר קענט נאָך

איהם ניט אזוי ווי איך קען איהם. ער וועט אייך אזוינע זאכען אריינ־זאָגען, אז איהר וועט ניט וויסען וואו אהינצוטאָן זיך. און וועט איהר איהם ענטפערען, וועט ער אייך פארזעצען אונטער ארעסט.

— אָבער הערט נאָר, פּאַוועל פאַוליטש, דאָס איז דאָך ניט קיין דיענסט, דאָס איז דאָך ווילדער פאנאַטיזם! — האָט מיט טרערען אין שטים ראַמאַשאָוו אויסגעשריען. — זיי, די אַלטע פויקען־פּעלען לאַכען דאָך פון אונז! זיי האַלטען אונטער אבזיכטליך אין די באַ־ציהונגען צווישען די אָפיצערען, גראָבקייט, טעמפּקייט און עפּעס אַ מין ציניזמע העלדישקייט.

— נו יע, געוויס, אזוי, — האָט וועטקין גלייכגילטיג צוגעגעבען און האָט אַ געניץ געטאָן. און ראַמאַשאָוו האָט מיט היץ פאָרטגעזעצט:

— נו, ווער דאַרף דאָס די גראָבקייטען, די געשרייען? און איך האָב גאָר, גאָר אנדערש וואָס געהאָפט צו געפינען ווען איך בין געוואָרען אַן אָפיציער. קיינמאָל וועל איך ניט פארגעסען דעם ערשטען איינדרוק, דריי טעג ערשט בין איך געווען אין פּאָלק, ווען הער אָרטשאַקאָווסקי האָט מיך באַליידיגט. ביי אַ געשפּרעך אין קלוב האָב איך איהם אָנ־גערופען פּאָרוטשיק, ווייל ער מיך האָט גערופען פּאָדפּאָרוטשיק. און ער, כאָטש ער איז געזעסען גלייך לעבען מיר, און מיר האָבען צוזאַמען ביער געטרונקען, האָט אויף מיר גענומען שרייען: „ערשטענס בין איך אייך ניט פּאָרוטשיק, נאָר הער פּאָרוטשיק, און צווייטענס... צווייטענס, זייט אזוי גוט און שטעלט זיך אויף, ווען אַן עלטערער טשין מאכט אייך אַ באַמערקונג!" און איך האָב זיך אויפגעהויבען און געשטאַנען פאר איהם אזוי ווי אַ באַשפּייטער, ביז וואַנען פּאָדפּאָל־קאָווניק לעך האָט איהם ניט געבעטען אויפהערען. ניין, ניין, זאָגט מיר גאָרנישט, פּאַוועל פאַווליטש. מיר האָט דאָס אַלץ אזוי דערעסען!..

.11

אין דער ראָטנער שול איז מען געווען פארנומען מיט „ווערטער איבונגען". אין אַן ענגען צימער אויף בענקלאך, וואָס זיינען צוזאַ־מענגעשטעלט געווען אין אַ פיער־ווינקעל זיינען געזעסען די סאָלדאַ־טען פון דער דריטער אָפּטיילונג. אין מיטען פון דעם פיער־ווינקעל, איז אומגעגאַנגען אהין און צוריק דער עפרייטאָר סעראשטאַן. דערביי

נאָך אין אַזאַ פּיער־ווינקעל איז אומגעגאַנגען אהין און צוריק אַן אַנ־דער אונטער אָפיצער פון דער האַלבער ראָטע, שאַפּאָוואַלענקאָ.

— באַנדאַרענקאָ! — האָט מיט אַ הילכיגער שטימע סעראַשטאַן אַ געשריי געטאָן.

באַנדאַרענקאָ, אַ קלאַפּ טוענדיג מיט ביידע פּיס אָן דיל, איז שנעל און גלייך אויפגעשפּרונגען, ווי אַ הילצערנע ליאַלקע.

— אויב דו, צום ביישפּיעל, באַנדאַרענקאָ, שטעהסט מיט אַ ביקס, און אַ בעאַמטער געהט צו און פרעגט ביי דיר: „וואָס איז ביי דיר אין האַנט, באַנדאַרענקאָ?" וואָס דאַרפסטו דאַן ענטפערען?

— אַ ביקס, פעטער? — טרעפט באַנדאַרענקאָ.

— דו ליינגסט! איז דאָס דען אַ ביקס? דו האָסט נאָך באַ־דאַרפט זאָגען ווי מען זאָגט אין דאָרף: אַ האַנט־שיסער. אין דער היים איז דאָס געווען אַ ביקס, און דאַ — הייסט דאָס איינפאַך: אַ קליינמאָסיגע, שנעלשיסענדע אינפאַנטעריע־ביקס פון בערדאַנס סיס־טעם, נומער צוויי, מיט אַ באַוועגליכען שלאָס. זאָג איבער, הונט דו איינער.

באַנדאַרענקאָ זאָגט שנעל איבער די ווערטער, וועלכע ער האָט פריהער אויך, מסתמא, געוואוסט.

— זעץ זיך! — גיט סעראַשטאַן גנעדיג אַ באַפעהל. — און צו־ליעב וואָס איז זי דיר געגעבען געוואָרען? אויף דער פראַגע וועט מיר ענטפערען... — ער קוקט אַרום מיט שטרענגע אויגען זיינע אונ־טערטאַנען איינציגווייז, — שעווטשוק!

שעווטשוק הויבט זיך אויף מיט אַ בייזען אויסזעהן און ענטפערט אָפּ מיט אַ פאַרטויבטען באַס, לאַנגזאַם אין נאָז, און איבעררייי־סענדיג די זאַצען, אַזוי ווי ער וואָלט נאָך יעדען זאַץ שטעלען אַן אָפּשטעל־צייכען:

— זי איז מיר געגעבען געוואָרען צוליעב דעם, אַז איך זאָל זיך אין פרידליכער צייט מיט איהר איבען. און אין קריעג־צייט צו פאַר־טיידיגען דעם טראָן און דאָס פאַטערלאַנד פון שונאים. — ער איז אַנטשווייגען געוואָרען, און אַ ציה טוענדיג מיט דער נאָז האָט ער צו־געגעבען: — ווי אינערליכע, אַזוי אויסערליכע.

— אַזוי. דו ווייסט גוט, שעווטשוק, נאָר דו צוציהסט. אַ סאָל־דאַט דאַרף אין זיך האָבען פרעהליכקייט ווי אַן אָדלער. זעץ זיך.

איצטער זאָג דו אָוועטשקין: וועמען רופען מיר אויסערליכע שונאים?

דער פלינקער אָוועטשקין פון אָריאָלער גובערניע, אין וועמעס שטימע עס הערט זיך די זיסליכע גלאַטקייט פון אַ געוועזענעם אָנגע־שטעלטען אין אַ קליינער קראָם, ענטפערט אָפּ שנעל און קאָקעטיש, וואַרגענדיג זיך פון פאַרגעניגען:

— אויסערליכע שונאים — רופען מיר אָן יענע מלוכות מיט וועלכע אונז קומט אויס צו פיהרען קריעג. פראַנצויזען, דייטשען, אי־טאַליענער, טערקען, איירָאָפּייער...

— געגוג, — אונטערברעכט איהם סעראָשטאַן, — דאָס איז שוין אין די מיליטער־רעגלען ניטאָ. זעץ זיך, אָוועטשקין. און איצטער וועט מיר זאָגען... ארכיפּאָוו! וועמען רופען מיר אָן אינערליכע שונאים?

די לעצטע צוויי ווערטער רעדט ער אַרויס באַזונדער הויך און ווירדיג, אַזוי ווי ער וואָלט זיי אונטערגעשטראָכען, און וואַרפט אַ פּיעל באַדייטענדען בליק אין דער זייט פון דעם פּריוויליגען מאַרקוסאָן.

דער ניט פלינקער, געשטופּעלטער ארכיפּאָוו שווייגט, קוקענדיג אין פענסטער. אַ זאַכליכער, קלוגער, און געשיקטער בחור אויסער'ן דיענסט, האַלט ער זיך אין דער צייט פון די איבונגען ווי אַ פאָלשטענ־דיגער אידיאָט, ווייזט אויס, דאָס קומט אַרויס פון דעם, וואָס זיין געזונטער פאַרשטאַנד, וואָס איז געוואוינט צו בעאָבאַכטען און באַ־טראַכטען די איינפאַכע און קלאָרע ערשיינונגען פון דאָרפישען לעבען, קען ניט כאַפּען קיין צוזאַמענהאַנג צווישען די „ווערטער־איבונגען", וואָס מען לערענט איהם און צווישען ווירקליכען לעבען. דעריבער פאַרשטעהט ער ניט און קען ניט אויסלערנען די איינפאַכסטע זאַכען, צו דער גרויסער פאַרוואונדערונג און גרויסען פאַרדראָס פון זיין אָפּ־טיילונגס-בעאַמטען.

— נ־נו! לאַנג וועל איך אויף דיר וואַרטען, ביז וואַנען דו וועסט זיך אויסקלייבען? — הויבט אָן סעראָשטאַן בייז ווערען.

— אינערליכע שונאים... שונאים...

— דו ווייסט ניט? — האָט סעראָשטאַן גרוידזאַם אַ געשריי גע־טאָן, און האָט זיך געוועון געלאָזען צו ארכיפּאָווען, נאָר אַ קוק טוענדיג אויף דעם אָפיצער, האָט ער בלויז אַ טרייסעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און האָט אָנגעשטעלט אויף ארכיפּאָווען שרעקליכע אויגען. — נו, הער.

אינערליכע שונאים זיינען די אלע, וועלכע שטעלען זיך געגען געזעץ. צום ביישפיעל, ווער?... — ער טרעפט זיך מיט אוועטשקינס זוכענדע אויגען. — זאג דו, אוועטשקין.

אוועטשקין שפרינגט אויף און שרייט פרעהליך אויס:

— בונטאוושטשיקעס, סטודענטען, פערד־גנבים, זשידעס און פאליאקען.

דערביי, גלייך פארנעמט זיך שאפאוואלענקא מיט זיין אפטיילונג. ארומגעהענדיג צווישען די בענקלאך, שטעלט ער מיט׳א דינער, זינ־גענדיגער שטימע פארשידענע פראגען, לויט דעם ביכעלע, וואס ער האלט אין האנט.

— סאלטים, וואס איז אזוינס א וועכטער?

סאלטים, א ליטווין ווארגענדיג זיך און אויסשטעלענדיג די אויגען פון אנשטרענגונג, שרייט אויס:

— א וועכטער, — איז א פערזאן אן אונרירבארע.

— נו יע, אזוי, און נאך וואס?

— א וועכטער — איז א סאלדאט, וועלכער איז אוועקגעשטעלט געווארען אויף עפעס א פאסט מיט א ביקס אין דער האנט.

— ריכטיג. איך זעה, סאלטים, אז דו הויבסט שוין אן צו ווערען פלייסיג. און צוליב וואס ביזטו אוועקגעשטעלט געווארען אויפ׳ן פאסט, פאכארוקאוו?

— אום ניט צו שלאפען, ניט דרימלען, ניט רויכערען און פון קיינעם ניט נעמען קיינע זאכען אדער מתנות.

— און סאלוט?

— און סאלוטירען ווי געהעריג איז די דורכפאהרענדע אפיצערען.

— אזוי. זעץ זיך.

שאפאוואלענקא האט שוין לאנג באמערקט דעם איראנישען שמייכעל אויף דעם פרייוויליגענס געזיכט, און דעריבער שרייט ער אויס מיט א באזונדער שטרענגקייט.

— פרייוויליגער! ווער הויבט זיך דאס אזוי אויף? ווען א העכערער בעאמטער רופט, דארף מען זיך אויפשטעלען שנעל, האסטיג ווי א ספרוזשינע. וואס איז א פאהן?

דער פרייוויליגער פאקין, מיט א צייכען פון אוניווערסיטעט־בילדונג אויפ׳ן ברוסט, שטעהט פאר דעם אונטער־אפיצער אין אן

עהרפורכטיגער פּאָזע. נאָר זיינע יונגע, גרויע אויגען פינקלען פון פרעהליכען געלעכטער.

— אַ פּאָהן איז אַ היילינע מיליטערישע טוך, אונטער וועלכער...

— איהר ליינט! — אונטערברעכט איהם בייז שאַפּאָוואַלענקאָ און קלאַפּט זיך מיט'ן ביכעל איבער'ן האַנט.

— ניין, איך זאָג ריכטיג, — זאָגט פעסט און רוהיג פּאָקין.

— וואָ־אָס? ! אויב אַ העכערער בעאַמטער זאָגט ניין, איז ניין!

— גיט אַליין אַ קוק אין די רעגלען.

— ווען איך בין אַן אונטער־אָפיצער ווייס איך די רעגלען בעסער פון אייך. זעהט נאָר! יעדער פרייוויליגער זאָגט זיך אַ מיינונג. איך וועל זיך, אפשר, אַליין אויך אָנגעבען אין דער יונקער שול לערנען זיך? פון וואַנען קענט איהר דאָס וויסען? וואָס איז אַזוינס אַ טוך? אַ טוכע! אָבער ניט אַ טוך. אַ היילינע מיליטערישע טוכע, אַזוי ווי אַ הייליג בילד.

— שאַפּאָוואַלענקאָ, קריעג זיך ניט, — מישט זיך אריין ראָמאַ־שאָוו. — געה אָן מיט דיין ארבייט.

— איך הער, וואַשע בלאַהאָראָדיע! — ציהט זיך אויס שאַפּאָ־וואַלענקאָ. — ערלויבט מיר אָבער צו זאָגען אייך, אַז דער פרייוויליגער חכמ'עט זיך.

— גוט, גוט, ווייטער!

— איך הער, וואַשבראָדיע... כלעבניקאָוו, ווער איז ביי אונז דער קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס?

מיט צוטומעלטע אויגען קוקט כלעבניקאָוו אויף דעם אונטער־אָפיצער. פון זיין אָפענעם מויל רייסט זיך ארויס, אַזוי ווי ביי אַ הייזעריגער קראה, אַן איינציגער שיפּענדיגער קלאַנג.

— ריהר זיך! — שרייט אויף איהם בייז דער אונטער־אָפיצער.

— זיין...

— נו,... און וואָס ווייטער?

ראָמאַשאָוו, וועלכער האָט זיך אין דער מינוט אָפּגעקערט אַן אַ זייט, הערט ווי שאַפּאָוואַלענקאָ גיט צו מיט אַ שטילערער שטימע:

— וואַרט נאָר, איך וועל דיך שוין שפּעטער אַ גלעט טאָן! — און אַזוי ווי ראָמאַשאָוו גיט זיך אין דעם מאָמענט אַ דרעה צו איהם, רעדט ער ארויס הויך און גלייכגילטיג.

— זיין הויך עקסעלענץ... נו, כלעבניקאָוו, זאָג שוין ווייטער!...

— זיין... אינפאַנטעריע... לייטענאַנט... — מורמעלט דער־שראָקען כלעבניקאָוו.

— אַ־אַ־אַ! — כריפּעט, פּאַרדריקענדיק די ציין, שאַפּאָוואַלענקאָ.

— נו, וואָס זאָל איך מיט דיר, כלעבניקאָוו, טאָן? איך מאַטער זיך און מאַטער זיך מיט דיר, אַז דו ביזט גאָר ווי אַ קעמעל, מעהר ניט, אַז הערנער פעהלען דיר נאָך. קיין פּליים גאָר. זאָלסט מיר שטעהן אַזוי ווי אַ שטיק האָלץ ביז'ן סוף. און נאָך מיטאָג וועסטו קומען צו מיר, וועל איך דיך לערנען באַזונדער. גרעטשענקאָ, ווער איז ביי אונז דער קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס?

„און אַזוי איז היינט, אַזוי וועט זיין מאָרגען, איבערמאָרגען. אַלץ די זעלבע זאַך ביז'ן סוף פון לעבען. — האָט ראָמאַשאָוו געטראַכט, אַרומגעהענדיק פון אָפּטיילונג צו אָפּטיילונג. — וואַרפען אַלץ און אַוועקגעהן?... אומעטיג!...“

נאָך די „ווערטער־איבונגען“ האָבען זיך די סאָלדאַטען אויפ'ן הויף פאַרנומען מיט ביקס איבונגען. אין איין אָפּטיילונג האָבען זיך די סאָלדאַטען געציעלט אין אַ שפּיגעל, די צווייטע, — האָט מיט שראָט געשאָסען אין אַ ציעל־ברעט, די דריטע — האָט זיך געקליבען צו שיסען אַנשטעלענדיג די ביקסען מיט אַ מאַשין. אין דער צווייטער אָפּטיילונג האָט דער פּאָדפּראָפּאָרשטשיק לבאָוו איבער'ן גאַנצען פּלאַץ געשריען מיט זיין פרעהליכען, הילכיגען טענאָר:

— גלייך... קאָלאָנענווייז... שיסען... איינס, צוויי! ראָטע... —

ער האָט אָפּגעצויגען דעם לעצטען קלאַנג, געמאַכט אַן אָפּשטעל און נאָכדעם האַסטיג צוגעגעבען:

— פּלי!

די ביקסען האָבען געקנאַקט, און לבאָוו פרעהליך קאַקעטירענדיג מיט זיין שטימע האָט ווידער געשריען:

— צו די פי־אי־ס!

סליוואַ איז אַרומגעגאַנגען פון קאָמפּאַניע צו קאָמפּאַניע אַן איינגעהויקערטער, אַ גלייכגילטיגער און געמאַכט גראָבע באַמערקונגען:

— נעם צו דיין בויך! וואָס שטעהסטו ווי אַ טראָגעדיגע פרוי! ווי האַלסטו די ביקס? — ביזט דאָך ניט קיין דיאַקאָן מיט אַ ליכט?

וואָס האַלטסטו אָפּען דעם מויל, קאַרטאַשאָוו? ווילסט קאַשע? וואו איז דאָס קנעפּעל? פּעלדפּעבעל, שטעל אַוועק שפּעטער קאַרטאַשאָווען אויף אַ שטונדע אונטער'ן ביקס. דו טויגעניכטס! ווי האָסטו צו־נויפגעוויקעלט דיין מאַנטעל? ניט קיין אָנהויב, ניט קיין סוף. נאַר!

נאָך די ביקס איבונגען האָבען די סאָלדאַטען צוזאַמענגעשטעלט די ביקסען און האָבען זיך געלייגט לעבען זיי אויף די יונגע פריהלינדיגע גרעזלאַך, וועלכע זיינען שוין ערטערווייז געווען איינגעטראָטען. עס איז געווען וואַרים און העל. די לופט האָט געשמעקט מיט יונגע בלעטער פון די טאָפּאָל־בוימער, וועלכע זיינען געוואַקסען ביי די ברעגען פון שאָסיי. וועטקין איז ווידער צוגעגאַנגען צו ראָמאַשאָווען.

— גיט אַ שפּיי אויף דעם, יורי אַלעקסעאיטש. — האָט ער גע־זאָגט ראָמאַשאָווען, נעמענדיג איהם פאַר דער האַנט. — לוינט זיך דען? אָט מיר וועלען ענדיגען, וועלען מיר אַוועקגעהן אין קלוב, מיר וועלען נעמען צו ביסלאַך, און אַלץ וועט אַריבער. הא?

— מיר איז אומעטיג, ליעבער פּאַוועל פּאַוולִיטש, — האָט ראָמאַ־שאָוו מיט בענקשאַפט אַרויסגערעדט.

— וואָס זאָלען מיר ריידען, עס איז ניט פרעהלאַך, — האָט וועט־קין געזאָגט. — אָבער ווי אַנדערש? מען דאַרף דאָך די מענשען לער־נען. און טאָמער פּלוצלונג אַ מלחמה?

— סיידען אַ מלחמה? — האָט אומעטיג ראָמאַשאָוו צוגע־שטימט. — אָבער צוליב וואָס אַ קריעג? קען זיין, אַז דאָס איז גאָר אַן אַלגעמיינער פעהלער, אַן אַלוועלטליכער וואַנזין? איז דען נאַטיר־ליך צו הרג'ענען?

— ע—ע, איהר נעמט זיך שוין צו פילאָזאָפיע. צו וועלכען טיי־וועל? און אויב אויף אונז וועלען פּלוצלונג אָנפאַלען די דייטשען? ווער וועט פאַרטיידיגען רוסלאַנד?

— איך ווייס דאָך גאָרנישט און איך זאָג גאָרנישט, — האָט קורץ און אומעטיג געענטפערט ראָמאַשאָוו. — איך ווייס גאָר, גאָרנישט. נאָר אָט, צום ביישפּיעל דער נאָרד־אַמעריקאַנער קריעג אָדער די בורען, און די גוועריליאַסען פאַר נאַפּאָלעאָנען, אין די שואַנען אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע... מען האָט זיך געשלאָגען, ווען עס איז אויסגע־קומען! פּראָסטע ערד־אַרבייטער, פּאַסטוכער...

— דאָס זיינען די בורען... עך, האָט איהר צוגעגליכען... דאָס איז

שוין אַ צעהנטע זאַך. און ביי מיר קומט אויס, אויב מען טראַכט אַזוי, איז שוין בעסער ניט צו דינען. און אין אַלגעמיין, אין אונזער פאַך איז ניט ערלויבט צו קלערן. די פראַגע איז נאָר: וואו וועלן מיר זיך אַהינטאָן, ווען מיר וועלן ניט דינען? צו וואָס טויגן מיר, אַז מיר ווייסן בלויז — רעכטס, לינקס — און מער קיין זאַך. שטאַרבן קאָנען מיר, דאָס איז אמת. און מיר וועלן שטאַרבן, דער טייוועל זאָל אונז דערוואַרגן, ווען מען וועט פאָדערן. וויניגסטענס ניט אומזיסט ברויט געגעסן. אַזוי איז דאָס הער פילאָזאָף. לאָמיר געהן ביידע שפּעטער אין קלוב.

— לאָמיר געהן, — האָט ראַמאַשאָוו גלייכגילטיג צוגעשטימט. — אייגענטליך איז אַ שווינערייַ אַלע טאָג אַזוי צו פאַרברענגען די צייט. און איהר זאָגט ריכטיג, אַז אויב אַזוי דיינקען, איז בעסער שוין ניט דינען.

ריידענדיג זיינען זיי ארומגעגאַנגען אַהין און צוריק איבער'ן פּלאַץ, און האָבען זיך אָפּגעשטעלט לעבען דער פערטער אָפּטיילונג. די סאָלדאַטען זיינען געזעסן און געלעגען אויף דער ערד אַרום די צו־זאַמענגעשטעלטע ביקסען. אייניגע האָבען געגעסן ברויט, וועלכען די סאָלדאַטען קייען געוועהנליך אַ גאַנצען טאָג, פון פריה ביז בייַנאַכט, ביי אַלע אַנגעלעגענהייטען. אויף די מושטירונגען, אין דער צייט פון אָפּרוה אויף די מאַנעווערן, אין קירכע און, אפילו, פאַר אַ קערפּער־שטראָף.

ראַמאַשאָוו האָט דערהערט ווי עמיצענס אַ גלייכגילטיגע שטימע האָט גערופען:

— כלעבניקאָוו, כלעבניקאָוו!...

— האַ? — האָט זיך אָנגעכמורעט אָפּגערופען כלעבניקאָוו.

— וואָס האָסטו געטאָן אין דער היים?

— געאַרבייט, — האָט כלעבניקאָוו אַ שלאָפעדיגער געענטפערט.

— וואָס געאַרבייט, נאַרישער קאָפּ דו?

— אַלץ. די ערד געאַקערט, די בהמות צוגעזעהן...

— וואָס האָסטו זיך צוגעבונדען צו איהם? — מישט זיך אַריין אַן אַלטגעדיענטער סאָלדאַט, פעטער שפּיניאָוו. — פאַרשטעהט זיך, וואָס ער האָט געטאָן: קליינע קינדער די ברוסט געגעבען.

ראַמאַשאָוו האָט פאַרבייגעהענדיג אַ קוק געטאָן אויף כלעבני־

קאָוו'ס גרויען, קלענליכען הוילען פּנים, און איהם איז געוואָרען קרענק־ליך און אומעטיג אויפ'ן הארצען.

— צום ביקס! — האָט סליוואַ פון מיטען פּלאַץ אַ געשריי גע־טאָן. — הערען אָפּיצערען, אויף אייערע ערטער!

עס האָבען אָנגעהויבען צו קלאַפּען די ביקסען, פּאַרטשעפּענדיג זיך אַ שפּיז אָן אַ שפּיז. די סאָלדאַטען, שנעל פאַרריכטענדיג די קליידער, האָבען זיך געשטעלט אויף זייערע ערטער.

— שטעלט זיך אוים גלייך! — האָט סליוואַ געקאָמאַנדעוועט.

— אויפמערקזאַם!

און נאָכדעם, צוגעהענדיג נעהנטער צו דער ראָטע, האָט ער זינ־גענדיג אויסגעשריען:

— ביקס איבונגען, באַזונדער טיילענווייז, ציילען הויך... ראָטע סאַ־אַ־לוט!

— איינס! — האָבען אַ רעווע געטאָן די סאָלדאַטען און האָבען קורץ אַ הויב געטאָן די ביקסען אין דער הויך.

סליוואַ איז לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען פאַרביי דער ראָטע, מאַכענדיג קורצע באַמערקונגען: „קער איבער מעהר דאָס הענטעל", „העכער דעם שפּיז", „דאָס הענטעל צו זיך". נאָכדעם האָט ער זיך ווידער אוועקגעשטעלט פאַר דער ראָטע און אויסגעשריען:

— מאַ־אַך... צוויי!

— צוויי! — האָבען די סאָלדאַטען אַ געשריי געטאָן.

און ווידער איז סליוואַ אַרומגעגאַנגען נאָכקוקען די ריכטיגקייט און די ריינקייט פון דער איבונג.

נאָך די ביקס איבונגען, זיינען פאָרגעקומען נאָך פאַרשידענע איבונגען. ראָמאַשאָוו האָט געטאָן אויטאָמאַטיש אַלץ, וואָס לויט דעם געזעץ האָט זיך געפאָדערט, נאָר ביי איהם זיינען ניט ארוים פון זינען וועטקינס אויבערפלעכליך אַרויסגעזאָגטע ווערטער: „אויב מען דענקט אַזוי, איז ניטאָ וואָס צו דיענען; דאַרף מען אַוועק פון דיענסט". און די אַלע חכמות פון די מיליטערישע רעגלען: שנעלקייט פון אומקערען זיך, העלדישקייט פון די ביקס איבונגען, שטאַרק אַוועקשטעלען די פוס מאַרשירענדיג, און צוזאַמען מיט דעם די אַלע טאַקטיקען, פאָרטיפיקאַציעס, אויף וועלכע ער האָט אַוועק־געגעבען גיין בעסטע יאָהרען פון זיין לעבען, און וועלכע האָבען גע־

דאַרפֿט פֿאַרנעמען זיינע איבעריגע יאָהרען, און וועלכע האָבען איהם ערשט ניט לאַנג אויסגעזעהן אזוי וויכטיג און קלוג, — דאָס אַלץ האָט זיך איהם איצט באַוויזען לאַנגווייליג, אומנאַטירליך, אויסגעטראַכט, צוועקלאָז און אומנוציג; עס האָט איהם אויסגעזעהן ווי עפּעס וואָס קומט אַרויס פון אַלוועלטליכער זעלבסט־נאַרעריי, ווי עפּעס וואָס עס איז עהנליך אויף אַ אונזיניגען חלום.

ווען די איבונגען האָבען זיך געענדיגט, איז ער מיט וועטקינען אַוועק אין קלוב און דאָרטען האָבען זיי באַנאַנד אויסגעטרונקען זעהר פיעל שנאַפּס. ראַמאַשאָוו, פאַרלירענדיג, כמעט, דאָס באַוואוסט־זיין, האָט זיך געקושט מיט וועטקינען, און האָט ביי איהם אויפ'ן אַק־סעל געוויינט מיט הויכע, היסטערישע טרעהרען, באַקלאָגענדיג זיך אויף דער פוסטקייט און לאַנגווייליגקייט פון לעבען, אויף דאָס, וואָס קיינער פאַרשטעהט איהם ניט און אויף דאָס, וואָס „איינע אַ פרוי" ליעבט איהם ניט — און ווער זי איז — דאָס וועט קיינער קיינמאָל ניט וויסען. וועטקין האָט געקנאַקט אַ גלעזעל נאָך אַ גלעזעל, און נאָר צייטענווייז פלעגט ער אַרויסריידען מיט אַ פאַראַכטענדער מיטלייד:

— איינס איז שלעכט, ראַמאַשאָוו, וואָס איהר קענט ניט טרינ־קען. איהר האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזעל און שוין פאַרזויערט גע־וואָרען.

נאָך דעם האָט ער פּלוצלונג אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין טיש, און גרויזאַם אויסגעשריען:

— און וועט מען הייסען שטאַרבען — וועלען מיר שטאַרבען!

— וועלען מיר שטאַרבען, — האָט ראַמאַשאָוו טרויעריג געענט־פערט. — וואָס איז שטאַרבען? עס איז נאַרישקייטען — דאָס שטאַרבען... מיין נשמה טוט מיר וועה...

ראַמאַשאָוו האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי ער איז געקומען אַהיים און ווער האָט איהם אַוועקגעלייגט אין בעט. איהם האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער שווימט אין אַ געדיכטען בלויען נעבעל, אין וועלכען עס זיינען צושאָטען מיליאַרדען, — מיליאַרדען מיקראָסקאָפּישע פונקען. דער נעבעל האָט זיך לאַנגזאַם געוויגט אַרויף און אַראָפּ, אויפהויבענדיג און אַראָפּלאָזענדיג אין זיינע באַוועגונגען ראַמאַשאָווס קערפּער. און פון די ריטמישע באַוועגונגען און הוידעריי, איז דעם פּאָדפּאָרוטשיקס האַרץ שוואַך געוואָרען, פאַרשטאַרבען און זיך געמאַטערט אין דעם

העסליכען, אויפרייצענדען געפיהל פון איבעל. דער קאָפּ האָט איהם אויסגעזעהן שטאַרק געשוואָלען, און אין קאָפּ האָט עמיצענס פאַרפאָל־גענדע אום׳רחמנות׳דיגע שטימע געשריען, פאַרשאַפענדיג ראָמאַשאָ־ווען אַ שרעקליכען וועהטאָג:

— מאַך איינס!... מאַך צוויי!...

12

דער טאָג פון דעם 23טען אַפּריל איז געווען פאַר ראָמאַשאָווען זעהר אַ טומעלדיגער און אַ מאָדנער. אַ זייגער צעהן אין דער פריה, ווען דער פּאָדפּאָרוטשיק איז נאָך אין בעט געלעגען, איז געקומען סטע־פאַן, ניקאָלאַיעווס דיענער, מיט אַ בריוו פון אַלעקסאַנדראַ פּעטראָוונאַ.

„ליעבער ראָמאַטשקאַ, — האָט זי געשריבען, — איך וואָלט ניט זיין פאַרוואונדערט, ווען איך וואָלט זיך דערוואוסט, אַז איהר האָט פאַרגעסען, אַז היינט איז אונזער ביידענס געבורטסטאָג. איז אָט, דערמאָן איך אייך וועגען דעם. *ניט קוקענדיג אויף קיין זאַך*, וויל איך אייך דאָך זעהן! אָבער ניט קומט צו געהן בייטאָג גראַטולירען מיך, נאָר פינף אַזייגער. מיר וועלען אַלע פאָהרען אין דוביעטשנע.

אייער א. נ.“

דער בריוו האָט געציטערט אין ראָמאַשאָווס הענט, ווען ער האָט איהם געלייענט. שוין אַ גאַנצע וואָך, אַז ער האָט ניט געזעהן שו־ראָטשקעס ליבען, צייטענווייז צערטליכען, אָפּלאַכענדען, פריינדליך־אויפמערקזאַמען פּנים, ניט געפיהלט אויף זיך איהר צאַרטען, מעכטי־גען צויבער. „היינט!“ — האָט אינערליך אין איהם עפּעס פרעהלאַך געשעפּטשעט.

— היינט! — האָט הויך אַ געשריי געטאָן ראָמאַשאָוו, און איז אַ באָרוויסער אַראָפּגעשפרונגען פון בעט. — הייניאַן, איינוואַשען זיך! הייניאַן איז אַריינגעקומען.

— וואַשאַ בלאַהאָראָדיאַ, דער דיענער שטעהט דאָרטען. ער פרעגט: וועסט שרייבען אַן ענטפער?

— אַזוי נאָר! — ראָמאַשאָוו האָט אויסגעגלאָצט די אויגען און האָט זיך צוגעזעצט. — ... מען האָט איהם באַדאַרפט עפּעס געבען, און

איך האָב גאָרנישט. — ער האָט א קוק געטאָן אויף היינאַנען.
היינאַן האָט ברייט און פרעהלאַך א שמייכעל געטאָן.
— איך אויך גאָר ניט!... דיר ניט, מיר ניט. ע, וואָס איז. זי וועט אזוי געהן.

אין ראָמאַשאָווס זינען האָט זיך באַלד באַוויזען א שווארצע פריה־לינגס־נאַכט, קויט, א נאַסער, גליטשיגער פּלויט אין וועלכען ער האָט זיך אָן, פון דער פינסטערניש סטעפּאַנס גלייכגילטיגע שטימע: „ער געהט און געהט יעדען טאָג...״ ער האָט זיך אויך דערמאָנט אין זיינע אייגענע בזיונות. אָה, וויפיעל צוקונפטיגע פארגעניגענס וואָלט ער איצט אָפּגעגעבען פאַר א צוואַנציג קאָפּקענער מטבעה, פאַר איין צוואַנ־ציג קאָפּקענער מטבעה!

ראָמאַשאָוו האָט נערוועז א פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער'ן פּנים און האָט זאָגאר א קרעכץ געטאָן פון אויפרעגונג.

— היינאַן, — האָט ער שטיל געזאָגט קוקענדיג אויף דער טיר,— היינאַן, דו געה זאָג איהם, אז דער פּאָדפּאָרוטשיק וועט איהם פארנאַכט אומבאַדינגט געבען אויף ביער. דו הערסט: אומבאַדינגט.

ראָמאַשאָוו האָט איצטער איבערגעלעבט א שארפען געלד־קריזיס. אומעטום האָט מען איהם אויפגעהערט צו באָרגען: אין בופעט, אין אָפיצערען־קראַם... ער האָט נאָר געקענט נעמען מיטאַג און אוונט־ברויט אין קלוב, אָבער אָהן שנאַפּס און פארבייסענס. ער האָט אפילו ניט געהאַט קיין טיי און קיין צוקער. ביי איהם איז צופעליג געבלי־בען א גרויסע בלעך קאַווע. ראָמאַשאָוו פלעגט העלדיש טרינקען די קאַווע אָהן צוקער יעדען פריהמאָרגען, און נאָך איהם, מיט דער זעל־בער אונטערטעניגקייט צום שיקזאַל, פלעגט די קאַווע דערטרינקען היינאַן.

אויך איצטער, מיט עקעל טרינקענדיג די שווארצע, שטאַרקע, ביטערע בורדע, האָט זיך דער פּאָדפּאָרוטשיק שטאַרק פארקלערט אויף זיין לאַגע.

„הא... ערשטענס, ווי קומט מען אָהן א געשאַנק? קאָנפעקטען, אָדער האַנדשוה? איך וויים אָבער ניט וואָס פאַר א נומער זי טראָגט. קאָנפעקטען? בעסער פון אַלץ וואָלט געווען פּערפיום: די קאָנ־פעקטען זיינען דאָ שרעקליכע... א פאָכער? הם!... יע, געוויס, איז בעסער פּערפיום. זי האָט ליעב עסס־בוקע. נאָכדעם, — נאָך אויס־

גאבען אויף דעם פּיקניק: אַ קאַרעט אַהין און צוריק, לאָמיר זאָגען, — פינף, אויף ביער סטעפּאַנען — איין רובעל! יע, הער פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו, אָהן אַ צעהנערעל וועט איהר זיך ניט באַגעהן".

און ער האָט גענומען איבערקלייבען אין זינען אַלע זיינע רעסורסען. געהאַלט? ערשט נעכטען האָט ער זיך אונטערגעשריבען אין בוך: „די רעכענונג שטימט. פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו". זיין גאַנצע געהאַלט, פלעגט פאַרהאַלטען ווערען אויף פאַרשידענע חובות און אויף וועקסלען צאָהלונגען; דעם פּאָדפּאָרוטשיק פלעגט ניט איבערבלייבען קיין קאָפּיקע. אפשר בעטען פאָראויס? דעם מיטעל האָט ער שוין געפּרואווט אמאָל דרייסיג און אַלע מאָל אָהן ערפאָלג. דער קאַסיר איז געווען שטאַבס-קאַפּיטאַן דאָראָשענקאָ, אַ מענש אַן אומעטיגער און אַ בייזער, איבערהויפּט צו יונגע. אין דעם טערקישען קריעג איז ער געווען פאַרוואונדעט, נאָר אין אַ העכסט אומבאַקוועמען און אומעהרענהאַפטען אָרט — אין פּיאַטע. די שטענדיגע אַפּלאַכענישען און דאָס וויצלען זיך איבער זיין וואונד (וועלכע ער האָט דאָך באַקומען, ניט אַנטלויפענדיג, נאָר אומקערענדיג זיך קאָמאַנדעווען צו זיין אָפּטיילונג אַן אַנגריף.) האָבען פון איהם געמאַכט דאָס, אַז אַוועקגעהענדיג אויף מלחמה אַלס אַ פרעהליכער פּראַפּאָרשטשיק, האָט ער זיך אומגעקערט פון קריעג אַ גיפטיגער בייזער היפּאָכאָנדריק. ניין, דאָראָשענקאָ וועט קיין געלט ניט געבען, איבערהויפּט נאָך דעם פּאָדפּאָרוטשיק, וועלכער שרייבט זיך אונטער שוין צייט דריטען מאָנאַט: „די רעכענונג שטימט".

„נאָר לאָמיר ניט זיין אומעטיג! — זאָגט צו זיך אַליין ראָמאַשאָוו. — לאָמיר איבערקלייבען אין זינען אַלע אָפיצערען. לאָמיר אָנהויבען פון די ראָטע-קאָמאַנדירען. לויט דער אָרדנונג. די ערשטע ראָטע — אָסאַדטשי".

פאַר ראָמאַשאָווען איז אויפגעשטאַנען דער וואונדערבאַר שעהנער פּנים פון אָסאַדטשי, מיט זיין שווערען בליק, ווי ביי אַ חיה. „ניין — ווער עס איז — אָבער ניט ער. נאָר ניט ער. די צווייטע ראָטע — טאַלמאַן. ליעבער טאַלמאַן: ער לייהט אַליין אייביג אומעטום רובעלוייז, אַפילו ביי די פּאָדפּראַפּאָרשטשיקעס. רוטינסקי?"

ראָמאַשאָוו האָט זיך פאַרקלערט. אַ שטיפערישער, אינגעלישער געדאַנק איז איהם אריין אין קאָפּ: געהן און בעטען ביי דעם פּאָלי

קאָווניק: „איך שטעל זיך פאָר! ער וועט, געוויס, פריהער בלייבען שטעהן פון שרעק, נאָכדעם וועט ער פאַרציטערט ווערען פון בייזקייט, און וועט ענדליך אויסשיסען ווי פון אַ קאַנאָנע: וואָ־אָס? שוויי־איי־גען!“

דער פאָדפאָרוטשיק האָט זיך צולאַכט. „ניין, אַלץ איינס, עס וועט זיך שוין צוטראַכטען עפּעס! אַ טאָג וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אַזוי פרעהלאך, קען זיך נאָך פאַרענדיגען שלעכט. עס איז אומבאַגרייפ־ליך, אָבער עס פיהלט זיך אַלע מאָל ערגעץ טיף, אַהינטער דעם פאַר־שטאַנד.

קאַפּיטאַן דיוואָוערנוא? ניין, דיוואָוערנוא איז אַ קאַרגער, — און האָט מיך ניט ליעב, איך ווייס דאָס“...

אַזוי האָט ער אין זינען איבערגערעכענט אַלע ראָטנע קאָמאַנדירען און האָט מיט אַזיפץ גענומען דערמאָנען די איבריגע אינגערע אָפּי־צערען. ער האָט נאָך ניט אָנגעוואָרען זיין גלויבען אין ערפאָלג, נאָר דאַך האָט ער שוין אָנגעהויבען אומרוהיג צו ווערען; ערשט פּלוצ־לונג האָט איהם אַ בליץ געטאָן אין געדאַנק אַ נאָמען: „פּאָדפּאָלקאָוו־ניק ראַפּאַלסקי!“

— ראַפּאַלסקי! און איך האָב זיך דעם קאָפּ געבראָכען! היי־נאַן! דעם ראָק, די האַנדשוה און דעם אויבערמאַנטעל — שנעל!

פּאָדפּאָלקאָווניק ראַפּאַלסקי, דער קאָמאַנדיר פון דעם 4טען באַ־טאַליאָן, איז געווען אַ מאָדנער אַלטער בחור, וועלכען מען פלעגט אין פּאָלק, אין אַ שפּאַס, און, פאַרשטעהט זיך, אונטער די אויגען, רופען פּאָלקאָווניק ברעם. ער פלעגט צו קיינעם פון זיינע חברים ניט אריינ־געהן, אָפּקומענדיג נאָר מיט אָפיציעלע וויזיטען פסח און ניי־יאָהר; און צו דעם דיענסט האָט ער זיך באַצויגען אַזוי נאַכלעסיג, אַז ער פלעגט שטענדיג קריגען באַמערקונגען אין די באַפעהלען. זיין גאַנצע צייט, די אַלע זאָרגען און די ניט אויסגענוצטע פעהיגקייט פון זיין האַרץ צו ליעבע און צוגעבונדענקייט, פלעגט ער אָפּגעבען זיינע ליעבע חיות, — פויגלען, פישען און פיערפיסיגע, פון וועלכע ער האָט געהאַט אַ גרויסע, אָרגינעלע קאָלעקציע. די פּאָלק־דאַמען, טיף אין האַרצען באַליידיגט פון זיין ניט אויפמערקזאַמקייט צו זיי, פלעגען זאָגען, אַז זיי פאַרשטעהען נים ווי קען מען דאָס זיין ביי ראַפּאָלסקין: „אָך,

דאָס איז דאָך אַזאַ שרעק, די חיות! און דערצו, ענטשולדיגט, דאָס געריך! פי!...״

אַלע זיינע אָפּגעשפּאַרטע געלדען, פלעגט ער אויסגעבען אויף זיינע חיות. דער דאָזיגער מאָדנער מענש האָט באַגרענעצט זיינע באַדערפנישען ביז צום נויטיגסטען: געטראָגען אַ ראָק און אַן איבער־מאַנטעל, גאָט ווייס פון ווען אָן, שלאָפען פלעגט ער ווי עס מאַכט זיך, און עסען פלעגט ער פון קעסעל אין דער 15טער ראָטע, און פלעגט פאַר דאָס געקעכץ אין ראָטע אריינטראָגען אַ סומע געלט מעהר ווי אַ היבשע. נאָר די חברים, איבערהויפּט די אינגערע אָפיצערען, פלעגט ער זעלטען ווען אָפּזאָגען אין אַ גמלות חסד, ווען ער פלעגט נאָר האָבען געלט. מען דאַרף צוגעבען, אַז אָפּגעבען איהם דאָס געלט צוריק, האָט זיך גערעכענט פאַר ניט שעהן, דערויף איז ער דאָך עפּעס אַ מאָדנער מענש, דער פאָלקאָווניק ברעם.

די אויסגעלאַסענע פּראָפּאָרשטשיקעס, אַזוי ווי לבאָוו, געהענדיג צו איהם אַנטליהען צוויי רובעל, פלעגען אַזוי זאָגען: „איך געה אַ קוק טהאָן דעם טיערגאָרטען״. דאָס איז געווען אַ טיר צו דעם האַרץ און טאַש פון דעם אַלטען בחור. „איוואַן אַנטאָניטש, צי האָט איהר עפּעס נייע חיה׳לאָך? ווייזט, איך בעט אייך, איהר דערצעהלט וועגען זיי אַזוי אינטערעסאַנט״...

ראָמאַשאָוו פלעגט אויך ניט זעלטען זיין ביי איהם, נאָר דערווייל אָהן געלט אַבזיכטען: ער האָט, ווירקליך, ליעב געהאַט חיות מיט אַ באַזונדער, צאַרטער און ליידענשאַפטליכער ליעבע. אין מאָסקווע, ווען ער איז געווען אַ שילער, און נאָכדעם אַ יונקער, פלעגט ער מיט מעהר חשק געהן אין צירק איידער אין טעאַטער, און נאָך מעהר גערן פלעגט ער געהן אין זאָאָלאָגישען גאָרטען און אין אַלע טיערגערטענער. דער טרוים פון זיין קינדהייט איז געווען צו האָבען אַ הונט, אַ סענבערנאַר; איצטער האָט ער אין געהיים געטרוימט וועגען דעם אמט פון אַ באַטאַליאָן אַדיוטאַנט, כדי צו האָבען אַ פערד. נאָר די ביידע זאכען איז ניט באַשערט געווען ערפילט צו ווערען: קינדווייז — איבער דער אָרעמקייט, אין וועלכער זיין פאַמיליע האָט געלעבט, און פאַר אַן אַדיוטאַנט האָט מען איהם קוים געקענט באַשטימען, ווייל ער האָט ניט געהאַט „קיין אָנזיכטיגע פיגור״.

ער איז אַרויס פון הויז. די וואַרימע פריהלינג לופט האָט גע־

צערטעלט זיינע באקען. די ערד, וואס האט זיך ניט לאנג אויסגע־טריקענט פון רעגען, האט זיך אנגענעם געוויגט אונטער זיינע פיס. פון אהינטער די פלויטען זייגען געדיכט און נידריג אראפגעהאנגען אין גאס ווייסע און בלויליך־רויטע קעפלאך פון די פריהלינגס בלומען. עפעס האט זיך פלוצלונג מיט אן אומגעוועהנליכער קראפט פארבריי־טערט אין ראמאשאווס ברוסט, אזוי ווי ער וואלט זיך געגרייט צו פליהען. ארומקוקענדיג זיך, און זעהענדיג, אז אויף דער גאס איז קיי־נער ניטא, האט ער פון טאש ארויסגענומען שוראטשקאס בריוו, דורכ־געלייענט איהם, און זיך פעסט צוגעדריקט מיט די ליפען צו איהר אונ־טערשריפט.

— ליעבער הימעל! ליעבע בוימער! — האט ער שטיל גע־שעפטשעט מיט פייכטע אויגען.

פאלקאווניק ברעם האט געוואוינט אין דער טיפעניש פון הויף, וואס איז געווען ארומגעצאמט מיט א הויכען גרינעם צאם. אויפ'ן טירעל איז געווען א קורצע אויפשריפט: „אהן א קלונג ניט ארויף. הינט!" ראמאשאוו האט אנגעקלונגען. פון פערטעל איז ארויס א פוילער, פארשלאפענער דיענער.

— דער פאלקאווניק איז אין דער היים?

— געהט אריין, וואשע בלאהאראדיע.

— דו געה זאג אן פאראויס.

— עס מאכט ניט אויס, געהט אריין אזוי, — דער דיענער האט שלאפעדיגערהייד א קראץ געטאן די זייט. — זיי האבען ניט ליעב צום ביישפיעל, אז מען זאל אנזאגען פאראויס.

ראמאשאוו איז אוועק צום הויז מיט א שמאלען וועג, אויסגע־זעצט פון ציגעל. פון אהינטער דעם ראג זיינען ארויסגעשפרונגען צוויי גרויסע קורצאויערדיגע הינט פון מייז־קאליר. איינער פון זיי האט הויך, אבער גוטמוטיג אנגעהויבען צו בילען. ראמאשאוו האט איהם א קנאק געטאן מיט די פינגער, און דער הונט האט זיך גענומען ווארפען אויף די פאדערשטע פיס רעכטס און לינקס, און האט גענומען נאך העכער בילען. דער צווייטער הונט איז געגאנגען אהינטער דעם פאדפארוטשיק, און אויסציהענדיג דעם קאפ, האט ער ארומגע־שמעקט זיין אויבער־מאנטעל. ווייטער אין הויף איז אויף דעם גרינעם גראז געשטאנען א קליינער אייזעל. ער האט פרידליך

געדרימעלט אונטער דער פריהלינגס זון פינטלענדיג מיט די אוי־ גען און באוועגענדיג די אויערען פון פארגעניגען. דערבײ זײנען אויך ארומגעגאנגען היהנער, און אלערלײ פארביגע העהנער, ענטלאך, כי־ נעזישע געגנז מיט אנגעוואקסענעם פלײש אויף די שנאבלען; עס האבען געשריען קײזער־היהנער, און דער הערליכער אינדיק, פאנאנ־ דערלאזענדיג דעם עק, און קריצענדיג מיט די פליגעל די ערד, האט זיך שטאלץ און תאוה'דיג געדרעהט ארום די דינהאלזיגע אינדיטש־ קעס. בײ דער קארעטע איז געלעגען מיט א זײט אויף דער ערד א ריעזיגער יארקשירער ראזאווער חזיר.

פאלקאוניק ברעם, אין א שווערדישען רימענעם אויבערמאנטעל איז געשטאנען בײם פענסטער מיט דעם רוקען צו דער טיר, און האט ניט באמערקט ווי ראמאשאוו איז אריינגעקומען. ער איז געווען פאר־ נומען מיט דעם גלעזערנעם אקוואריום, אריינלעגענדיג אין איהם די האנט ביז'ן עלענבויגען. ראמאשאוו האט זיך געדארפט צװײ מאל הויך אויסהוסטען, אײדער ברעם האט אומגעקערט צו איהם זײן דא־ רען פארוואקסענעם, לאנגען פנים מיט אלטע בײנערנעברילען אויף די אויגען.

— א־א, פאדפארוטשיק ראמאשאוו! איך בעט אײך, איך בעט אײך... — האט ראפאלסקי פרײנדליך געזאגט. — ענטשולדיגט, איך גיב אײך ניט די האנט — א נאסע. און איך, ווי איהר זעהט, שטעל אײן, ווי מען זאגט דאס, א נײעם סיפאן. איך האב דעם פריהערדיגען געמאכט אביסעל אײנפאכער, איז ארויסגעקומען זעהר גוט. איהר ווילט טײ?

— איך דאנק אײך זעהר. איך האב שוין געטרונקען. איך בין געקומען, הער פאלקאוניק...

— איהר האט געהערט: עס געהען ארום קלאנגען, אז דעם פאלק וועט מען איבערפיהרען אין אן אנדער שטאדט, — האט ראפאלסקי געזאגט, אזוי ווי ער וואלט פארטגעזעצט אן ערשט איבערגעריסע־ נעם געשפרעך. — איהר פארשטעהט, איך בין, ווי מען זאגט דאס, אין פארצווײפלונג. שטעלט זיך נאר פאר, ווי אזוי וועל איך דאס איבער־ פיהרען מײנע פישען? א העלפט פון זײ וועלען דאך אויסשטארבען! און דער אקוואריום? די גלעזער — גיט נאר אלײן א קוק — זײנען אנדערטהאלבען קלאפטער די לענג. אך, טאטינקע! — איז ער פלוצ־

לונג איבערגעגאנגען צו אן אנדער זאך, — אוי וואס פאר אן אקוואַ־ריום איך האב געזעהן אין סעוואסטאָפּאָל ! וואסער קאסטענס, ווי מען זאָגט דאס... איך שווער אייך, אָט ווי דער צימער די גרויס, שטיינערנע, מיט פליסיגען ים־וואסער. עלעקטריציטעט. דו שטעהסט און קוקסט פון אויבען ווי די פישען לעבען. ווייס־פישען, וואל־פישען, סקאטען, ים־העהנער — אך, ליעבענקע מיינע ! אָדער, ווי מען זאגט דאס, א ים־קאָטער. שטעלט זיך פאָר א קיילעכדיגען בלין, אן ארשין אָנדערטהאלבען אין דיאמעטער, און באוועגט מיט די ברעגען אזוי רעגעלמעסיג, און פון הינטען, פארשטעהט איהר, אן עק, ווי א פייל. איך בין צוויי שעה געשטאנען... וואס לאכט איהר ?

— ענטשולדיגט... איך האב ערשט באמערקט, — אז ביי אייך אויפ'ן אקסעל זיצט א ווייסע מויז...

— אך, דו שטיפערין ! וואו האסטו זיך דאס פארקליבען ! — ראַ־פאלסקי האט א קער געטאָן דעם קאָפּ און האט מיט די ליפען ארויס־געגעבען אן אויסערגעוועהנליך דינעם קלאנג, וואס איז עהנליך געווען צו מייז פישטשעריי. דאס קליינע, ווייסע, רויטאויגיגע חיה'לע האט זיך אראָפּגעלאָזען צו איהם ביז'ן פּנים, און ציטערענדיג מיט'ן גאנצען קערפערעל, האט זיך דאס מייזעל גענומען שטופען מיט'ן קעפּעל אין דעם מענשענס באָרד און מויל.

— ווי זיי קענען אייך ! — האט ראַמאשאָוו געזאָגט.

— יע... זיי קענען — ראַפאלסקי האט אָפּגעזיפצט און א שאָ־קעל געטאָן מיט'ן קאָפּ. — אָבער די צרה איז וואס מיר קענען זיי נים. מענשען האָבען אויסגעדרעסירט א הונט, צוגעפּאסט, ווי מען זאָגט א פערד, היימיג געמאכט א קאַץ, און וואס זיינען דאס פאר א וועזענס — דאס ווילען מיר אפילו נים וויסען. אן אנדער געלערטער וויד־מעט, ווי מען זאָגט דאס, זיין גאנצען לעבען, דער טייוועל זאָל איהם נעמען, אויף צו פארטייטשען א נארישען אוראלטען וואָרט, און האָט דערפאַר אזא כבוד, אז לעבעדיגערהייט מאכט מען איהם פאר א היי־ליגען. און דאָ... נעמט כאָטש אָט די זעלבע הינט. עס לעבען מיט אונז, זייט ביי זייט, לעבעדיגע, דענקענדע, קלוגע חיות און כאָטש איין פּראָפעסאָר וואָלט זיך געבען די מיה צו פארנעמען זיך מיט זייער פּסי־כאָלאָגיע !

— אפשר זיינען דאָ אזוינע ביכער, נאָר מיר ווייסן ניט פון זיי, — האָט אונדרייסט ראָמאַשאָוו באַמערקט.

— ביכער? הם... געוויס זיינען דאָ און זעהר גרויסע. אָט זעהט, ביי מיר איז דאָ אַ גאַנצע ביבליאָטעק. — דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף אַ רייהע אַלמערס מיט ביכער ארום די ווענט. — זיי שרייבן קלוג און דורכדרינגענד. ווייסן זעהר פיעל, וואָס פאר אַ מאַשינען, וואָס פאַר אַ שאַרפזיניגע מיטלען. נאָר דאָס איז אַלץ ניט דאָס, גאָר ניט דאָס, פון וואָס איך רייד. קיינער פון זיי, ווי מען זאָגט דאָס, האָט זיך ניט דערטראַכט צו שטעלען פאַר זיך אַן אויפגאַבע — נאָכקוקען כאָטש איין טאָג נאָך אַ קאַץ אָדער אַ הונט. אָט נעם און קוק זיך צו: ווי לעבט אַ הונט, וואָס ער טראַכט, ווי אַזוי ער קליגט זיך, ווי ער ליידט און ווי ער פרעהט זיך. אָט הערט: איך האָב געזעהן וואָס די קלאָאונעס קריגען ארויס פון חיות. מערקווירדיג! שטעלט זיך פאַר, היפּנאָז, ווי מען זאָגט דאָס, אמת'ער, ניט געקינס־טעלטער היפּנאָז! וואָס איין קלאָאון האָט מיר באַוויזען אין קיעוו, אין אַ גאַסט הויז, איז דאָס וואונדערבאַר, איינפאַך אומגלויביג. באַ־טראַכט נאָר — אַ קלאָאון! און וואָס וואָלט זיין, ווען מיט דעם וואָלט זיך פאַרנומען אַ ערנסטער נאַטור־פאָרשער, אַ באַוואַפענ־טער מיט וויסענשאַפט, מיט זייערע אויסגעצייכענטע קענטניסען איינ־צואָרדנען עקספּערימענטען, מיט זייערע וויסענשאַפטליכע מיטלען. אָה, וואָס פאַר וואונדערבאַרע זאַכען מיר וואָלטען זיך דערוואוסט וועגען די גייסטיגע פעהיגקייטען פון אַ הונט, וועגען זיין כאַראַקטער, און ווער ווייס נאָך וועגען וואָס! אַ גאַנצע וועלט, אַ ריזיגע, אינטערעסאַנטע וועלט. נו, ווי איהר ווילט זיך, איך צום ביישפּיעל, בין איבערצייגט, אַז הינט האָבען זיך זייער שפּראַך, און ווי מען זאָגט דאָס, אַ גאַנץ רייכע שפּראַך.

— איז פאַר וואָס האָט איהר זיך ביז איצטער מיט דעם ניט פאַרנומען, איוואַן אַנטאָניטש? האָט ראָמאַשאָוו געפרעגט. — דאָס איז דאָך אזוי איינפאַך!

ראַפאַלסקי האָט זיך גיפטיג צולאַכט.

— טאַקע דערפאַר... כע־כע־כע, — ווייל דאָס איז איינפאַך. טאַקע דערפאַר. אַ שטריק איז אַ פּראָסטע שטריק. פאַר איהם, ער־שטענס, איז וואָס אזוינס אַ הונט? אַ קרייצביינינגע, מילכזויגענדע,

רויבערישע חיה פון דער הונט משפחה און אזוי ווייטער. דאָס איז אַלץ ריכטיג. ניין, אָבער דו געה צו צו א הונט ווי צו א מענשען, ווי צו א קינד, ווי צו א דענקענדען וועזען. ווירקליך, זיי, מיט זייער ווי־סענשאפטליכען שטאַלץ, זיינען ניט ווייט פון פויער, וועלכער דענקט, אז ביי א הונט, ווי מען זאָגט דאָס, איז אנשטאַט א נשמה — א דאַמף.

ער איז אנטשווינגען געוואָרען, און בייז קרעכצענדיג, האָט ער זיך גענומען צו דעם גומענעם טרייבעל, וועלכען ער האָט צוגעשטעלט צו דעם דעק פון אַקוואַריום. ראַמאַשאָוו האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט.

— איוואַן אנטאָניטש, איך האָב צו אייך א גרויסע ביטע...

— געלט?

— ווירקליך, מיר איז ניט אָנגענעהם צו בעאומרוהיגען אייך. נאָר איך דאַרף ניט פיעל, א רובעל צעהן. גיך אָפּגעבען, זאָג איך ניט צו, אָבער...

איוואַן אנטאָניטש האָט ארויסגענומען די הענט פון וואַסער און האָט זיי אויסגעווישט מיט א האַנדטוך.

— צעהן קאָן איך. מעהר קאָן איך ניט, אָבער צעהן קאָן איך מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען. איהר דאַרפט דאָס, מסתמא, אויף נאַ־רישקייטען? נו, נו, נו, איך שפּאַס. קומט.

ער האָט איהם אַוועקגעפיהרט נאָך זיך, איבער זיין גאַנצע וואוי־נונג, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף־זעקס צימערען. אין זיי איז ניט געווען קיין הויז געשיער, און ניט קיין פאָרהאַנגען. די לופט איז געווען אָנגעפיהלט מיט א שאַרפען גערויך פון קליינע חיות. דער דיל איז געווען שמוציג אויף אזוי פיעל, אז די פיס האָבען זיך געגליטשט.

אין אַלע ווינקעלאַך זיינען געווען איינגעאָרדענט גריבלאַך און וואַוינונגען, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי ביידעלאַך, אָפּגעהאַקטע בוי־מער און פעסער אָהן דעקען. אין צוויי צימערען זיינען געשטאַנען צווייגיגע בוימער — איינער פאַר פויגלאַך, און דער צווייטער — פאַר מאַרדערס און וועווערקעס, מיט געקינסטעלטע לעכער און נעסטען. אין דעם ווי די וואַוינונגען זיינען געווען צוגעפּאַסט, האָט זיך געפיהלט א זאָרגפולע האַנט און א ליעבשאַפט צו חיות, און אויך א גרויסע אויפ־מערקזאַמקייט.

— יזיהר זעהט די חיה? — ראַפּאַלסקי האָט מיט'ן פינגער אָנ־

געוויזען אויף אַ קליין גריבעל אַרומגעצאַמט מיט שטעכיגען דראָט. פון לאָך, ווי אַ גלאָז די גרויס, האָבען געפינקעלט צוויי העלע שוואַרצע פינטעלאַך.—דאָס איז די רויבערישסטע חיה, די, ווי זאָגט מען דאָס, ווילדסטע חיה אויף דער וועלט. אַ טכויר. ניין, מיינט ניט, געגען איהם זיינען די אַלע לייבען און טיגערם—שטילע קעלבלאַך. דער לייב האָט אויפגעגעסען זיין פוד פלייש און געהט אוועק,—קוקט גוטמוטיג ווי די שאַקאַלען עסען אויף דאָס איבריגע. און דער ליעבליכער אויסוואורף, ווען ער פאַרקלייבט זיך אין אַ היהנער שטייג, וועט ער איין הוהן ניט אויסענלאָזען — אומבאַדינגט וועט ער דורכבייסען ביי יעדערער, אָט דאָ, פון הינטען דעם מארך. אַנדערש וועט ער זיך ניט באַרוהיגען. און דערצו איז ער די ווילדסטע אונהיימליכסטע חיה. אוי גזלן דו!

ער האָט אַריינגערוקט די האַנט הינטערן צאַם; פון דעם קייר־לעכדיגען טירעל האָט זיך באַלד באַוויזען אַ קליין, צורייצט קעפּעל, מיט אַן אָפּענעם מויל, אין וועלכען עס האָבען געלויכטען ווייסע שאַרפּע ציינדלאַך. דער טכויר פלעגט זיך שנעל באַווייזען און זיך צוריק באַ־האַלטען, באַגלייטענדיג דאָס מיט קלאַנגען, וואָס זיינען עהנליך געווען צו אַ בייזען הוסט.

— איהר זעהט וואָס ער איז? און איך גיב איהם דאָך עסען, שוין אַ גאַנץ יאָהר!...

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט, ווייזט אוים, גאָר פאַרגעסען וועגען דעם, וואָס ראָמאַשאָוו האָט ביי איהם געבעטען. ער האָט איהם אומ־געפיהרט פון גריבעל צו גריבעל און באַוויזען זיינע ליעבלינגען, רייר־דענדיג וועגען זיי מיט אַזאַ באַגייסטערונג און צאַרטקייט, און מיט אַזאַ באַגריף וועגען זייערע כאַראַקטערען, אַזוי ווי ער וואָלט ריידען וועגען זיינע גוטע באַקענטע. און ווירקליך, ווי פאַר אַ ליעבהאָבער, וועלכער וואוינט נאָך דערצו אין אַ קליין פאַרוואָרפען שטעדטעל, האָט ער געהאַט אַ גאַנץ גרויסע קאָלעקציע: ווייסע מייז, קעניגלאַך, ים־חזרים׳לאַך, איגלען, פעלד־מייז, עטליכע גיפטיגע שלאַנגען אין גלע־זערנע קאַסטענס, עטליכע סאָרטען יאַשטשערקעס, צוויי מאַלפּעס, אַ שוואַרצער אויסטראַלישער האָז און אַ זעלטענער, שעהנער עקזעמפּלאַר פון אַ אַנגאָרער קאַץ.

— וואָס? שעהן? — האָט ראַפּאַלסקי געפרעגט באַווייזענדיג די קאַץ. — אמת, ווי מען זאָגט, אַן אויסנאַם? נאָר איך אַכט איהר

ניט. זי איז נאַריש. נאַרישער פון אַלע קעץ. און אַט ווידער! — האָט ער זיך פּלוצלונג צוהיצט, — אַט האָט איהר אַ באַווייז, ווי נאַכ־לעסיג מיר באַציִרען זיך צו דער פּסיכיק פון אונזערע חית. וואָס ווייסען מיר וועגען אַ קאַץ? און אַ פערד? און אַ קוה? און חזרים? ווייסט איהר, ווער עס איז נאָך אויסערגעוועהנליך קלוג? יע, יע, לאַכט ניט, — ראָמאַשאָוו האָט גאָר אין זינען ניט געהאַט צו לאַכען, — חזרים זיינען זעהר קלוג. ביי מיר האָט אַ חזיר פאַריגען יאָהר אַזאַ זאַך צוגעטראַכט. מען פלעגט מיר ברענגען צופיהרען בראַהע פון צו־קער פאַבריק, ווי זאָגט מען דאָס, פאַר'ן גאָרטען און פאַר די חזרים. האָט ביי איהם זעהט איהר קיין געדולד ניט געקלעקט צו וואַרטען. דער פוהרמאַן איז אַוועקגעגאַנגען מיט מיין דיענער, און ער האָט מיט די ציינער גענומען און אַרויסגעשלעפּט דעם שפּונט פון פאַס. די בראַהע, פאַרשטעהט איהר, גיסט זיך, און ער קעניגט. און אַט נאָך: איינמאָל האָט ער, ניט נאָר אַרויסגענומען דעם שפּונט, נאָר אַוועק־געטראָגען איהם אין גאָרטען און פאַרגראָבען אויף אַ בייט. אַט איז אייך אַ חזיר. — ראַפאַלסקי האָט פאַרמאַכט אַן אויג און געמאַכט אַ קלוגען פּנים, — דעם אמת זאָגענדיג, — דעם אמת זאָגענדיג, שרייב איך וועגען מיינע חזרים אַ קליינעם אַרטיקעל... אָבער ש־ש־ש אַ סוד... קיינעם ניט. עס איז עפּעס מאָדנע: אַ פּאָדפּאָלקאָווניק פון דער רוהמרייכער רוסישער אַרמיי און פּלוצלונג — וועגען חזרים גאָר. איצ־טער זיינען דאָ ביי מיר יאָרקשורער. איהר האָט געזעהן? אויב איהר ווילט, וועלען מיר געהן זעהן? דאָרטען האָב איך נאָך אויפ'ן הויף אַ יונגען ליעבען חזיר'ל... מיר געהן?

— ענטשולדיגט, איוואַן אַנטאָניטש, — האָט ראָמאַשאָוו גע־שטאַמעלט — מיט פאַרגעניגען. אָבער, איך שווער אייך, ניטאָ קיין צייט.

ראַפאַלסקי האָט זיך אַ קלאַפּ געטאָן אין שטערען.

— אַך, פאָטער ליעבער! ענטשולדיגט מיר, אום גאָטעס ווילען. און איך, דער אַלטער, האָב זיך גאָר צופּלאַפּעלט... נו, נו, נו, קומט שנעלער.

זיי זיינען אַריין אין אַ קליינעם פוסטען צימער, וואו עס איז בוכשטעבליך קיין זאַך ניט געווען, אויסער אַ וועג־בעטעל, דער לייי־ווענד פון וועלכען עס איז אַראָפּגעהאַנגען ווי אַ דעק פון אַ שיף, אַ

נאכט־טישעל און א שטול. ראפאלסקי האָט ארויסגערוקט דאָס טיש־קעסטעל און האָט ארויסגענומען דאָס געלט.

— איך בין זעהר צופרידען צו דיענען אייך, פּאַדפּאַרוטשיק, זעהר צופרידען. נו, וואָס פאַר א דאַנקען! ע איז א קלייניגקייט... איך בין צופרידען... קומט אריין, ווען איהר האָט נאָר צייט. מיר וועלען ריידען.

ארויסגעהענדיג אויף דער גאַס, האָט זיך ראַמאַשאָוו אָנגעשטויסען אָן וועטקינען. די וואָנסען ביי פּאוועל פּאווליטשען זיינען געווען העלדיש צוואוואָרפען, און דאָס היטעל, צוגעבויגען פון די זייטען פון שעהנקייט וועגען, איז העלדיש געווען אָנגעטאָן אָן א זייט.

— א־א! פּרינץ האמלעט! — האָט וועטקין פרעהלאך א גע־שריי געטאָן. — פון וואַנען און וואוהין? פּו, טייוועל, איהר שיינט דאָך ווי א ניי־געבאָרענער.

— היינט איז טאקע מיין געבורטסטאָג. — האָט ראַמאַשאָוו א שמייכעל געטאָן.

— יע? געטליך. ערלויבט מיר אייך איינצושליסען אין מיינע היציגע ארעמס!

און זיי האָבען זיך ביידע דאָ אין גאַס שטארק צוקושט.

— אפשר וועלען מיר צוליעב דער אנגעלעגענהייט אריינגעהן אין קלוב? מיר וועלען אריינשטעכען צי איינס, ווי אונזער וועלטליכער פריינד ארטשאקאָווסקי זאָגט? — האָט וועטקין פאָרגעלעגט

— איך קען ניט, פּאוועל פּאווליטש. איך אייל זיך. מיר דאכט אָבער, אז איהר האָט שוין היינט אביסעל אונטערגעשטיפט?

— אָ־אָ־אָ! — וועטקין האָט ווירדיג און שטאָלץ א פיהר גע־טאָן מיט זיין קין ארויף. — איך האָב היינט דורכגעמאכט אזא קאָמ־בינאציע, אז יעדען פינאנץ מיניסטער וואָלט כאפּען א בויך־וועהטאָג פון קנאה.

— וואָס?

וועטקינס קאָמבינאציע איז געווען א גאַנץ איינפאכע, דערפאַר אָבער זעהר א שאַרפזיניגע, דעם גרעסטען אנטייל האָט אין דעם גענו־מען דער פּאָלק־שניידער חיים. ער האָט גענומען ביי וועטקינען א צע־טעל, אז ער האָט באקומען זיין אָנצוג, וואָס יענער דאַרף נעמען פון פּאָלק,

נאָר אין דערווירקליכקייט האָט דער עמפינדליכער פּאוועל פּאוויליטש באַקומען פון איהם ניט קיין אַנצוג — נאָר דרייסיג רובעל מזומן.

— און סוף כל סוף זיינען מיר ביידע צופרידען געבליבען, — האָט געזאָגט דער צופרידענער וועטקין, — דער איד איז צופרידען, ווייל אַנשטאָט זיינע דרייסיג רובעל וועט ער באַקומען פון פּאָלק־קאַסע פינף און פערציג, און איך בין צופרידען, ווייל היינט אין קלוב וועל איך דערוואַרימען אָט די אַלע שפּיעלער. וואָס? גוט איינגעאָרדענט געוואָרען?

— גוט, — האָט ראָמאַשאָוו צוגעשטימט. — איך וועל דאָס האָבען אין זינען אויף אַ צווייטען מאָל. נו, זייט געזונט, פּאוועל פּאַווֹ־לאָוויטש. איך ווינש אייך אַ גליקליכע קאַרט.

זיי זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען. נאָר אין אַ מינוט אַרום האָט וועטקין אָפּגערופען זיין חבר. ראָמאַשאָוו האָט זיך אומגעקוקט.

— דו האָסט אָנגעקוקט דעם טיערגאָרטען? — האָט וועטקין גע־פרעגט, אָנצייגענדיג איבער זיין פּלייצע מיט דעם גרויסען פינגער אויף ראַפּאַלסקי'ס הויז.

ראָמאַשאָוו האָט אַ מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ, און געזאָגט מיט אי־בערצייגונג:

— ברעם איז ביי אונז אַזאַ וואוילער מענש. אַזאַ ליעבער!

— ווער זאָגט דען! — האָט וועטקין צוגעשטימט. — אָבער — פּסיק!

13

צופאָהרענדיג אַרום פינף אַזייגער צום הויז, וואָס די ניקאָלאַיעווס האָבען פאַרנומען, האָט ראָמאַשאָוו מיט באַוואונדערונג דערפיהלט, אַז זיין אינדערפריהענדיגע פרעהליכע איבערצייגונג אין דעם ערפאָלג פון היינטיגען טאָג, האָט זיך אין איהם אומגעביטען אויף אַ מאָדנער אומ־רוהיגקייט אָהן אַן אורזאַך. ער האָט געפיהלט, אַז דאָס האָט פּאַסירט ניט מיט אַמאָל, ניט איצטער, נאָר פיעל פריהער: ווייזט אויס, די אומרוהיגקייט איז אויסגעוואַקסען אין זיין נשמה ביסלעכווייז און אומ־באַמערקט, אָנהויבענדיג עפּעס פון אַ פאַרשוואונדענעם מאָמענט. וואָס האָט דאָס געקענט זיין? מיט איהם פלעגען פאַרקומען אַזוינע ערשיי־

נונגען פריהער אויך, פון קינדהייט אָן, און ע. האָט געוואוסט, אז אום צו באַרוהיגען זיך, דאַרף מען געפינען די ערשטע אורזאַך פון דער אומרוהיגקייט. אַמאָל, אָפּמאַטערענדיג זיך אַזוי אַ גאַנצען טאָג, פלעגט ער נאָך אין אָוועגט דערמאָנען זיך, אַז דורכגעהענדיג בייטאָג די סטאַנציע דורך די רעלסען, איז ער פאַרטויבט געוואָרען מיט אַן אומגעריכטען פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו; ער האָט זיך דערשראָקען און אַליין דאָס ניט באַמערקענדיג, איז ער געוואָרען שלעכט געשטימט; נאָר ווי ער האָט זיך דאָס דערמאָנט, איז איהם מיט אַמאָל גרינג און פרעליך געוואָרען.

און ער האָט שנעל גענומען איבערקלייבען אין זינען אַלע איינדרוקען פון היינטיגען טאָג לויט דער צוריק־אָרדנונג. סווידערסקי׳ס מאַגאַזין; פּערפיום; געדונגען לייבע דעם פוהרמאַן — ער פאָהרט גוט; געפרעגט אין פּאָסט, ווי פיעל אַזייגער; אַ שעהנער פריהמאָרגען; סטעפּאַן... נאָר ווירקליך דען סטעפּאַן? נאָר ניין — פּאַר סטעפּאַנ׳ען ליגט אַ רובעל אָנגעגרייט באַזונדער אין טאַש. איז וואָס איז דאָס פּאָרט? וואָס?

ביים פּלויט זיינען שוין געשטאַנען דריי קאַרעטען צו צוויי פערדגעשפּאַנט. צוויי דיענער האָבען געהאַלטען פּאַר׳ן צוים געזאָטעלטע פערד: אָליזאַר׳ס אַלטען פערד, וואָס ער האָט ניט לאַנג געקויפט און בעק־אַגאַמאַלאָוו׳ס שלאַנקע, אומגעדולדיגע גאָלדענע קליאַטשע מיט אַ בייזען פייערדיגען בליק.

„אַך—דער בריוו! — האָט עפּעס פּלוצלונג אויפגעפלאַמט אין ראָמאַשאָוו׳ס געדאַנק. — דער מאָדנער זאַץ: נ י ט ק ו ק ע נ ד י ג א ו י ף ק י י ן ז א ך... און אונטערגעשטראָכען. הייסט דאָס, אַז עפּעס איז אין דעם? אפשר איז ניקאָלאַיעוו בייז אויף מיר! ער איז אייפערזיכטיג? אפשר עפּעס אַ רכילות? ניקאָלאַיעוו איז געווען גאַנץ טרוקען מיט מיר די לעצטע טעג. ניין, ניין, איך וועל דורכפאָהרען פאַרביי!“

— ווייטער! — האָט ער אַ געשריי געטאָן צו דעם פוהרמאַן.

נאָר באַלד האָט ער — ניט דערהערט און ניט דערזעהן — נאָר גיכער דערפיהלט, ווי די טיר פון הויז האָט זיך געעפענט — ער האָט דאָס דערפיהלט נאָך דעם זיסען און ברויזענדען שלאָגען פון זיין האַרץ.

— ראָמאָטשקאַ! וואוהין איז דאָס? — האָט זיך דערהערט

הינטער איהם אַלעקסאַנדראַ פּעטראָוונאַ'ס פּרעהליכע, קלינגענדע שטימע.

ער האָט אַ ציה געטאָן ליבע'ן פאַר'ן גאַרטעל, און איז אַרויסגע־שפּרונגען פון קאַרעט. שוראָטשקאַ איז געשטאַנען אין דער שוואַרצער ראַם פון דער אָפענער טיר. אויף איהר איז געווען אַ גלאַנציגע ווייסע קלייד מיט רויטע בלומען אַהינטער'ן גאַרטעל פון דער רעכטער זייט; די זעלביגע בלומען האָבען זיך העל און וואַרעם גערויטעלט אין איהרע האָר. אַ מאָדנע זאַך: ראָמאַשאָוו האָט אויף געוויס געוואוסט, אַז דאָס איז זי, און דאָך האָט ער איהר עפּעס אַזוי ווי ניט דערקענט. עס האָט זיך געפיהלט אין איהר עפּעס נייעס, יום־טוב'דיגעס און שיינענדיגעס.

אין דער צייט, וואָס ראָמאַשאָוו האָט געמורמעלט זיינע גראַטולי־רונגען, האָט זי, ניט אַרויסלאָזענדיג זיין האַנט פון איהרער, מיט אַ צאַרטער און פאַמיליאַרער אָנשטרענגונג געצוואונגען איהם אַריינצו־געהן אין פינסטערען פאָרצימער. און דערווייל האָט זי שנעל און שטיל גערעדט:

— אַ דאַנק אייך, ראָמאָטשקאַ, וואָס איהר זייט געקומען. און איך האָב אַזוי מורא געהאַט, אַז איהר וועט זיך אָפּזאָגען. הערט אויס: זייט היינט ליעבליך און פרעהליך. קוקט ניט אויף קיין זאַך. איהר זייט אַ קאָמישער: גיט מען אייך נאָר אַ ריהר — פאַרוועלקט איהר שוין. אַזאַ שעמעוודיגע מימאָזע זייט איהר.

— אַלעקסאַנדראַ פּעטראָוונאַ... היינט האָט מיך אייער בריוו אַזוי צוטומעלט. דאָרטען איז דאָ איין זאַץ.

—ליעבער, ליעבער, מען דאַרף ניט. — זי האָט איהם אָנגענומען פאַרביידע הענט און שטאַרק געדריקט זיי, קוקענדיג איהם גלייך אין די אויגען. אין דעם בליק איז ווידער עפּעס געווען אַזוינס, וואָס איז אומבאַקענט געווען ראָמאַשאָוו'ן. — עפּעס אַ צערטליכקייט און אַ דורכדרינגליכקייט, אַן אומרוהיגקייט; און נאָך ווייטער, אין דער גע־היימער טיפעניש פון די בלויע שוואַרצאַפּלען האָט זיך באַהאַלטען עפּעס, וואָס איז געווען אויסטערליש, אומבאַגרייפליך פאַר'ן פאַר־שטאַנד, וואָס רעדט אויף דער באַהאַלטענער, דונקעלער שפּראַך פון דער נשמה...

— איך בעט אייך, מען דאַרף ניט. טראַכט ניט היינט וועגען דעם... איז אייך דען ניט גענוג דאָס, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט

געגרייט צו זעהן, ווי איהר וועט דורכפאַלען. איך ווייס דאָך, וואָס פאַר אַ פייגלינג איהר זייט. ניט וואָגט זיך צו קוקען אויף מיר אַזוי!

זי האָט אין גרויס פאַרלעגנהייט זיך צולאַכט און האָט באַפרייט איהרע הענט.

— נו, גענוג... ראַמאַטשקאַ, איהר קושט ווידער ניט די הענט! אָט אַזוי! איצטער די אַנדערע. אַזוי. אַ חכם. קומט, פאַרגעסט ניט, — האָט זי שטיל אַרויסגערעדט האַסטיג און הייס, — אַז היינט איז אונזער טאָג. די קעניגין אַלעקסאַנדראַ און איהר ריטער געאָרגי. איהר הערט? קומט.

— אָט, ערלויבט מיר... אַ קליינע מתנה...

— וואָס איז דאָס? פערפיום? וואָס פאַר אַ נאַרישקייטען איהר טוט! ניין, ניין, איך שפּאַס. אַ דאַנק אייך, ליעבער ראַמאַטשקאַ. וואָלאָדיאַ! — האָט זי געזאָגט הויך און רוהיג, אַריינגעהענדיג אין גאַסט־צימער. — אָט האָט איהר אייך נאָך אַ קאָמפּאַניאָן צו דעם פּיקניק. און נאָך אַ נייגעבאָרענער דערצו.

אין גאַסט־צימער איז געווען אַן אומאָרדנונג און אַ טומעל, ווי אַלעמאָל, ווען אַלע קלייבען זיך צום אָפּפאָהרען. דער געדיכטער טאַבאַק־רויך האָט אויסגעזעהן הימעלש־בלוי אין יענע ערטער, וואו איהם האָבען דורכגעשניטען די איינגעבויגענע סנאָפּעס פון דער פריהלינגדיגער זון, וואָס האָבען זיך געצויגען פון פענסטער. אין מיטען גאַסט־צימער זיינען געשטאַנען, באַגייסטערט ריידענדיג, זיבען אָדער אַכט אָפיצערען, און העכער פון אַלעמען האָט מיט זיין הייזעריגער שטימע געשריען דער הויכער טאַלמאַן, הוסטענדיג אַלע ווייל. דאָס זיינען געווען: דער קאַפּיטאַן אָסאַדטשי, די אַדיוטאַנטען אָליזאַר און בעקאַגאַמאַלאָוו, און דער פּאָרוטשיק אַנדרוסעוויטש, אַ קליינער באַוועגליכער מענש, מיט אַ שאַרפען דאַרען געזיכט, און נאָך עמיצער, וועמען ראַמאַשאָוו האָט פון אָנפאַנג ניט דערקענט. סאָפיאַ פּאַוולאָוונאַ טאַלמאַן, אַ שמייכלענדיגע, אָנגעפּודערטע און אָנגעפאַרבטע, עהנליך אויף אַ גרויסער, שעהן־געקליידעטער ליאַלקע, איז געזעסען אויפ'ן דיוואַן מיט פּאָדפּאָרוטשיק מיכינ'ס צוויי שוועסטער. ביידע פריילינס זיינען געווען אין די זעלביגע איינפאַכע, אָבער ליעבליכע קליידער פון זייער אייגענער אַרבייט, ווייסע מיט גרינע סטענגעס; ביידע רויטליכע, שוואַרצהאָריגע, טונקעל־אויגיגע און אין זומערשפּרינקלאַך; ביי ביידען

זיינען געווען בלענדענד־ווייסע, אָבער ניט ריכטיג געשטעלטע ציינער,
וואָס האָט דאָך צוגעגעבען זייער מויל אַ באַזונדערען אייגענאַרטיגען חן;
ביידע שעהנע און פרעהליכע, זעהר ענליכע איינע אויף דער צווייטער־
און אויף זייער ניט־שעהנעם ברודער; פון די דאַמען זיינען איינגעלאַ־
דען געווען אויך דעם פּאָרוטשיק אנדרוסעוויטש'עס פרוי; אַ קליינע,
וויסגעזיכטיגע און דיקע פרוי, אַ לאַכעדיגע און אַ נאַרישע, אַ ליעב־
האָבערין פון צוויי־זייטיגע גראָבע וויצען, און אויך די שעהנע, באַרע־
דעווידיגע פריילין ליקאַטשאָוו.

ווי אַלעמאָל אין דער אָפיצערישער געזעלשאַפט, האָבען זיך די
פרויען געהאַלטען באַזונדער פון די מענער. אַרום זיי איז געזעסען
נאַכלעסיג פאַנאַנדערשפּרייטענדיג זיך אויפ'ן שטול שטאַבס־קאַפּיטאַן
דיץ. דער דאָזיגער אָפיצער, וואָס איז מיט זיין איינגעצויגענער פיגור
און מיט דעם טיפּ פון זיין אָפּגעבליאַקעווטען און זעלבסווירדיגען פּנים,
געווען עהנליך אויף די פּרייסישע אָפיצערען, ווי מען צייכענט זיי אויף
די דייטשע קאַריקאַטורען, איז איבערגעפיהרט געוואָרען אין אַן אינ־
פאַנטעריע פּאָלק פון גוואַרדיע פאַר עפּעס אַ דונקעלע סקאַנדאַליעזע
געשיכטע. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַן אומגעהויערען אַפּ־
לאָמב אין די באַציהונגען צו מענער, און מיט חוצפּה'דיגער עמפּינד־
ליכקייט צו פרויען; ער האָט גרויס געשפּיעלט אין קאָרטען, און אי־
מער גליקליך, אָבער ניט אין אָפיצערען־קלוב, נאָר אין בירגער־קלוב,
אין די הייזער פון די שטאַט־בעאַמטע, און ביי די אַרומיגע פּוילישע
גוט־באַזיצער. אין פּאָלק האָט מען איהם ניט ליעב געהאַט, נאָר מען
האָט פאַר איהם געהאַט מורא, און אַלע האָבען עפּעס ערוואַרט פון איהם
אין דער צוקונפט אַ קויטיגען, סקאַנדאַליעזען שפּיצעל. מען האָט
געזאָגט, אַז ער האָט באַציהונגען מיט דער יונגער פרוי פון דעם אַלטען
בריגאַדע־קאָמאַנדיר, וועלכער האָט געוואוינט אין דערזעלבער שטאָדט.
עס איז אויך געווים באַוואוסט געווען זיין נאָהנטקייט צו מאַדאַם טאַל־
מאַן: צוליעב איהר פלעגט מען איהם געוועהנליך איינלאַדען אין געסט
— אַזוי האָבען געפּאָדערט די אייגענאַרטיגע פּאָלק־רעגלען פון העפ־
ליכקייט און אויפמערקזאַמקייט.

— זעהר צופרידען, זעהר צופרידען, — האָט געזאָגט ניקאָלאַ־
יעוו, געהענדיג אַנטקעגען ראָמאַשאָוו'ן, — נאָך בעסער. פאַר וואָס
זייט איהר ניט געקומען אין דער פריה צו מיטאָג?

ער האָט דאָס אַרויסגערעדט גאַסטפֿריינדליך, מיט אַ ליעבליכען שמייכעל, נאָר אין זיין שטימע און אין די אויגען האָט ראָמאַשאָוו קלאָר דערזעהן דעם פֿרעמדען, געמאַכטען און טרוקענעם אויסדרוק, וועלכען ער האָט געפֿיהלט שטענדיג אין דער לעצטער צייט, באַגעגענענדיג זיך מיט נאָקאָליעוו׳ן.

„ער האָט מיך ניט ליעב, — האָט שנעל פֿאַר זיך ראָמאַשאָוו באַ־שלאָסען. — וואָס איז מיט איהם? ער איז אין כעס? אייפֿערזיכטיג? איך האָב איהם דערעסען?“

— ווייסט איהר... ביי אונז אין ראָטע קוקען מיר איצט איבער דאָס געוועהר, — האָט ראָמאַשאָוו דרייסט געלייגט. — מיר גרייטען זיך צום סמאָטער, איז אַפֿילו אין אַ יום־טוב ניטאָ קיין רוה... אָבער איך שעהם זיך, ווירקליך... איך האָב זיך ניט פֿאַרגעשטעלט, אַז ביי אייך איז דאָ אַ פּיקניק, און עס איז אויסגעקומען אַזוי, ווי איך אַליין וואָלט זיך איינגעלאַדען. מיר איז, ווירקליך, ניט אַנגענעם.

ניקאָלאַיעוו האָט ברייט אַ שמייכעל געטאָן, און האָט מיט אַ באַליי־דיגענדער העפֿליכקייט אַ קלאַפּ געטאָן ראָמאַשאָוו׳ן אין פּלייצע.

— אַה, ניין, וואָס רעדט איהר, מיין ליעבער... מעהר מענשען,— איז פֿרעהליכער... וואָס פֿאַר כינעזישע צערעמאָניעס! אָבער איך ווייס ניט, ווי וועלען מיר אויסקומען מיט די ערטער אין די קאַרעטען. מיר וועלען אָבער צוזעצען זיך ווי עס איז.

— ביי מיר איז דאָ אַ קאַרעט, — האָט איהם ראָמאַשאָוו באַרו־היגט, אומבאַמערקט אוועקנעמענדיג זיין פּלייצע פֿון ניקאָלאַיעוו׳ס האַנט. — פֿאַרקערט, איך וועל מיט פֿאַרגעניגען אייך איהם פֿאַרלייגען.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט און האָט באַגעגענט שוראָטשקאַ׳ס אוי־גען. „אַ דאַנק, מיין ליעבער“, — האָט געזאָגט איהר וואַרימער, און ווי פֿריהער מאָדנע־אויפֿמערקזאַמער בליק. — „וואָס פֿאַר אַ וואונ־דערליכע זי איז היינט!“ — האָט ראָמאַשאָוו געטראַכט.

— נו, איז טאַקע אויסגעצייכענט. — ניקאָלאַיעוו האָט אַ קוק גע־טאָן אויפֿ׳ן זייגער. — נו, וואָס מיינע הערען, — האָט ער געפֿרעגט,— קען מען שוין, דאַכט זיך, פֿאָהרען?

—אויב פֿאָהרען, איז פֿאָהרען, — האָט געזאָגט דער פּאָפּוגיי, ווען די קאַץ האָט איהם פֿאַר׳ן עק פֿון שטייגעל געשלעפּט, — האָט שפּאַ־סענד אָליזאַר אַ געשריי געטאָן.

אַלע האָבען זיך אויפגעהויבען מיט אויסגעשרייען און מיט גע־לעכטער; די דאַמען האָבען געזוכט זייערע היט, שירעמס און האָבען אָנגעטאָן די האַנדשו; טאַלמאַן, וועלכער האָט געליטען פון בראָנכיט, האָט איבער'ן גאַנצען צימער געשריען, אז מען זאָל ניט פאַרגעסען וואַרימע טיכלאַך; עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ טומעל.

דער קליינער מיכין האָט אָפּגעפיהרט ראַמאַשאָוו'ן אָן אַ זייט.

— יורי אַלעקסעאיטש, איך וועל אייך וואָס בעטען, — האָט ער געזאָגט. — טוט מיר אַ טובה; פאָהרט, איך בעט אייך, מיט מיינע שוועסטער, אויב ניט וועט זיך מיט זיי זעצען דיץ, און דאָס איז מיר זעהר ניט אָנגענעם. ער רעדט מיט זיי אַזוי עקעלהאַפט, אַז זיי זיינען גרייט צו וויינען. איך האָב ווירקליך פיינט גוואַלדטאַטען, נאָר איך שווער דיר, איך וועל איהם ווען עס איז אָנפּאַטשען!...

ראַמאַשאָוו'ן האָט זיך זעהר געוואָלט פאָהרען מיט שוראָטשקאַ'ן, נאָר אַזוי ווי מיכין איז איהם שטענדיג ליעב געווען, און אַזוי ווי די ריינע, קלאָרע אויגען פון דעם וואוילען אינגעל האָבען אויף איהם אַזוי בעטענדיג געקוקט, און אויך דערפאַר, וואָס ראַמאַשאָוו'ס האַרץ איז פול געווען אין דער מינוט מיט אַ גרויסען פריידיגען געפיהל, — האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגען און האָט איינגעשטימט.

ביים גאַניק האָט מען זיך לאַנג און טומעלדיג געזעצט אין די קאַרעטען. ראַמאַשאָוו האָט זיך אוועקגעזעצט מיט דיביידע פריילינס מיכין. צווישען די קאַרעטען איז ארומגעגאַנגען מיט זיין געוועהנליכען געדריקטען, האָפנונגס־לאָז אומעטיגען אויסזעהן דער שטאַבס־קאַפּיטאַן לעשטשענקאַ, וועלכען ראַמאַשאָוו האָט פריהער ניט באַמערקט, און וועלכען קיינער האָט ניט געוואָלט נעמען מיט זיך אין פאַעטאָן. ראַמאַשאָוו האָט איהם אַ רוף געטאָן, און האָט איהם פאַרגעלייגט אָן אָרט לעבען זיך אויף דעם פאָדערשטען בענקעל. לעשטשענקאַ, אַ קוק טוענדיג אויף דעם פאָדפאָרוטשיק מיט פייכטע, איבערגעגעבענע, גוטע אויגען, איז מיט אַ זיפץ אריינגעקראָכען אין קארעט.

ענדליך האָבען זיך אַלע צוזעצט. ערגעץ פון פאָרענט האָט אָלי־זאַר, קרימענדיג זיך און דרעהענדיג זיך אויף זיין אַלטען, פוילען פערד, גענומען זינגען פון אָן אָפּערעטע:

לאָמיר זעצען זיך אין קארעט שנעל,
לאָמיר זעצען זיך אין קארעט שנעל...

— מיט א שנעלען טראָט, מארש!... — האָט מיט א דונערנדיגער שטימע אָסאדטשי באפוילען. די פערד האָבען זיך גערירט.

.14

דער פיקניק איז געווען ניט אזא פרעהליכער, ווי א שרייענד־טומעלדיגער. מען איז געקומען אין דובעטשנא, אזוי האָט זיך גערופען א קליין וועלדעל, וואָס איז געווען צעוואָרפען אויף א לאַנגען פלאַכען בארג, אונטער וועלכען עס האָט זיך געצויגען א שמאָל, ליכטיג טייכעל. דער וואלד איז באשטאַנען פון שיטערע, נאָר שעהנע און מעכטיגע הונדערט־יעהריגע דעמבעס. ארום זיי פון אונטען האָבען געדיכט געוואקסען שטרויכען, נאָר וואו ניט וואו זיינען פארבליבען גראַמע, שעהנע ערטער, פרישע, פרעהליכע, באדעקטע מיט צארטע, העלע גרינע גראָז. אויף איינעם פון אזוינע ערטער האָבען שוין געווארט די דיענער, וועלכע מען האָט געשיקט פאָראויס מיט סאמאָווארען און קערב.

גלייך אויף דער ערד האָט מען אויסגעשפרייט טישטיכער און מען האָט זיך גענומען צוזעצען. די דאַמען האָבען אוועקגעשטעלט טעלער און פארבייסענס, און די מענער האָבען זיי העפליך און שפּאַסיג געהאָלפען. אליזאר האָט איין סאלפעטקע פארבונדען ווי א פארטוך און די צווייטע אָנגעטאָן אויפ'ן קאָפּ, ווי א מיץ, און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם קוכער פון קלוב, לוקיטש. מען האָט זיך לאַנג איבערגעזוצט אזוי, אז די דאַמען זאָלען זיצען צווישען קאוואלערען. עס איז אויסגעקומען האלב צו זיצען און האלב צו ליגען אין אומבאקוועמע פּאָזען; דאָס איז געווען ניי און אינטערעסאנט, און אויף דעם האָט דער שוויגענדיגער לעשטשענקאָ, צו אלעמעס באוואונדערונג און פרייד, געזאָגט מיט אן אויפגעבלאָזענעם און נארישען אויסזעהן:

— מיר ליגען איצט אָנגעלעהנט אזוי ווי די אַלט־רוימישע גריכען.

שוראָטשקאַ האָט אוועקגעזעצט לעבען זיך פון איין זייט טאלמאנ'ען און פון דער צווייטער — ראָמאַשאָוו'ן. זי איז געווען אויסערגעוועהנליך באַרעדעוודיג, פרעהליך, און האָט אויסגעזעהן אזוי אויפגערעגט, אז פיעלע האָבען דאָס באמערקט. קיינמאָל האָט זי פאַר ראָמאַשאָוו'ן ניט אויסגעזעהן אזוי צויבערענד־שעהן. ער האָט געזעהן, אז

אין איהר שטראָמט, ברויזט און רייסט זיך אַרויס עפּעס אַ גרויסער, נייער, פיבערהאַפטער געפיהל. ווען ניט ווען פלעגט זי זיך אָהן ווערטער אַ קער טאָן צו ראָמאַשאָוו'ן און פלעגט קוקען אויף איהם שווייגענדיג, אפשר מיט אַ האַלבער סעקונדע מעהר, ווי געוועהנליך,—מעהר ווי אַלעמאָל, נאָר יעדען מאָל פלעגט ער אין איהר בליק דערפיהלען דיזעלבע, איהם אומפאַרשטענדליכע, הייסע, צוציהענדע קראַפט.

אָסאַדטשי, וועלכער איז איינער אַליין געזעסען אויבען אָן, האָט זיך אויפגעהויבען און זיך געשטעלט אויף די קניה. קלאַפּענדיג מיט'ן מעסער אָן גלאָז, און מאַכענדיג אַלעמען שטיל, האָט ער אָנגעהויבען צו ריידען מיט אַ נידעריגער שטימע, וועלכע האָט זיך, ווי קרעפטיגע כוואַליעס, געוויגט אין דער ריינער לופט פון דעם וואַלד:

— נו, מיינע הערען... דאָס ערשטע גלעזעל לאָמיר טרינקען פאַר דעם געזונט פון אונזער ניי־געבאָרענער ווירטין. זאָל איהר גאָט געבען גליק און דעם טשין פון אַ גענעראַלשע.

און אויפהויבענדיג הויך דאָס גלעזעל, האָט ער אַ רעווע געטאָן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין מורא'דיגען האַלז:

— הור־רא!...

עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער וואַלד איז פאַרציטערט געוואָרען פון זיין לייבען־געשריי, און די הילכיגע אָפּקלאַנגען האָבען גענומען לויפען צווישען די ביימער. אנדרוסעוויטש, וועלכער איז געזעסען לעבען אָסאַדטשי, איז אין קאָמישען שרעק געפאַלען אויפ'ן פנים, מאַכענדיג זיך, אַז ער איז פאַרטויבט געוואָרען. די איבעריגע האָבען אויך גענומען שרייען. די מענער זיינען צוגעגאַנגען צו שוראָטשקא'ן צו קלאַפּען זיך מיט די גלעזלאַך. ראָמאַשאָוו איז אַבזיכטליך געבליבען דער לעצטער און זי האָט דאָס באַמערקט. אומקערענדיג זיך צו איהם, האָט זי שווייגענדיג און ליידענשאַפטליך שמייכלענדיג, אויסגעצויגען צו איהם איהר גלאָז מיט ווייסען וויין. איהרע אויגען זיינען אין דעם מאָמענט פּלוצלונג ברייטער געוואָרען, דונקעלער געוואָרען, און די ליפּען האָבען זיך איינדרוקספול, נאָר קלאַנגלאָז באַוועגט, אַרויסרייענדיג עפּעס אַ וואָרט. נאָר באַלד האָט זי זיך אָפּגעקערט, און לאַכענדיג גענומען ריידען מיט טאַלמאַנ'ען. „וואָס האָט זי געזאָגט, — האָט ראָמאַשאָוו געטראַכט, — אַך, וואָס פאַרט האָט זי געזאָגט?“— דאָס האָט איהם צוטומעלט און אויפגערעגט. ער האָט אומבאַמערק־

טערהייט פאַרשטעלט מיט די הענט דעם פּנים, באַמיהענדיג זיך נאָכ־צומאַכען מיט די ליפּען דיזעלבע באַוועגונגען וואָס שוראַטשקאַ; ער האָט געוואָלט אויף אַזאַ אופן כאַפּען אין געדאַנק איהרע ווערטער, נאָר עס איז קיין זאַך ניט אַרויסגעקומען. „מיין ליעבער?“ „איך ליעב איך?“ „ראַמאַטשקאַ?“ — ניין, ניט דאָס. איינס האָט ער גוט גע־וואוסט, אַז דאָס וואָרט איז געווען אַ דרייזילביגע.

נאָכדעם האָט מען געטרונקען פאַר ניקאָלאַיעוו'ס געזונט און פאַר דעם ערפאָלג פון זיין צוקונפטיגען דיענסט אין גענעראַל־שטאַב; מען האָט געטרונקען מיט אַזאַ אויסזעהן, ווי קיינער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געצווייפעלט, אַז ענדליך וועט זיך איהם ווירקליך איינגעבען אריינ־צוגעהן אין דער אַקאַדעמיע. נאָכדעם האָט מען, לויט שוראַטשקאַ'ס פאָרשלאַג, אויסגעטרונקען פאַר דעם ניי־געבאָרענעם ראָמאַשאָוו'ן; מען האָט געטרונקען פאַר די אַנוועזענדע דאַמען, און פאַר אַלע אַנ־וועזענדע, און פאַר אַלע דאַמען אין אַלגעמיין, און פאַר דעם רוהם פון אייגענעם פאָלק, און פאַר דער אומבאַזיעגבאַרער רוסישער אַרמיי...

טאַלמאַן, כמעט אַ שיכור'ער, האָט זיך אויפגעהויבען און האָט הייזעריג, אָבער גערירט, גענומען שרייען:

— מיינע הערען, איך לייג פאָר צו טרינקען פאַר דעם געזונט פון אונזער געליעבטען, פאַרגעטערטען מאָנאַרך, פאַר וועלכען יעדער פון אונז איז גרייט צו פאַרגיסען זיין בלוט ביז דעם לעצטען טראָפּען!

די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגעקוועטשט פון זיך מיט אַן אומגעריכטער דינער, פּייפענדיגער שטימע, ווייל ביי איהם האָט ניט געקלעקט קיין לופט אין ברוסט. זיינע מערדערישע, שוואַרצע ציגייּ־נער־אויגען מיט די געלע ווייסלאַך אַרום האָבען פּלוצלונג הילפלאָז און קלעגליך אָנגעהויבען צו פינטלען, און טרערען האָבען גענומען רינען איבער זיינע פאַרברענטע באַקען.

— די הימנע, די הימנע, — האָט באַגייסטערט געפאָדערט די קליינע, דיקע אַנדרוסעוויטש.

אַלע זיינען אויפגעשטאַנען. די אָפיצערען האָבען צוגעלייגט די הענט צו די היטלען. די ניט געשטימטע, אָבער באַגייסטערטע קלאַנגען האָבען זיך צוטראָגען איבער'ן וואַלד, און העכער פון אַלעמען, פאַל־שער פון אַלעמען, מיט אַן אומעטיגערען פּנים ווי אַלע מאָל, האָט גע־זונגען דער פיהלענדער שטאַבּס־קאַפּיטאַן לעשטשענקאָ.

מען האָט געטרונקען זעהר פיעל, ווי, אין אַלגעמיין, אַלע מאָל אין פאָלק: אין געסט איינער ביי דעם צווייטען, אין קלוב, אויף די פאַראַדנע מיטאָגען און פיקניקען. גערעדט האָבען שוין אַלע צוזאמען, און באזונדערע שטימען האָט מען שוין ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבען. שוראַטשקאַ, וועלכע האָט געטרונקען זעהר פיעל ווייסען ווייַן, אין גאַנ־צען א רויטליכע, מיט אויגען, וועלכע זיינען, א דאנק די ברייט גע־וואָרענע שוואַרצאַפּלען, געוואָרען אין גאַנצען שוואַרץ, מיט פייכטע רויטע ליפּען, האָט זיך פּלוצלונג נאָהענט צוגעבויגען צו ראָמאַשאָוו׳ן.

— איך האָב ניט ליעב די פּראָווינציאַלע פּיקניקען, אין זיי איז עפּעס דאָ קליינליכעס, באַנאַלעס, — האָט זי געזאָגט. — אמת, מ׳ין האָט דאָס טאַקע געדאַרפט טאָן צוליעב דעם מאַן, פאַר זיין אָפּפאָהרען, אָבער, מיין גאָט, ווי נאַריש דאָס איז! דאָס אַלץ האָט מען דאָך גע־קענט איינאָרדנען אין דער היים ביי אונז, אין גאָרטען, — איהר ווייסט דאָך, וואָס פאַר א שעהנעם גאָרטען מיר האָבען, אַן אַלטען, א שאָ־טענדיגען. און דאָך וויים איך ניט, פאַר וואָס איך בין היינט אַזוי וואהנזיניג גליקליך! מיין גאָט, ווי גליקליך איך בין! ניין, ראָ־מאַטשקאַ, ליעבער, איך וויים פאַר וואָס, און איך וועל דאָס אייך שפּע־טער זאָגען, איך וועל דאָס אייך שפּעטער זאָגען... איך וועל זאָגען... אָך ניין, ניין, ראָמאַטשקאַ, איך וויים גאָרנישט, גאָרנישט.

די אויגען־דעקלאָך פון איהרע שעהנע אויגען האָבען זיך האַלב פאַרמאַכט, און אין איהר גאַנצען פּנים איז געוועזען עפּעס רייצענדעס, צוזאָגענדעס, וואָס איז געוועזען מאַטערענד־אומגעדולדיג. איהר פּנים איז געוואָרען אומפאַרשעמט־שעהן, נאָך ניט פאַרשטעהענדיג, האָט ראָ־מאַשאָוו מיט א געהיימען אינסטינקט געפיהלט אויף זיך די ליידענ־שאַפטליכע אויפרעגונג, וואָס האָט באַהערשט שוראַטשקאַ׳ן. ער האָט זי געפיהלט, נאָך יענעם זיסען ציטער, וואָס איז דורכגעלאָפען איבער זיינע הענט און פיס, און איבער זיין ברוסט.

— איהר זייט היינט אויסערגעוועהנליך. וואָס איז מיט אייך?

—האָט ער געפרעגט שטילערהייט.

זי האָט איהם פּלוצלונג געענטפערט מיט עפּעס א נאַאיווער און עניוות׳דיגער באַוואונדערונג:

— איך זאָג אייך, אַז איך וויים ניט. איך וויים ניט. גיט א קוק: דער הימעל איז א בלויער, די ליכט איז א בלויע... און ביי מיר איז

עפּעס אויף אַ וואונדערבאַרע בלויע שטימונג, עפּעס אַ בלויע פרייד!
גיסט מיר אַן נאָך ווײַן, ראָמאַטשקאַ, מײַן ליעבער אינגעל...

ביי דעם אַנדער ברעג טיש האָט זיך דער געשפּרעך געפיהרט וועגען דער געפּלאַנטער מלחמה מיט דייטשלאַנד, וועלכע אַלע האָבען געהאַלטען פאַר אַן ענטשלאָסענע זאַך. עס האָט זיך פאַרבונדען אַ קריעג, אַ געשריי פון עטליכע מיילער צוזאַמען, אָהן אַן אָרדנונג. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אָסאַדטשי'ס ברוגז'דיגע, ענטשלאָסענע שטימע. ער איז געווען כמעט שיכור, נאָר דאָס האָט זיך ביי איהם אויסגעדריקט בלויז אין דעם, וואָס זיין שעהן געזיכט איז שרעקליך בלייך געוואָרען, און דער שווערער בליק פון זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגען איז געוואָרען נאָך פינסטערער.

— נאַרישקייטען! — האָט ער הויך אַ געשריי געטאָן, — איך ערקלער, אַז דאָס איז אַלץ אַ נאַרישקייט. דער קריעג האָט דעגענערירט. אַלץ אויף דער וועלט איז דעגענערירט. קינדער ווערען געבאָרען אידיאָטען, פרויען ווערען קרומזייטיג, און ביי מענער — זיינען נערוועז. „אַך—בלוט! — אַך, איך פאַל אין אָהנמאַכט“ — האָט ער עפּעס עמיצען איבערגעקרימט. — און דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל עס איז אַוועק די צייט פון דערווירקליכער, ווילדער, אומ'רחמנות'דיגער מלחמה. איז דאָס דען מלחמה? פאַר פּופּצען מייל פון דיר שיסט מען — באַך! — און דו קערסט זיך אום אַהיים אַלס אַ העלד. מיין גאָט, מען זאָל זיך נאָר באַטראַכטען, וואָס פאַר אַ העלדישקייט דאָס איז! מען האָט דיך גענומען אין געפענגענים — „אַך, ליעבינקער, אַך, טייערינקער, אַך, ליעבינקער, ווילסטו אפשר אַ רויכען טאָן? אָדער אפשר, טיי? איז דיר וואַרים, מיין אָרעמינקער? איז דיר ווייך?“ אור'אַו! — און אָסאַדטשי האָט שרעקליך אָנגעהויבען צו רעווען און האָט אַראָפּגעבויגען דעם קאָפּ, ווי אַן אָקס, וועלכער וויל אַ בוק טאָן.— אין מיטעל־אַלטער האָט מען זיך געשלאָגען, — דאָס פאַרשטעה איך. אַ נאַכט־שטורם. די גאַנצע שטאָדט אין פייער. „אויף דריי טאָג צייט גיב איך אָפּ די שטאָדט צו די סאָלדאַטען צו ראַבעווען!“ אריינגעריסען זיך. בלוט און פייער. פון די פעסער ווײַן אַרויסגעשלאָגען די דעקען. בלוט און ווייַן אויף די גאַסען. אָה, ווי פרעהליך זיינען געווען די דאָזיגע מאַלצייטען אויף די חורבות. פרויען — נאַקעטע, שעהנע,

ווײנענדיגע, געשלעפּט פאַר די האָר. קײן רחמנות ניט געװען. זײ זײנען דער זיבער רויב פון די דרײסטע!...

— פונדעסטװעגן, ניט צושפּרײט זיך אַזױ,—האָט מיט אַ שפּאַס באַמערקט סאָפיאַ פּאַװלאָװנאַ טאַלמאַן.

— אין די נעכט פלעגן ברענען די הײזער, און דער װינט האָט געבלאָזען, און פון װינט האָבען זיך געװיגט די שװאַרצע קערפּערס אויף די תליות, און איבער זײ האָבען געשריען די ראָבען, און אונטער די תליות האָבען געברענט פײערען און די זיגער האָבען געהוליעט. קײן געפאַנגענע זײנען ניט געװען. צו װאָס געפאַנגענע? צוליעב װאָס אָפּרײסען פון זײערטװעגען איבעריגע קרעפטען? אַ־אַך! — האָט אָסאַדטשי צאָרנדיג געקרעכצט מיט צונױפגעדריקטע צײנער — װאָס פאַר אַ דרײסטע, װאונדערליכע צײט דאָס איז געװען! און די שלאַכטען! װען מען פלעגט זיך צוזאַמענגעהן ברוסט צו ברוסט, און שלאָגען זיך שטונדענװײז קאַלטבלוטיג און װילד, מיט בײזקײט פון אַ חיה און מיט איבעראַשענדער קונסט. װאָס פאַר אַ מענשען דאָס זײנען געװען, װאָס פאַר אַ מורא׳דיגע פּיזישע קראַפט! מײנע הערען! — ער האָט זיך אױפגעהױבען אויף די פיס און זיך אױפגעשטעלט אין זײן גאַנצען ריזיגען װאוקס, און זײן שטימע האָט געקלונגען מיט פרײד און חוצפּה.

— מײנע הערען, איך װײס, אַז איהר אַלע האָט פון די מיליטער שולען אַרױסגעטראָגען קרענקליכע, פלאַכע באַגריפען װעגען דעם איצטיגען הומאַנעם קריעג. אָבער איך טרינק... אויב אַפילו קײנער װעט צו מיר ניט צושטעהן, טרינק איך אַלײן פאַר דאָס פרײד פון די פריהערדיגע מלחמות, פאַר די פרעהליכע און בלוטיגע מערדערײ!

אַלע האָבען געשװיגען, אַזױ װי צוגעדריקטע, מיט דעם אומערװאַרטענעם עקסטאַז פון אָט דער, געװעהנליך כמורנעם און שװײגענדיגען מענשען און האָבען געקוקט אויף איהם מיט נײגערינקײט און שרעק. נאָר פלוצלונג איז בעק־אַגאַמאַלאָװ אױפגעשפּרונגען פון זײן אָרט. ער האָט דאָס געטאָן אַזױ אומגעריכט און שנעל, אַז פיעלע האָבען אַ ציטער געטאָן, און אײנע פון די פרױען האָט אַ געשרײ געטאָן פון שרעק. זײנע אויגען זײנען אַרױסגעשפּרונגען פון זײערע ערטער און האָבען װילד געפינקעלט, זײנע שטאַרק פאַרפּרעסטע װײסע צײנער זײנען געװען רױבעריש אַנטבלױזט. ער האָט זיך געװאָרגען און ניט געקאָנט געפינען קײן װערטער.

— אָ־אָ! . . . אַט דאָס... אַט, פאַרשטעה איך! ! אָ! — און ער האָט מיט אַ קרעמהאַפּטער קראַפּט געדריקט און אַ טרייסעל געטאָן אָסאַדטשי׳ס האַנט. — צום טייפעל די שוואַכקייטען! צום טייפעל מיטלייד! שלאָג!

ער האָט באַדאַרפט מיט עפּעס שטילען זיין באַרבאַרישע נשמה, אין וועלכער עס האָט אין אַ געוועהנליכער צייט געדרימעלט די אַלטע פאַמיליען בלוטדורשטיגקייט. מיט בלוט פאַרלאָפענע אויגען האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען, און פּלוצלונג, אַרויסכאַפּענדיג עם שווערד פון שייד, האָט ער מיט ווילדען כעס אַ קלאַפּ געטאָן מיט איהם אָן די יונגע דעמב־פלאַנצען. צווייגען און יונגע בלעטער זיינען אַראָפּגעפלויגען אויפ׳ן טישטוך, באַשיטענדיג אַלעמען, ווי מיט אַ רעגען.

— בעק! משוגע׳נער! ווילדער! — האָבען די דאַמען געשריען.

בעק־אַגאַמאַלאָוו איז מיט אַמאָל געקומען צו זיך און האָט זיך געזעצט. עס האָט אויסגעזעהן, אַז ער שעמט זיך פאַר זיין אומגעלומפּערטען שוואונג, נאָר זיינע דינע נאָזלעכער, פון וועלכע דער אָטעם איז אַרויסגעפלויגען מיט אַ גערויש, האָבען זיך פאַנאַנדערגעבלאָזען און געציטערט, און די שוואַרצע אויגען, העסליכע פון כעס, האָבען אָנגעכמורעט, אָבער מיט חוצפה געקוקט אויף די אַנוועזענדע.

ראָמאַשאָוו האָט געהערט און ניט געהערט די רייד פון אָסאַדטשי. ער האָט זיך געפיהלט אין אַ מאָדנעם צושטאַנד, וואָס איז עהנליך געווען צו אַ שלאָף, צו אַ זיסער שיכרות פון אַ וואונדערליכען געטראַנק, וועלכער עקזיסטירט ניט אויף דער ערד. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז אַ וואַרימע צאַרטע שפּינוועבס וויקעלט פויל און ווייך אַרום זיין גאַנצען קערפּער, קיצעלט צערטליך, און פילט אָן זיין זעל מיט אַן אינערליכען יובעלדיגען געלעכטער. זיין האַנט פלעגט זיך אָפּט, אַזוי ווי אומגעריכטערהייט פאַר איהם אַליין, אָנרירען אָן שוראָטשקאַ׳ס האַנט, נאָר ניט ער און ניט זי האָבען מעהר געקוקט איינע אויף די אַנדערע. ראָמאַשאָוו האָט אַזוי ווי געדרימעלט. אָסאַדטשי׳ס און בעק־אַגאַמאַלאָוו׳ס שטימען האָבען זיך צו איהם דערטראָגען אַזוי ווי פון אַ ווייטען פאַנטאַסטישען נעבעל, און זיינען איהם געווען פאַרשטענדליך, אָבער פּוסט.

„אָסאַדטשי... ער איז אַ האַרטער מענש, ער האָט מיך ניט ליעב, —האָט ראָמאַשאָוו געטראַכט און יענע־, ווענען וועמען ער האָט געטראַכט, איז איצטער געווען ניט דער פריהערדיגער אָסאַדטשי, נאָר זו

נייער, מורא׳דיג ווייטער, און ניט אַ ווירקליכער, נאָר אַזוי ווי ער וואָלט זיך באַוועגט אויפ׳ן לייוועגט פון קינעמאַטאָגראַף. — ביי אָסאַדטשי׳ן איז די ווייב אַ קליינע, דאַרע, קלעגליכע און אַלע מאָל אַ שוואַנגער־דיגע... ער נעמט איהר ערגעץ ניט מיט... ביי איהם האָט זיך פאַר־אַ־יאָהרען אַ יונגער סאָלדאַט אויפגעהאַנגען... יע... וואָס איז אָסאַדטשי? אָט שרייט איצטער בעק... ווער איז ער? קען איך איהם דען? יע, איך קען איהם, אָבער פאַר וואָס איז ער אַזאַ מאָדנער פרעמדער, מיר אומפאַרשטענדליכער? און אָט זיצט עמיצער לעבען מיר... ווער ביזטו? פון דיר שטראַהלט אַרויס אַ פרייד, און איך בין שיכור פון דער פרייד. אַ העל בלויע פרייד!... אָט, אַנטקעגען מיר זיצט ניקאָלאַ־יעוו. ער איז אומצופריעדען. ער שווייגט אַלץ. ער קוקט אַהער פאַר־בייגעהענדיג, אַזוי ווי ער וואָלט נאָר אַ פיהר טאָן מיט די אויגען. אַך, זאָל ער זיין בייז — אַלץ איינס. אָה, דו העל־בלויע פרייד!“

עס איז געוואָרען פינסטערליך. שטילע פיאַלעטעווע שאָטענס פון די ביימער האָבען זיך געלייגט אויף דער ערד. די אינגערע פריי־ליין מיכין האָט זיך פלוצלונג אַ כאַפּ געטאָן:

— מיינע הערען, און וואָס איז וועגען פיאַלקעס? מען זאָגט, אַז דאָ זיינען פאַראַן זעהר פיעל פיאַלקעס. לאָמיר געהן קלייבען.

— שפּעט, — האָט עמיצער באַמערקט. — איצטער וועט מען אין גראָז גאָרנישט זעהן.

— איצטער איז אין גראָז לייכטער צו פאַרלירען, איידער צו גע־פינען, — האָט דיץ געזאָגט מיט אַ העסליכען געלעכטער.

— נו, איז לאָמיר פאַנאַנדערלייגען אַ פלאַקער, — האָט אַנדרו־סעוויטש פאָרגעלייגט.

מען האָט אָנגעשלעפּט אַ גרויסע קופּע אָפּגעפאַלענע צווייגען און פאַר־אַ־יאָהריגע טרוקענע בלעטער און מען האָט אָנגעצונדען אַ פייער. אַ ברייטער שטראָם פון פרעהליכען פייער האָט זיך אויפגעהויבען צום הימעל. אַזוי ווי דערשראָקענע זיינען מיט אַמאָל פאַרשוואונדען די לעצטע געדעכענישען פון טאָג, איבערלאָזענדיג זייער אָרט דער פינ־סטערניש, וועלכע האָט, אַרויסגעהענדיג פון וואַלד, זיך אָנגערוקט אויף דעם פייער. רויטע פלעקען האָבען אין שרעק אָנגעהויבען צו ציטערען אויף די שפּיצען פון די דעמבעס, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די

בוימר שאָקלען זיך, וויגען זיך, אָט אַרויסקוקענדיג צו דעם רויטען פייער־שטח, און אָט צוריק באַהאַלטענדיג זיך אין דער פינסטערניש.

אַלע זיינען אויפגעשטאַנען פון טיש. די דיענער האָבען אָנגעצונדען ליכט אין גלעזערנע צודעקען. די יונגע אָפיצערען האָבען געשטיפט ווי שול־אינגלאַך. אַליזאַר האָט זיך געראַנגעלט מיט מיכין׳ען און צו אַלעמענס פאַרוואונדערונג, האָט דער קליינער, ניט פלינקער מיכין צוויי מאָל נאָכאַנאַנד אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד זיין מעהר הויכען און שלאַנקען געגנער. נאָכדעם האָט מען גענומען שפּרינגען איבער׳ן פייער. אַנדרוסעוויטש האָט נאָכגעמאַכט, ווי אַ פליג שלאָגט זיך אָן פענסטער, און ווי אַן אַלטע פרוי כאַפּט אַ הוהן, און האָט נאָכגעמאַכט, באַהאַלטענדיג זיך אין די שטרויכען, דעם קלאַנג פון אַ זעג און מעסער אויף אַ שאַרפשטיין — אין דעם איז ער געווען גוט באַהאַוונט. אַפילו דיץ האָט גאַנץ פלינק געשאָנגלירט מיט פוסטע פלעשער.

— ערלויבט מיר, מיינע הערען, אָט וועל איך אייך ווייזען אַן אויסגעצייכענטען קונץ! — האָט טאַלמאַן פלוצלונג אַ געשריי געטאָן. —דאָ איז ניטאָ קיין וואונדער, אָדער כישוף, קיין אַנדער זאַך ניט ווי געשיקטקייט און שנעלקייט פון די הענט. איך בעט דאָס געעהרטע פּובליקום, צו זעהן, אַז איך האָב קיין זאַך ניט אין אַרבעל. איך הויב אָן. איינס, צוויי, דריי... האַללאָ... האָפּ!...

און ביי אַן אַלגעמיינעם געלעכטער האָט ער שנעל אַרויסגענומען פון קעשענע צוויי טעשלאַך קאָרטען און מיט אַ קנאַק זיי איינעם נאָך דעם צווייטען אויפגעעפענט.

— פּרעפּעראַנס, מיינע הערען! — האָט ער פאָרגעשלאָגען. — אויף דער פרישער לופט, הא?

אָסאַדטשי, ניקאָלאַיעוו און אַנדרוסעוויטש האָבען זיך געזעצט שפּיעלען, לעשטשענקאָ האָט זיך מיט אַ טיפען זיפץ צוגעזעצט אַהינטער זיי. ניקאָלאַיעוו האָט זיך לאַנג מיט אַ ברוגז׳ער אומצופרידענהייט אָפּגעזאָגט, נאָר מען האָט איהם דאָך איינגערעדט. זעצענדיג זיך, האָט ער זיך פיעל מאָל אומרוהיגערהייט אומגעקוקט אַהינטער, זוכענדיג מיט די אויגען שוראָטשקאַ׳ן, נאָר אַזוי ווי איבער דעם שיין פון דעם פייער איז איהם שווער געווען זיך צוצוקוקען, פלעגט זיך זיין גע־

זיכט יעדעס מאָל אַ קרים טאָן און אָננעמען אַ קלענליכען, ליידענשאַפט־ליכען און ניט שעהנעם אויסזעהן.

די איבעריגע זיינען זיך ביסלעכווייז צוגאַנגען איבער דעם פּלאַץ ארום פייער. מען האָט געווען גענומען שפּיעלען אין „כאַפּעלאַך“, אָבער דאָס שפּיעלען האָט זיך אין גיכען געענדיגט, נאָך דעם ווי די על־טערע פון די שוועסטער מיכין, וועלכער דיץ האָט געכאַפּט, איז פּלוצ־לונג רויט געוואָרען ביז טרערען און האָט זיך ענטשלאָסען אָפּגעזאָגט ווייטער צו שפּיעלען. ווען זי האָט גערעדט, האָט איהר שטימע געצי־טערט פון פאַרדראָס און באַליידיגונג, נאָר די אורזאַך האָט זי דאָך ניט ערקלערט.

ראָמאַשאָוו איז מיט אַ שמאָלען שטענגעל אַוועק אין דער טיפע־ניש פון וועלדעל. ער האָט אַליין ניט פאַרשטאַנען וואָס ערוואַרט איהם, נאָר זיין האַרץ האָט זיס גענאָגט פון אַן אומקלאָרען גליקליכען פאָרגעפיהל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַהינטער איהם האָט זיך דערהערט אַ לייכטער קנאַק פון צווייגען, נאָכדעם שנעלע טריט און אַ גערויש פון אַ זיידענעם אונטערקליידעל. שוראָטשקאַ איז איהם שנעל געגאַנגען אַנטקעגען — אַ לייכטע, שלאַנקע און קליינע, ווי אַ ליכטיגער וואַלד־גייסט, מיט איהר ווייסען קלייד צווישען די פינסטערע שטאַמען פון די ריזיגע בוימער. ראָמאַשאָוו איז איהר געגאַנגען אַנטקעגען און האָט איהר אָהן ווערטער ארומגענומען. שוראָטשקאַ האָט שווער גע־אָטעמט פון שנעלען גאַנג. איהר אָטעם האָט אָפט און וואַרעם אָנגע־ריהרט ראָמאַשאָוו׳ס באַקען און ליפּען, און ער האָט געפיהלט, ווי אונ־טער זיין האַנט שלאָגט איהר האַרץ.

— לאָמיר זיך זעצען, — האָט שוראָטשקאַ געזאָגט.

זי האָט זיך געזעצט אויף די גראָז און האָט מיטביידע הענט גע־נומען פאַרריכטען די האָר אויפ׳ן קאָפּ. ראָמאַשאָוו האָט זיך געלייגט לעבען איהרע פיס, און אַזוי ווי אויף דעם אָרט איז דער גרונט געווען נידעריגער, האָט ער, קוקענדיג אויף איהר, געזעהן בלויז די צאַרטע און אומדייטליכע באַצייכנונגען פון איהר האַלז און קין.

פּלוצלונג האָט זי מיט אַ שטילער, ציטעריגער שטימע געפרעגט:

— אייך איז גוט, ראָמאָטשקאַ?

— גוט, — האָט ער געענטפערט. נאָכדעם האָט ער אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן, דערמאָנט דעם גאַנצען היינטיגען טאָג און האָט היים

איבערגע׳חזר׳ט: — א, יע, מיר איז היינט אזוי גוט, אזוי גוט! זאָגט מיר, פֿאַרוואָס זייט איהר היינט אזא?

— א וועלכע?

זי האָט זיך צוגעבויגען נעהנטער צו איהם, איינקוקענדיג זיך אין זיינע אויגען, און ראָמאשאָוו האָט מיט אמאָל איהר פּנים דערזעהן.

— איהר זייט א וואונדערליכע, אַן אויסערגעוועהנליכע. אזוי הערליך זייט איהר נאָך קיינמאָל ניט געווען. עפּעס זינגט אין אייך און שיינט. אין אייך איז דאָ עפּעס נייעס, געהיימעס, איך פֿארשטעה ניט, וואָס... זייט ניט בייז אויף מיר, אַלעקסאַנדרא פּעטראָוונא... איהר האָט ניט מורא, אז מען וועט זיך כאַפּען, אז איהר זייט דאָרטען ניטאָ?

זי האָט זיך שטיל צולאַכט, און אָט דער שטילער, צערטלענדיגער געלעכטער האָט זיך מיט א פרעהליכען ציטער אָפּגערופען אין ראָ־מאשאָוו׳ס ברוסט.

— ליעבער ראָמאָטשקא! ליעבער, גוטער, שרעקעדיגער, ליעבער ראָמאָטשקא. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אז דער טאָג איז אונזערער. קלערט ניט פון קיין זאַך. ראָמאָטשקא, איהר ווייסט, פאַר וואָס איך בין היינט אזא דרייסטע? ניין? איהר ווייסט ניט? איך בין היינט אין אייך פֿאַרליעבט. ניין, ניין, ניט מיינט צו פיעל, מאָרגען וועט דאָס דורכגעהן...

ראָמאשאָוו האָט אויסגעצויגען צו איהר די הענט, זוכענדיג איהר קערפּער.

— אַלעקסאַנדרא פּעטראָוונא... שוראָטשקא... סאשא! — האָט ער בעטענדיג אַרויסגערעדט.

— רופט מיך ניט שוראָטשקא, איך וויל דאָס ניט. אַלץ יע, אָבער ניט דאָס... יע — האָט זי זיך פּלוצלונג דערמאָנט: — וואָס פאַר א וואוילער נאָמען ביי אייך איז — געאָרגי. פיעל בעסער איידער יורי... גע־אָר־גי! — האָט זי לאַנגזאַם געצויגען, אזוי ווי איינהערענדיג זיך אין די קלאַנגען פון דעם וואָרט. — דאָס איז שטאָלץ.

— אה, ליעבע! — האָט ראָמאשאָוו ליידענשאַפֿטליך אַרויסגע־רעדט.

— וואַרט אויף. נו, הערט זשע. דאָס איז דאָס וויכטיגסטע. איך האָב אייך היינט געזעהן אין חלום. דאָס איז געווען וואונדערבאַר שעהן. מיר האָט זיך גע׳חלום׳ט, אז איך און איהר טאַנצען א וואַלס

אין עפּעס אַן אויסערגעוועהנליכען צימער. אה, איך וואָלט גלייך דערקענט דעם צימער ביז די קלענסטע קלייניגקייטען. געווען פּיעל טעפּיכער, עס האָט געברענט אַ רויטער לאַמטערן, אַ נייער קלאַוויר האָט געבלאַנקט, צוויי פענסטער מיט רויטע פאָרהאַנגלאַך, — אַלץ איז גע־ווען רויט. ערגעץ האָט געשפּיעלט מוזיק, און איך מיט אייך האָבען געטאַנצט... ניין, ניין, נאָר אין חלום איז מעגליך אַזאַ זיסע, אַזאַ ליידענשאַפטליכע נאָהנטקייט. מיר האָבען זיך שנעל, שנעל געדרעהט, נאָר ניט אָנגערירט מיט די פיס דעם דיל, פּונקט אַזוי, ווי מיר וואָלטען געשוואומען אין דער לופטען און זיך געדרעהט, געדרעהט, געדרעהט. אַך, דאָס האָט זיך געצויגען אַזוי לאַנג און דאָס איז געווען אַזוי אומבאַשרייבליך וואונדערבאַר, אַנגענעם... הערט, ראָמאָטשקאַ, איהר פליהט אין שלאָף?

ראָמאַשאָוו האָט ניט גלייך געענטפערט. ער איז אַזוי ווי אריינ־געקומען אין אַ מאָדנער רייצענדער, לעבעדיגער און צו דערזעלבער צייט צויבערהאַפטער לעגענדע. אַ לעגענדע איז געווען די וואַרימ־קייט און פינסטערקייט פון דער דאָזיגער פריהלינגס נאַכט, און די אויפמרקזאַם שטיל געוואָרענע ביימער אַרום, און די מאָדנע ליעבע פרוי אין ווייסען קלייד, וואָס איז געזעסען דערביי, אַזוי נאָהנט פון איהם. און, אום אויפצוואַכען פון דעם צויבער, האָט ער געמוזט מאַ־כען אויף זיך אַליין אַן אָנשטרענגונג.

— געוויס, פליה איך, — האָט ער געענטפערט, — נאָר מיט יע־דען יאָהר אַלץ נידעריגער און נידעריגער. פריהער, אין די קינדהייטס־יאָהרען, פלעג איך פליהען אונטער'ן באַלקען. עס איז שרעקליך לע־כערליך געווען צו קוקען אויף מענשען פון אויבען: אַזוי ווי זיי געהען מיט די פיס אַרויף. זיי פלעגען זיך באַמיהען צו דערלאַנגען מיך מיט אַ דיל־באַרשט, נאָר זיי האָבען ניט געקאָנט. און איך פליה אַלץ און לאַך. איצטער איז שוין אָבער דאָס ניטאָ, איצטער שפּרינג איך נאָר, — האָט מיט אַ זיפץ געזאָגט ראָמאַשאָוו. — איך שטויס זיך אָפּ מיט די פיס, און פליה אויף דער ערד. אַזוי אַ טריט צוואַנציג — און ני־דעריג, ניט העכער פון אַן אַרשין.

שוראָטשקאַ האָט זיך איינגאַנצען אַראָפּגעלאָזען אויף דער ערד, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן איהם מיט'ן עלענבויגען, און האָט אוועקגע־

ליגט אויף דער האַנט דעם קאָפּ. צושווייגנדיק אַביסעל, האָט זי פאַר־קלערטערהייט פאַרמגעזעצט:

— און אַט נאָך דעם חלום, אין דער פריה, האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו זעהן אייך. שרעקליך, שרעקליך פאַרגלוסט. אויב איהר וואָלט ניט געקומען, ווייס איך ניט, וואָס איך וואָלט געטאָן. איך וואָלט, דאַכט זיך, אַליין צו אייך געקומען צו לויפען. און דעריבער האָב איך אייך געבעטען ניט קומען פריהער פון פיער אַזייגער. איך האָב פאַר זיך אַליין מורא געהאַט. מיין טייערער, פאַרשטעהט איהר מיך איצטער?

ניט ווייט פון ראַמאַשאָוו'ס געזיכט זיינען געלעגען איהרע פיס, איינע אויף די צווייטע, צוויי קליינינקע פיסעלאך אין נידעריגע פאַנ־טאָפעל און שווארצע זאָקען אויסגענעהטע מיט ווייסען. מיט אַ פאַר־נעבעלטען קאָפּ און געדוויש אין די אויערען, האָט זיך ראַמאַשאָוו פּלוצ־לונג צוגעדריקט מיט זיינע ציינער צו דעם לעבעדיגען, קרעפטיגען און דורכ'ן זאָק קאַלטען קערפּער.

— ראָמאָטשקאַ... מען דאַרף ניט, — האָט ער איבער זיך דער־הערט איהר שוואַכע, אַפּגעצויגענע און פוילע שטימע.

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און ווידער האָט איהם אין דער רגע אַלץ אויסגעזעהן ווי אַ וואונדערליכע, געהיימע וואַלד־לעגענדע אויפ'ן בערגעל האָט זיך אומעטום גלייך אויפגעהויבען דער וואַלד מיט דונקעלע גראָז און מיט שווארצע, שיטערע שווייגענדיגע בוימער, וועלכע האָבען זיך אין דרימעל אומבאַוועגליך און אויפמערקזאַם צוגע־הערט צו עפּעס. און גאָר אויבען, דורך דעם געדיכטען וואַלד פון בויי־מער־שפּיצען און ווייטע שטאַמען, איבער דעם הויכען, גלייכען שטרייף פון האָריזאָנט, האָט זיך געדרייטעלט אַ שמאָלער פּאַס פון זון־אונטער־גאַנג — ניט פון רויטען און פלאַמיגען קאָליר, נאָר פון אַ טונקעל־פורפורנער, אויסערגעוועהנליכער פארב, וואָס איז עהנליך אויף קוילען, וואָס פאַרלעשען זיך, אָדער אויף אַ פלאַם, אויף וועלכען מען קוקט דורך געדיכטען רויטען וויין. און אויף דעם בארג, צווישען שווארצע בוימער, אין טונקעלער, שמעקעדיגער גראָז, איז געלעגען ווי אַ וואַלד־געטין, וואָס רוהט, אַן אומפאַרשטענדליכע, הערליכע ווייסע פרוי.

ראַמאַשאָוו האָט זיך נעהנטער צוגערוקט צו איהר. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז פון איהר פּנים ציהט זיך אַ ווייסער שיין. איהרע אוי־גען האָט ער ניט געזעהן — אנשטאט זיי זיינען געווען צוויי גרויסע

טונקעלע פלעקען, נאָר ראָמאַשאָוו האָט געפֿיהלט, אַז זי קוקט אויף איהם.

— דאָס איז אַ לעגענדע! — האָט ער שטיל אַרויסגערעדט מיט איין באַוועגונג פון מויל.

— יע, ליעבער, אַ לעגענדע...

ער האָט גענומען קושען איהר קלייד, האָט אויפגעזוכט איהר האַנט, און איז צוגעפאַלען מיט'ן פּנים צו איהרע וואַרימע, גוט שמעקענדע פינגער, און צו דערזעלבער צייט גערעדט שטיקענדיג זיך, מיט אַן אָפּגעריסענער שטימע:

— סאַשאַ... איך ליעב אייך... איך ליעב...

איצטער, אויפהויבענדיג זיך העכער, האָט ער קלאָר געזעהן איהרע אויגען, וועלכע זיינען געוואָרען גרויס און שוואַרץ, אָט גרעסער ווע־רענדיג און אָט קלענער ווערענדיג און פון דעם האָט זיך אין דער פינ־סטערניש פאַנטאַסטיש געביטען איהר גאַנצער באַקאַנטער און אומ־באַקאַנטער פּנים. ער האָט מיט דורשטיגע צוטריקענטע ליפּען געזוכט איהר מויל, אָבער זי האָט זיך פון איהם אַוועקגעבויגען, שטיל געמאַכט מיט'ן קאָפּ און אַלץ גערעדט שטיל און לאַנגזאַם:

— ניין, ניין... מיין ליעבער, ניין...

— טייערע מיינע... וואָס פאַר אַ גליק!... איך ליעב דיך... — האָט ראָמאַשאָוו גע'חזר'ט, ווי אין אַ גליקליכען חלום. — איך ליעב דיך. זעה: די נאַכט, די שטילקייט, און קיינער אויסער אונז. אַה, גליק מיינס, ווי ליעב איך האָב דיך!

נאָר זי האָט שטילערהייט געזאָגט „ניין, ניין", שווער אָטעמענדיג און איינגעאָנצען ליגענדיג אויף דער ערד. ענדליך האָט זי אָנגעהויבען צו ריידען מיט אַ שטילער שטימע, מיט אָנשטרענגונג:

— ראָמאָטשקאַ, פאַר וואָס זייט איהר אַזאַ... שוואַכער. איך וויל ניט באַהאַלטען, אַז מיך ציהט צו אייך, אַז איהר זייט מיר ליעב מיט אַלעם: מיט אייער אומגעשיקטקייט, ריינקייט און צערטליכקייט. איך וועל אייך ניט זאָגען, אַז איך האָב אייך ליעב, נאָר איך טראַכט שטענ־דיג פון אייך, איך זעה אייך אין חלום, איך... פיהל אייך... מיך רעגט אויף אייער נאָהנטקייט און אייערע באַריהרונגען. נאָר פאַרוואָס זייט איהר אַזאַ קלעגליכער? מיטלייד—איז דאָך די שוועסטער פון פאַר־אַכטונג. באַטראַכט נאָר, איך קאָן אייך ניט אַכטען. אָה, ווען איהר

וואָלט געווען אַ שטאַרקער. — זי האָט פון ראָמאַשאָוו'ס קאָפּ אַראָפּ־גענומען דאָס היטעל, און אָנגעהויבן צו גלעטען און איבערקלייבן זיינע ווייכע האָר. — אויב איהר וואָלט נאָר געקאָנט אויסקעמפּען אַ גרויסען נאָמען, אַ גרויסען פּאַרנעם!...

— איך וועל דאָס טאָן, איך וועל דאָס טאָן! — האָט ראָמאַשאָוו שטיל אויסגעשריען. — זייט נאָר מיינע. קומט צו מיר, איך וועל מיין גאַנצען לעבען...

זי האָט איהם איבערגעשלאָגען מיט אַ צאַרטען אומעטיגען שמייכעל, וועלכען ער האָט דערהערט אין איהר טאָן:

— איך גלויב, אַז איהר ווילט, מיין טייערער, איך גלויב; נאָר איהר וועט גאָרנישט טאָן. איך ווייס, אַז ניט. אַה, ווען איך וואָלט כאָטש אויף וויפיעל ניט איז זיך פאַרלאָזען אויף אייך, וואָלט איך אַלץ געוואָרפען און געגאַנגען נאָך אייך. אָך, ראָמאָטשקאַ, וואוילער מיינער. איך האָב געהערט, עפּעס אַ לעגענדע דערצעהלט, אַז גאָט האָט פון אָנהויב אַלע מענשען באַשאַפען גאַנצע, און נאָכדעם האָט ער יעדען איינעם צוטיילט אויף צוויי חלקים און צושליידערט איבער דער וועלט. און אָט דורות־לאַנג זוכט איין העלפט די צווייטע און קאָן ניט געפינען. מיין טייערער, איך מיט אייך, — זיינען דאָך די צוויי העלפטען; ביי אונז איז דאָך אַלץ געמיינשאַפטליך: דאָס וואָס מיר ליעבען, דאָס וואָס מיר האַסען, די געדאַנקען, און די חלומות, און די פאַרלאַנגען. מיר פאַרשטעהען איינער דעם צווייטען פון האַלבען וואונק, פון האַלבען וואָרט, אפילו גאָר אָהן ווערטער, מיט דער נשמה בלויז. און אָט דאַרף איך זיך אָפּזאָגען פון דיר. אָך, דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל אין מיין לעבען.

— יע, איך ווייס.

—ער האָט דיר געזאָגט? — האָט שוראָטשקאַ האַסטיג געפרעגט.

— - ניין, דאָס איז אַרויסגעקומען צופעליג. איך ווייס.

זיי זיינען ביידע שטיל געבליבען. אויפ'ן הימעל האָבען זיך, ווי ציטעריגע גרינע פינטלאָך, אָנגעצונדען די שטערען. פון רעכטס האָבען זיך קוים־קוים דערטראָגען שטימען, אַ געלעכטער און אימיצענס געזאַנג. דער איבעריגער טייל פון וועלדעל, איינגעהילט אין ווייכער פינסטערניש, איז פול געווען מיט הייליגער פאַרקלערטער שטילקייט. דער פייער האָט זיך פון דאַנען ניט געזעהן, נאָר ווען ניט ווען פלעגט

איבער די שפּיצען פון די נאָהנטע דעמבען אויף א מאָמענט דורכלויפען א רויטער ציטעריגער גלאַנץ, אזוי ווי אַן אָפּשיין פון א ווייטען בליץ. שוראַטשקאַ האָט שטיל געגלעט ראָמאַשאָוו'ס קאָפּ און געזיפצט; ווען ער פלעגט מיט זיינע ליפּען געפינען איהר האַנט, פלעגט זי אליין צו־דריקען איהר האַנט צו זיין מויל.

— איך האָב מיין מאַן ניט ליעב, — האָט זי גערעדט לאַנגזאַם און פאַרטראַכט. — ער איז גראָב, ניט פיהלענד און ניט איידעל. אַך, — דאָס איז מיאוס צו זאָגען — נאָר מיר פרויען פאַרגעסען קיינמאָל ניט די ערשטע גוואַלד־טאַט איבער אונז. און ווידער, איז ער אזוי ווילד אייפערזיכטיג. ער מאַטערט נאָך מיך ביז איצטער מיט דעם אומ־גליקליכען נאַזאַנסקי. ער פרעגט אויס יעדע קלייניגקייט, מאַכט אזוינע שווידערהאַפטע פאַרשטעלונגען! פו... און אזוינע העסליכע פראַגען שטעלט ער. מיין גאָט! דאָס איז דאָך געווען אַן אומשולדיגער, האַלב־קינדערשער ראָמאַן! נאָר בלויז פון זיין נאָמען נאָר ווערט ער ווילד.

— דיר איז קאַלט? — האָט ראָמאַשאָוו געפרעגט.

— ניין, מיין ליעבער, מיר איז גוט, — האָט זי קורץ געענט־פערט. און פּלוצלונג האָט זי מיט אַן אומאָפּגעהאַלטענער ליידענשאַפט אויסגעשריען: — אַך, ווי גוט מיר איז מיט דיר, ליעבע מיינע!

דאַן האָט ער אָנגעהויבען שטיל, מיט א ניט דרייסטען טאָן, נע־מענדיג איהר האַנט אין זיינער און קוים צוריהרענדיג זיך צו איהרע פינגער:

— זאָג מיר... איך בעט דיך. דו זאָגסט דאָך אליין, אז דו ליעבסט איהם ניט... היינט פאַרוואָס זייט איהר צוזאַמען?...

זי האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען פון דער ערד, זיך געזעצט און האָט מיט די הענט א פיהר געטאָן איבער'ן שטערען, איבער די באַקען, אזוי ווי אויפכאַפּענדיג זיך.

— עס איז שוין שפּעט. קומט. מען וועט נאָך אונז נעמען זו־כען, מסתמה, — האָט זי געזאָגט מיט אַן אַנדער, אין גאַנצען רוהיגער שטימע.

זיי זיינען אויפגעשטאַנען פון די גראָז, און געשטאַנען איינער גע־גען צווייטען שווייגענדיג, הערענדיג איינער דעם צווייטענס אָטעם, קוקענדיג אין די אויגען און ניט זעהענדיג זיי.

— זיי געזונט! — האָט זי פּלוצלונג אויסגעשריען מיט אַ קלינ־גענדיגער שטימע. — זיי געזונט, מיין גליק, מיין ניט לאַנג דויערענדעס גליק!..

זי האָט זיך אַרומגעפלאָכטען מיט איהרע הענט אַרום זיין האַלז און האָט זיך צוגעדריקט מיט אַ הייסען פייכטען מויל צו זיינע ליפּען און מיט פאַרפרעסטע ציינער, מיט אַ ליידענשאַפטליכען קרעכץ, איז זי צונעפאַלען צו איהם מיט איהר גאַנצען קערפּער, פון די פיס ביז'ן ברוסט. ראַמאַשאָווען האָט זיך געדאַכט, אַז די שוואַרצע שטאַמען פון די דעמבען האָבען זיך אַ וויג געטאָן אין איין זייט און די ערד איז אַוועקגעשוואָומען אין דער צווייטער זייט, און אַז די צייט האָט זיך אָפּגעשטעלט.

נאָכדעם האָט זי זיך מיט אַן אַנשטרענגונג באַפרייט פון זיינע הענט און האָט ענטשלאָסען געזאָגט:

— זיי געזונד. גענוג. איצטער לאָמיר געהן.

ראַמאַשאָוו איז געפאַלען פאַר איהר אויף די גראָז, האָט זיך גע־לייגט, אַרומגענומען איהרע פיס און האָט גענומען קושען איהרע קניה מיט לאַנגע שטאַרקע קושען.

— סאַשאַ, סאַשענקאַ! — האָט ער אומזיניג געפּלאַפּעלט — פאַר וואָס ווילסטו זיך ניט איבערגעבען מיר? פאַר וואָס? גיב זיך מיר איבער!...

— לאָמיר געהן, לאָמיר געהן, — האָט זי איהם געאיילט. — שטעהט אויף, געערגי אַלעקסאַיטש. מען וועט זיך כאַפּען, אַז מיר זיינען ניטאָ. קומט.

זיי זיינען אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַנען עס האָבען זיך גע־הערט שטימען. ביי ראַמאַשאָווען האָבען זיך אונטערגעבויגען און געציטערט די פיס, און איהם האָט געקלאַפּט אין די שלייפען. ער האָט זיך געוואַקעלט געהענדיג.

— איך וויל ניט קיין נאַרעריי, — האָט שוראָטשקאַ איילענדיג און אַלץ נאָך שווער אָטעמענדיג געזאָגט — אָבער ניין, איך בין הע־כער פון נאַרעריי, נאָר איך וויל ניט קיין פייגהייט. אין נאַרעריי — איז דאָ אַלעמאָל פייגהייט. איך וועל דיר זאָגען דעם אמת: איך האָב קיינמאָל ניט פאַראַטען דעם מאַן און וועל איהם געטריי בלייבען

ביז וואנען איך וועל איהם ניט פארלאזען. נאר זיינע צערטליכקייט און קושען זיינען פאר מיר שרעקליך, זיי פלאנצען אין מיר איין אן עקעל. הער אוים, איך האב נאר איצטער, — ניין, דאכט זיך, נאך פריהער, ווען איך האב געטראכט פון דיר, פון דיינע ליפען, — איך האב נאר איצטער פארשטאנען, וואס פאר א פארגעניגען, וואס פאר אן אומגלויבליכער גענוס איז איבערצוגעבען זיך דעם געליעבטען מענשען. נאר איך וויל ניט קיין פייגהייט, איך וויל ניט קיין געהיימע גנבות. און ווידער... ווארט אוים, בויג זיך איין צו מיר, מיין ליעבער, איך וועל דיר זאגען אויפ'ן אויער, דאס איז ניט שעהן... און ווידער —וויל איך ניט קיין קינדער. פו, ווי אבשיילי דאס איז! אן אויבער אפיצערס פרוי מיט אכט און פערציג רובעל געהאלט א מאנאט, זעקס קינדער, ווינדעלאך, ארעמקייט... אה ווי שרעקליך!

ראמאשאוו האט ניט פארשטעהענדיג א קוק געטאן אויף איהר.

— אבער איהר האט דאך א מאן... דאס איז דאך אומפארמיידליך — האט ער אומענטשלאסען א זאג געטאן.

שוראטשקא האט זיך אויך צולאכט. אין דעם געלעכטער איז געווען עפעס אינסטינקטיוו אומאנגענעם, פון וואס עס האט א וויי געטאן מיט קעלט אין ראמאשאווס נשמה.

— ראמאטשקא... אי, אי, אי, וואס פאר א נאר איהר זייט! — האט זי געצויגען מיט איהר דינער, קינדערשער שטימע, וואס איז גוט באקאנט געווען ראמאשאווען. — פארשטעהט איהר דען ניט אזוינע זאכען? ניין, זאגט דעם אמת, — איהר פארשטעהט ניט?

ער האט א פארלארענער געצוקט מיט די אקסלען. ער האט זיך אזוי ווי פארשעמט פאר זיין נאאיוויטעט.

— ענטשולדיגט... נאר איך מוז זאגען... עהרען ווארט...

— נו, גאט איז מיט אייך, דארף מען ניט. וואס פאר א ריינער און ליעבער איהר זייט, ראמאטשקא! נו, אט, אז איהר וועט אויסוואקסען, וועט איהר געווים געדענקען מיינע ווערטער: וואס עס איז מעגליך מיט'ן מאן, איז ניט מעגליך מיט א מענשען וועלכען מען ליעבט. אך, נאר ניט טראכט, איך בעט אייך, וועגען דעם. דאס איז העסליך,— נאר וואס זאל מען טאן.

זיי זיינען צוגעגאנגען צו דעם ארט, אוואו עס איז געווען דער

פיקניק. פון אהינטער די בוימער האָט זיך געזעהן דער פייער. די האַרט הויטיגע שטאַמען, וועלכע האָבען פאַרשטעלט דעם פייער, האָבען אויסגעזעהן ווי אויסגעגאָסענע פון שוואַרצען מעטאַל, און אויף זייערע זייטען האָט געגלאַנצט אַ רויטע טאַנצענדיגע ליכט.

— נו, און אויב איך וועל זיך נעמען אין די הענט? — האָט ראַמאַשאָוו געפרעגט. — אויב איך וועל דערגרייכען דאָס צו וואָס אייער מאַן שטרעבט אָדער נאָך מעהר? דאַן?

זי האָט זיך מיט איהר באַק שטאַרק צוגעדריקט צו זיין אַקסעל און האַסטיג געענטפערט:

— דאַמאָלסט — יע. יע, יע, יע...

זיי זיינען שוין אַרויס אויפ׳ן פּלאַץ. מען האָט שוין געזעהן דעם גאַנצען פייער און די שוואַרצע מענשען — פיגורען אַרום איהם.

— ראָמאָטשקאַ, איצטער דאָס לעצטע — האָט אַלעקסאַנדראַ פּעטראָוונאַ געזאָגט איילענדיג, נאָר מיט אַן אומעט און אומרוהיגקייט אין שטימע. — איך האָב אייך ניט געוואָלט צושטערען דעם אָוועגט און דעריבער האָב איך אייך ניט געזאָגט. הערט, איהר דאַרפט אויפהערען צו זיין ביי אונז.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פאַרוואונדערטער אַ פאַרלאָרענער.

— פאַר וואָס? אָה סאַשאַ!...

— קומט, קומט... איך וויים ניט ו ו ע ר עס טוט דאָס, נאָר מיין מאַן ווערט באַלאַגערט פון אַנאָנימע בריוו. ער האָט מיר זיי ניט באַוויזען, נאָר פאַרבייגעהענדיג באַמערקט וועגען דעם. מען שרייבט עפּעס שמוציגעס און אבשייליכעס וועגען מיר און אייך. מיט איין וואָרט, איך בעט אייך ניט געהט מעהר צו אונז.

— סאַשאַ! — האָט ראָמאַשאָוו בעטענדיג געקרעכצט אויסשטרעקענדיג צו איהר די הענט.

— מיר טוט דאָס אַליין וועה, מיין ליעבער, מיין טייערער, מיין צאַרטער! נאָר דאָס איז אומבאַדינגט נויטיג. און הערט: איך האָב מורא, אז ער אַליין וועט וועגען דעם מיט אייך ריידען. איך בעט אייך, אום גאָטעס ווילען, זיים אויפגעהאַלטען. זאָגט דאָס מיר צו.

—גוט, — האָט ראָמאַשאָוו אומעטיג אַרויסגערעדט.

— נו, און שוין. זייט געזונט, מיין אָרימער. אָרעמינקער!

ניט אייער האנט. דריקט שטארק, — שטארק, אזוי, אז מיר זאָל וועה טאָן. אָט אזוי... אָי!... און איצט זייט געזונט. זיי געזונט פריינד מיינס!

ניט דערגעהענדיג צום פייער, זיינען זיי זיך פאנאנדערגעגאנגען. שוראָטשקא איז אוועק גלייך אַרויף, און ראָמאשאָוו ארום מיט דעם ברעג פון טייך. דער פרעפעראנס האָט זיך נאָך ניט געענדיגט, נאָר זייער אבוועזענהייט איז באמערקט געוואָרען. אלענפאלס, האָט ־יץ אזוי חוצפה׳דיג א קוק געטאָן אויף ראָמאשאָווען, וועלכער איז צוגע־גאנגען צום פייער און האָט אזוי אומנאטירליך־שמוציג א הוסט גע־טאָן, אז ראָמאשאָווען האָט זיך געוואָלט א וואָרף טאָן און איהם מיט א ברענענדיגען האלץ.

נאָכדעם האָט ער געזעהן ווי ניקאָלאיעוו איז אויפגעשטאנען פון קאָרטען־טיש, און אָפפיהרענדיג שוראָטשקען אָן א זייט, האָט ער מיט איהר עפּעס לאנג גערעדט מיט בייזע זשעסטען און א בייזען פנים. זי האָט זיך פלוצלונג אויסגעגלייכט און געזאָגט איהם עטליכע ווער־טער מיט אן אומבאשרייבליכען אויסדרוק פון פאררדאָס און פאר־אכטונג. און דער דאָזיגער גרויסער שטארקער מאן, האָט זיך מיט אמאָל אונטערטעניג איינגעבויגען און איז אוועק פון איהר, מיט אן אויסזעהן פון א באזיגטער ווילדער חיה, וועלכע האָט אָבער אין זיך באהאלטען דעם כעס.

דער פיקניק האָט זיך אין גיכען געענדיגט. די נאכט איז קאלט געוואָרען און פון טייך האָט א ציה געטאָן מיט פייכטקייט. די פרעהליכ־קייט האָט זיך ביי אלעמען שוין לאנג אויסגענומען, או אלע זיינען זיך צופאָהרען, איינגעמאטערטע, אומצופרידענע, ניט באהאלטענדיג אפילו דאָס געניצען. ראָמאשאָוו איז ווידער געזעסען אין קארעט גע־גען די פריילינס מיכין און האָט דעם גאנצען וועג געשוויגען. אין געדאנק זיינען פאר איהם געשטאנען שווארצע, רוהיגע בוימער, א טונקעלער בארג, א בלוטיגער שטרייף פון זון ־ אונטערגאנג איבער זיין ישפּיץ און א ווייסע פרויען פיגור, וואָס איז געלעגען אויף די טונקעלע שמעקענדיגע גראָז. און דורך זיין אויפריכטיגען, טיפען און שארפען אומעט, האָט ער פון צייט צו צייט פאטעטיש געטראכט פון זיך אליין:

„זיין שעהן געזיכט איז געוועזן פארהילט אין א וואָלקען פון טרויער“.

15

דעם ערשטען מאי איז דער פּאָלק ארויס אויף זומער אין לאגער, וועלכער האָט זיך געפונען אלע יאָהר אין דעם זעלבען אָרט, אין צוויי ווערסט פון שטאָדט אויף יענעם זייט פון דער אייזענבאַן. די איינגערע אָפיצערען, האָבען, לויט'ן מנהג, געדארפט וואוינען זומער ארום זייערע ראָטעס אין הילצערנע ביידלאך, נאָר ראָמאַשאָוו איז פארבליבען אויף זיין שטאָט־וואוינונג, ווייל די אָפיצערען וואוינונג פון דער זעקסטער ראָטע איז געווען זעהר אַלט, און האָט געהאלטען ביים פאנאנדערפאלען, און אויף רעמאָנטירען איהר זיינען ניט געווען די נויטיגע געלטער. און עס איז אויסגעקומען צו געהן פיער איבעריגע מאָל אין טאָג: צו די פריהמאָרגענדיגע איבונגען, נאָכדעם צוריק אין קלוב — אויף מיטאג, ווידער צו די אָווענט־איבונגען און נאָכדעם ווידער אמאָל אין שטאָט. דאָס פלעגט ראָמאַשאָווען אויפרעגען און מיעד מאכען. פאר דעם ערשטען האלבען מאָנאט, איז ער שווארץ געוואָרען און די אויגען זיינען ביי איהם איינגעפאלען.

נאָר אויך אַלעמען איז ניט לייכט געווען: אי די אָפיצערען אי די סאָלדאטען. מען האָט זיך געגרייט צו דעם מאַי־פּאראד, און מען האָט ניט געוואוסט פון רחמנות און מיעדקייט. די קאָמאנדירען פון די ראָטעס, האָבען געמאטערט זייערע סאָלדאטען צו צוויי און צו דריי איבעריגע שטונדען אויפ'ן פלאץ. אין דער צייט פון די איבונגען פלעגען זיך פון אלע זייטען, פון אלע ראָטעס, פון אלע אָפטיילונגען אָן אויפהער דערטראָגען די קלאנגען פון פעטש. אָפטמאָל, פון דער ווייטענס, פאר א צוויי הונדערט טריט, פלעגט ראָמאַשאָוו צוזעהן, ווי א צואווילדעטער ראָטנער נעמט פּאַטשען די פּנים'ער פון אלע זיינע סאָלדאטען איינעם נאָך דעם אנדערען, פון לינקען ביז דעם רעכטען פליגעל. צום אָנהויב א קלאנגלאָזער מאך מיט דער האנט, און — נאָר אין א סעקונדע ארום — א טרוקענער קנאַק פון פאטש און ווידער, און ווידער, און ווידער... אין דעם איז געווען זעהר פיעל שרעקליכעס און אבשייליכעס. די אונטער אָפיצערען האָבען שטארק געשלאָגען זייערע אונטערטאנען פאר דעם קלענסטען פעהלער אין ווערטער איבונגען, פאר ניט מרעטען אין פוס מארשירענדיג — מען האָט געשלאָגען ביז בלוט: אויסגעשלאָגען ציינער, צוקלאַפּט די אויער־פּלעוועס, געוואָרפען מיט די

פויסטען אויף דער ערד. קיינעם פלעגט אויפ'ן זינען גאָר ניט ארויף צו באַקלאָגען זיך: עס איז אנגעשטאַנען עפּעס א שווידערהאַפּטער, בייזער חלום; עפּעס אַן אומזיניגער היפּנאָז האָט באַהערשט דעם פאָלק. און דאָס אַלץ האָט נאָך שווערער געמאַכט די מורא'דיגע היץ. דער מאָנאַט מאַי אין דעם יאָהר איז געווען אַן אויסערגעוועהנ-ליך הייסער.

ביי אַלעמען זיינען די נערוון געווען אָנגעשטרענגט ביז דער לעצ-טער שטופּע. אין דעם אָפיצערען קלוב פלעגען אַלץ אָפטער און אָפּ-טער אויפפלאַמען אומזיניגע קריגערייען און רייסערייען אין דער צייט פון עסען. די סאָלדאַטען זיינען חושך געוואָרען און האָבען אויסגע-זעהן ווי אידיאָטען. אין די זעלטענע מינוטען פון אָפּרוה פלעגט זיך צו זייערע לייוועַנטענע ביידלאַך ניט דערטראָגען קיין וויץ און קיין געלעכטער. דאָך פלעגט מען זיי צווינגען אין די אוועַנטען, נאָכ'ן איבערצעהלען, פרעהליך צו זיין. און זיי, צונויפקלייבענדיג זיך אין א ראָד, מיט קאַלטע געזיכטער, פלעגען גלייכגילטיג זינגען הויך:

אויף דעם רוסישען סאָלדאַט
וואַרפען קוילען ניט קיין שרעק,
פיהרט ער מיט זיי ברודערשאַפט,
קיין זאַך שטעהט איהם ניט אין וועג.

און נאָכדעם פלעגט מען אויף דער האַרמאָניע שפּילען א טאַנץ-מאָטיוו, און דער פעלדפעבעל פלעגט קאָמאַנדעווען:

— גרענאַראַש, סקוואַרצאָוו, אין ראָד! טאַנצט, הינט!

זיי האָבען געטאַנצט, נאָר אין דעם טאַנצען ווי אין דעם זינגען איז געווען עפּעס הילצערנעס, טויטעס, פון וואָס עס האָט זיך געגלוסט וויינען.

דער פינפטער ראָטע בלויז האָט זיך געלעבט גרינג און פריי. זי פלעגט ארויסגעהן צו די איבונגען מיט א שעה שפּעטער פון אַנ-דערע און אוועקגעהן מיט א שעה פריהער. די מענשען אין איהר זיינען געווען אַלע ווי געקליבען, זאַטע, פלינקע און פלעגען פאַרשטענדליך און דרייסט קוקען אין די אויגען די בעאַמטע. אפילו די מונדירען און די העמדלאַך האָבען אויסגעזעהן אויף זיי שעהנער ווי אויף אַנ-דערע. געפיהרט האָט די ראָטע דער קאַפּיטאַן סטעלקאָווסקי, א מאָדנער מענש: אַן אַלטער בחור, א גאַנץ רייכער פאַרהעלטניס-

מעסיג — ער פלעגט קריגען פון ערגעץ ארום צוויי הונדערט רובעל מאָנאַטליך, — מיט זעהר אַן אומאַפּהענגיגען כאַראַקטער, וועלכער פלעגט זיך האַלטען טרוקען, פאַרשלאָסען און דערוויטערט מיט זיינע חברים און דערצו נאָך אַ גואה. ער פלעגט פאַרנאַרען צו זיך אַלס באַדינערינס, יונגע, אָפטמאָל מינדעריעהריגע מיידלאַך פון פאָלק, און אין אַ מאָנאַט ארום פלעגט ער זיי אָפּלאָזען אהיים, באַשענקענדיג זיי מיט געלט, און דאָס פלעגט פאָרקומען פון יאָהר צו יאָהר מיט אַן אומבאַגרייפליכער פינקטליכקייט. ביי איהם אין ראָטע פלעגט מען זיך ניט שלאָגען און ניט זידלען, כאָטש קיין איבעריגע צאַרטקייט איז דאָרט אויך ניט געווען, און דאָך אין זיין ראָטע, לויט איהר גלענ־צענדען אויסערליכען אויסזעהן און געלערענטקייט, ניט הינטערשטעליג געווען געגען די סאָלדאַטען פון דער גוואַרדיע. ער האָט געהאַט אַ גערולדיגע, קאַלטבלוטיגע און איבערצייגטע איינגעשפּאַרטקייט און ער האָט זי געקאָנט איבערגעבען צו זיינע אונטער־אָפיצערען. דאָס וואָס מען פלעגט אין די איבעריגע ראָטעס דערגרייכען אין אַ וואָך צייט דורך געשלעג, שטראָפען, געשרייען און טומעל, פלעגט ער רוהיג דאָס באַקומען אין איין טאָג. דערביי פלעגט ער זעהר קאַרג ארויס־ברייגגען ווערטער, און זעלטען אויפהויבען זיין שטימע, נאָר ווען ער פלעגט ריידען, פלעגען די סאָלדאַטען פאַרשטיינערט ווערען. די חברים האָבען זיך באַצויגען צו איהם אומפריינדליך, די סאָלדאַטען אָבער, האָבען איהם באמת געליעבט: דער איינציגער ביישפּיעל, קען עס זיין, אין דער גאַנצער רוסישער ארמיי.

ענדליך איז געקומען דער פופצענטער מאַי, ווען, לויט דעם באַפעהל פון דעם קאָרפּוס־קאָמאַנדיר, האָט געדאַרפט פאָרקומען דער סמאָטר (מיליטערישער אָפיציעלער פּאַראַד). אין דעם טאָג האָבען די אונטער־אָפיצערען אין אַלע ראָטעס, אויסער דער פינפטער, אויפגעוועקט די סאָלדאַטען פיער אזייגער אין דער פריה. אין דער פרעהליכער ליכ־טיגקייט פון דעם ריינעם וואַלקענלאָזען פריהמאָרגען, האָבען זייערע געזיכטער אויסגעזעהן גרוי און קלענליך.

אום זעקס אזייגער זיינען די אָפיצערען געקומען צו די ראָטעס. דאָס צוזאַמענקומען זיך פון דעם פאָלק איז באַשטימט געווען אויף צען אזייגער, נאָר קיינעם פון די אָפיצערען, אויסער סטעלקאָווסקין, איז

אויפ׳ן זינען ניט אַרויף צו לאָזען די סאָלדאַטען אויסשלאָפען זיך און אָפּרוהען פאַר׳ן פאַראַד. פאַרקערט, אין דעם פריהמאָרגען האָט מען זיי מיט נאָך מעהר פלייס אַריינגעשלאָגען אין קאָפּ די ווערטער, איבונגען און געזעצען פון שיסען, נאָך געדיכטער זיינען אין דער לופט געהאַנגען שלעכטע זידעל־ווערטער, און אָפטער ווי געוועהנליך האָבען זיך געשאָטען קלעפּ און פעטש.

אום ניין אין דער פריה, האָבען זיך די ראָטעס צונויפגעקליבען אויפ׳ן פּלאַץ, א טריט פופציג פאַר׳ן לאַגער. דאָרטען זיינען שוין געשטאַנען אין א לאַנגער, גלייכער ליניע, אויסגעצויגען אויף א שטרעקע פון א האַלב ווערסט, זעכצען ראָטע־זשעלאָנערען מיט פאַרשיידענפאַרביגע פלעגלאך אויף די ביקסען. דער זשעלאָנערען אָפיצער, פּאָרוטשיק קאָוואַקאָ, איינער פון די הויפּט־העלדען פון היינטיגען טאָג, רייטענדיג אויף א פערד, האָט זיך אומגעטראָגען, הין און צוריק אין דער לענג פון דער ליניע, גלייך אויסשטעלענדיג זי, געשפּרונגען מיט א ווילדען געשריי, אָפּלאָזענדיג דעם צוים, מיט׳ן היטעל אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ, איינגאַנצען א נאַסער און א רויטער פון אָנשטרענגונג. זיין שווערד האָט זיך געקלאַפּט אָן די זייטען פון דעם פערד, און דער ווייסער, דאַרער פערד, פון אַלטקייט איינגאַנצען אַזוי ווי באַשאָטען מיט גריקע, און מיט א פאַרצויגענעם היטעל אויפ׳ן אויג, האָט קרעמפּענדיג געדרעהט מיט׳ן קורצען עק, און אין טאַקט פון דעם העסליכען גאַלאָפּ אַרויסגעבראַכט, אָפּגעהאַקטע, שניידענדע קלאַנגען, ענליכע צו א שיסעריי. היינט האָט זיך אָן פּאָרוטשיק קאָוואַקאָ געווענדט זעהר פיעל: לויט זיינע זשעלאָנערען האָבען זיך געדאַרפט אויסשטעלען גלייך ווי א סטרונע די אַלע זעכצען ראָטעס פון דעם פּאָלק.

פונקט צען מינוט פאַר צען איז פון לאַגער אַרויס די פינפטע ראָטע. פעסט, מיט ברייטע אָפּטע טריט, פון וועלכע עס האָט געציטערט די ערד, זיינען די דאָזיגע הונדערט מענשען דורכגעגאַנגען פאַר די אויגען פון דעם גאַנצען פּאָלק, אַלע ווי געקליבענע, פלינקע, העלדישע, גלייכע, אַלע מיט פרישע ריין אויסגעוואַשענע פּנים׳ער, אין היטלען העלדיש אָנגערוקטע אויפ׳ן רעכטען אויער. קאַפּיטאַן סעטעלקאָווסקי, א קליינער, דאַרער מאַן אין זעהר ברייטע הויזען, איז נאַכלעסיג און ניט אין פוס געגאַנגען א טריט פינף אָן דער זייט פון רעכטען פליגעל און פרעהליך שמירענדיג זיך, און בויגענדיג דעם קאָפּ דאָס אויף

אין זייט און דאָס אויף דער אַנדער זייט, האָט ער זיך צוגעקוקט ווי די סאָלדאַטען שטעלען זיך אויס. דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר, פּאָד־פּאָלקאָווניק לעף, וועלכער איז ווי אַלע איבעריגע אָפיצערען, פון אין דער פריה אָן געווען אין אַ נערוועזער אויסעראָרדענטליכער שטימונג, איז געווען צוגעפלויגען צו איהם מיט אַ געשריי פאַר זיין שפּעטיגען אַרויסקומען אויפ'ן פּלאַץ, נאָר סטעלקאָווסקי האָט קאַלטבלוטיג אַרויסגענומען דעם זייגער, אַ קוק געטאָן, און טרוקען, כמעט מיט פאַראַכטונג, געענטפערט:

— אין באַפעהל איז געזאָגט געוואָרען צוזאַמענקלייבען זיך אום צען אַזייגער. איצטער איז אָהן דריי מינוטען צען. איך דענק, אַז איך בין ניט בארעכטיגט צו מאַטערען מענשען אומזיסט.

— ניט ריידען! — האָט לעף אָנגעהויבען צו שרייען מאַכענדיג מיט די הענט און אָפּהאַלטענדיג דעם פערד. — איך בעט אייך שווייגען, ווען מען מאַכט אייך אַ באַמערקונג וועגען דיענסט!...

נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז אומגערעכט, און איז דערפאַר באַלד אָפּגעפאָהרען און האָט מיט איינגעשפּאַרטער בייזקייט זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דער אַכטער ראָטע, אין וועלכער די אָפיצערען האָבען דורכגעקוקט די רימענע טאַשען ביי די סאָלדאַטען:

—דאָס, וואָס פאַר אַ העסליכקייט! דאָס, אַ מאַרק איינגעאָרדענט? אַ קרעמעל? דאָס, אויף געיעג פאָהרענדיג — ניט איהר ערשט דאַן עסען די הינט? וועגען וואָס האָט איהר פריהער געטראַכט?

אום אַ פערטעל אויף עלף, האָט מען אָנגעהויבען אויסצושטעלען די ראָטעס. דאָס איז געווען אַ לאַנגזאַמע, שווערע און מאַטערענדע אַרבייט. פון איין זשעלאָנער ביז דעם צווייטען זיינען אויף פּלעקלאַך געווען שטייף אָנגעצויגען לאַנגע שטריק. יעדער סאָלדאַט פון דער ערשטער ריהע האָט אומבאַדינגט, מיט מאַטעמאַטישער פּינקטליכקייט געמוזט אָנרירען די שטריק מיט די שפּיצען פון זיינע נעזלאַך, — אין דעם איז געלעגען אַ מין שיק. נאָר דאָס איז נאָך געווען ווייניג. עס האָט זיך נאָך געפאָדערט, אַז צווישען די צושפּרייטע נעזלאַך זאָל זיך איינשטעלען דאָס הענטעל פון דער ביקס, אַז דער בויג פון אַלע סאָלדאַטען־קערפּערס זאָל זיין ביי אַלעמען אַ גלייכער. און די ראָטנע קאָמאַנדירען האָבען מיט כעס געשריען: „איוואַנאָוו, דעם קערפּע־

פּאַראויס! סעראַשטאַן, דעם רעכטען אקסעל מעהר צום פעלד! דעם לינקען נעזעל צוריק! נאָך!"

אום האלב עלף איז געקומען דער פּאַלקאָווניק. אונטער איהם איז געווען א גרויסער, שעהנער טונקעל־רויטער פערד אין טונקעלע פלעקען, אלע פיער פיס ביז די קניה ווייסע. פּאַלקאָווניק שולגאָוויטש האָט אויפ'ן פערד געהאט אן ערהאָבענעם, כמעט מאַיעסטעטישען אויס־זעהן, און איז געזעסען אויפ'ן פערד פעסט, כאָטש א ביסעל אלס אינ־פאַנטעריע־מאַן. באַגריסענדיג דעם פּאַלק, האָט ער העלדיש מיט א געמאַכטען פרעהליכען רייץ א געשריי געטאָן:

— גוט מאָרגען, העלדען!

ראָמאַשאָוו האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פערטער אָפּטיילונג און איבערהויפּט אָן כלעבניקאָווס קרענקליכער, קינדערשער פיגור, און האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון א שמייכעל:

„ניטאָ וואָס צו ריידען, פיינע העלדען!"

מיט קלאַנגען פון פּאָלק מוזיק, וואָס האָט געשפּילט א באַגעגע־ניש מאַרש, האָט מען אַרויסגעטראָגען די פאָהנען. עס האָט זיך אָנגע־הויבען א שווערע ערוואַרטונג. ווייט פּאַראויס ביז'ן רעכטען וואָקזאַל, פון וואַנען מען האָט ערוואַרט דעם קאָרפּוס־גענעראַל, האָט זיך געצויי־גען א קייט פון סיגנאַליסטען, וועלכע האָבען געדאַרפט אָנזאָגען פאַר־אויס מיט סיגנאַלען אז די בעאַמטע קומען. עטליכע מאָל האָט זיך אויפגעהויבען א פאַלשער טומעל. מען האָט אויף שנעל אַרויסגעריי־סען די פלעקלאַך מיט די שטריק, דער פּאַלק האָט זיך אויסגעגלייכט אין ערוואַרטונג, נאָר עס פלעגען דורכגעהן עטליכע שווערע מינוטען. און די מענשען האָט מען ווידער ערלויבט צו שטעהן פריי, נאָר נישט איבערבייטען די לאַגע פון די פיס. פּאַראויס, וויטער מיט א דריי הונדערט טריט פון פּלאַץ, האָבען זיך געזעהן, ווי העלע פאַרשיידענ־פאַרביגע פלעקען — די פרויען קליידער, שירעמס און היטעלאַך; דאָרטען זיינען געשטאַנען די פּאָלק דאַמען, וועלכע האָבען זיך געקליבען זעהן דעם פּאַראַד. ראָמאַשאָוו האָט געוואוסט אויסגעצייכענט, אז שו־ראָטשקאַ איז ניטאָ צווישען דער דאָזיגער ליכטיגער, יום־טוב'דיגער גרופּע, נאָר ווען ער פלעגט אהין א קוק טאָן, — פלעגט איהם יעדעס

מאָל קאַלט ווערן אַרום האַרצען, און איהם פּלעגט זיך וועלען אָפּטאָטעמען פון אַ מאָדנער אויפרעגונג.

און פּלוצלונג האָבען זיך אַזוי ווי אַ ווינט דורכגעטראָגען איבער די רייהען די צוויי קורצע האַסטיגע ווערטער: „ער פּאָהרט, ער פּאָהרט!‟ אַלעמען איז מיט אַ מאָל קלאָר געוואָרען, אַז עס איז אָנגעשטאַנען די אמת׳ע ערנסטע מינוט. די סאָלדאַטען, נאָך פון אין דער פריה פאַרמאַטערטע און אויפגעשרויפטע פון דער אַלגעמיינער נערווערזיטעט, האָבען אַליין, אָהן אַ באַפעהל, זיך שנעל אויסגעגלייכט, זיך אַרומגעקוקט און אומרוהיג געהוסט.

— אויפמערקזאַם! זשאַלנערען, אויף די ע־ער־טער! — האָט שולגאָוויטש באַפוילען.

קרימענדיג די אויגען צו דער רעכטער זייט, האָט ראָמאַשאָוו דערזעהן ווייט אויפ׳ן רעכטען עק פעלד אַ ניט גרויסע, ענגע גרופּע פון קליינע רייטער, וועלכע האָבען זיך שנעל דערנעהנטערט צו די סאָלדאַטען אין זיילען פון לייכטען געלבליכען שטויב. שולגאָוויטש מיט אַן ערנסטען און באַגייסטערטען פּנים, איז אָפּגעפאָהרען פון דעם מיטען פּאָלק אויף אַ שטרעקע, וויינינגסטענס פיער מאָל אַ לענגערע, איידער עס האָט זיך געפאָדערט. אויספיינענדיג זיך מיט דער שווערער שעהנקייט פון זיינע באַנעמונגען, אויפהויבענדיג אין דער הויך זיין זילבערנע באָרד, אַרומקוקענדיג די שוואַרצע אומבאַוועגליכע מאַסע פון דעם פּאָלק מיט אַ פרעהליכען און פאַרצווייפעלטען בליק, האָט ער אַרויסגעשריען מיט זיין שטימע, וועלכע האָט זיך פאַנאַנדערגעקייקעלט איבער׳ן גאַנצען פעלד:

— פּאָ־אַלק, אויף־מערקזאַם! סאַ־אַ־אַ־...

ער האָט אויסגעהאַלטען אַ לאַנגע פּאַוזע, אַזוי ווי ער וואָלט צופרידען זיין מיט זיין ריזיגער מאַכט איבער די הונדערטער מענשען און וואָלט וועלען פאַרלענגערען דעם קורצען פאַרגניגען, און מיט אַ מאָל, רויט ווערענדיג פון אָנשטרענגונג, מיט אויפגעבלאָזענע אָדערען אויפ׳ן האַלז, האָט ער אַרויסגעשריען מיט דעם גאַנצען כח פון זיין ברוסט:

— לויט!...

איינס — צוויי! עס האָבען הענט אַ קנאַק געטאָן אָן די רימענס פון די ביקסען, און עס האָבען זיך אָפּגעקלאַפּט די שלעסער פון די ביקסען, אָן די בלעכען פון די גאַרטלען. פון דער רעכטער זייט, האָבען

זיך שניידענד, פרעהליך און דייטליך דערטראָגען די קלאַנגען פון דעם באַנגעניש מאַרש. אַזוי ווי שטיפערישע, לאַכענדיגע קינדער זיינען געלאָפען אַלע איינאיינעם די פלינקע פלייטען און קלאַרנעטען. מיט אַ פרייד פון אַ זיגער האָבען אַ געשריי געטאָן און אָנגעהויבען צו זינגען די הויכע קופערנע טרובעס, די טויבע קלעפּ פון דעם פויק האָבען נאָכגעאיילט אין זייער געלויף, און די שווערע טראָמפּייטען, וועלכע האָבען זיי ניט געקאָנט דעריאָגען, האָבען צערטליך געברומט מיט גערינכטע, רוהיגע, סאַמעטענע שטימען. אויף דער סטאַנציע האָט לאַנג, דין און ריין געפייפט דער לאָקאָמאָטיוו, און דער דאָזיגער נייער ווייכער קלאַנג, איינפלעכטענדיג זיך אין די פריידיגע, קופערנע קלאַנגען פון דעם אָרקעסטער, האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט איהם אין איין וואונדערליכער, פרעהליכער האַרמאָניע. עפּעס אַ מונטערער דרייסטער שטראָם האָט אונטערגעכאַפּט ראָמאַשאָווען, לייכט און זיס אויפהויבענדיג איהם אויף זיך. מיט אַ דורכגעדרונגענער און פרעהליכער קלאָרקייט האָט ער מיט אַ מאָל דערזעהן די, פון היץ, בלייך־געוואָרענע בלויקייט פון הימעל, דאָס גאָלדענע ליכט פון דער זון, וואָס האָט געציטערט אין דער לופט, די וואַרימע גרינקייט פון וויטען פעלד — אַזוי ווי ער וואָלט דאָס קיינמאָל פריהער ניט געזעהן — און ער האָט זיך מיט אַ מאָל דערפיהלט יונג, שטאַרק, פלינק און שטאָלץ מיט דעם באַוואוסטזיין, אַז ער אויך באַלאַנגט צו דער דאָזיגער שלאַנקער, אומבאַוועגליכער, מעכטיגער מאַסע מענשען, וועלכע זיינען אַלע געהיימניספול צוזאַמענגעשמידט פון איין אונזיכטבאַרען ווילען...

שולגאָוויטש, האַלטענדיג די בלויזע שווערד ביים פּנים, האָט זיך מיט אַ שווערען נאַלאָפּ געלאָזען אַנטקעגען.

דורך די גראָב־פרעהליכע, קריגערישע קלאַנגען פון דער מוזיק האָט זיך דערהערט די רוהיגע קיילעכדיגע שטימע פון דעם גענעראַל:

— גוט מאָרגען, ערשטע ראָטע!

די סאָלדאַטען האָבען געמיינזאַם, פלייסיג און הויך אָנגעהויבען צו שרייען. און ווידער האָט אויף דער סטאַנציע אַ פייף געטאָן דער לאָקאָמאָטיוו — אָבער דאָס מאָל קורץ, אָפּגעהאַט, אַזוי ווי מיט אַ רייץ. איינציגווייז באַגריסענדיג זיך מיט די ראָטעס, איז דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר לאַנגזאַם געפאָהרען איבער'ן פראָנט. ראָמאַשאָוו האָט שוין דייטליך געזעהן די שווערע, צושוואָמענע פיגור, מיט גרויסע

פאַלדען פון מונדיר, וואָס האָבען זיך געצויגען אין דער ברייט אונטער זיין ברוסט און אויפ׳ן פעטען בויך, זיין גרויסען פיערעקיגען פנים, וואָס איז געווען געווענדט צו די סאָלדאַטען, דעם פיינעם וואַלט־אַפּ מיט רויטע איניציאַלען אויף דעם אַנזיכטיגען גרויעם פערד, און זיין קליינעם פוס אין אַ נידריגען לאַקירטען שטיוועל.

— גוט מאָרגען, זעקסטע!

די מענשען ארום ראָמאַשאָווען האָבען אָנגעהויבען צו שרייען צופיעל הויך, אַזוי ווי אונטערייסענדיג זיך פון אייגענעם געשריי. דער גענעראַל איז פעסט און נאַכלעסיג געזעסען אויפ׳ן פערד, און דער פערד מיט בלוט אָנגעגאָסענע גוטע אויגען, קנאַקענדיג מיט דעם אייזערנעם צוים אין מויל, איז געגאַנגען מיט אַן אָפּטען, טאַנצענדיגען, בויגיגען טראַט. „ביי איהם זיינען גרויע שלייפען און וואָנצען שוואַרצע, ווייזט אויס, אָנגעפאַרבטע“, — האָט אַ בליץ געטאָן ביי ראָמאַשאָווען אַ שנעלער געדאַנק,

דורך די גאָלדענע ברילען האָט זיך דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר אויפמערקזאַם איינגעקוקט מיט זיינע טונקעלע, גאָר יונגע, קלוגע אָפּלאַבענדיגע אויגען, אין יעדער פּאָר אויגען וואָס האָבען זיך אין איהם איינגעקלעפּט. אָט איז ער פאַרביי געגאַנגען ראָמאַשאָווען און האָט צוגעלעגט די האַנט צום דאַשעק פון היטעל. ראָמאַשאָוו איז געשטאַנען, איינגאַנצען אויסגעצויגע מיט אָנגעשטרענגטע מוסקולען פון די פיס, שטאַרק, ביז ווייטאָג, צודריקענדיג דאָס הענטעל פון דעם אַראָפּגעלאָזענעם שווערד. אַן איבערגעגעבענע, גלקיליכע באַגייסטערונג איז מיט אַ מאָל ווי אַ קעלט דורכגעלאָפען איבער די אויסערליכע טיילען פון זייגע הענט און פיס, באַדעקענדיג זיי מיט הארטע גרייפּעלאַך. און קוקענדיג דעם קאָרפּוס־קאָמאַנדיר גלייך אין פנים אריין, האָט ער לויט זיין נאַאיווער קינדערשער געוואוינהייט, פאַר זיך אַ טראַכט געטאָן: „די אויגען פון דעם קריעגערישען גענעראַל, האָבען זיך מיט פאַרגניגען אָפּגעשטעלט אויף דער שלאַנקער, דארער פיגור פון דעם יונגען פּאָדפּאָרוטשיק“.

דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר איז אַזוי אייציגווייז ארומגעפאָהרען אַלע ראָטעס, מיט יעדערער באַגריסענדיג זיך. אַ הינטער איהם איז געגאַנגען זיין סוויטע: ארום פופצען שטאַב־אָפיצערען אויף שעהנע, אויסגעאיידעלטע פערד. ראָמאַשאָוו האָט אויך אויף זיי געקוקט מיט

די זעלביגע איבערגעגעבענע אויגען. נאָר קיינער פון דער סוויטע האָט זיך אויפ׳ן פאָרפאָרוטשיק ניט אומגעקוקט: די אַלע פּאַראַדען, די באַגעגענישען מיט מוזיק, די צוטראַגעגקייט פון די קליינע אינפאַנטע־ריע־אָפיצערען, איז פאַר זיי געווען אַ זאַך אַ געוועהנליכע, אַ זאַך, וואָס זיי האָט שוין לאַנג דערעסען. און ראָמאשאָוו האָט מיט קנאה און מיט אומפּרייגדליכקייט דערפיהלט, אַז די שטאָלצע מענשען לע־בען מיט עפּעס אַ באַזונדערען, שעהנעם, פאַר איהם אומדערגרייכ־ליכען, העכערען לעבען.

עמיצער האָט פון ווייטען געגעבען אַ צייכען, אַז די מוזיק זאָל אויפהערען צו שפּילען. דער קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס איז מיט אַ שנעל־לען טראט געפאָהרען פון לינקען צו רעכטען פליגעל אין דער לענג פון אויסגעשטעלטען פּאָלק, און אהינטער איהם האָט זיך געצויגען זיין סוויטע. פּאָלקאָווניק שולגאָוויטש איז צוגעפאָהרען צו דער ערשטער ראָטע, אָנציהענדיג דעם צוים פון זיין פערד, און איינשפּאַרענדיג זיך אויף צוריק מיט זיין דיקען קערפּער, האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט דער אומנאַטירליך ווילדער, דערשראָקענער און הייזעריגער שטימע, אזוי ווי עס שרייען געוועהנליך די בראַנד־מאַיאָרען אויף אַ שרפה:

— קאַפּיטאַן אָסאַדטשי! פיהרט ארויס די ראָ־אָ־טע! שנעל!..

דער פּאָלקאָווניק און אָסאַדטשי פלעגען אויף אַלע פּאַראַדען אויס־פיינען זיך און איבערשטייגען איינער דעם צווייטען מיט די שטימען. און איצטער אויך אפילו אין דער זעבצענטער ראָטע האָט זיך דער־הערט די שעהנע מעטאַלישע קאָמאַנדע פון קאַפּיטאַן אָסאַדטשי:

ראָטע, די ביקסען אויפ׳ן אַקסעל! קוקען גלייך אין מיטען, מאַרש!

ביי איהם אין ראָטע, אַ דאַנק לאַנגער און פלייסיגער ארבייט, איז ביים מאַרשירען געווען אויסגעאַרבייט אַ באַזונדער, זעהר זעל־טענער און פעסטער טראַט, דערביי פלעגען די סאָלדאַטען אויפהויבען די פוס זעהר הויך און מיט קראַפט זי צוריקשטעלען אויף דער ערד. דאָס פלעגט ארויסקומען הויך און סאָליד, און דאָס פלעגען אַלע ראָטנע קאָמאַנדירען מקנא זיין.

נאָר די ערשטע ראָטע האָט נאָך ניט צייט געהאַט צו מאַכען פופ־ציג טריט, ווען עס האָט זיך דערטראָגען דאָס אומגעדולדיגע געשריי פון דעם קאָרפּוס־קאָמאַנדיר:

— וואָס איז דאָס? שטעלט אָפּ די ראָמע. שטעלט אָפּ?! ראַט־נער קומט, זייט אַזוי גוט, צו מיר. וואָס ווייזט איהר דאָ? וואָס איז דאָס: אַ לויה? אַ פּאַקעלצוג? שפּילצייג סאָלדאַטען? מאַרשי־רען אין דריי טעמפּען? איצטער, קאַפּיטאַן, זיינען ניט ניקאָלאַיע־ווער צייטען, ווען מען האָט געדיענט צו פינף און צוואַנציג יאָהר. ווי־פיעל איבריגע טעג זיינען ביי אייך אַוועקגעגאַנגען אויף דעם דאָזיגען כאָר־דע־באַלעט! טייערע, ווערטפולע טעג!

אָסאַדטשי איז געשטאַנען פאַר איהם אַ הויכער, אומבאַוועגליכער, אָנגעכמורעטער מיט אַ נידריג אַראָפּגעלאָזענעם הוילען שווערד. דער גענעראַל האָט אַביסעל צוגעשוויגען און האָט צוגעגעבען רוהיגער, מיט אַ אומעטיגען און חוזק'מאַכענדען אויסדרוק:

— ווייזט אויס, איגנאַנצען פאַרמאַטערט די מענשען מיט דעם מאַרשירען? עך, איהר, העלדען, העלדען. און אַז איך וועל פרעגען ביי אייך... יע, אָט, ערלויבט מיר, ווי איז דעם העלדס נאָמען?

דער גענעראַל האָט מיט'ן פינגער באַוויזען אויף דעם צווייטען סאָלדאַט פון דער רעכטער זייט.

— איגנאַט, מינאַלאַוו, אייער עקסעלענץ, — האָט מיט אַ גלייכ־גילטיגען, הילצערנעם באַס ווי אַ סאָלדאַט געענטפערט אָסאַדטשי.

— גוט. — און וואָס ווייסט איהר וועגען איהם? איז ער פאַר־הייראַט אָדער ניט? אפשר האָט ער דאָרט ביי זיך אין דאָרף, עפּעס אַ זאָרג? אַ צרה? אַ נויט? וואָס?

— איך קאָן ניט וויסען, אייער עקסעלענץ. הונדערט מענשען. שווער צו געדענקען.

— שווער צו געדענקען! — האָט מיט ביטערקייט איבערגעזאָגט דער גענעראַל. — אַך, מיינע הערען, מיינע הערען! עס שטעהט אין די הייליגע שריפטען: פאַרלעשט ניט דעם גייסט, און וואָס טוט איהר? אָט די זעלבע, הייליגע און גרויע בהמה, דער סאָלדאַט, ווען עס וועט קומען צו אַ שלאַכט, וועט דאָך אייך אַרויסטראָגען פון פייער אויף זיינע אייגענע פּלייצעס, און אין פראָסט מיט זיין אייגענעם לע־כערדיגען מאַנטעל איינדעקען, און איהר — איך קאָן ניט וויסען.

און אויגענבליקליך אויפרעגענדיג זיך, ציהענדיג נערוועז און צוועקלאָז די צוים, האָט דער גענעראַל, איבער אָסאַדטשים קאָפּ אָנ־געהויבען צו שרייען אויף דעם פּאָלקאָווניק:

— פאַלקאָווניק, נעמט צו די ראַטע. איך וויל גאָר ניט קוקן אפילו. נעמט צו, נעמט צו, באַלד! ליאַלקעס! קאַרטאָנענע פאַ־יאַצען! אייזערנע מוחות!

און פון דעם האָט זיך אָנגעפאַנגען דער דורכפאַל פון דעם פאַלק. די מידקייט און די דערשראָקענקייט פון די סאָלדאַטן, די אומזיניקע גרויזאַמקייט פון די אונטער־אָפיצערן, די גייסטלאָזע, נאַכלעסיקע באַציאונג פון די אָפיצערן צו דעם דינסט, — דאָס אַלץ האָט זיך קלאָר און שענדליך אַרויסגעוויזן אויפ׳ן פּאַראַד. אין דער צווייטער ראָטע האָבן די סאָלדאַטן ניט געוואוסט אַ געוועהנליכע תפילה, אין דער דריטער ראָטע האָבן זיך די אָפיצערן אַליין געפּלאָנטערט ביי די איבונגען מיט אַ צוזאַמענגעפּאָרענער ראָטע, אין דער פערטער — איז איינעם פון די סאָלדאַטן ניט גוט געוואָרן אין דער צייט פון די ביקס איבונגען. און די הויפּט זאַך — אין קיין ראָטע האָט מען ניט געהאַט קיין באַגריף וועגן די מיטלען און באַנעמונגען געגען אומגעריכטע אַטאַקען פון קאַוואַלעריע, כאָטש מען האָט זיך געגרייט צו זיי, און פאַרשטאַנען זייער וויכטיגקייט. די דאָזיגע איבונגען האָט אויסגע־טראַכט און פּראַקטיש איינגעפיהרט דער זעלבער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר, און זיי זיינען באַשטאַנען אין שנעלע איבערבויאונגען און באַוועגונגען פון דער ראָטע, וועלכע האָבן יעדעס מאָל געפאָדערט פון די אָפיצערן, עמפינדליכקייט, שנעלע באַנעמונג און אַ ברייטע פּערזענליכע איני־ציאַטיווו. און אויף דעם זיינען דורכגעפאַלען איינציגווייז אַלע ראַ־טעס אויסער דער פינפטער.

אַרומקוקענדיג אַ ראָטע, פלעגט דער גענעראַל אַרויסשיקן פון פראָנט אַלע אָפיצערן און אונטער־אָפיצערן, און פלעגט פרעגן ביי די סאָלדאַטן: צי זיינען זיי מיט אַלץ צופרידען, צי באַקומען זיי וואָס עס קומט לויט׳ן געזעץ, צי האָבן זיי ניט קיין אָנקלאַגען און קיין פּרעטענזיעס? נאָר די סאָלדאַטן פלעגן הויך ענטפערן:

— „יע, מיט אַלץ צופרידען“. ווען מען האָט געפרעגט די ערשטע ראָטע, האָט ראָמאַשאָוו געהערט, ווי הינטער איהם, האָט דער פעלד־פעבעל פון זיין ראָטע, רינדאַ, געזאָגט מיט אַ שיפּענדיגער און דראָהענ־דיגער שטימע:

— אָט זאָל מיר נאָר עמיצער עפּעס מעלדען! איך וועל איהם שוין נאָכדעם מעלדען אַזאַ פּרעטענזיע!..

און דערפאר האט זיך נאך אויסגעצייכענטער באוויזען די פינפטע ראטע. די העלדישע פרישע סאלדאטען האבען דורכגעמאכט די איבונגען מיט אזא לייכטען, מונטערען און לעבעדיגען טראט, מיט אזא פלינקייט און פרייקייט, אז עס האט זיך געדאכט, דער פאראד איז פאר זיי געווען ניט קיין שרעקליכער עקזאמען, נאר עפעס א פרעהליכע, גרינגע און גאר ניט שווערע פארוויילונג. דער גענעראל האט זיך נאך געכמורעט. נאר ער האט זיי שוין געזאגט: „גוט קינדער!" — דאס איז געווען דאס ערשטע מאל פאר דער גאנצער צייט.

מיט די איבונגען געגען דער קאוואלעריע אטאקע האט סטעלקאווסקי אייננאנצען באזיעגט דעם גענעראל. דער גענעראל האט איהם אנגעוויזען דעם געגנער מיט האסטיגע אומגעריכטע ווערטער: „די קאוואלעריע איז רעכטס, אכט הונדערט טריט", און סטעלקאווסקי, ניט פארלירענדיג זיך אפילו אויף א רגע, פלעגט באלד ריכטיג און רוהיג אפשטעלען די ראטע, און איבערקערען זי מיט'ן פנים צו דעם אנגעוויזענעם שונא, פלעגט ער שנעל, שפארענדיג די צייט, אויסשטעלען די קאמפאניעס, — די ערשטע אויף די קניה, די צווייטע שטעהענדיג, — באשטימען א ציעל, געבען צוויי דריי זאלפען, און נאכדעם קאמאנדעווען: „די ביקסען אויף דער האנט!" — „אויסגעצייכענט, ברידער! א דאנק אייך, העלדען!" — האט זיי דער גענעראל געלויבט.

נאכ'ן אויספרעגען, האט זיך די ראטע ווידער אויסגעשטעלט אין דער פריהערדיגער ארדנונג. נאר דער גענעראל האט זיך ניט געאיילט צו אפלאזען זי. פאמעליך פאהרענדיג אין דער לענג פון דעם פראנט, פלעגט ער זיך דרינגליך, מיט א באזונדער אינטערעס, איינקוקען אין די געזיכטער פון די סאלדאטען, און א צופרידענער שמייכעל האט געלויכטען דורך די ברילען אין זיינע קלוגע אויגען, אונטער שווערע אנגעשוואלענע אויג־דעקלאך. פלוצלונג האט ער אפגעשטעלט דעם פערד, און האט זיך א קער געטאן צוריק, צו דעם בעאמטען פון זיין שטאב:

— ניין, איהר גיט נאר א קוק, פאלקאווניק, וואס פאר פנים'ער זיי האבען. מיט צוקער־געבעקס שפייזט איהר זיי, קאפיטאן? הער, עי דו, גראבער, — האט ער מיט א באוועגונג אנגעוויזען אויף איין סאלדאט — ריך רופט מען קאוואל?

— יע, אייער עקסעלענץ. מיכאילאוו באריטשיק! — האט

פרעהליך מיט א צופרידענעם קינדערישען שמייכעל דער סאָלדאַט א געשריי געטאָן.

— אזוי גאָר, און איך האָב געדענקט, אז קאָוואַל. נו, הייסט דאָס, האָב איך א טעות געהאַט. מען קען גאָר ניט מאַכען. האָט זיך ניט איינגעגעבען ... — און ער האָט דערענדיגט מיט א פרעהליכען ציגישען זאָץ.

דעם סאָלדאַטס געזיכט האָט זיך אינגאַנצען פאַנאַנדערגעשוואָר־מען אין א נארישען און צופרידענעם שמייכעל.

— ניין, אייער עקסעלענץ, — האָט ער נאָך העכער א געשריי גע־טאָן. — ביי זיך אין דאָרף האָב איך זיך פאַרנומען מיט שמידעריי. געווען א קאָוואַל.

— א, אָט זעהסטו! — האָט דער גענעראַל פריינדליך א מאַך גע־טאָן מיט'ן קאָפּ. ער איז שטאָלץ געווען מיט זיין קענען דעם סאָל־דאַט. — וואָס קאַפּיטאַן, ער איז ביי אייך א גוטער סאָלדאַט?

— זעהר א גוטער. ביי מיר זיינען זיי אַלע גוטע, — האָט סטעלקאָווסקי געענטפערט מיט זיין שטענדיגען זעלבסט־איבערצייג־טען טאָן.

דעם גענעראַלס ברעמען האָבען בייז א ציטער געטאָן, נאָר די ליפּען האָבען א שמייכעל געטאָן, און פון דעם איז זיין פּנים געוואָרען א גוטער און א ליעבליך אַלטער.

— נו, קאַפּיטאַן, דאָס איז דאַכט זיך, דאָס... עס זיינען דאָך דאָ ביי אייך באַשטראָפטע?

— קיין איינער אויך ניט, אייער עקסעלענץ. דאָס פינפטע יאָהר און קיין איינער ניט.

דער גענעראַל האָט זיך שווער צוגעבויגען צום זאָטעל און האָט אויסגעשטרעקט סטעלקאָווסקין זיין ווייכע האַנט אין א ווייסער ניט פאַרקנעפּעלטער האַנדשוה.

— א דאַנק אייך, א גרויסען, מיין טייערער, — האָט ער געזאָגט מיט א ציטערענדער שטימע, און אין זיינע אויגען האָבען זיך פּלוצלונג באַוויזען טרערען. ער אויך ווי פיעלע אַלטע שלאַכט־גענעראַלען האָט ליעב געהאַט ווען עס איז א וויין צו טאָן. — א דאַנק אייך, איהר האָט מיך געטרייסט, דעם אַלטען. א דאַנק, גבורים! — האָט ער ענערגיש א געשריי געטאָן צו דער ראָטע.

א דאנק דעם גוטען איינדרוק, וואָס סטעלקאָווסקי האָט איבער־געלאָזען, איז דאָס באַקוקען פון דער זעקסטער ראָטע אויך כמעט גוט אריבער. אָבער אויך די זעקסטע ראָטע איז דורכגעפאַלן, ווען די סאָל־דאַטען האָבן גענומען שטעכן די שטרויענע זעק, וועלכע זיינען גע־ווען איינגענעהט אין הילצערנע ראַמען.

— ניט אַזוי, ניט אַזוי, ניט אַזוי! — האָט זיך דער גענעראַל געהיצט, וואָרפענדיג זיך אין זאָטעל. — גאָר ניט אַזוי! הערט מיך. שטעך אין רעכטען מיטען, דעם שפּיז ביז'ן טרייבעל. ווער בייז! דו זעצסט דאָס ניט קיין ברויט אין אויווען, נאָר דו שטעכסט דאָס דעם שונא...

די איבעריגע ראָטעס זיינען דורכגעפאַלן איינע נאָך דער צוויי־טער. דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר האָט זיך אפילו שוין אויפגעהערט צו אויפרעגען און מאַכען זיינע כאַראַקטעריסטישע בייסענדע באַמערקונ־גען און איז געזעסען אויפ'ן פערד אַ שווייגענדיגער, אַן איינגעהויקער־טער, מיט אַ לאַנגווייליגען פּנים.

די פופצענטע און די זעכצענטע ראָטעס האָט ער אפילו גאָר ניט אָנגעהויבען צו אַרומקוקען, און האָט נאָר אַרויסגערעדט מיט אַן עקעל, מיעד אַ מאַך טוענדיג מיט דער האַנט:

— נו, דאָס זיינען... עפּעס ניט דערטראָגענע גאָר.

עס איז פאַרבליבען דער צערעמאָניאַל מאַרש. דעם גאַנצען פּאָלק האָט מען צוזאַמענגעשטעלט אין אַן ענגער, איינגעשלאָסענער קאָלאָנע, האַלבעראָטעסווייז. ווידער זיינען אַרויסגעשפּרונגען פאָראויס די זשעלאָנערען און האָבן זיך אויסגעצויגען געגען דעם רעכטען פלאַנג אָנדייטענדיג די ליניע פון באַוועגונג. עס איז געוואָרען אומערטרעג־ליך הייס. די מענשען האָבן געליטען פון היץ און דעם שווערען שווייס פון זייערע אייגענע קערפּערס, וועלכע זיינען געווען צונויפגעפּרעסט אויף אַ קליינער שטרעקע, פון דעם גערוך פון די שטיוועל, פּראָסטען טאַבאַק, מענשליכער קוויטיגער הויט און איבערגעקאַכטען שוואַרצען ברויט אין מאָגען.

נאָר פאַר דעם צערעמאָניאַל מאַרש, זיינען אַלע אויפגעמונטערט געוואָרען. די אָפיצערען האָבן זיך כמעט געבעטען ביי די סאָלדאַ־טען:

„ברידער, באַמיהט זיך דורכצוגעהן ווי העלדען פאַר דעם קאָר־

פוס־גענעראל. טוט אונז ניט אָן קיין בזיונות" און אין דער דאָזיגער ווענדונג פון די בעאמטע צו די נידריגערע, האָט זיך געפיהלט עפּעס א ניט זיכערקייט און שולדיגקייט. אזוי ווי דער כעס פון אזא אומ־דערגרייכליך הויכער פּערזאָן ווי דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר, האָט פּלוצ־לונג צוגעדריקט מיט זיין לאַסט דעם אָפיצער און דעם סאָלדאַט צו־זאמען, האָט זיי גלייך געמאכט און זיי געמאכט אין דער זעלבער מאָס דער־שראָקען, פּאַרלאָרען און קלעגליך.

— פּאָלק, אויפמערקזאם!... מוזיקאנטען, צו דער ליניע! — האָט זיך פון וויטען דערטראָגען שולגאָוויטשעס קאָמאַנדע.

און אלע אנדערטהאַלבען טויזענד מענשען, האָבען זיך אויף א רגע אויפגעמונטערט, און פּלוצלונג אומבאוועגליך שטיל געוואָרען, נערוועז און אויפמערקזאם אויסציהענדיג זיך.

שולגאָוויטשען האָט מען ניט געזעהן. ווידער האָט זיך דערקוי־קעלט זיין הילכיגע שטימע:

— פּאָלק, אויפ'ן אַקסעל!...

פיער באַטאַליאָנען־קאָמאַנדירען, אומקערענדיג זיך אויף די פערד צו זייערע אָפּטיילונגען, האָבען געקאָמאַנדעוועט:

— באַטאַליאָן אויפ'ן אַק...

און האָבען אָנגעשטרענגט דורכגעדרונגען מיט זייערע אויגען דעם פּאָלק־קאָמאַנדיר.

ערגעץ וויט בּאַראוים האָט א בלאַנק געטאָן אין דער לופט און האָט זיך אראָפּגעלאָזען צו דער ערד א שווערד. דאָס איז געווען א צייכען פאַר דער אלגעמיינער קאָמאַנדע, און די פיער באַטאַליאָן־קאָמאַנדירען האָבען צוזאמען אויסגעשריען:

— ... סעל!

דער פּאָלק האָט מיט א פּאַרטויבטען גערויש אַרויפגעוואָרפען די ביקסען. ערגעץ האָבען א קלאַפּ געטאָן די שפּיזען.

דאַן האָט שולגאָוויטש, צוציהענדיג די ווערטער, ערהאָבען, פרעה־ליך און הויך מיט דעם גאַנצען כח פון זיינע ריזיגע לונגען, באַפוילען:

— צו דעם צע־רע־מאָ־ני־אל מאַ־ארש!

— צו דעם צע־רע־מאָ־ני־אל מאַ־רש!

איצטער האָבען שוין אלע זעכצעהן ראָטע־קאָמאַנדירען אויף אַלער־ליי שטימען צוואָרפען און פאַלש געזונגען:

— צו דעם צערעמאָניאַל מאַרש!

און ערגעץ אויף דער ענד פון דער קאָלאָנע האָט איין אָפגעשטש־נעטער ראָטע־קאָמאַנדיר, שפּעטער פון אַלעמען, מיט איין איבערגע־ריסענער, פאַרשעהמטער שטימע, ניט דעררייידענדיג די ווערטער אויס־געשריען:

— צום צעריאַל... — און זיך באַלד פאַרשעהמטערהייט איבער־געריסען.

— האַל־בע־ראָ־טען־וויז! — האָט שולגאָוויטש הויך געקאָ־מאַנדעוועט.

— האַלבעראָטענווייז — האָבען באַלד די ראָטנע אונטערגע־כאַפּט.

— אויף אַ דיסטאַנץ פון צוויי אָפּטיילונגען! — האָט זיך שול־גאָוויטש צוגאָסען.

— אויף אַ דיסטאַנץ פון צוויי אָפּטיילונגען!

— קו־קען אויף רע־עכטס!

— קוקען אויף רעכטס! — האָט ווידערהאָלט אַ פולשטימיגער אָפּקלאַנג.

שולגעוויטש האָט אָפּגעוואַרט אַ צוויי־דריי סעקונדען און האָט קורץ אַרויסגעשריען:

— די ערשטע האַלבע ראָטע — מאַרש!

אָפּהילכענדיג דורך די געשלאָסענע רייהען, און שפּרייטענדיג זיך צו דער ערד, האָט זיך דערטראָגען אָסאַדטשים געדיכטע שטימע:

— די ערשטע האַלבע ראָטע. קוקען רעכטס. — מאַרש!

עס האָבען אָנגעהויבען צו פּויקען די באַראַבאַנעס.

פון אַ הינטער האָט מען געקאָנט זעהן, ווי פון דעם שפּיזען־וואַלד האָט זיך אָפּגעטיילט אַ גלייכער פּאַס און האָט זיך ריטמיש גענומען וויגען אין דער לופט.

— די צווייטע האַלבע ראָטע, גלייך! — האָט ראָמאַשאָוו דער־הערט אַרטשאַקאָווסקי'ס הויכע פּרויען שטימע.

און אַ צווייטער פּאַס פון שפּיזען האָט זיך גענומען וויגען אוועק־געהענדיג. דער קלאַנג פון די באַראַבאַנעס איז געוואָרען אַלץ טעמ־פּער און שטילער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזען אַלץ נידריגער אונטער דער ערד, און פּלוצלונג איז אויף איהם אַרויפגעפלויגען אַ

פרעהליכער, שיינענדיגער, שניידענד־שעהנער שטראָם פון דעם אָר־קעסטער. דער פאָלק־אָרקעסטער האָט דאָס אונטערגעכאַפּט דעם טעמפּ, און דער גאַנצער פאָלק האָט מיט אַ מאָל אויפגעלעבט און איז אויפגעמונטערט געוואָרען: די קעפּ האָבען זיך העכער אויפגעהויבען, עס האָבען זיך שלאַנקער אויסגעגלייכט די קערפּערס, און עס האָבען זיך אויסגעלייטערט די גרויע מיעדע געזיכטער.

איינע נאָך דער צווייטער זיינען די האַלבע ראָטעס אַפּגעגאַנגען און מיט יעדען מאָל, פלעגען די קלאַנגען פון דעם פאָלק־מאַרש ווערען העלער, מונטערער און פרעהליכער. אָט איז אַוועקגעגאַנגען די לעצטע האַלבע ראָטע פון דעם ערשטען באַטאַליאָן. דער פּאָדפּאָלקאָווניק לעך איז געפאָהרען פאָראויס אויף אַ שוואַרצען בייניגען פערד אין דער באַלייטונג פון אַליזאַרען. בייביידען זיינען די שווערדען אין די הענט געוועזען אויפגעהויבען אין דער הויך פון געזיכט. עס האָבען זיך דער־הערט סטעלקאָווסקיס רוהיגע, און ווי אַלע מאָל, נאַכלעסיגע באַפעהלען. הויך איבער די שפּיזען איז געשוואומען דאָס העלצעל פון דער פאָהן. קאַפּיטאַן סליוואַ איז אַרויסגעגאַנגען פאָראויס, — אַן איינגעהויקער־טער, אַ צושוואומענער, אַרומקוקענדיג דעם פראָנט מיט זיינע וואַסער־דיגע, אויסגעשטאַרצטע אויגען, אַ לאַנגהענדיגער, אַן עהנליכער צו אַ גרויסער אַלטער מאַלפּע.

— די ערשטע האַלבע ראָטע... גלייך!

מיט אַ גרינגען, העלדישען טראָט געהט אַרויס ראָמאַשאָוו אין רעכטען מיטען פאָראויס זיין האַלבער ראָטע. עפּעס, וואָס עס איז ליעבליך, שעהן און שטאָלץ, וואַקסט אין זיין נשמה. שנעל פיהרט ער אום מיט די אויגען איבער די פּנים'ער פון דער ערשטער רייהע. „דער אַלטער שלאַכט־העלד קוקט אַרום זיינע וועטעראַנען מיט אַן אַדלער־בליק", פליהט ביי איהם דורך אין געדאַנק אַ מליצה'דיגער זאַץ אין דער צייט, ווען ער קאָמאַנדעוועט זינגענדיג:

— די צווייטע האַלבע ראָטע...

„איינס, צוויי!" צעהלט ראָמאַשאָוו אין געדאַנק און האַלט אונטער דעם טאַקט בלויז מיט די שפּיצען פון זיינע שטיוועל. „מען דאַרף צו דער לינקער פוס. לינקע, רעכטע" און מיט אַ גליקליכען פּנים, פאַרוואָרפענדיג דעם קאָפּ אַהינטער, שרייט ער אויס מיט אַ הויכען קלינגענדיגען טענאָר אויפ'ן גאַנצען פעלד:

— גלייך!

און שוין אַ קעהרטוענדיג זיך אויף איין פוס, נאָך ניט אומקעהרענדיג זיך אַהינטער, גיט ער צו זינגענדיג און מיט צוויי טענער נידריגער:

— קור־קען אויף רע־עכטס!

די שעהנקייט פון דעם מאָמענט פאַר'שכור'ט איהם. איין רגע דאכט זיך איהם, אַז די מוזיק באַגיסט דאָס איהם מיט שטראָמען פון אַזאַ ברענענדיגער, בלענדענדער ליכט, און אַז די קופּערנע יובעלדיגע געשרייען פאַלען דאָס פון דער הויך, פון הימעל, פון דער זון. און ווי פריהער, ביי דער באַגעגעניש — לויפט אַ זיסע קעלט דורך איבער זיין קערפּער, מאַכט האַרט זיין הויט און שטעלט אויף די האָר אויפ'ן קאָפּ.

אַלעס צוזאַמען, אין טאַקט פון דער מוזיק, האָט אָנגעהויבען צו שרייען די פינפטע ראָטע, אָפּענטפערענדיג אויף דעם גענעראַלס אַ ליוב־וואָרט. באַפרייטע פון דעם לעבעדיגען מענשליכען צאַם, און אַזוי ווי פרעהענדיג זיך פון דער פרייהייט, האָבען העכער און פרעהליכער גענומען לויפען אַנטקעגען ראָמאַשאָוו'ן די העלע קלאַנגען פון מאַרש. איצטער זעהט שוין דער פּאָדפּאָרוטשיק גאָר דייטליך פאָראויס און רעכטס פון זיך די שווערע פיגור פון דעם גענעראַל אויף אַ גרויען פערד, די אומבאַוועגליכע סוויטע אַהינטער איהם, און נאָך ווייטער אַהינטער — די פיעל־פאַרביגע גרופּע פרויען־קליידער, וועלכען זעהען אויס, אין דער בלענדענדער ליכטיגקייט פון דער זון, אַזוי ווי צויבערהאַפטע ברענענדיגע בלומען. און פון לינקס בלאַנקען די גאָלדענע זינגעדיגע טרובעס פון דעם אָרקעסטער, און ראָמאַשאָוו פיהלט, אַז צווישען דעם גענעראַל און דער מוזיק איז דורכגעצויגען אַן אומזיכטבארער פאָדים, איבער וועלכען עס איז אי פרעהליך אי ציטעריג דורכצוגעהן.

נאָר די ערשטע האַלב־ראָטע איז שוין דעם פאָדים איבערגעגאַנגען.

— גוט, קינדער! — הערט זיך די צופריעדענע שטימע פון דעם קאָרפּוס־קאָמאַנדיר — אַ־אַ־אַ־אַ! — כאַפּען אונטער די סאָלדאַטען מיט הויכע, צופריעדענע שטימען. נאָך העכער רייסען זיך פאָראויס די קלאַנגען פון דער מוזיק. „אָה, ליעבער!“ טראַכט ראָמאַשאָוו מיט ליעבע וועגען דעם גענעראַל. „חכם!“

איצטער געהט ראָמאַשאָוו אַליין. שווימענדיג און בויגזאַם, קוים

באריהרענדיג מיט די פיס, דערנעהנטערט ער זיך צו דער פארצויבער־טער ליניע. זיין קאפ איז חוצפה'דיג פארוואָרפען אהינטער און איז מיט א שטאָלצען רייע געוועגדט לינקס. אין גאנצען קערפער פיהלט ער אזא לייכטקייט און פרייקייט, אזוי ווי ער וואָלט פלוצלונג באַקומען א פעהיגקייט צום פליהען. און פיהלענדיג זיך אלס דער געגענשטאנד פון אלעמענס ענטציקונג, אלס דעם הערליכען מיטעלפונקט פון דער גאנצער וועלט, זאָגט ער צו זיך אליין עפעס ווי אין א גלענ־צענדען, פרעהליכען חלום:

„זעהט נאָר, זעהר נאָר, — דאָס געהט ראָמאשאָוו!" איינס, צוויי, די לינקע!... „פאראויס דער האלבער ראָטע איז מיט א גראַציעזען טראָט נעגאנגען א יונגער, שעהנער פאָדפאָרוטשיק". לינקע, רעכטע!... „פאָלקאָווניק שולגאָוויטש, אייער ראָמאשאָוו איז אן אויס־נאם, — האָט דער קארפוס־קאָמאנדיר געזאָגט, — איך וואָלט איהם וועלען האָבען פאר מיין אדיוטאנט." לינקע...

נאָך א מאָמענט, נאָך א רגע — און ראָמאשאָוו געהט דורך די פארצויבערטע ליניע. די מוזיק דונערט מיט א וואהנזיניגער, העלדי־שער, פייערדיגער פרייד. „באלד וועט ער באדאנקען", טראכט ראָ־מאשאָוו, און זיין זעל איז פול מיט יום־טוב'דיגען שיין. עס הערט זיך די שטימע פון דעם קארפוס־קאָמאנדיר, אויך שולגאָוויטש'עס שטימע, נאָך עמיצענס שטימען... „געוויס האָט דער גענעראל באדאנקט, אָבער פאר וואָס האָבען די סאָלדאטען ניט געענטפערט? עמיצער שרייט פון הינטען, פון די רייהען... וואָס האָט פאסירט?"

ראָמאשאָוו האָט זיך אומגעקוקט אויף צוריק און איז בלייך גע־וואָרען. זיין גאנצע האלבע־ראָטע, אנשטאט צוויי גלייכע שלאנקע ליניען, האָט מיט זיך פארגעשטעלט א מיש־מאש, צופלאָנטערט און צונויפגעדריקט ווי א שעפסען סטאדע. דאָס האָט פאסירט דורך דעם, ווייל דער פאָדפאָרוטשיק, א פאר'שכור'טער פון זיין באגייסטערונג און היציגע טרוימען, האָט אליין ניט באמערקט, ווי ער אליין, טראָט נאָך טראָט. האָט זיך דערוויימערט פון דעם מיטען אויף רעכטס, גע־הענדיג צו דער זעלבער צייט אויף זיין האלב־ראָטע, און ענדליך איז ער ארויסגעקומען אויף איהר רעכטען פליגעל, צושטערענדיג און צו־מישענדיג אלעמענס באוועגונגען. דאָס אלץ האָט ראָמאשאָוו דער־זעהן און פארשטאנען אין איין קורצען, ווי א געדאנק, מאָמענט, אויך

אזוי, ווי ער האָט דערזעהן דעם סאָלדאַט כלעבניקאָוו, וועלכער האָט זיך געשלעפּט אַליין, אַ טריט צוואַנציג אַהינטער דער האַלבער־ראָטע, פּונקט אויף דעם גענעראַלס אויגען. ער איז געפאַלען געהענדיג, און איצטער איינגאַנצען אַ שטויביגער, האָט ער געוואָלט דעריאָגען זיין האַלב־ראָטע, נידעריג איינבויגענדיג זיך אונטער דער לאַסט פון זיין אַמוניציע, אַזוי ווי ער וואָלט גלעלאָפען אויף אַלע פיער, האַלטענדיג אין איין האַנט די ביקס און הילפלאָז ווישענדיג די נאָז מיט דער צווייטער האַנט.

ראַמאַשאָוו'ן האָט זיך פלוצלונג אויסגעוויזען, אַז דער שיינענדיגער פריהלינג־טאָג איז מיט אַמאָל פינסטער געוואָרען, און אַז אויף זיינע אַקסלען האָט זיך געלייגט אַ טויטע, פרעמדע לאַסט, וועלכע איז עהנליך צו אַ באַרג פון זאַמד, און אַז די מוזיק האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען אומעטיג און טויב. אויך ער אַליין האָט זיך געפיהלט קליין, שוואַך, ניט שעהן, מיט פוילע באַוועגונגען און שווערע, ניט געשיקטע, וואַקלענדיגע פיס.

צו איהם איז שוין געפלויגען אויפ'ן פערד דער פּאָלק־אַדיוטאַנט. פעאָדאָראָווסקי'ס געזיכט איז געווען רויט און צוקרימט פאַר כעס, די אונטערשטע טייל פון געזיכט האָט זיך געוואָרפען. ער האָט זיך געשטיקט פון כעס און פון שנעלען פאָהרען. נאָך פון דער ווייטענס האָט ער אָנגעהויבען בייז צו שרייען, וואַרנענדיג זיך מיט די ווערטער:

— פּאָדפּאָרוטשיק... ראַמאַשאָוו... דער פּאָלקאָווניק מעלדעט אייך... זיין שטרענגסטען פּאָרוואורף... אויף זיבען טעג... אין הויפּט־וואַכט... אין שטאַב־דיוויזיע... אַבשייליך, אַ סקאַנדאַל... דעם גאַנצען פּאָלק באַשמוצט!... אינגעל, וואָס איהר זייט!

ראַמאַשאָוו האָט איהם ניט געענטפערט און האָט אפילו ניט אַ קעהר געטאָן צו איהם דעם קאָפּ. געוויס, ער האָט רעכט צו זידלען זיך! אָט האָבען אויך די סאָלדאַטען געהערט, ווי דער אַדיוטאַנט האָט געשריען אויף איהם. „נו איז וואָס, זאָל זיין, אַז זיי האָבען געהערט, אַזוי קומט מיר, זאָל זיין אַזוי, — האָט מיט אַ שאַרפען האַס צו זיך אַליין געטראַכט ראַמאַשאָוו. — אַלץ איז איצטער פאַר מיר פאַרפאַלען. איך וועל זיך דערשיסען. אַ שאַנד אויף אייביג. אַלץ אַלץ איז פאַר מיר פאַרפאַלען. איך בין אַ לעכערליכער, איך בין אַ קליינינקער, ביי מיר איז אַ בלייכער, ניט קיין שעהנער פּנים, ערגער פון אַ אומזיניגער פּנים, העסליכער פון אַלע פּנימ'ער אויף דער וועלט. אַלץ איז פאַר־

פאלען. די סאָלדאַטען געהען אהינגמער מיר, קוקען מיר אויפ'ן פּלייצע און לאַכען און שטויסען איינער דעם צווייטען מיט די עלענבויגענס. און אפשר האָבען זיי מיטלייד מיט מיר? ניין, איך וועל זיך אומבאַדינגט, אומבאַדינגט דערשיסען!"

די האַלב־ראָטעס, אָפּגעהענדיג גאַנץ ווייט פון דעם קאָרפּוס־קאָמאַנדיר, האָבען איינע נאָך דער צווייטער זיך פארקעהרט מיט'ן לינקען אַקסעל און צוריק געקומען צו דעם אָרט, פון וואַנען זיי זיינען אַוועק. דאָ האָט מען זיי ווידער אויסגעגלייכט און אויסגעשטעלט אין אַ געוועהנליכער ראָטע־אָרדנונג. ביז וואַנען די לעצטע טיילען פלעגען אונטערקומען, האָט מען ערלויבט די סאָלדאַטען צו שטעהן פריי, און די אָפיצערען זיינען אַראָפּ פון זייערע ערטער, אויסגלייכען זיך אַביסעל און אַ רויכער טאָן פון אַרבעל. איין ראָמאַשאָוו איז געבליבען שטעהן אין מיטען פראָנט אויף דעם רעכטען פליגעל פון זיין האַלב־ראָטע. מיט דעם שפּיץ פון געבלויזטען שווערד האָט ער פארטראַכטערהייט געגראָבען די ערד ביי זיינע פיס, און כאָטש ער האָט ניט אויפגעהויבען דעם אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, האָט ער געפיהלט, אַז פון אַלע זייטען זיינען אויף איהם געווענדט נייגעריגע, חוזק־מאַכענדע און פאַראַכטענדע בליקען.

קאַפּיטאַן סליוואַ איז דורכגעגאַנגען פארביי ראָמאַשאָוו'ן, און ניט אָפּשטעלענדיג זיך, ניט קוקענדיג אויף איהם, אַזוי ווי מיט זיך אַליין ריידענדיג, האָט ער מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס, הייזעריג דורך די פארפּרעסטע ליפּען אַרויסגערעדט:

— ה־היינט נאָך, זאָלט איהר זיין אַזוי גוט געבען אַ ביטע, אַז מען זאָל אייך איבערפיהרען אין אַן אַנדער ראָטע.

נאָכדעם איז צוגעגאַנגען וועטקין. אין זיינע העלע, גוטע אויגען און אין די ווינקלען פון זיינע אַראָפּגעלאָזענע ליפּען האָט ראָמאַשאָוו דורכגעלייענט דעם אויסדרוק פון מיטלייד און עקעל, מיט וועלכען מענשען קוקען אויף אַ הונט, וועמען די באַהן האָט דער'הרג'עט. און צו דער זעלבער צייט האָט ראָמאַשאָוו מיט עקעל געפיהלט ביי זיך אויפ'ן פּנים עפּעס אַן אומזיניגען בלייכען שמייכעל.

— לאָמיר געהן אַ רויכער טאָן, יורי אַלעקסעאיטש, — האָט וועטקין געזאָגט, און אַ קנאַק טוענדיג מיט דער צונג, און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, האָט ער מיט פאַרדראָס צוגעגעבען:

— ניין... וואָס... איך וויל ניט...

וועטקין איז אָפּ אַן אַ זייט. „אַט וועל איך שוין צוגעהן און אַ פּאַטש טאָן סליוואַ'ן אין פּנים", — האָט אַ בליץ געטאָן ביי ראָמאַ־שאָוו'ן אַ פאַרצווייפעלטער געדאַנק. — אָדער איך וועל צוגעהן צום קאָרפּוס־קאָמאַנדיר און וועל איהם זאָגען: „מיאוס איז דיר, אַן אַלטען מענשען, צו שפּיעלען אין סאָלדאַטען און מאַטערען מענשען. לאָז זיי אָפּרוהען. צוליעב דיר האָט מען צוויי וואָכען צייט געשלאָגען די סאָלדאַטען."

נאָר פּלוצלונג זיינען איהם געקומען אויפ'ן געדאַנק זיינע שטאָלצע טרוימען וועגען דעם שעהנעם פּאַראַד־מאַרש, וועגען דער באַגייסטע־רונג פון די פרויען, דעם פאַרגעניגען אין דעם גענעראַלס אויגען — און ער האָט זיך אַזוי פאַרשעמט, אַז ער איז אויגענבליקליך רויט געוואָרען; ניט נאָר מיט זיין פּנים, נאָר אויך מיט זיין ברוסט און פּלייצע.

„דו ביזט אַ לעכערליכער, פּאַראַכטער און עקעלהאַפטער מענש!— האָט ער צו זיך אַליין אין געדאַנק אַ געשריי געטאָן. — זייט וויסען אַלע, אַז היינט וועל איך זיך דערשיסען!"

דער פּאַראַד האָט זיך געענדיגט. די ראָטעס זיינען נאָך עטליכע מאָל דורכגעגאַנגען פאַרביי דעם גענעראַל: פון אָנפאַנג ראָטענווייז, טראָט ביי טראָט, נאָכדעם לויפענדיג, און נאָכדעם אין אַ קאָלאָנע מיט אָנגעלאָדענע ביקסען. דער גענעראַל איז אַזוי ווי אַ ביסעל ווייכער געוואָרען און האָט געלויבט די סאָלדאַטען. עס איז שוין ניינוואָרען אַרום פיער אַזייגער. ענדליך האָט זיך דער פּאָלק אָפּגעשטעלט און מען האָט געלאָזען די סאָלדאַטען שטעהן פריי. דער שטאַב־האָרניסט האָט אָנגעהויבען צו שפּיעלען אַ סיגנאַל „מען רופט די אָפיצערען".

— העררען אָפיצערען, צום קאָרפּוס־קאָמאַנדיר, — האָט זיך דורכ־געטראָגען איבער די רייהען.

די אָפיצערען זיינען אַרויס פון פראָנט און האָבען ווי אַ רינג אַרומגערינגעלט דעם קאָרפּוס־קאָמאַנדיר. ער איז געזעסען אויפ'ן פערד אָן איינגעהויקערטער, אַן אָפּגעלאָזענער, ווייזט אויס, אַ שטאַרק פאַר־מאַטערטער, נאָר זיינע קלוגע פאַרזשמורעטע, פאַרשוואָלענע אויגען האָ־בען לעבעדיג און אָפּלאַכענד געקוקט דורך די גאָלדענע ברילען.

— איך וועל דאָס מאַכען אין קורצען, — האָט ער געזאָגט אָפּגע־האַקט און ווירדיג. — דער פּאָלק טויג אויף גאָרנישט. איך זידעל ניט

די סאָלדאַטען, נאָר איך באַשולדיק די בעאַמטע. דער אַנטרייבער איז אַ שלעכטער — פיהרען ניט די פערד. איך זעה אין אייך ניט קיין הארץ, קיין פאַרשטאַנד און קיין פאַרנינפטיגע באַזאָרגונג וועגען די סאָלדאַטען. געדענקט גוט: „וואויל איז דעם, וועלכער לייגט אוועק זיין לעבען פאַר זיינע פריינד". און ביי אייך איז נאָר איין געדאַנק — צופרידענשטעלען דעם גענעראַל אויפ'ן פאַראַד. די מענשען האָט איהר פאַרמאַטערט ווי אַ פוהרמאַנס פערד. די אָפיצערען האָבען אַן אָפּגעלאָזענעם, ווילדען אויסזעהן, — עפּעס ווי פריסטער אין מיליטער־קליידער. נאָר וועגען דעם וועט איהר לייענען אין מיין באַפעהל. איין פּראָפּאָרשטשיק, דאַכט זיך פון דער זעקסטער אָדער זיעבעטער ראָטע, האָט אָנגעוואָרען די אָרדנונג און האָט פון דער ראָטע געמאַכט אַ קאַשע. מיאוס! איך פאָדער ניט קיין מאַרשירונג אין דריי טעמפּען, נאָר אַ שאַרף אויג און רוהיגקייט — דאָס איז פריהער פון אַלץ"

„דאָס איז וועגען מיר!" האָט ראָמאַשאָוו מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן, און איהם האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלע, וועלכע שטעהען דאָ, האָבען זיך גלייכצייטיג אומגעקוקט אויף איהם. נאָר קיינער האָט זיך ניט אַ ריהר געטאָן. אַלע זיינען געשטאַנען שווייגענדיגע, איינגענערטע, און אומבאַוועגליכע, ניט אַראָפּנעמענדיג די אויגען פון דעם גענעראַלס געזיכט.

— דעם קאָמאַנדיר פון דער פינפטער ראָטע — מיין הייסער דאַנק! — האָט פאַרטגעזעצט דער קאָרפּוס־קאָמאַנדיר. — וואו זייט איהר, קאַפּיטאַן? א, אָט! — דער גענעראַל האָט אביסעל טעאַטראַליש מיט צוויי פינגער אויפגעהויבען דאָס היטעל איבער'ן קאָפּ, אַפּדעקענדיג דעם הוילען, מעכטיגען שאַרבען, און האָט זיך נידעריג פאַרנויגט צו סטעלקאָווסקי'ן. — נאָך אַמאָל דאַנק איך אייך, און דריק מיט פאַרגעניגען אייער האַנט. אויב גאָט וועט געבען, מיין קאָרפּוס וועט זיך שלאָגען אונטער מיין אַנפיהרונג — דעם גענעראַלס אויגען האָבען דאָ אָנגעהויבען צו גלאַנצען פון טרערען, — זאָלט איהר געדענקען, קאַפּיטאַן, די ערשטע געפערליכע אַרבייט וועל איך איבערגעבען אייך. און איצטער, מיינע הערען, זייט איהר פריי. איך וועל זיין צופריעדען צו זעהן אייך אַ צווייטען מאָל, אָבער אין אַן אַנדער אָרדנונג. לאָזט, זייט אַזוי גוט, דעם וועג דעם פערד.

— אייער עקסעלענץ, — איז שולגאָוויטש אַרויסגעטראָטען, —

איך וועל זיך ערלויבען פּאָרצולייגען אייך אין דעם נאָמען פון אַלע אָפיצערען איהר זאָלט מיטאָג עסען אין אונזער קלוב. מיר וועלען זיין...

— ניין, צוליעב וואָס! — האָט איהם טרוקען איבערגעשלאָגען דער גענעראַל. — איך דאַנק אייך זעהר, נאָר איך בין היינט איינגע־לאַדען צום גראַף לעדאָכאָווסקי.

דורך דעם ברייטען וועג, וואָס די אָפיצערען האָבען געלאָזען, איז ער צוגעפאָהרען צום פּאָלק. די סאָלדאַטען אַליין, אָהן קיינעמס באַ־פעהל, האָבען זיך אויפגעמונטערט, זיך אויסגעצויגען און שטיל גע־וואָרען.

— אַ דאַנק אייך, כ־ער! — האָט דער גענעראַל הויך און פריינד־ליך אַ געשריי געטאָן. — איך גיב אייך צוויי טעג רוה. און איצטער...
— דאָ האָט ער פּרעהליך אויסגערופען מיט אַ העכערער שטימע: — צו דיביידלאַך, שנעל, מארש! הוראַ!

עס האָט זיך געדאַכט, אַז מיט דעם קורצען געשריי האָט ער אַ שטוים געטאָן דעם גאַנצען פּאָלק. מיט אַ הילכיגען פרעהליכען גע־שריי האָבען זיך די אָנדערטהאַלבען טויזענד מענשען אַלאָז געטאָן אין אַלע זייטען, און די ערד האָט אָנגעהויבען צו רוישען און צו ציטערען אונטער זייערע פיס.

ראָמאַשאָוו האָט זיך אָפּגעטיילט פון די אָפיצערען, וועלכע האָ־בען זיך אַלע צוזאַמען אומגעקעהרט אין שטאָדט אריין, און איז צוועק מיט אַ וויימערען וועג דורכ׳ן לאַגער. ער האָט זיך אין די דאָזיגע מי־נוטען געפיהלט ווי אַן ארויסגעוואָרפענער פון דער פאָלק־פאַמיליע דורך אַן אומאַנגענעמען, פרעמדען מענשען, אפילו נאָך ניט דורך אַ דערוואַקסענעם, נאָר דורך אַן אָבשייליכען, שלעכטען און העסליכען אינגעל.

ווען ער איז דורכגעגאַנגען הינטער די ביידלאַך פון זיין ראָטע, האָט זיין אויפמערקזאַמקייט צוגעצויגען עמיצענס אַ פאַרשטיקטער נאָר בייזער געשריי. ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און האָט צווי־שען די ביידלאַך דערזעהן זיין פעלדפעבעל רינדאַ, אַ קליינעם, רויט־געזיכטיגען קורצהאַלזיגען מאַן, וועלכער האָט, אָהן אַן אויפהער זיך־לענדיג זיך, מיט זיינע פויסטען געשלאָגען כליעבנאַקאָוו׳ן אין פּנים.

ביי כלעבניקאָוו'ן איז געווען אַ פינסטער־נאַריש־פאַרלאָרענעם גע־זיכט און אין זיינע אומזיניגע אויגען האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער שרעק פון אַ חיה. זיין קאָפּ האָט זיך קלעגליך געוואָרפען פון איין זייט אין דער צווייטער און מען האָט געקאָנט הערען, ווי פון יעדען קלאַפּ האָבען געקנאַקט זיינע ציינער.

ראָמאַשאָוו איז איילענדיג, כמעט לויפענדיג דורכגעגאַנגען פאַר־ביי. ער האָט ניט געהאַט קיין מוט איינצושטעלען זיך פאַר כליעב־ניקאָוו'ן. און צו דער זעלבער צייט האָט ער קרענקליך דערפיהלט, אַז זיין אייגענער שיקזאַל און דער שיקזאַל פון דעם דאָזיגען אומגליקלי־כען, דערשראָקענעם, פאַרמאַטערטען סאָלדאַט האָבען זיך מאָדנע־נאָהנט און עקעלהאַפט צונויפגעפלאָכטען פאַר היינטיגען טאָג. אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען צוויי קאַליקעס, וואָס ליידען פון דער זעלבער קרענק און דערוועקען אין מענשען דעם זעלבען אבשטויסונגס־געפיהל. און כאָטש דער דאָזיגער באַוואוסטזיין האָט צוגעגעבען ראָמאַשאָוו'ן שטעכיגען בזיון און עקעל, נאָר אין דעם איז אויך געווען עפּעס אוי־סערגעוועהנליכעס, טיפעס, און ווירקליך־מענשליכעס.

.16

פון לאַגער אין שטאָדט אריין האָט געפיהרט נאָר איין וועג — דורך דער אייזענבאַהן־ליניע, וועלכע איז אויף דעם אָרט דורכגעגאַנגען אין אַ טיפען טאָל. ראָמאַשאָוו האָט זיך שנעל אַראָפּגעלאָזען פון בער־געל און האָט זיך גענומען ארויפקלייבען אויף דעם צווייטען בערגעל פון דער אַנדער זייט. נאָך פון מיטען האָט ער באַמערקט, אַז עמיצער שטעהט פון אויבען אין אַ מונדיר מיט דעם אויבערמאַנטעל אויף די אַקסלען. אָפּשטעלענדיג זיך אויף אַ ווייל און צוקוקענדיג זיך, האָט ער דערקענט ניקאָלאַיעוו'ן.

„באַלד וועט פאָרקומען דאָס אומאַנגענעמסטע!" — האָט ראָמאַ־שאָוו אַ טראַכט געטאָן. דאָס האַרץ האָט איהם גענומען נאַגען פון אַ שווערען פאָרגעפיהל. דאָך האָט ער זיך ווייטער גענומען אויפ־הויבען אויפ'ן בערגעל.

די אָפּיצערען האָבען זיך שוין ניט געזעהן פאַר פינף טעג, נאָר אויך איצטער האָבען זיי זיך ניט באַגריסט, און ראָמאַשאָוו האָט אין

דעם ניט איינגעזעהן קיין אויסאָרדענטליכעם — פונקט ווי אנדערש האָט גאָר ניט געקאָנט זיין אין דעם היינטיגען שווערען, מאָדנעם טאָג. קיינער פון זיי האָט זיך אפילו מיט דער האַנט צום היטעל ניט צוגע־ריהרט.

— איך האָב דאָ אבזיכטליך געוואַרט אויף אייך, יורי אלעקס־סעאיטש, — האָט ניקאָלאַיעוו געזאָגט, קוקענדיג איבער ראָמאַשאָוו׳ס אקסעל ערגעץ אין דער ווייטעניש אויפ׳ן לאַגער.

— איך בין אייך גרייט צו דיענען, וולאַדימיר יעפימיטש, — האָט ראָמאַשאָוו געענטפערט מיט א פאַלשער פריינדליכקייט, נאָר מיט א שטימע, וואָס האָט א ציטער געטאָן. ער האָט זיך איינגעבויגען, אויסגעריסען א פאַראַיאַריגס, טרוקען ברוין גרעזעל און האָט עס פאַר־טראַכטערהייט אריינגעלעגט אין מויל. צו דער זעלבער צייט האָט ער געקוקט ווי אין די קנעפלאך פון ניקאָלאַיעווס מאַנטעל, האָט זיך אָפּגע־שפּיגעלט זיין אייגענע פיגור מיט א שמאָל, קליין קעפּעל און קליינע פיסלאך, אָבער העסליך א ברייטע אין די זייטען.

— איך וועל אייך לאַנג ניט אויפהאַלטען. נאָר אויף צוויי ווער־טער, — האָט ניקאָלאַיעוו געזאָגט. ער האָט ארויסגערעדט די ווער־טער זעהר ווייך, מיט דער פאַרגרעסערטער העפליכקייט פון אַן אויפ־געכאַפּטען בייזען מענשען, וועלכער האָט באַשלאָסען צו זיין צוריק־געהאַלטען. נאָר אזוי ווי מיט יעדער סעקונדע איז אַלץ אונאַנגענעמער געוואָרען צו ריידען, אויסמיידענדיג מיט די אויגען איינער דעם צוויי־טען, האָט ראָמאַשאָוו פרעגענדיג פאָרגעלעגט:

— געהען מיר?

דאָס אויסגעקרימטע שטעגעל, וואָס איז געוועזען אויסגעטראָטען פון פוסגעהער, האָט געפיהרט דורך א גרויסען בוראַקעס פעלד. פון דער ווייטענס האָבען זיך געזעהן ווייסע הייזלאך און די רויטע ליי־מענע דעכער פון שטאָט. די אָפיצערען זיינען געגאַנגען גלייך, לאַ־זענדיג איינער דעם אנדערען דעם וועג, און האָבען געטראָטען איבער די גדיכטע גראָז, וואָס האָט געסקריפּעט אונטער זייערע פיס. אביסעל צייט האָבען ביידע געשוויגען, ענדליך האָט ניקאָלאַיעוו הויך, קענטיג מיט מאַטערניש, ציהענדיג דעם אָטעם, אָנגעהויבען צו ריידען דער ערשטער:

— איך דאַרף פריהער פון אַלץ שטעלען אייך א פראַגע: בא־

ציהט איהר זיך מיט געגוג אכטונג צו מיין פרוי... צו אלעקסאנדרא פעטראָוונא?

— איך פאַרשטעה ניט, וולאדימיר יעפימיטש... — האָט ראָמאַ־שאָוו געענטפערט. — איך פון מיין זייט דאַרף אייך אויך פרעגען...

— ערלויבט נאָר! — האָט זיך ניקאָלאַיעוו מיט אַ מאָל גענומען היצען. — לאָמיר פרעגען איינציגוויין, פריהער איך, נאָכדעם איהר. אנדערש וועלען מיר זיך ניט צונויפרעדען, לאָמיר ריידען גלייך און אָפען. ענטפערט מיר פריהער פון אַלץ:

אינטערעסירט אייך, כאָטש וויפיעל ניט איז דאָס וואָס מען רעדט וועגען איהר און וואָס מען פיהרט רכילות? נו. מיט איין וואָרט... צום טייוועל!... איהר רעפּוטאַציע? ניין, ניין, וואַרט אויס, שלאָגט מיך ניט איבער... איך האָף, אַז איהר וועט דאָך ניט לייקענען, אַז איהר האָט פון איהר און פון מיר ניט געזעהן קיין זאך אויסער גוטעס, און אַז איהר זייט ביי אונז אין הויז געווען אויפגענומען ווי אַ נאָהנטער מענש, כמעט ווי אַן אייגענער.

ראָמאַשאָוו איז אַראָפּ פון שטענגעל אויף דער ווייסער ערד, האָט זיך אויסגעגליטשט און פאַרשעמטערהייט אַרויסגעמורמעלט:

— גלויבט מיר, איך וועל אַלע מאָל אייך און אַלעקסאַנדרא פּעט־ראָוונא דאַנקבאַר זיין...

— אַך, ניין, ניין, ניט וועגען דעם רעדט זיך, גאָר ניט וועגען דעם. איך זוך ניט אייער דאַנקבאַרקייט, — איז ניקאָלאַיעוו בייז געוואָרען. — איך וויל אייך נאָר זאָגען, אַז וועגען מיין ווייב געהט אַ רכילות, וועלכע... נו, דאָס הייסט, אין וועלכער... — ניקאָלאַיעוו האָט אָנגע־הויבען שווער צו אָטעמען און האָט אָפּגעווישט זיין געזיכט מיט'ן טי־כעל. — נו, מיט איין וואָרט, איהר זייט דאָ אויך פאַרמישט. מיר ביידע — איך און זי — באַקומען כמעט יעדען טאָג עפּעס נידערטרעכ־טיגע פּאַסקווילען. איך וועל זיי אייך ניט געמען באַווייזען... דאָס איז פאַר מיר עקעלהאַפט. און אין די בריוו ווערט געזאָגט... — ניקאָ־לאַיעוו האָט זיך אַ ווייליע אָפּגעשטעלט. — נו, יע, צום טייוועל! דאָרט ווערט געזאָגט, אַז איהר זייט אַלעקסאַנדרא פּעטראָוונאַס געליעב־טער, און אַז... אַך, וואָס פאַר אַ נידערטרעכטיגקייט!.. נו און אַזוי, ווייטער... אַז ביי אייך קומען פאַר אַלע טאָג געהיימע באַגעגענישען, און אַז דער גאַנצער פאָלק וויים פון דעם. אַזאַ געמיינהייט!

ער האָט פון כעס אַ קריץ געטאָן מיט די ציינער און אַ שפּיי געטאָן.

— איך ווייס, ווער האָט דאָס געשריבען, — האָט שטיל געזאָגט ראַמאַשאָוו, אָפּקערענדיג זיך אָן דער זייט.

— איהר ווייסט? — ניקאָלאַיעוו האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט איהם גראָב אָנגעכאַפּט פאַר'ן ארבעל. עס איז קענטיג געווען, אַז דער פּלוצלונגדיגער אויסברוך פון כעס האָט מיט איינמאָל צובראָכען זיין געקינסטעלטע צוריקגעהאַלטענקייט. זיינע אָקסענע אויגען זיינען ברייטער געוואָרען, זיין פּנים האָט זיך מיט בלוט אָנגעגאָסען, און אויף די ווינקלען פון זיינע ציטערענדיגע ליפּען האָט זיך באַוויזען אַ שוים. ער האָט בייז אָנגעהויבען צו שרייען, אָנבויגענדיג זיך פאָראויס און דערנעהנטערענדיג זיין געזיכט צו ראַמאַשאָווס:

— היינט ווי אזוי וואַגט איהר צו שווייגען, אויב איהר ווייסט! אין אייער לאַגע איז די פליכט פון יעדען מעהר אָדער ווייניגער אַנשטענדיגען מענשען — צו פאַרמאַכען די מיילער פון די פּאַרשידענע אויסוואורפען. איהר הערט... אַרמעאישער דאָן־זשואַן! אויב איהר זייט אַן עהרליכער מענש, און ניט עפּעס אַ.....

ראַמאַשאָוו האָט בלייכווערענדיג אַ קוק געטאָן מיט האַס אין ניקאָלאַיעווס אויגען. די הענט און פיס זיינען ביי איהם פּלוצלונג שרעקליך שווער געוואָרען, דער קאָפּ איז געוואָרען אַ לייכטער, אַזוי ווי פּוסט, און דאָס האַרץ איז אַראָפּגעפאַלען ערגעץ טיף אין דער נידער און האָט זיך דאַרטען קרענקליך געשלאָגען, אויפטרייסלענדיג דעם גאַנצען קערפּער.

— איך וואָלט אייך געבעטען ניט שרייען אויף מיר, — האָט פאַרשטיקט און ציהענדיג די ווערטער ראַמאַשאָוו אַרויסגערעדט. — רעדט אַנשטענדיגער, איך וועל אייך ניט ערלויבען צו שרייען.

— איך שריי גאָר ניט אויף אייך, — האָט נאָך אַלץ גראָב, נאָר מיט אַ נידעריגער שטימע ניקאָלאַיעוו געענטפערט. — איך איבערצייג אייך, כאָטש איך האָב אַ רעכט צו פאָדערען. אונזערע פריהערדיגע באַציהונגען גיבען מיר דאָס רעכט אויף דעם. אויב אייך איז כאָטש וויפיעל ניט איז טייערער דער ריינער אומבאַפלעקטער נאָמען פון אַלעקסאַנדראַ פּעטראָוונאַ, דאַרפט איהר אַ סוף מאַכען צו דעם.

— גוט, איך וועל טאָן אַלץ וואָס איך קען — האָט טרוקען געענט־פערט ראָמאַשאָוו.

ער האָט זיך אומגעקערט און איז אַוועק פּאָראויס, אויפ׳ן מיטען פון דעם שטעגל. ניקאָלאַיעוו האָט איהם באַלד אָנגעיאָגט.

— און ווידער... איך בעט אייך, זייט ניט בייז... — האָט ניקאָ־לאַיעוו ווייכער געגומען ריידען, אַביסעל צומישט. — אויב מיר האָבען שוין אָנגעהויבען צו ריידען, איז שוין גלייכער צו דערענדיגען ביז׳ן סוף... ניט אמת?

— יע? — האָט ראָמאַשאָוו האַלב פרעגענדיג אַרויסגערעדט.

— איהר האָט אַליין געזעהן מיט וואָס פאַר אַ געפיהל פון סימ־פּאַטיע מיר האָבען זיך באַצויגען צו אייך, דאָס הייסט איך און אַלעק־סאַנדרא פּעטראָוונאַ. און אויב איך בין איצט געצוואונגען... אָך, איהר ווייסט דאָך אַליין, אַז אין דעם מיאוסען שטעטל איז ניטאָ שרעקליכערעס ווי רכילות!

— גוט, — האָט אומעטיג אָפּגעענטפערט ראָמאַשאָוו. איך וועל אויפהערען צו זיין ביי אייך. איהר האָט דאָך וועגען דעם געוואָלט מיך בעטען? נו, גוט. אייגענטליך האָב איך אַליין באַשלאָסען אויפ־צוהערען באַזוכען אייך. מיט עטליכע טעג צוריק בין איך אַריין צו אייך בלויז אויף פינף מינוט אומקערען אַלעקסאַנדרא פּעטראָוונאַ איהרע ביכער, און איך ערלויב מיר צו איבערצייגען אייך, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל.

— יע... אָט אזוי... — האָט אונענטשלאָסען ניקאָלאַיעוו אַרויס־גערעדט און איז געבליבען שווייגען אַ צוטומעלטער. די אָפיצערען זיינען דערווייל אַראָפּ פון שמאָלען שטעג און אַרויף אויפ׳ן שאָסע. ביז דער שטאָט איז נאָך פאַרבליבען ביי דריי הונדערט טריט, און אזוי ווי ריידען איז מעהר ניט געוועזן וועגען וואָס, זיינען זיי ביידע געגאַנ־גען שווייגענדיג, ניט קוקענדיג איינער אויף דעם צווייטען. ניט איי־נער פון זיי האָט געוואַגט זיך אָפּשטעלען אָדער אומקערען זיך. זייער לאַגע איז מיט יעדער מינוט געוואָרען אַלץ מעהר פאַלש און אָנגע־שטרענגט.

ענדליך, ביז די ערשטע הייזער פון שטאָט האָבען זיי געטראָפען אַ פוהרמאַן. ניקאָלאַיעוו האָט איהם צוגערופען:

— יע... אָט אזוי... — האָט ער ווידער אומזיניג אַרויסגערעדט,

וועגדענדיג זיך צו ראַמאַשאַווען. אויף ווידערזעהן, יורי אַלעקסע־איטש!

זיי האָבען זיך קיין הענט ניט געגעבען, נאָר ווען ראַמאַשאָוו האָט געקוקט אויף ניקאָלאַיעווס שטאַרקען ווייסען קאַרק, וועלכער האָט זיך פון איהם אין שטויב דערווייטערט, האָט ער זיך מיט א מאָל דערפיהלט אזוי ווי פאַרלאָרען פון דער גאַנצער וועלט, און אזוי עלענד, פונקט ווי מען וואָלט פון זיין לעבען אָפּגעשניטען דאָס גרעסטע און וויכטיגסטע.

ער איז לאַנגזאַם אַוועק אַהיים. היינאַן האָט נאָך איהם אויפ׳ן הויף באַגעגענט, נאָך פון ווייטענס פרעהליך און פריינדליך אויסשטע־לענדיג די ציין. אַראָפּנעמענדיג פון פּאָדפּאָרוטשיק דעם מאַנטעל, האָט ער די גאַנצע צייט געשמייכעלט פון פאַרגעניגען, און לויט זיין געוואוינהייט, צוגעטאַנצט אויפ׳ן אָרט שטעהענדיג.

— דו נאָך ניט געגעסען? — האָט ער געפרעגט מיט א מיט־פיהלענדער פאַמיליאַריטעט. — געוויס, הונגעריג? אָך באַלד וועל איך אין קלוב, דיר ברייגגען מיטאָג.

— געה צום טייוועל! — האָט אויף איהם ראַמאַשאָוו א געשריי געטאָן. — געה, געה און ניט וואַג צו מיר אין צימער אריינקומען. און ווער עס זאָל אויף מיר ניט פרעגען — בין איך אין דערהיים ניטאָ. אפילו דער מלך אליין מעג קומען.

ער האָט זיך געלייגט אויפ׳ן בעט און זיך איינגעגראָבען מיט׳ן קאָפּ אין קישען, איינעסענדיג זיך אין איהר מיט די ציינער. ביי איהם האָבען געברענט די אויגען. עפּעס שטעכיגעס האָט איהם פאַ־נאַנדערגעשפּאַרט און צו דער זעלבער צייט צוגויפגעדריקט דעם האַלז, און איהם האָט זיך געוואָלט וויינען. ער האָט זשעדנע געזוכט די דאָ־זיגע הייסע, זיסע טרערען, דעם לאַנגען ביטערען און ערלייכטענדען געוויין. און ער האָט ווידער און ווידער אַבזיכטליך ארויסגערופען אין זיין געדאַנק דעם פאַרשוואונדענעם טאָג, ארויסשטעלענדיג בולט׳ער די אַלע באַליידיגענדע און שענדליכע פּאַסירונגען, קוקענדיג אויף זיך אַליין אזוי ווי פון דער זייט, און זעהענדיג זיך א באַליידיג־טען, אומגליקליכען, שוואַכען און פאַרלאָזענעם, און רחמנות האָבענ־דיג אויף זיך אַליין, — נאָר די טרערען זיינען ניט געקומען.

נאָכדעם האָט פּאַסירט עפּעס מאָדנעס. ראַמאַשאָווען האָט זיך אויסגעוויזען, אז ער האָט גאָר ניט געשלאָפען, אפילו ניט איינגעדרי־

מעלט אויף א רגע, נאָר ער איז איינפּאַך בלויז איין מאָמענט געלע־גען, אָהן געדאַנקען, מיט פאַרמאַכטע אויגען. און פּלוצלונג האָט ער זיך אליין געפונען א וואַכענדיגען, מיט דער פריהערדיגער בענקעניש אין דער נשמה. נאָר אין צימער איז שוין געווען פינסטער. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז אין דעם דאָזיגען אומפאַרשטענדליכען צושטאַנד פון גייסטליכער פאַרגליווערונג, זיינען אריבער פינף שטונדען.

איהם האָט זיך פאַרוואָלט עסען. ער איז אויפגעשטאַנען, אָנ־געבונדען די שווערד, ארויפגעוואָרפען דעם מאַנטעל אויף די אקסלען און איז אוועק אין קלוב. דאָס איז געווען ניט ווייט, איינגאַנצען א צוויי הונדערט טריט, און אהין פלעגט ראָמאַשאָוו געהן אלע מאָל ניט פון גאַס, נאָר פון הויף, דורך גערטנער און צאַמען.

אין עס־צימער, אין ביליאַרד־צימער און אין קיך האָבען העל גע־ברענט די לאָמפּען, און דורך דעם האָט דער שמוציגער הויף פון אָפיצערען־קלוב אויסגעזעהן שוואַרץ, אזוי ווי מיט טינט פאַרגאָסען. די פענסטער זיינען אומעטום געווען ברייט צועפענט. פון דאָרטען האָט זיך דערטראָגען א געשפּרעך, א געלעכטער, געזאַנג און קלעפּ פון בי־ליאַרד־קוילען.

ראָמאַשאָוו איז שוין ארויף אויפ'ן הינטערשטען גאַניק, נאָר ער האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, אויפכאַפּענדיג פון עס־צימער די בייזע און אָפּלאַכענדע שטימע פון קאַפּיטאַן סליוואַ. דאָס פענסטער איז געווען אין צוויי טריט פון ראָמאַשאָוון, און פאָרזיכטיג אריינ־קוקענדיג אין איהם, האָט ראָמאַשאָוו דערזעהן דעם איינגעהויקערטען רוקען פון זיין ראָטע־קאָמאַנדיר.

— די גאַנצע ראָטע געהט ווי איין מענש — איינס! איינס! איינס! און ד א ס א ל י י ן, אזוי ווי אויף א געלעכטער — אָ! אָ! — ווי יענער באָק. — ער האָט עטליכע מאָל שנעל און העסליך א מאַך געטאָן מיט'ן צייג־פינגער אין דער הויך. — איך האָב איהם גלייך, אָהן צערעמאָניעס געזאָגט: נעהט אוועק, מיין טייערינקער, אין אן אנדער ראָטע. און נאָך בעסער וואָלט פאַר אייך זיין איינגאַנצען ארויסצוגעהן פון פּאָלק. וואָס פאַר אן אָפיצער, צום טייוועל, קאָן פון אייך ארויסקומען? אזוי עפּעס א...

ראָמאַשאָוו האָט פאַרמאַכט די אויגען און זיך צונויפגעקאָרטשעט. איהם האָט זיך געדאַכט, אז אויב ער וועט זיך נאָר א ריר טאָן איצטער,

װעלען די אַלע, װעלכע זיצען אַרום טיש, דאָס באַמערקען און זיך אַרױסרוקען פֿון פענסטער. אַזױ איז ער געשטאַנען אַ מינוט אָדער צװײ. נאָכדעם, באַמיהענדיג זיך צו אַטעמען װי מעגליך שטילער, אײנגעהױקערט און אײנציהענדיג דעם קאָפּ אין די אַקסלען, האָט ער זיך אױף די שפּיצען פֿינגער געלאָזט געהן אין דער לענג פֿון דער װאַנט; ער איז דורכגעגאַנגען, פֿאַרשנעלערענדיג די טריט ביז'ן טױער, און שנעל דורכלױפֿענדיג די באַלױכטענע גאַס, האָט ער זיך באַהאַלטען אין דעם געדיכטען שאָטען פֿון דעם אַנטקעגענדיגען פּלױט.

ראָמאַשאָװ האָט זיך אין דעם אָװענט לאַנג געדרעהט איבער'ן שטאָט, האַלטענדיג זיך די גאַנצע צײט אין די שאָטענדיגע זײטען, נאָר ניט װיסענדיג איבער װעלכע גאַסען ער שפּאַנט. אײנמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגען ניקאָלאַיעװס הױז, װאָס האָט זיך העל אַרױסגעזעהן אין לבנה־ליכט, קאַלט, גלאַנציג און מאָדנע שײנענדיג מיט זײן גרינעם מעטאַלענעם דאַך. די גאַס איז געװען טױט־שטיל, אומבאַלעבט און האָט אױסגעזעהן װי אומבאַקענט. די גלײכע דײט־ליכע שאָטענס פֿון די הײזער און פֿון די פּלױטען האָבען געטײלט דעם ברוק אױף העלפֿט, — אײן העלפֿט איז געװען אײנגאַנצען אַ שװאַרצע, און די אַנדערע האָט טונקעל געגלאַנצט מיט איהרע קײלעכדיגע שטײנער.

אַהינטער די טונקעל־רױטע געדיכטע פֿאָרהאַנגלאַך האָט װי אַ גרױסער װאַרימער פֿלעק געברענט אַ לאָמפּ. — ליעבע, פֿיהלסטו דען ניט, װי מיר איז אומעטיג, װי איך לײד, װי איך ליעב דיך! — האָט ראָמאַשאָװ געשעפּטשעט מאַכענדיג אַ װײנענדיג געזיכט און פּעסט צודריקענדיג בײדע הענט צו זײן ברוסט.

איהם איז פּלוצלונג אַרײן אין קאָפּ צװינגען שוראָטשקען, אַז זי זאָל איהם דערהערען און פֿאַרשטעהן אױף אַ שטרעקע, דורך די װענט פֿו צימער. דאַן, צונױפֿדריקענדיג די פֿױסטען אַזױ שטאַרק, אַז אונ־טער די נעגעל האָט איהם גענומען װעה טאָן, קראַמפּהאַפּט צונױפּ־פּרעסענדיג די צײנער, מיט אַ געפֿיהל פֿון קאַלטע מוראַשקעס איבער'ן גאַנצען קערפּער, האָט ער אָנגעהױבען צו איבערחזר'ן אין זינען, לײ־דענשאַפֿטליך אָנשטרענגענדיג זײן גאַנצען װילען:

„גיב אַ קוק אין פענסטער... געה צו צו דעם פֿאָרהאַנג. שטעה אױף פֿון דיװאַן און געה צו צום פֿאָרהאַנג. קוק אַרױס, קוק אַרױס,

קוק ארוים. דו הערסט, איך באפעהל דיר, שוין געה צו דעם פענס־טער!"

די פאַרהאַנגלאַך זיינען געבליבען אומבאַוועגליך. — דו הערסט מיך ניט! — האָט מיט אַ ביטערען פאַרוואורף ראַמאַשאָוו שטיל ארויסגערעדט. — דו זיצסט דאָרטען מיט איהם ארום לאָמפּ, אַ רוהיגע, גלייכגילטיגע און אַ שעהנע. אך מיין גאָט, מיין גאָט, ווי אומגליק־ליך איך בין!

ער האָט אַ זיפץ געטאָן, און מיט מידע טריט, נידריג אראָפּלאָ־זענדיג דעם קאָפּ, איז ער אוועק ווייטער.

ער איז דורכגעגאַנגען אויך פאַרביי נאַזאַנסקים וואוינונג, נאָר דאָרטען איז געווען פינסטער. ראַמאַשאָווען, האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז עמיצער אַ ווייסער איז דורכגעגאַנגען פאַרביי די פענסטער איבער דעם ניט באַלויכטען צימער, נאָר איהם איז געוואָרען אומעטיג, און ער האָט ניט געוואָגט צו אָפּרופען נאַזאַנסקין.

אין עטליכע טעג שפּעטער פלעגט ראַמאַשאָוו דערמאָנען אַזוי ווי אַ ווייטען אומפאַרגעסליכען חלום, זיין פאַנטאַסטישען שפּאַציער. ער וואָלט אַליין ניט געקאָנט זאָגען, ווי אַזוי ער איז געקומען צו דעם אי־דישען בית עולם. דער בית עולם איז געווען אהינטער שטאָט אויף אַ בארג ארומגעצאַמט מיט אַ ווייסער וואַנט, אַ שטילער און אַ געהיי־מער. פון די ליכטיגע, שלאָפעדיגע גראָז, האָבען זיך טרויעריג גע־הויבען אין דער הויך הוילע, איינזאַמע, קאַלטע שטיינער, וואַרפענדיג פון זיך דינע, עהנליכע שאָטענס. און איבער'ן בית עולם האָט שוויי־גענדיג און שטרענג געהערשט די ערהאָבענע איינפאַכקייט פון עלענד.

נאָכדעם האָט ער זיך דערזעהן אויפ'ן אַנדער עק שטאָט. קאָן דען זיין, אַז דאָס איז ווירקליך געווען אין שלאָף? ער איז געשטאַנען אויפ'ן מיטען פון דער לאַנגער, איינגעטראָטענער גלאַנצענדיגער הרעב־ליע, וועלכע האָט איבערגעהאַקט דעם טייך בוג. דאָס שלאָפעדיגע וואַסער האָט זיך געדיכט און פויל געוויגט אונטער זיינע פיס, מעלאָ־דיש קלאַפּענדיג זיך אָן דער ערד, און די לבנה האָט זיך אין איהר ווי־גענדיגער פלאַכקייט אָפּגעשפּיגעלט, ווי אַ ציטערדיגער זייל, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שווענקען זיך אין וואַסער מיליאָנען זיל־בערנע פישעלאַך, אוועקגעהענדיג דורך אַ שמאָלען שטעגעל צו דעם ווייטען ברעג, דעם פינסטער־שווייגענדיגען און ווּסטען. און נאָך

אַ זאַך האָט ראָמאַשאָוו גוט געדענקט, אַז אומעטום, — אי אויף די גאַסען, אי אהיינטער שטאַט — איז איהם נאָכגעגאַנגען אַ זיסער צאַרט־גנב'ישער גערוך פון בליהענדיגע ווייסע אַקאַציעס.

מאָדנע געדאַנקען זיינען איהם געקומען אויפ'ן זינען אין דער דאָזיגער נאַכט, — איינזאַמע געדאַנקען, אָט אומעטיגע, אָט שרעקליכע, אָט קליינליכע, קינדעריש־נאַרישע. אָפטער פון אַלץ, פלעגט זיך איהם, ווי אַ ניט געניטען קאָרטען־שפּילער וועלכער האָט אין איין אוועגט פאַרשפּילט זיין גאַנצען אייגענס, פאַרשטעלען מיט אַ רייצענדער קלאָרקייט, אַז קיינע אומאַנגענעמליכקייטען זיינען גאָר ניט פאָרגעקומען, אַז דער שעהנער פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו איז זעהר גוט דורכגעגאַנגען זיך אין דעם צערעמאָניאַל־מאַרש פאַרביי דעם גענעראַל, הערענדיג שבחים פון אַלע זייטען, און אַז ער אַליין זיצט איצטער מיט די חברים אין דעם ליכטיגען עס־צימער פון אָפיצערען־קלוב און לאַכט און טרינקט רויטען וויין. אָבער יעדעס מאָל פלעגען זיך זיינע טרוימען איבעררייסען מיט די עראינערונגען וועגען פעדאָראָווסקי'ס זידלעריי, וועגען די גיפטיגע ווערטער פון דעם ראָטנע־קאָמאַנדיר, וועגען דעם געשפּרעך מיט ניקאָלאַיעוו'ן, און ראָמאַשאָוו האָט זיך ווידער געפיהלט אויף שטענדיג פאַרשעמט און אומגליקליך.

אַ געהיימער אינערליכער אינסטינקט האָט איהם געבראַכט צו יענעם אָרט, וואו ער איז זיך היינט צוגאַנגען מיט ניקאָלאַיעוו'ן. ראָמאַשאָוו האָט געטראַכט וועגען זעלבסטמאָרד, אָבער געטראַכט אָהן ענטשלאָסענהייט, אָהן שרעק, מיט עפּעס אַ באַהאַלטענעם געפיהל פון אַנגענעמער זעלבסטליעבע. זיין געוועהנליך ריינע פאַנטאַזיע האָט פאַר איהם אויפגעדעקט דעם גאַנצען שרעק פון דעם געדאַנק, באַפּאַרבענדיג איהם מיט העלע בילדער.

„אָט איז היינאַן אַרויסגעשפּרונגען פון ראָמאַשאָוו'ס צימער. זיין געזיכט איז צוקרימט פון שרעק. אַ בלייכער, אַ ציטערענדיגער לויפט ער אַריין אין עס־צימער פון קלוב, וועלכער איז פול מיט מענשען. אַלע, ניט ווילענדיג, הויבען זיך אויף פון די ערטער, ווען ער קומט אַריין. „אייער הויכגעבורט... דער פּאָדפּאָרוטשיק... האָט זיך דערשאָסען !...„ רעדט קוים אַרויס היינאַן. אַן אַלגעמיינער טומעל. געזיכטער ווערען בלייך. אין אויגען שפּיגעלט זיך אָפּ שרעק. „ווער האָט זיך דערשאָסען ? וואו ? וועלכער פּאָדפּאָרוטשיק ״ „מיינע

הערען, דאָס איז דאָך ראָמאַשאָוו'ס דיענער!", דערקענט עמיצער הײנאַנ'ען. „דאָס איז דאָך דער טשערמים". אַלע לויפען צו זײן וואויִנונג, אײניגע אָהן היטלען. ראָמאַשאָוו ליגט אויפ'ן בעט. אַ טײך בלוט אויפ'ן דיל, און דאָרטען וואַלגערט זיך אַ פּיסטאָלעט פון רעגירונגס מוסטער... דורך די פיעלע אָפיצערען, וועלכע האָבען זיך אָנגעקליבען אין צימער, שלאָגט זיך קוים דורך דער פאָלק־דאָקטאָר זנאָיקאָ. „אין שלייף!", זאָגט ער ארוים שטיל אין דעם אַלגעמײנעם שווײגען. „אַלץ איז שוין געענדיגט". עמיצער באַמערקט שטילערהייט: „נעמט אראָפּ די היטלען". פיעלע צלמ'ענען זיך. וועטקין געפינט אויפ'ן טיש אַ צעטעל, וואָס איז געשריבען געוואָרען מיט אַ בלײ־פען און לייענט איהם הויך: „איך בין אַלעמען מוחל, איך שטאַרב מיט מײן אײגענעם ווילען, דאָס לעבען איז אַזוי שווער און אומעטיג! לאָזט וויסען, וואָס מעהר פאָרזיכטיג, מײן מוטער וועגען מײן טויט. געאָרגי ראָמאַשאָוו." אַלע קוקען זיך איבער און אַלע לייענען אײנער ביי דעם צווייטען אין די אויגען דעם זעלבען ניט ארויסגעזאָגטען אומרוהיגען געדאַנק: „דאָס זײנען מיר זײנע מערדער!"

„שטיל וויגט זיך אום די טרונע אונטער אַ סאַמעט־גאָלדענעם צודעק אויף די הענט פון אַכט חברים. אַלע אָפיצערען געהען נאָך. אַהינטער זיי — די זעקסטע ראָטע. קאַפּיטאַן סליוואַ במורעט זיך בייז. וועטקינ'ס גוטער פּנים איז פאַרשוואָלען פון טרערען, נאָר איצטער, אויף דער גאַס, האַלט ער זיך אויף. לבאָוו וויינט אויפ'ן קול, ניט באַהאַלטענדיג און ניט שעמענדיג זיך פאַר זײן צער, — אַ ליעבער, גוטער אינגעל! אַזוי ווי טיפע, טרויעריגע געוויינען טראָגען זיך אין דער פריהלינגדיגער לופט די קלאַנגען פון דעם טרויער־מאַרש. דאָ זײנען אויך אַלע פאָלק־דאַמען און שוראָטשקאָ. „איך האָב איהם געקושט!" — טראַכט זי אין פאַרצווייפלונג. „איך האָב איהם ליעב געהאַט! איך וואָלט איהם געקאָנט אָפּהאַלטען, ראַטעווען!" „צו שפּעט!" — טראַכט, ענטפערענדיג איהר, מיט אַ ביטערען שמייכעל ראָמאַשאָוו!"

„שטיל ריידען צווישען זיך די אָפיצערען, וואָס געהען אַהינטער דעם ארון. עך, אַ רחמנות אויף דעם אומגליקליכען! ער איז דאָך געוועזען אַזאַ וואוילער חבר, אַזאַ שעהנער, פעהיגער אָפיצער!... יע... מיר האָבען איהם ניט פאַרשטאַנען!" אַלץ שטאַרקער קלאָגט דער טרויער־

מאַרש: דאָס איז בעטהאָווענ'ס מוזיק „צו דעם טויט פון אַ העלד“. און ראָמאַשאָוו ליגט אין טרונע אַן אומבאַוועגליכער, אַ קאַלטער, מיט אַן אייביגען שמייכעל אויף די ליפען. אויפ'ן ברוסט ביי איהם ליגט אַן איינפאַכער פיאַלקען־בוקעט, — קיינער ווייס ניט וועמעס האַנט האָט די בלומען אַוועקגעלייגט. ער האָט אַלעמען מוחל געווען: שור־ראָטשקאַ'ן, סליוואַ'ן, פעדאָראָווסקי'ן, דעם קאָרפּוס־קאָמאַנדיר. זאָלען זיי נאָך איהם ניט וויינען. ער איז געווען צו ריין פאַר דעם לעבען! איהם וועט זיין בעסער ד אָ ר ט ע ן!“

טרערען האָבען זיך אין זיינע אויגען געשטעלט, נאָר ער האָט זיי ניט אויסגעווישט. איהם איז געווען אַנגענעם צו טראַכטען וועגען זיך ווי וועגען אַ באַוויינטען, און אומגערעכט באַליידיגטען!

איצטער איז ער געגאַנגען איבער אַ בוראַקעם פעלד. די נידעריגע דיקע בלעטער האָבען זיך געקאָלירט אונטער זיינע פיס אין ווייסע און טונקעלע פלעקען. די ברייטקייט פון דעם לבנה־באַלויכטענעם פעלד האָט ראָמאַשאָוו'ן געדריקט. דער פּאָדפּאָרוטשיק איז אַרויפגעקראָכען אויף אַ קליין בערגעל און איז געבליבען שטעהן פון אויבען, איבער דער אייזענבאַהן־ליניע.

די זייט איז געווען אינגאַנצען אין שוואַרצען שאָטען, און אויף דער צווייטער זייט איז געפאַלען אַ העל־בלייכע ליכטיגקייט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט געקאָנט זעהן אויף איהר יעדעס גרעזעל. דער טאָל האָט זיך, ווי אַ פינסטערער אָפּגרונט, געצויגען אַראָפּ, אין דער נידער. אויף זיין דעק האָבען קוים געגלאַנצט די געפּאָלירטע רעלסען. ווייט אַהינטער'ן טאָל האָבען זיך געבלייכט אין מיטען פעלד די גלייכע רייהען פון די שאַרפעקיגע ביידלאַך.

אַ ביסעל נידעריגער פון בערגעל, אין דער לענג פון וועג, האָט זיך געצויגען אַ נידעריגערער בערגעל, אַזוי ווי אַ טרעפּ. ראָמאַשאָוו האָט זיך אַהין אַראָפּגעלאָזען און האָט זיך געזעצט אויפ'ן גראָז. פון הונגער און מידקייט האָט ער געפיהלט אַן איבעל צוזאַמען מיט אַ געפיהל פון אַ ציטער און שוואַכקייט אין די פיס. דאָס גרויסע וויסטע פעלד, דער טאָל — האַלב אין ליכט און האַלב אין שאָטען, די טונקעל־דורכזיכטיגע לופט, דאָס טויאיגע גראָז, אַלץ איז געווען פאַרזונקען אין אַ פיהלבאַרער גנב'ישער שטילקייט, פון וועלכער עס האָט הילכיג געקלונגען אין די אויערען. פון צייט צו צייט פלעגען אויף דער סטאַנ־

ציע שרייען די מאַנעווּרירענדע לאָקאָמאָטיוועז און אין דעם שווײַגען פון דער מאָדנער נאַכט פלעגען זייערע אָפּגעריסענע קלאַנגען אָננעמען א לעבעדיגען, אומרוהיגען און דראָהענדען אויסדרוק.

ראָמאַשאָוו האָט זיך געלייגט אויפ'ן רוקען. ווייסע, לייכטע וואָלקענס זיינען געשטאַנען אומבאַוועגליך און איבער זיי האָט שנעל געשוואומען די קיילעכדיגע לבנה. וויסט, ריזיג און קאַלט איז געווען פון אויבען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע שטרעקע פון ערד ביז'ן הימעל איז אָנגעפילט מיט אייביגען שרעק און אייביגער בענקעניש. „דאָרטען איז גאָט!" — האָט ראָמאַשאָוו א טראַכט געטאָן, און פלוצלונג, אין א נאַאיווען אויסברוך פון דער באַליידיגונג און מיטלייד צו זיך אַליין, האָט ער שטילערהייט ליידענשאַפטליך און ביטער גענומען ריידען:

— גאָט! פאַרוואָס האָסטו זיך פון מיר אָפּגעקערט איך בין דאָך קליין און שוואַך, איך בין דאָך — א זעמדעל וואָס האָב איך דיר שלעכטס געטאָן, גאָט? דו קאָנסט דאָך אַלץ, דו ביזט דאָך א גוטער, דו זעהסט אַלץ — פאַרוואָס ביזטו געגען מיר אומגערעכט, גאָט?

נאָר ער האָט זיך דערשראָקען און האָט שנעל און הייס גענומען שעפּטשען:

— ניין, ניין, גוטער, ליעבער, זיי מיר מוחל! איך וועל מעהר ניט זאָגען — און מיט עניות'דיגער אונטערטעניגקייט האָט ער צוגעגעבען: — טו מיט מיר אַלץ וואָס דו ווילסט. איך וועל אַלץ צונעמען מיט דאַנקבאַרקייט.

אזוי האָט ער גערעדט און צו דערזעלבער צייט האָט זיך אין די טיפע באהעלטענישען פון זיין נשמה באַוועגט אַן אומשולדיג־כיטרער געדאַנק, אַז זיין געדולדיגע אונטערטעניגקייט וועט ריהרען און דערווייכערען דעם אַלזעהענדיגען גאָט, און דאַן וועט פלוצלונג געשעהן א נס, דורך וועלכען אַלעס שווערעס און אומאַנגענעמעס, וואָס האָט היינט פּאַסירט, וועט זיך אַרויסווייזען בלויז אַלס א בייזער חלום.

„וואו ביזטו דאַ־דאָ?" האָט בייז און אייַלענדיג דער לאָקאָמאָטיוו געשריען. און א צווייטער האָט מיט א נידעריגען טאָן אונטערגעכאַפּט געצויגען און מיט א דראָהונג:

„איך וועל אויך!"

עפּעס האָט אַ רויש געטאָן און זיך באַוויזען אויף יענער זייט טאָל, אויפ'ן רעכטען שפּיץ פון דעם באַלויכטענעם בערגעל. ראַמאַ־שאָוו האָט עטוואָס אויפגעהויבען דעם קאָפּ, כדי בעסער צו זעהן. עפּעס גרויסעס, אָהן אַ פאָרם, וועניג ענליך צו אַ מענשען, האָט זיך אַראָפּגעלאָזען פון אויבען, קוים אויסטיילענדיג זיך פון דעם גראָז אין דעם טויט־מוטנעם שיין פון דער לבנה. בלויז לויט די באַוועגונגען פון קערפּער און נאָך דעם לייכטען גערויש פון דעם פאַלענדען זאמד האָט מען איהם געקאָנט נאָכקוקען.

אָט איז עמיצער אַריבערגעגאַנגען די רעלסען. „דאַכט זיך — אַ סאָלדאַט?“ האָט ביי ראַמאַשאָוו'ן אַ בלאַנק געטאָן אַן אומרו־היגער געדאַנק. „אַלענפאַלס, איז דאָס אַ מענש. נאָר אַזוי מאָדנע קאָן געהן אַ לונאַטיקער אָדער אַ שיכור. ווער איז דאָס?“

דער גרויער מאַן איז אַריבער די רעלסען און איז אַריין אין שאָ־טען. איצטער האָט מען שוין דייטליך געקאָנט זעהן, אַז דאָס איז אַ סאָלדאַט. ער איז לאַנגזאַם און ניט געשיקט אַרויפגעקראָכען אויפ'ן בערגעל, פאַרשווינדענדיג אויף אַ ווייַלע פון ראַמאַשאָוו'ס בליק. נאָר עס זיינען אַריבער צוויי אָדער דריי מינוטען און פון אונטען האָט זיך גענומען לאַנגזאַם אויפהויבען אַ קיילעכדיגער, געשאָרענער קאָפּ אָהן אַ היטעל.

דאָס מוטנע ליכט איז געפאַלען גלייך אויפ'ן פּנים פון דעם מענ־שען, און ראַמאַשאָוו האָט דערקענט דעם לינקפלאַנקיגען סאָלדאַט פון זיין האַלבע ראָטע — כלעבניקאָוו'ן. ער איז געגאַנגען מיט אַ הוילען קאָפּ, האַלטענדיג דאָס היטעל אין דער האַנט מיט אַ בליק, גע־ווענדעט לעבענסלאָז פאָראויס. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך באַוועגט אונטער דער ווירקונג פון עפּעס אַ פרעמדער, אינערליכער, געהיימער קראַפט. ער איז אַזוי נאָהענט דורכגעגאַנגען לעבען אָפיצער, אַז ער האָט איהם כמעט באַריהרט מיט דער פּאָלע פון זיין מאַנטעל. אין די שוואַרצאַפּלען פון זיינע אויגען האָט זיך דאָס ליכט פון דער לבנה אָפּגעשפּיגעלט אין שאַרפע, העלע פינטלאַך.

— כלעבניקאָוו! דו? — האָט איהם ראַמאַשאָוו אָפּגערופען.

— אַך! — האָט דער סאָלדאַט אויסגעשריען, און פּלוצלונג שטעהן בלייבענדיג, איז ער אויפ'ן אָרט פאַרציטערט געוואָרען פון שרעק.

ראַמאַשאָוו האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבען. ער האָט דערזעהן פאַר זיך אַ טויטען צוריסענעם פּנים, מיט צושלאָגענע, פאַרשוואָלענע, צובלוטיגטע ליפּען, מיט אַ פאַרשוואומענעם אויג פון די ביילען. אין דער נאַכט־באַלייכטונג האָבען די שפּורען פון די קלעפּ געהאַט אַ שרעקליכען אויסזעהן. און קוקענדיג אויף כלעבניקאָוו'ן, האָט ראַ־מאַשאָוו אַ טראַכט געטאָן: „אָט דער מענש האָט מיט מיר צוזאַמען געבראַכט היינט אַ צרה דעם גאַנצען פאָלק. מיר זיינען ביידע אין דער זעלבער מאָס אומגליקליך.“

— וואוהין געהסטו, מיין טייערער? וואָס איז מיט דיר? — האָט צערטליך געפרעגט ראַמאַשאָוו, און אַליין ניט ווִיסענדיג פאַר־וואָס, האָט ער ארויפגעלייגט ביידע הענט דעם סאָלדאַט אויפ'ן אַקסעל. כלעבניקאָוו האָט אויף איהם אַ קוק געטאָן מיט אַ פאַרלאָרענעם, וויל־דען בליק, נאָר ער האָט זיך באַלד אָפּגעקערט. זיינע ליפּען האָבען אַ קנאַק געטאָן, זיך לאַנגזאַם אויפגעעפענט, און פון זיי האָט זיך ארויס־געריסען אַ קורצע אומזיניגע כריפּעריי. אַ טעמפּער, אויפרעגענדער געפיהל, וועלכער איז ענליך צו דעם געפיהל פון חלשות, ענליך אויף אַ פריקרער קיצלעריי, האָט, ציהענדיג זיך, אָנגעהויבען צו נאָגען אין ראַמאַשאָוו'ס ברוסט און בויך.

— מען האָט דיך געשלאָגען? יע? נו, זאָג זשע. יע? זעץ זיך דאָ, זעץ זיך מיט מיר.

ער האָט אַ ציה געטאָן דעם סאָלדאַט פאַר'ן ארבעל אַראָפּ. כלעב־ניקאָוו איז ווי אַ הילצערנע ליאַלקע, עפּעס אומנאַטירליך לייכט גע־האָרכזאַם געפאַלען אויף די נאַסע גראָז, לעבען דעם פאָדפּאָרוטשיק.

— וואוהין ביזטו געגאַנגען? — האָט ראַמאַשאָוו געפרעגט.

כלעבניקאָוו האָט געשוויגען, זיצענדיג אין אַן אומבאַקוועמער פּאָזע, מיט אומנאַטירליך אויסגעצויגענע פיס. ראַמאַשאָוו האָט גע־זעהן ווי זיין קאָפּ האָט זיך ביסלעכווייז, מיט קוים באַמערקבאַרע באַ־וועגונגען, אַראָפּגעלאָזען אויף דער ברוסט. ווידער האָט דער פּאָד־פּאָרוטשיק דערהערט אַ כריפּענדיגען קלאַנג און אין זיין נשמה האָט זיך אויפגעהויבען אַ שווידערליכער מיטלייד:

— דו האָסט געוואָלט אַנטלויפען? טו אָן דאָס היטעל. הער אויס, כלעבניקאָוו, איך בין איצטער ניט דיין העכערער בעאַמטער, איך בין אַליין אַן אומגליקליכער, עלענדער, דערשלאָגענער מענש. דיר

איז שווער? עס טוט דיר וועה? רייד זיך דורך מיט מיר אָפען. קען זיין, דו האָסט זיך געוואָלט אַ מיתה אָנטאָן? — האָט ראָמאַשאָוו געפרענט שטיל פּלאַפּלענדיג.

עפּעס האָט אַ קנאַק געטאָן און אָנגעהויבען צו בורטשען אין כלעבניקאָוו'ס האַלז, אָבער ער האָט אַלץ געשוויגען. צו דער זעלבער צייט האָט ראָמאַשאָוו באַמערקט, דער סאָלדאַט טרייסעלט זיך מיט אַן אָפּטען ציטער: עס האָט געציטערט דער קאָפּ, עס האָבען געציטערט מיט אַ שטילער קלאַפּעריי די ציינער. אויף אַ סעקונדע האָט זיך ראָמאַשאָוו דערשראָקען. די שלאָפלאָזע, פיבערהאַפטע נאַכט, דאָס געפיהל פון עלענדקייט, דאָס גלייכע, בלייכע, ניט לעבעדיגע ליכט פון דער לבנה, די שוואַרצע טיפקייט פון דעם טאָל אונטער זיינע פיס, און לעבען איהם דער שוויינענדיגער, פון קלעפּ וואַנזיניג געוואָרענער סאָלדאַט — אַלץ, אַלץ דאָס האָט איהם אויסגעוויזען ווי אַ זינלאָזער, מאַטערענדער חלום, אַלס איינער פון יענע חלומות, וועלכע וועלען זיך חלום'ען די מענשען אין די לעצטע טעג פון דער וועלט. נאָר פּלוצלונג האָט אַ צופלוס פון וואַרימען אונענדליכען מיטגעפיהל אַרומגעכאַפּט זיין נשמה. און פיהלענדיג, אַז זיין פּערזענליכער צער איז קליין און נישטיק, און פיהלענדיג זיך דערוואַקסען און קלוג אין פאַרגלייך מיט דעם דערשלאָגענעם, פאַרפּלאָגטען מענשען, האָט ער צאַרט און שטאַרק אַרומגענומען כלעבניקאָווען פאַר'ן האַלז, איהם צוגעצויגען צו זיך, און האָט צו איהם גענומען ריידען הייס, מיט ליידענשאַפטליכער איבערצייגונג:

— כלעבניקאָוו, דיר איז שלעכט? אויך מיר איז ניט גוט, מיין טייערער, מיר איז אויך ניט גוט, גלויב מיר. איך פאַרשטעה קיין זאַך ניט פון דאָס וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אַלץ — איז עפּעס אַ ווילדע, אונזיניגע, מערדערליכע נאַרישקייט! נאָר מען דאַרף ליידען, מיין ליעבער, מען דאַרף ליידען... דאָס דאַרף מען.

כלעבניקאָווס נידעריג איינגעבויגענער קאָפּ איז פּלוצלונג געפאַלען אויף ראָמאַשאָוו'ס קניה. און דער סאָלדאַט, קלעפּיג אַרומנעמענדיג דעם אָפיצערס פיס, צוטוליענדיג צו זיי מיט'ן פנים, האָט אָנגעהויבען צו ציטערען מיט'ן גאַנצען קערפּער, שטיקענדיג זיך און קאָרטשענדיג זיך פון איינגעהאַלטענעם געוויין.

— איך קאָן מעהר ניט... — האָט כלעבניקאָוו געפּלאַפּעלט...

איך קאָן מעהר ניט... אָך, מיין גאָט... מען שלאָגט, מען לאַכט... דער העכערער פון דער אָפּטיילונג בעט געלט... יענער שרייט... וואו זאָל איך נעמען?... מיין בויך איז אונטערגעריסען... נאָך קינדוויז זיך אונטערגעריסען. איך האָב אַ ברוך. אָך, גאָט, מיין גאָט!

ראַמאַשאָוו האָט זיך נאָהנט צוגעבויגען איבער'ן קאָפּ, וועלכער האָט זיך ווילד און באַוואוסטלאָז געוואָרפען אויף זיינע קניה. ער האָט דערהערט דעם ריח פון שמוציגען אומגעזונטען קערפּער, ניט געוואַשענע האָר און דעם זויערען גערוך פון דעם מאַנטעל, מיט וועלכען מען פלעגט זיך איינדעקען שלאָפענדיג. אַן אומענדליכער צער, שרעק און אַ טיפע שולדיגע מיטלייד האָבען איבערפילט דעם אָפיצערס האַרץ, און האָבען ביז וועהטאָג געדריקט. און, שטיל צובויגענדיג זיך צו דעם קורץ געשאָרענעם, שטעכיגען, שמוציגען קאָפּ, האָט ער שטיל אַרויסגעשעפּטשעט:

— ברודער מיינער!

כלעבניקאָוו האָט אָנגעכאַפּט דעם אָפיצערס האַנט, און ראַמאַשאָוו האָט אויף זיין האַנט דערפיהלט צוזאַמען מיט די וואַרימע טראָפּענס טרעהרען, אויך די קאַלטע און קלעפּיגע באַרירונג פון פרעמדע ליפּען. נאָר ער האָט ניט אָפּגענומען זיין האַנט, און האָט גערעדט איינפאַכע, רירענדע באַרוהיגענדע ווערטער, וועלכע עס רעדט אַ דערוואַקסענער צו אַ באַליידיגטען קינד.

נאָכדעם האָט ער אַליין אָפּגעפיהרט כלעבניקאָווען אין פּאָלק. עס איז אויסגעקומען אַרויסצורופען דעם אונטער־אָפיצער פון דער ראָטע, שאַפּאָוואַלענקאָ. יענער איז אַרויס נאָר אין אונטערוועש, זשמורענדיג זיך און קראַצענדיג דעם רוקען און בויך.

ראַמאַשאָוו האָט איהם באַפוילען, ער זאָל באַלד אומבייטען כלעבניקאָווען פון זיין טאָג־וואַכט. שאַפּאָוואַלענקאָ האָט זיך געפּרואווט נעגענשטעלען.

— עס איז נאָך, וואַשע בלאַהאָראָדיע, ז י י ע ר צייט ניט געקומען!..

— ניט גערעדט! — האָט ראַמאַשאָוו אויף איהם אַ געשריי געטאָן. — וועסט זאָגען מאָרגען דעם ראָטע־קאָמאַנדיר, אַז איך האָב אַזוי געהייסען... וועסט צוקומען מאָרגען צו מיר? — האָט ער ביי כלעב־

ניקאָווען געפרעגט, און יענער האָט איהם שווייגענדיג געענטפערט מיט א שעמעוודיגען, דאנקבארען בליק.

לאנגזאם איז ראָמאשאָוו געגאנגען איבער'ן לאגער, אומקערענדיג זיך אהיים. א שטילער געשפּרעך פון אייןביידעל האָט איהם געצוואונגען אָפּצושטעלען זיך און צוהערען זיך. עמיצער האָט מיט א האלב־פארשטיקטער, ציהענדיגער שטימע דערצעהלט א מעשה:

— אָט שיקט יענער שד צו דעם סאָלדאט זיין הויפּט־מכשף. קומט צוגעהן יענער מכשף און זאָגט: „סאָלדאט, סאָלדאט, איך וועל דיך אויפעסען!" און דער סאָלדאט ענטפערט איהם און זאָגט: „ניין, דו קאָנסט מיר ניט אויפעסען, ווייל איך בין אליין אויך א מכשף".

ראָמאשאָוו איז ווידער צוגעגאנגען צום טאָל. דאָס געפיהל פון אומזיניגקייט, נארישקייט און אומפארשטענדליכקייט פון לעבען האָט איהם געדריקט. בלייבענדיג שטעהן אויפ'ן בערגעל, האָט ער אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך, צום הימעל. דאָרטען איז ווי פריהער אלץ געווען די קאַלטע ברייטקייט און אונענדליכער שרעק. און נעמט אומגעריכט פאר זיך אליין, אויפהויבענדיג די פויסטען איבער'ן קאָפּ און דראָהענדיג מיט זיי, האָט ראָמאשאָוו ווילד גענומען שרייען:

— דו! אלטער ליגנער! אויב דו קאָנסט עפּעס און וואגסט — איז... נו אָט: מאך אזוי, אז איך זאָל זיך באלד צוברעכען א פוס.

ער האָט זיך האסטיג, פארמאכענדיג די אויגען, א וואָרף געטאָן אראָפּ פון דעם שטיינערנעם בערגעל, מיט צוויי שפּרונג איבערשפּרונגען די רעלסען, און ניט אָפּשטעלענדיג זיך, אין איין אָטעם, האָט ער זיך ארויפגעקליבען אין דער הויך. זיינע נעזלעכער האָבען זיך צובלאָזען, זיין ברוסט האָט קורץ געאָטעמט. נאָר אין זיין נשמה האָט פּלוצלונג אויפגעפלאַמט א שטאָלצע, חוצפּה'דיגע און בייזע דרייסטקייט.

17

פון דער נאכט אָן, איז אין ראָמאשאָווען פאָרגעקומען א טיפע גייסטיגע איבערקערעניש. ער האָט זיך גענומען באזייטיגען פון דער אָפיצערישער געזעלשאפט, מיטאג געגעסען, מעהרסטענס, אין דער היים, אינגאנצען אויפגעהערט צו געהן אויף די טאנץ־אָווענטען אין קלוב און האָט אויפגעהערט צו טרינקען. ער איז רייף געוואָרען, על־

טער און ערנסטער פֿאַר די לעצטע טעג, און ער האָט דאָס אַליין באַ־מערקט נאָך דער אומעטיגער און געשטעלטער רוהיגקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך איצטער באַנומען צו מענשען און ערשיינונגען. ביי דער דאָזיגער געלעגענהייט פֿלעגט ער זיך ניט זעלטען ערינערען אויף עמי־צענס, פֿון לאַנג אָן געהערטע, אָדער געלייענטע ווערטער, אַז אַ מענש־ליכער לעבען צוטיילט זיך אויף אָפּטיילונגען; אין יעדער אָפּטיילונג איז צו זיבען יאָהר. און אין דער צייט פֿון די זיבען יאָהר בייט זיך איינגאַנצען איבער ביי דעם מענשען דער צושטאַנד פֿון זיין בלוט און קערפּער, בייטען זיך אום זיינע געפֿיהלען, גערדאַנקען און דער כאַראַק־טער. און ראָמאַשאָווען איז ניט לאַנג געוואָרען איין און צוואַנציג יאָהר.

דער סאָלדאַט כלעבניקאָוו איז צו איהם אריינגעקומען — אָבער ערשט נאָכ'ן צווייטען מאָל בעטען. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען אריינצוקומען אָפֿטער.

די ערשטע צייט פֿלעגט ער מיט זיין אויסזעהן דערמאָנען אַ הונ־געריגען, קרעציגען הונט, וועלכער איז פֿיעל מאָל געשלאָגען געוועזן, און וועלכער שפּרינגט אָפּ דערשראָקענערהייט פֿון דער האַנט, וואָס איז צו איהם מיט צאַרטליכקייט אויסגעשטרעקט. נאָר די אויפֿמערקזאַמ־קייט און גוטסקייט פֿון דעם אָפֿיצער האָבען ביסלעכווייז דערוואַרעמט און צושמעלצט זיין האַרץ. מיט געוויסענפֿולער און שולדיגער מיטלייד האָט זיך ראָמאַשאָוו דערוואוסט די איינצעלהייטען פֿון זיין לעבען. אין דער היים — אַ מוטער און אַ שיכור אַ פֿאָטער, מיט אַ זוהן אַ האַל־בען אידיאָט און מיט פֿיער ניט דערוואַקסענע מיידלאַך; די ערד האָט ביי זיי מיט גוואַלד אָפּגענומען די דאָרף געמיינדע; אַלע צו־זאַמען לעבען ערגעץ אין אַן אויסגעדרעהטען הייזעל אַ דאַנק דער מיט־לייד פֿון דער זעלבער געמיינדע; די עלטערע ארבייטען ביי פֿרעמדע מענשען, די אינגערע בעטלען. געלט פֿון דער היים קריגט כלעבני־קאָוו ניט, און אויף פֿרייע ארבייט, ווי מען נעמט די איבעריגע סאָלדאַ־טען, נעמט מען איהם ניט, ווייל ער איז אַ שוואַכער. און אָהן געלט, אָהן די קלענסטע אַפּילו, איז זעהר שווער אויסצוקומען זייענדיג אַ סאָלדאַט: ניטאָ ניט קיין טיי, ניט קיין צוקער, ניטאָ אַפּילו פֿאַר וואָס זייף צו קויפֿען, מען מוז פֿון צייט צו צייט מכבד זיין דעם עלטערען סאָלדאַט אין דער אָפּטיילונג מיט שנאַפּס אין סאָלדאַטען־בופֿעט

דאָס גאַנצע געהאַלט פון אַ סאָלדאַט — צוויי און צוואַנציג און האַלבע קאָפּיקעס אַ מאָנאַט — געהט אַוועק אויף כּיבוד פאַר אַט די העכערע בעאַמטע. שלאָגען שלאָגט מען איהם יעדען טאָג, מען לאַכט פון איהם, מען מאַכט חוזק און מען באַשטימט איהם ניט צו זיין צייט אויף די שווערסטע און אומאַנגענעמסטע אַרבייט.

מיט באַוואונדערונג, בענקשאַפט און שרעק האָט ראָמאַשאָוו אָנגע־הויבען צו פאַרשטעהן, אַז דער שיקזאַל שטעלט איהם טאָג טעגליך נאָהענט מיט הונדערטער פון אָט די גרויע כלעבניקאָווס, פון וועלכע יעדער איינער ליידט זיין אייגענעם צער און פרעהט זיך מיט זיין איי־גענער פרייד, נאָר זיי אַלע זיינען פּערזענלאָז און צוגעדריקט גע־וואָרען פון זייער אייגענער אומוויסענהייט, פון דער אַלגעמיינער פאַר־שקלאַפטקייט, פון דער גלייכגילטיגקייט פון די בעאַמטע, פון דעם בייזען ווילען און די גוואַלדטאַטען. און שרעקליכער פון אַלץ איז גע־ווען דער געדאַנק, אַז קיינער פון די אָפיצערען, ווי ביז איצטער ראָ־מאַשאָוו, זיינען אפילו ניט חושד, אַז די גרויע כלעבניקאָווס מיט זייערע עהנליך־אונטערטעניגע און זינלאָזע געזיכטער, זיינען אין דער ווירק־ליכקייט לעבעדיגע מענשען, און ניט אַ מעכאַנישע מאָס, וואָס מען רופט ראָטע, באַטאַליאָן, פּאָלק...

ראָמאַשאָוו האָט זיך באַמיהט פאַר כלעבניקאָווען, צו קריגען פאַר איהם אַ קליינעם פאַרדיענסט, אין ראָטע האָבען אַלע באַמערקט די אויסערגעוועהנליכע גוטע באַציהונגען צווישען דעם אָפיצער און סאָל־דאַט. אָפטמאָל פלעגט ראָמאַשאָוו באַמערקען, אַז אין זיין אַנוועזענ־הייט, פלעגען זיך די אונטער־אָפיצערען ווענדען צו כלעבניקאָווען מיט אַ פאַרגרעסערטער, חוזק'דיגער העפליכקייט, און פלעגען צו איהם אַב־זיכטליך ריידען מיט זיסע שטימען. דאַכט זיך, אַז וועגען דעם האָט געוואוסט אויך דער קאַפּיטאַן סליווא. אַלענפאַלס פלעגט ער ווען עס איז מורמלען ווענדענדיג זיך גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין:

— אָט האָט איהר. ליבעראַלען זיינען גאָר אָנגעשטאַנען. מען צולאָזט די ראָטע. שמייסען דאַרף מען זיי די לומפּען, — און יענע צערטלען זיך גאָר מיט זיי.

איצטער, ווען ראָמאַשאָוו האָט געהאַט מעהר פרייע צייט, פלעגען צו איהם אַלץ אָפטער און אָפטער קומען אויפ'ן זינען אויסערגעוועהנ־ליכע, מאָדנע און פאַרפּלאָנטערטע געדאַנקען, אַזוי ווי יענע, וועלכע

האָבען איהם אויפגעטרייסעלט מיט א מאָנאט צוריק, אין דעם טאָג פון זיין ארעסט. פאסירען פלעגט דאָס מיט איהם, געוועהנליך, פאר־נאכט נאָכ'ן דיענסט, ווען ער פלעגט שטיל ארומשפאנען איבער'ן גאָר־טען אונטער די געדיכטע איינגעשלאָפענע בוימער, און אן עלענדער, א בענקענדער פלעגט ער זיך צוהערען צו דעם זשומען פון די אָווענטיגע זשוקעס, און קוקען אויף דעם רוהיגען, רויטליכען טונקעל געוואָרענעם הימעל.

דאָס נייע אינערליכע לעבען פלעגט איהם איבערראשען מיט זיין פילפאכיגקייט. פריהער האָט ער ניט געוואגט צו דענקען, וואָס פאר א פרייד, קראפט און טיפער אינטערעס באהאלט זיך אין אזא איינפאכער און געוועהנליכער זאך — ווי א מענשליכער געדאנק.

ער האָט שוין איצטער פעסט געוואוסט, אז ער וועט מעהר ניט פארבלייבען אין דער ארמיי און וועט נאָר בלויז אָפזיין די דריי יאָהר, וואָס ער האָט געדארפט אָפדיענען פאר די בילדונג, וואָס ער האָט באַ־קומען אין דער מיליטער־שול. נאָר ער האָט זיך אויף קיין פאל ניט געקאָנט פאָרשטעלען וואָס וועט ער טאָן, ווערענדיג א ציווילער. ער האָט איינציגוויין איבערגעקליבען אין געדאנק: אקציז„ אייזענבאן, מסחור, ער האָט געטראכט צו זיין א פארוואלטער פון א גוט, אָנקומען אין דעפארטאמענט. און דאָ האָט ער צום ערשטען מאָל מיט באַ־וואונדערונג זיך פאָרגעשטעלט די פיעלזייטיגע ארבייטען און פראָ־פעסיען צו וועלכע מענשען גיבען זיך איבער. „פון וואנען נעמען זיך“, האָט ער געטראכט, „אָט די אלערלייאיגע לעכערליכע, וואונדערבארע, אונזיניגע און שמוציגע ספעציאליסטען? ווי אזוי, צום ביישפיעל, ארבייט אויס דאָס לעבען טורמע־וועכטער, אקראָבאטען, היהנעראויגען־אָפעראטאָרען, תליונים, אקטיאָרען, הינט־שעהרער, זשאנדארמען, קונצענמאכער, פראָסטיטוטקעס, בעדער, קאָנאָוואלען, קברות־לייט און שווייצארען? אָדער, קען זיין, אז עס איז ניטאָ קיין איין איינציגע פוסטע, צופעליגע, קאפריזנע, וואהלטעטיגע אָדער זינדיגע מענשליכע ערפינדונג, וועלכע זאָל באלד ניט קריגען איהר אויספיהרער און באַ־דיענער?“

אויך פלעגט איהם איבערראשען, — ווען ער פלעגט זיך טיפער אריינטראכטען, — דאָס, וואָס א גרויסע צאָהל פון די אינטעליגענטנע פראָפעסיען זיינען הויפטזעכליך געגרינדעט אויף מיסטרויאונג צו

מענשליכער עהרליכקייט, און אויף אזא אופן באַדיענען זיי די מענשליכע זינד און פעהלערען. אויב אַנדערש, היינט צוליעב וואָס וואָלטען אומעטום נויטיג געווען קאַנטאָר־דיענער, בוכהאַלטערס, בעאַמטע, פּאָליציי, טאַמאָזשניע, קאָנטראָלאָרען, אינספּעקטאָרען און אויפזעהער — אויב די מענשהייט וואָלט געווען פאָלקאָם?

ער האָט אויך געטראַכט וועגען גלחים, דאָקטוירים, פּעדאַגאָגען, אדוואָקאַטען און ריכטער — וועגען די אַלע מענשען, וועמען, לויט זייער פּראָפעסיע, קומט אוים שטענדיג צו קומען אין באַרירונג מיט די נשמות, געדאַנקען און ליידען פון אַנדערע מענשען. און ראָמאַשאָוו איז מיט איבעראַשונג געקומען צום באַשלום, אַז די מענשען פון דער קאַטעגאָריע ווערען האַרטער און אַפּגעלאָזענער שנעלער פון אַנדערע און ווערען פאַרזונקען אין נאַכלעסיגקייט, אין קאַלטע, טויטע פאַרמאַליסטיק, אין געוועהנליכע און מיאוסע גלייכגילטיגקייט. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז דאָ נאָך אַ קאַטעגאָריע בוייער פון דעם אויסערליכען מענשליכען וואוילשטאַנד: אינזשענערען, אַרכיטעקטאָרען, ערפינדער און פאַבריקאַנטען. אָבער זיי, וועלכע וואָלטען מיט זייערע אַלגעמיינע קרעפטען, געקאָנט איינאָרדענען דאָס מענשליכע לעבען וואונדערבאַר שעהן און באַקוועם — דיענען נאָר דעם רייכטום. אויף זיי העגגט אייביג די מורא פאַר׳ן אייגענעם פעל, די חיה־ליעבע צו זייערע קינדער, צו זייער וואוינונג, דער שרעק פאַר דאָס לעבען און דורך דעם די פייגע צוגעבונדענקייט צו געלד. ווער וועט, ענדליך, איינאָרדענען דעם שיקזאַל פון דעם דערשלאָגענעם כלעבניקאָוו, ווער איהם אָנזעטיגען, אויסלערנען און איהם זאָגען: „גיב מיר דיין האַנט, ברודער“.

און אַזוי פלעגט זיך ראָמאַשאָוו ניט זיכער, זעהר לאַנגזאַם, אָבער אַלץ טיפער און טיפער אַריינטראַכטען אין די לעבענס ערשיינונגען. פריהער האָט זיך איהם אַלץ אויסגעוויזען אַזוי איינפאַך. די וועלט ווערט צוטיילט אויף צוויי ניט גלייכע חלקים: איין טייל, די קלענערע, — אָפּיצערען געזעלשאַפט, וואָס איז איינגעטונקט אין עהרע, קראַפט, מאַכט, צויבערליכער ווירדיגקייט פון דעם מיליטער־מאַנטעל און צוזאַמען מיט דעם, עפּעס אין אַ פּאַטענטירטער דרייסטקייט, פיזישער קראַפט און שטאָלצער גאוה; און דער אַנדער טייל — ריזיגע און פּערזאָנלאָזע, — ציווילע מענשען; זיי פלעגט מען פאַראַכטען; עס

האָט זיך געריבעלט פאַר א העלדישקייט צו אָפּזידלען אָדער אָנשלאָגען אַזוי זיך, א ציווילען מענשען, פאַרלעשען אין זיין נאָז אַן אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס, אנרוקען איהם אויף די אויערען א צילינדער; וועגען אַזוינע העלדענטאַטען פלעגען נאָך אין שול איינער דעם אַנדערען מיט באַגייסטערונג דערצעהלען די יונגע יונקערס. און איצטער, אַזוי ווי אַוועקגעהענדיג אַן א זייט פון דער ווירקליכקייט, און קוקענדיג אויף איהר פון ערגעץ, אַזוי ווי פון א באַהאַלטענעם ווינקעל, האָט ראָמאַשאָוו ביסלעכווייז גענומען פאַרשטעהן, אַז די גאַנצע מיליטער־דיענסט מיט איהר נישטיגער העלדישקייט שטאַמט פון א מערדערליכער, שענדליכער, אַלמענשליכער מיספאַרשטענדניס. „ווי אַזוי קאָן עקזיסטירען א באַזונדער שטאַנד מענשען, — האָט ראָמאַשאָוו ביי זיך אַליין געפרעגט, — וואָס, ניט ברענגענדיג קיין ביסעל נוצען אין א פרידליכער צייט, עסט ער אויף פרעמדען ברויט און פרעמדע פלייש, קליידט זיך אין פרעמדע קליידער, לעבט אין פרעמדע הייזער, און אין קריעגס־צייט געהט ער אָהן א זינען הרג׳ענען און קאַליעטשען אַזוינע מענשען ווי זיי אַליין?“

און אַלץ קלאָרער און קלאָרער איז פאַר איהם געוואָרען דער געדאַנק, אַז עס עקזיסטירען נאָר דריי שטאַלצע באַרופען פון מענשען: בילדונג, קונסט און פרייע פיזישע אַרבייט. מיט א נייעם כח האָבען זיך אין איהם באַנייט די טרוימען וועגען ליטעראַרישער אַרבייט. אַן אַנדערש מאָל, ווען איהם פלעגט אויסקומען צו לייענען א גוטען בוך, וועלכעס איז דורכגעדרונגען געווען מיט אמת׳ער באַגייסטערונג, פלעגט ער מיט וועהטאָג טראַכטען: „מיין גאָט, דאָס איז דאָך אַזוי איינפאַך, איך האָב דאָס אַליין געטראַכט און געפיהלט. איך וואָלט דאָך דאָס זעלבע אַליין געקאָנט טאָן!“ איהם האָט געצויגען אָנצושרייבען א דערצעהלונג אָדער א גרויסען ראָמאַן, די קאַנווע צו וועלכען עס וואָלט געווען דער שרעק און לאַנגווייליגקייט פון מיליטערישען לעבען. אין געדאַנק האָט זיך דאָס אַלץ ביי איהם אויסגעלעגט זעהר גוט — די בילדער זיינען אַרויס בולט, די פיגורען לעבעדיג, דער אינהאַלט האָט זיך אַנטוויקעלט און זיך איינגעלעגט אין אַן אָריגינעל־ריכטיגען געמעל און עס איז געווען אויסערגעוועהנליך פרעהליך און אַמוזירענד צו טראַכטען וועגען דעם. נאָר ווען ער פלעגט זיך נעמען שרייבען

פלעגט דאָס אַרויסקומען בלייך, קינדעריש, אומגעלומפּערט, אַנגעבלאָזען אָדער שאַבלאָן.

ווען ער האָט געשריבען, — שנעל און היים, — פלעגט ער אַליין ניט באַמערקען די פעהלערען, נאָר ווי ער פלעגט דורכלייענען גלייך מיט זיינע בלעטער כאָטש אַ קליינעם אויסצוג פון די גרויסע רוסישע מייסטער, פלעגט איהם באַהערשען אַ מאַכטלאָזער צווייפעל, שאַנד און עקעל צו זיין קונסט.

מיט אַזוינע געדאַנקען פלעגט ער אָפט אַרומגעהן איצטער איבער'ן שטאָט אין די וואַרימע נעכט פון סוף מאַי. אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין פלעגט ער אויסקלייבען אַלץ דעם זעלבען וועג—פון אידישען בית עולם ביז דער הרעבליע און נאָכדעם צו דער אייזענבאַן ליניע. אָפּטמאָל פלעגט פּאַסירען, אַז אַ הינגעריסענער פון אָט דער נייער ליידענשאַפטליכער קאָפּ־אַרבייט, פלעגט ער ניט באַמערקען דעם דורכגעגאַנגענעם וועג, און פּלוצלונג צו זיך קומענדיג, אַזוי ווי אויפכאַפּענדיג זיך, פלעגט ער מיט באַוואונדערונג באַמערקען, אַז ער געפינט זיך אויף דעם צווייטען עק פון שטאָט.

און יעדע נאַכט פלעגט ער דורכגעהן פאַרביי שוראָטשקאַ'ס פענסטער, דורכגעהן אויף דער צווייטער זייט גאַס, בגנבה, איינהאַלטענדיג דעם אָטעם, מיט אַ קלאַפּענדען האַרץ, פיהלענדיג זיך אַזוי, ווי ער טוט עפּעס אָפּ אַ געהיימען, מיאוס'ען, גנב'ישען שטיק. ווען אין ניקאָלאַיעווס גאַסט־צימער פלעגט מען פאַרלעשען דעם לאָמפּ, און עס פלעגען טונקעל אָפּגלאַנצען פון דער לבנה די שוואַרצע שויבען פון די פענסטער, פלעגט ער זיך צוטוליען צום פּלויט צודריקען פעסט די הענט צו דער ברוסט, און פלעגט היים, שטילערהייט אַרויסזאָגען:

— שלאָף, מיין הערליכסטע, שלאָף, מיין ליעבע. איך בין דערביי, איך היט דיך!

אין די מינוטען האָט ער געפיהלט ביי זיך טרעהרען אין די אויגען, נאָר אין זיין נשמה, צוזאַמען מיט דער צערטליכקייט, ליעבליכקייט און איבערגעבענהייט, האָט זיך אויפגעהויבען די בלינדע בעסטיאַלע אייפערזוכט פון אַ רייפען זכר.

איינמאָל איז ניקאָלאַיעוו געווען איינגעלאַדען צו דעם פּאָלק־קאָמאַנדיר צו שפּילען אין ווינט. ראָמאַשאָוו האָט דאָס געוואוסט. ביי נאַכט, אין גאַס געהענדיג, האָט ער דערהערט פון הינטער עמיצענס אַ פּלויט,

פון גאָרטען דעם ליידענשאַפטליכען, זיסען גערוך פון נאַרציסען. ער איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און האָט אין דער פינסטער אָנגע־ריסען פון בייט, איינשמוצענדיג די הענט אין פייכטער ערד אַ גאַנצען בינטעל פון די צאַרטע ווייסע, נאַסע בלומען.

דאָס פענסטער פון שוראַטשקאַס שלאָף־צימער איז געווען אָפען, דאָס פענסטער האָט געקוקט אין הויף און איז ניט געווען באַלויכטען. מיט אַ דרייסטקייט, וועלכע ער האָט פון זיך אַליין ניט ערוואַרט, האָט זיך ראָמאַשאָוו אַריינגעשלייכט אין דעם סקריפּענדיגען טירעל, צוגע־גאַנגען צו דער וואַנט און האָט אַריינגעוואָרפען די בלומען אין פענס־טער. קיין זאַך האָט זיך אין צימער ניט אַ ריר געטאָן. אַ מינוט דריי איז ראָמאַשאָוו געשטאַנען און געוואַרט, און דאָס שלאָגען פון זיין האַרץ האָט אָנגעפילט מיט גערויש די גאַנצע גאַס. נאָכדעם, איינ־בויגענדיג זיך, און רויט ווערענדיג פון חרפה, איז ער אויף די שפּי־צען פון די פינגער אַרוים אויף דער גאַס.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט ער פון שוראַטשקאַן באַקומען אַ קור־צען, בייזען בריוו.

„איהר זאָלט זיך ניט וואַגען מעהר טאָן דאָס. צערטליכקייטען אין גייסט פון ראָמעאָ און דזשוליעטא זיינען לעכערליך, איבערהויפּט ווען זיי קומען פאַר אין אַן אַרמייאישען אינפאַנטעריע־פּאָלק".

בייטאָג פלעגט זיך ראָמאַשאָוו מיהען כאָטש פון וויטענס זעהן זי אויף דער גאַס, נאָר עס האָט זיך ניט געמאַכט. אָפטמאָל דערזעהענדיג פון וויטענס אַ פרוי, וועלכע פלעגט איהם מיט דער פיגור, גאַנג אָדער הוט דערמאָנען שוראַטשקאַן פלעגט ער לויפען נאָך איהר מיט אַ צו־נויפגעדריקטען האַרץ, מיט אַן אָפּגעהאַקטען אָטעם, פיהלענדיג ווי פון אויפרעגונג ווערען זיינע הענט פייכט און קאַלט. און יעדעס מאָל, באַמערקענדיג זיין טעות, פלעגט ער אין זיין נשמה דערפיהלען אַ לאַנגווייליגקייט, אַן עלענדקייט און עפּעס אַ טויטע פּוסטקייט.

18.

אין רעכטען סוף פון מאַי מאָנאַט האָט זיך אין קאַפּיטאַן אָסאַדט־שיס ראָטע אויפגעהאַנגען אַ יונגער סאָלדאַט, און לויט אַ מאָדנער שפּיעל פון דעם שיקזאַל, האָט ער זיך אויפגעהאַנגען אין דעם זעלבען

טאָג, אין וועלכען פּאַראַיאָהרען האָט אין דער זעלבער ראָטע פּאַסירט אַן עהנליכער צופאַל. ווען מען האָט איהם געפּאַלמעסט איז ראָמאַשאָוו געווען אַ געהילף־וועכטער אין פּאָלק און איז ניט וועלענדיג געווען גע־צוואונגען צו זיין אַנוועזענד ביי דעם פּאַלמעסען. דער סאָלדאַט האָט נאָך ניט אָנגעהויבען צו פוילען. ראָמאַשאָוו האָט דערפיהלט, ווי פון זיין, אויף שטיקלאַך צוברעקעלטען קערפּער האָט געצויגען אַ רח פון רויהע פלייש, אזוי ווי פון זייטען פלייש, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אין די יאַטקעס. ער האָט געזעהן זיינע גרויע און בלויע, גליטשיגע, גלאַנציגע איינגעווייטען, האָט דערזעהן דעם אינהאַלט פון זיין מאָגען, געזעהן זיין מאַרך, — אַ גרוי־געלבען, דורכאויס אין שטעגליך, וועל־כע האָט זיך געטרייסעלט אויפ'ן טיש פון די טריט, ווי זשעלע, וואָס איז אַרויסגענומען פון פורעם. דאָס אַלץ איז געווען ניי, שרעקליך און עקעלהאַפט, און צו דער זעלבער צייט האָט דאָס אין איהם אַריינגע־געבען אַ מיאוסע אומאַכטונג צום מענשען.

פון צייט צו צייט, פלעגען אין פּאָלק אַנשטעהן טעג פון אַן אַל־געמיינער, אַנשטעקענדער, העסליכער הוליערײַ. קען זיין, אַז דאָס פלעגט פּאַסירען אין יענע מאָדנע מאָמענטען, ווען מענשען, צופעליג פאַרבונדענע צווישען זיך, נאָר אַלע צוזאַמען פאַר'משפט'ע צו לאַנג־וויילִיגער אַרבייטסלאָזיגקייט און אונזיניגער אכזריות, פלעגען פּלוצלונג דערזעהן איינער ביי דעם צווייטען אין די אויגען, דאָרטען, ווייט, אין דעם פאַרפּלאָנטערטען און צוגעדריקטען גדאַנק, עפּעס אַ געהיימען פונק פון שרעק, בענקשאַפט און וואַנזיניגקייט. און דאַן פלעגט דאָס רוהיגע, זאַטע לעבען, ווי ביי אָפּגעקליבענע בוהאַייעס, זיך אַרויסרייסען פון די ברעגען.

אזוי האָט אויך פּאַסירט נאָכ'ן זעלבסטמאָרד. דער ערשטער האָט אָנגעהויבען אָסאַדטשי. פּונקט דאַן זיינען אָנגעקומען עטליכע טעג יום טוב און אין דער גאַנצער צייט האָט אָסאַדטשי אין קלוב גע־שפּיעלט גרויס אין קאָרטען און האָט שרעקליך פיעל געטרונקען. מאָ:נע: דער ריזיגער ווילען פון אָט דעם גרויסען, שטאַרקען און רויִ־בערישען בעסטיאַלישען מענשען, האָט מיטגעשלעפּט נאָך זיך דעם גאַנצען פּאָלק, און אין דער גאַנצער צייט פון דער סטיכישער הוליערײַ האָט אָסאַדטשי ציניש און חוצפה'דיג, אזוי ווי ער וואָלט זוכען אַן

ענטפער, א געגענשטאַנד, געזידעלט מיט די ערגסטע און שמוציגסטע ווערטער דעם נאָמען פון דעם זעלבסטמערדער.

עס איז געווען זעקס אַזייגער אין אָוונט. ראַמאַשאָוו איז געזע־סען מיט די פיס אויפ׳ן פענסטער ברעט און האָט שטיל געפייפט אַ וואַלס פון „פאוסט". אין גאָרטען האָבען געשריען די שפּערלינגען און סאָראָקעס. דער אָוונט איז נאָך ניט אנגעשטאַנען, נאָר צווישען די ביימער האָבען שוין געשוועבט לייכטע, פאַרטראַכטע שאָטענס.

פלוצלונג האָט ביי דעם גאַניק פון זיין הויז עמיצענס שטימע גע־נומען זינגען הויך, מיט באַגייסטרונג, אָבער פאַלש:

עס כראָפּען די פערד און זיי בייסען די צוימען
און רייסען זיך שנעלער אין וועג...

מיט אַ קלאַפּעריי האָבען זיך צועפענט ביידע אריינגאַנגס טירען און אין צימער איז אריינגעפאַלען וועטקין. קוים אויפהאַלטענדיג דאָס גלייכגעוויכט, האָט ער פאַרטגעזעצט זיין געזאַנג:

די מיידלאַך, די מיידלאַך מיט בליקען פאַרצווייפעלטע
קוקען נאָך די וואָס געהען אַוועק.

ער איז געווען שטאַרק שיכור נאָך פון נעכטען אָן. פון דער שלאָפ־לאָזער נאַכט זיינען זיינע אויגען־דעקלאַך רויט און געשוואָלען געוואָ־רען. דאָס היטעל איז געזעסען אויפ׳ן שפּיץ קאָפּ. די וואָנסען, נאָך פייכטע, זיינען ווי צוויי פאַרפראָרענע וואַסער־שפּריצען געהאַנגען אראָפּ, ווי ביי אַ ים־לייב.

— ראָמואַלד! אַנאַכאָרעט סירישער, גיב, איך וועל דיר אַ קוש טאָן! — האָט ער גענומען רעווען אויפ׳ן גאַנצען צימער. — נו, וואָס זייערסטו? לאָמיר געהן, ברודער. דאָרטען איז פרעהליך: מען שפּיעלט, מען זינגט. לאָמיר געהן!

ער האָט לאַנג און שטאַרק אַ קוש געטאָן ראָמאַשאָווען אין די ליפען, באַנעצענדיג איהם דאָס געזיכט מיט זיינע וואָנסען.

— נו, גענוג, גענוג, פּאַוועל פּאַוולִיטש, — האָט זיך ראָמאַשאָוו שוואַך געוועהרט. — צי וואָס דאַרפט איהר די קעלבערנע התפעלות?

— פריינד, דיין האַנט! אינסטיטוט־שילערין! איך ליעב אין דיר די געוועזענע ליידען און מיין יוגענד פאַרשוואונדענע. ערשט האָט אַסאַדטשי אַזאַ אל מלא רחמים געמאַכט, אַז די שויבען האָבען געציטערט. ראָמאַשעוויטש, איך ליעב דיך, ברודער מיינער! גיב,

איך וועל דיך א קוש טאָן באמת, אויפ'ן רוסישען שטייגער, אין די רעכטע ליפּען!

ראָמאַשאָווען איז געווען דערווידער וועטקינס געשוואָלענער פּנים מיט די גלעזערנע אויגען, און עקעלהאַפט דער ריח פון זיין מויל, די באַרירונג פון זיינע פייכטע ליפּען און וואָנסען. נאָר אין אַזוינע צופאַלען איז ער אַלעמאָל געווען הילפלאָז און איצטער האָט ער נאָר שוואַך און געקינסטעלט געשמייכעלט.

—וואַרט אוים, צוליעב וואָס בין איך געקומען צו דיר? — האָט געשריען וועטקין שלוקערענדיג און וואַקלענדיג זיך. — איך האָב גע־האַט עפּעס וויכטיגעס... אַ, אָט צוליעב וואָס. נו, ברודער, האָב איך באַבעטינסקען אַרומגעהיילט. פאַרשטעהסט, ביז'ן סוף, ביז אַ קאָפּיקע. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז ער האָט געבעטען שפּילען אויף באָרג! נו, און דאָ זאָג איך צו איהם שוין: „ניין,טאַטינקע, דאָס נים, צי ווילט איהר נים עפּעס גרינגערעס?“ דאָ נעמט ער און שטעלט אַוועק זיין רעוואָלווער. אָט, ראָמאַשענקאָ, גיב אַ קוק. — וועטקין האָט אַרויסגעשלעפּט פון די הויזען, אויסקערענדיג דערביי די קעשענע, אַ קליינעם, שעהנעם פּיסטאָלעט אין אַ גרויער זעמשענער שייד. — דאָס איז, ברודער, מערווינס סיסטעם. פרעג איך איהם: און וויפיעל שטעלסטו איהם? — אין פינף און צוואַנציג. — צעהן! — פופצען. — נו, כאַפּט דיך דער טייוועל. האָט ער אַוועקגעשטעלט אַ רובעל אויף דער זעלבער פּאַרב אויפ'ן גאַנצען קאָן. באַץ, באַץ, באַץ, באַץ! — צו דעם פינפטען מאָל האָב איך זיין אויבער,—טשיק! גוט מאָרגען אייך, הונדערט גענז. פון איהם איז נאָך עפּעס געבליבען קומען. אַן אויסגעצייכענטער רעוואָלווער מיט קוילען צו איהם. נאַ דיר איהם, ראָמאַשעוויטש. אַלס צייכען און אַנדענקונג פון צאַרטע פריינדשאַפט שענק איך דיר דעם דאָזיגען רעוואָלווער, און געדענק אַלעמאָל פלייסיג, וואָס פאַר אַ דרייסטער אָפּיצער וועטקין איז. נאַ.

— צו וואָס, פּאַוועל פּאַווליטש? באַהאַלט.

— וואָס מיינסטו, דאָס איז אַ שלעכטער פּיסטאָלעט? מען קאָן מיט איהם אַ העלפאַנד דערשיסען. וואַרט, מיר וועלען באַלד אויספּרובירען. וואו איז דיין קנעכט? איך וויל געהן בעטען ביי איהם עפּעס אַ ברעטעל. העי, קנעכט! געוועררטרעגער!

מיט וואַקלענדיגע טריט איז ער אַרויס אין פאָרהויז, וואו היינאַן

פלעגט זיך געוועהנליך געפינען; ער האָט זיך דאָרטען אביסעל צייט געפּאָרעט און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט, האַל־טענדיג פאַר'ן קאָפּ אונטער'ן רעכטען עלענבויגען פּושקינס ביוסט.

— גענוג, פּאַוועל פּאַווליטש, עס לוינט זיך ניט — האָט איהם ראָמאַשאָוו צוריקגעהאַלטען.

— ע, נאַרישקייט! עפּעס אַ ציווילער. אָט וועלען מיר איהם אוועקשטעלען אויף אַ בענקעל. רוהיג שטעה, לומפּ! — האָט וועטקין מיט'ן פינגער געדראָהט דעם ביוסט. — דו הערסט? איך וועל דיר שוין געבען!

ער האָט אָפּגעטראָטען אויף אַ זייט, האָט זיך צוגעשפּאַרט צום פענסטער לעבען ראָמאַשאָוו'ן און האָט אויפגעהויבען דעם שאַס־האַמערעל. נאָר דערביי האָט ער אַזוי אומגעלומפּערט, מיט אַזוינע שיכור'ע באַוועגונגען אומגעמאַכט מיט'ן רעוואָלווער אין דער לופט, אַז ראָמאַשאָוו האָט זיך נאָר צושראָקענערהייט געקרימט, און אָפּט געפינטעלט מיט די אויגען ריכטענדיג זיך אויף אַן אומגעריכטען שאָס.

די שטרעקע איז געווען ניט מעהר פון אײן טריט. וועטקין האָט זיך לאַנג געציעלט, דרעהענדיג די רעהר אין אַלע זייטען. ענדליך האָט ער אויסגעשאָסען, און אויפ'ן ביוסט, אויף דער רעכטער באַק איז געוואָרען אַ גרויסע, ניט גלייכמעסיגע, שוואַרצע לאָך. ביי ראָ־מאַשאָוו'ען האָט אין די אויערען אָנגעהויבען צו קלינגען פון דעם שאָס.

— זעהסטו? — האָט וועטקין געגומען שרייען. — נו אָט האָסטו דאָס, היט דאָס אַלס אַן אנדענקונג און געדענק מיין ליעבשאַפט. און איצטער טו אָן דעם מונדיר און קום אין קלוב. מיר וועלען דאָרטען אַ כאַפּ טאָן פאַר דעם רוהם פון רוסישען געוועהר.

— פּאַוועל פּאַווליטש, עס לוינט זיך ווירקליך ניט, בעסער ניט, — האָט איהם מאַכטלאָז ראָמאַשאָוו געבעטען.

נאָר ער האָט זיך ניט געקאָנט ענטזאָגען: ער האָט ניט געפונען פאַר דעם קיין ענטשלאָסענע ווערטער און ניט קיין שטאַרקע אינטאָ־נאַציעס אין שטימע. און זידלענדיג זיך אַליין אין געדאַנק פאַר זיין ווילענסלאָזיגקייט, האָט ער זיך פויל געשלעפּט נאָך וועטקינען, וועל־כער איז ניט פעסט, אָבער דרייסט געטראָטען איבער די גאָרטען־בייטען, איבער די אוגערקעס און קרויט.

דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער, טומלדיגער — באמת וואַנזיניגער אָוונט. צום אָנהויב האָט מען געטרונקען אין קלוב, נאָכ־דעם איז מען געפאָהרען אויפ'ן וואָקזאַל טרינקען גלינטווייַן, נאָכדעם האָט מען זיך ווידער צוריקגעקערט אין קלוב. פון אָנפאַנג האָט זיך ראַמאַשאָוו געשעמט, געהאַט פאַרדראָס אויף זיך אַליין, פאַר זיין אונטערגעבענקייט און האָט געהאַט דעם איבעלדיגען געפיהל פון עקעל און פאַרשעמטקייט, וואָס יעדער פרישער מענש פיהלט אין דער געזעלשאַפט פון שיכור'ע. דאָס געלעכטער האָט איהם אויסגעוויזען אומנאַטירליך, די וויצען פלאַך, דאָס געזאַנג פאַלש. נאָר דאָס הייסע רויטווייַן, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען אויפ'ן וואָקזאַל האָט איהם פּלוצלונג זיין קאָפּ פאַרדרעהט, און האָט איהם אָנגעפילט מיט טו־מעלדיגער און עפּעס קרעמפּהאַפטער פרייד. פאַר זיינע אויגען איז אויפגעשטאַנען אַ גרויער פאַרהאַנג פון מיליאָנען ציטעריגע זעמדלאַך, און אַלץ איז געוואָרען באַקוועם, לעבעדיג און פאַרשטענדליך.

שעה נאָך שעה זיינען דורכגעלאָפען ווי רגע'ס, און בלויז פון דעם, וואָס מען האָט אין עס־צימער אָנגעצונדען די לאָמפּען, האָט ראַמאַשאָוו ניט קלאָר פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַריבער אַ לאַנגע צייט און עס איז אָנגעקומען נאַכט.

— מיינע הערען, לאָמיר פאָהרען צו מיידלאַך, — האָט עמיצער פאָרגעליינט. — לאָמיר אַלע פאָהרען צו שלייפערשען.

— צו שלייפערשען, צו שלייפערשען! הורא!

און אַלע האָבען זיך אָנגעהויבען צו טומלען צו קלאַפּען מיט די שטולען און צו לאַכען. אין דעם אָוונט האָט זיך אַלץ געטאָן פון זיך אַליין. ביי די טויערען פון קלוב זיינען שוין געשטאַנען צוויי־פערדיגע פאַעטאָנען. נאָר קיינער האָט ניט געוואוסט פון וואַנען זיי זיינען געקומען. אין ראַמאַשאָווס געדאַנק האָבען זיך שוין לאַנג באַ־וויזען שוואַרצע, שלאָפעדיגע פּוסטקייטען, וועלכע האָבען זיך געביטען מיט מאָמענטען פון שטאַרק בולטען, פאַרשאַרפטען באַוואוסטזיין. ער האָט פּלוצלונג זיך דערזעהן זיצענדיג אין קאַרעט לעבען וועטקינען. פון פאָרענט אויפ'ן בענקעל איז געזעסען עמיצער אַ דריטער, נאָר זיין פּנים האָט ראַמאַשאָוו ניט געקאָנט זעהן אין דער נאַכט, כאָטש ער האָט זיך צו איהם געבויגען, שאָקלענדיג זיך מיט'ן גאַנצען קערפּער אויף רעכטס און אויף לינקס. זיין געזיכט האָט אויסגעזעהן טונקעל, אָט

שמאָל װערענדיג װי אַ קלײן פּױסט. אָט פאַנאַנדערציהענדיג זיך אין דער קרים און איז געװען איהם זעהר באַקענט. ראָמאַשאָװ האָט זיך פלוצלונג צולאַכט, און אַלײן װי פון דער זײט דערהערט זײן טעמפּען, הילצערנעם געלעכטער.

— דו זאָגסט אַ ליגען, װעטקין, איך װײס, ברודער, װאוהין מיר פאָהרען, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שיכור'ער װיציגקײט. — דו פיהרסט מיך, ברודער, צו פרױען. איך, ברודער, װײס דאָס.

זײ האָט אַריבערגעיאָגט, הילכיג קלאַפּענדיג אָן די שטײנער, אַ צװײטער קאַרעט. האַסטיג און זינלאָז זײנען דורכגעשװאומען אין דער ליכט פון די לאַמטערנעס, די שפּרינגענדיגע טונקעל רױטע פערד, דער פוהרמאַן, װאָס האָט בײז אומגעמאַכט איבער'ן קאָפּ מיט דער בײטש און די פיער אָפיצערען, װעלכע האָבען זיך מיט אַ געשרײ און אַ פײ־פערײ געװיגט אויף זײערע ערטער.

דאָס באַװאוסטזײן האָט זיך אויף אַ מינוט מיט אַן אויסערגע־װעהנליכער קלאָרקײט און ריכטיגקײט אומגעקערט צו ראָמאַשאָװען. יע, אָט פאָהרט ער אין יענעם אָרט, װאו עטליכע פרױען פאַרקױפען װעמען עס גלוסט זיך, זײער קערפּער, זײער צאַרטקײט און דעם גרױ־סען סוד פון זײער ליעבע. פאַר געלד? אויף אײן מינוט? אַך, איז דאָס דען ניט אַלץ אײנס! פרױען! פרױען! — האָט אין ראַ־מאַשאָװען געשריען עפּעס אַ װילדע זיסע אומגעדולדיגע שטימע. צו איהר האָט זיך צוגעמישט ,װי אַ װײטע קױם הערבאַרע שטימע דער געדאַנק װעגען שוראָטשקען; נאָר אין דער צוזאַמענטרעפונג איז ניט געװען קײן נידעריגעס, באַלײדיגענדעס, נאָר, פאַרקערט, אין דעם איז געװען עפּעס טרײסטענדעס, גענאַרטעס און אויפרעגענדעס, פון װאָס עס האָט שטיל און אַנגענעם געקיצעלט אין האַרצען.

אָט װעט ער באַלד קומען צו פאָהרען צו זײ, צו די אומבאַקענטע נאָך קײנמאָל ניט געזעהענע, צו די מאָדנע, געהײמע, רײצענדע װע־זענס — צו פרױען! און דער פאַרבאָרגענער טרױם װעט מיט אַמאָל ערשײנען אויפ'ן װאָר, און ער װעט קוקען אויף זײ, נעמען זײ פאַר די הענט, הערען זײער צאַרטען געלעכטער און געזאַנג, און דאָס װעט זײן אַן אומפאַרשטענדליכע, נאָר אַ פרײדיגע טרײסט אין דעם לײדענשאַפט־ליכען דאָרשט, מיט װעלכען ער שטרעבט נאָר צו אײן פרױ אין דער װעלט, צו איהר, צו שוראָטשקען! נאָר אין זײנע געדאַנקען איז ניט

געווען קיין באַשטימט ־ תּאווה'דיגער צוועק; — איהם, וועמען אײן פרוי האָט אָפּגעשטויסען, האָט מעכטיג און סטיכיש געצויגען אין דער ספערע פון דער ניט צוגעדעקטער, אָפענער, איינפאַכער ליעבע, ווי דער פייער פון מאיאַק ציהט אין אַ קאַלטער נאַכט צו זיך די פליהענדיגע פויגעל. און מעהר גאָר ניט.

די פערד האָבען זיך אַ קער געטאָן אויף רעכטס. און מיט אַמאָל האָט אויפגעהערט דאָס קלאַפּען פון די רעדער און די שרויפען. דער קארעט האָט זיך שטאַרק און ווייך געגומען וויעגען אויף די איינגע־טראָטענע וועגען און גריבער, שטיל אָראָפּלאָזענדיג זיך פון בערגעל. ראָמאַשאָוו האָט אויפגעעפענט די אויגען. טיף פון אונטען, אונטער זיינע פיס, זיינען ברייט אין אומאָרדנונג פאַנאַנדערגעוואָרפען געווען קליינע פייערלאַך. דאָס פלעגען זיי זינקען אהינטער די בוימער און הייזער, און אָט פלעגען זיי ווידער זיך באַווייזען, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָרטען, אין טאָל, בלאָנדזשעט אום אַ גרויסער ,צוטייל־טער עולם, עפּעס אַ פאַנטאַסטישע פּראָצעסיע מיט לאַמטערנעס אין די הענט. אויף אַ מאָמענט האָט פון ערגעץ אַ וועה געטאָן מיט וואַ־רעמקייט און מיט דעם ריח פון פּאָלין, אַ גרויסער, טונקעלער צווייג האָט אַ רויש געטאָן איבער'ן קאָפּ, און באַלד האָט אַ ציה געטאָן מיט אַ פייכ־טער קעלט, אזוי ווי דער אָטעם פון אַן אַלטען קעלער.

— וואוהין פאָהרען מיר? — האָט ווידער ראָמאַשאָוו געפרעגט.

— אין זאַוואַליע! — האָט אַ געשריי געטאָן דער וואָס איז פון פאָרענט געזעסען, און ראָמאַשאָוו האָט מיט באַוואונדערונג אַ קלער גע־טאָן: „אך, יע, דאָס איז דער פאָרוטשיק יעפּיפאַנאָוו. מיר פאָהרען צו שלייפערשען". — זייט איהר דען דאָרטען קיינמאָל ניט געווען?

— געהט צום טייוועל! — האָט ראָמאַשאָוו אַ געשריי געטאָן.

נאָר יעפּיפאַנאָוו האָט געלאַכט און געזאָגט:

— הערט, יורי, אַלעקסעאיטש, ווילט איהר — וועלען מיר זיי אריינמורמלען, אַז איהר זייט דאָס צום ערשטען מאָל אין אייער לעבען? הא? נו, ליעבער, טייערער. זיי האָבען דאָס ליעב. וואָס אַרט דאָס אייך?

און ווידער האָט זיך ראָמאַשאָוו באַוואוסטזיין פאַרוואָלקענט מיט געדיכטער אומדורכדרינגבארער פינסטערניש. און מיט אַמאָל האָט ער זיך דערזעהן אין אַ גרויסען זאַל מיט אַ פאַרקעט דיל, און מיט

וויענער שטולען ארום די ווענט. אויף דער אריינגאנגס טיר און אויף די דריי איבעריגע טירען, וועלכע האבען געפיהרט אין פינסטערע קא־מערלאך, זיינען געהאנגען לאנגע סיצענע פארהאנגען רויטע, אין געלע בלומען. אזוינע פארהאנגלאך האבען זיך אויך געבלאזען און געוויעגט אויף די פענסטער געעפענטע אין דער שווארצער פינסטערניש פון הויף. אויף די ווענט האבען געברענט לאמפען. עס איז געווען ליכטיג, רויכיג און עס האט געשמעקט מיט אידישע געקעכץ, נאר צייטענווייז פלעגט זיך פון די אפענע פענסטער דערטראגען דער פרישער ריח פון נאסע גרינסען, פון בליהענדע ווייסע אקאציען און פריהלינגדיגער לופט.

אפיצערען זיינען געווען ארום צעהן. עס האט זיך געדאכט, אז יעדער פון זיי האט גלייכצייטיג געזונגען, געשריען און געלאכט. ראָ־מאשאוו, פרעהליך און נאאיוו שמייכלענדיג, איז ארומגעגאנגען פון איינעם צו דעם צווייטען, דערקענענדיג זיי, אזוי ווי צום ערשטען מאל, מיט באוואונדערונג און פארגעניגען: בעק־אגאמאלאווען, לבאווען, וועטקינען, יעפיפאנאווען, ארטשאקאווסקין, אליזארען און אנדערע. דא איז אויך געווען שטאבס־קאפיטאן לעשטשענקא: ער איז געזעסען ביי דעם פענסטער מיט זיין שטענדיגען אונטערטעניגען און פאראור־מערטען אויסזעהן. אויפ'ן טיש, אזוי ווי פון זיך אליין, אזוי ווי אלץ וואס איז פארגעקומען אין דעם אוונט, האבען זיך באוויזען פלעשער ביער און געדיכטע קארשען נאליווקע. ראמאשאוו האט מיט עמיצען גע־טרונקען, געשלאגען די גלעזלאך און געקושט זיך, און געפיהלט, אז די הענט און ליפען ווערען ביי איהם קלעפיג און זיס.

דא זיינען געווען פינף צי זעקס פרויען. איינע פון זיי, לויט'ן אויסזעהן א מיידעלע פון א יאהר פערצעהן, געקליידעט ווי א פאזש, די פיס אין ראזעווען טריקא, איז געזעסען ביי בעק־אגאמאלאווען אויף די קניה און האט געשפיעלט מיט די שנירלאך פון זיינע אקסעלבאנ־טען. די צווייטע, א הויכגעוואוקסענע בלאנדינקע אין א רויטער, זיידענער בלוזקע און טונקעלעם קליידעל, מיט א גרויסען, שעהנעם אנגעפוידערטען פנים און קיילעכדיגע שווארצע ברייטע ברעמען איז צוגעגאנגען צו ראמאשאווען.

— מאנסביל, פאר וואס זייט איהר אזא אומעטיגער? לאמיר געהן אין צימער. — האט זי געזאגט מיט א נידריגער שטימע.

זי האט זיך מיט א זייט, פרעך אוועקגעזעצט אויפ'ן טיש, אוועק־

לעגענדיג אַ פּוס אויף אַ פּוס. ראַמאַשאָוו האָט דערזעהן ווי פון אונטער איהר קלייד, האָט זיך גלאַט אויסגעצייכענט איהר קיילעכדיגער, מעכ־טיגער דיך. ביי איהם האָבען גענומען ציטערען די הענט און איהם איז קאַלט געוואָרען אין מויל. ער האָט אומדרייסט געפרעגט:

— ווי רופט מען אייך?

— מיך? מאַלווינאַ. — זי האָט זיך גלייכגילטיג אָפּגעקערט פון דעם אָפיצער, און האָט גענומען אומשאַקלען מיט די פיס. — גיט מיר אַ פּאַפּיראָס.

פון ערגעץ האָבען זיך באַוויזען צוויי מוזיקאַנטען אידען: איי־נער מיט אַ פידעל, דער צווייטער מיט אַ פּויק. אונטער דעם לאַנג־ווייליגענדען, פאַלשען מאָטיוו פון אַ פּאָלקע, מיט דער באַגלייטונג פון פאַרשטיקטע גרילצענדע פּויקען־קלעפּ, האָבען אָליזאַר און ארטשאַ־קאָווסקי גענומען טאַנצען אַ קאַנקאַן. זיי האָבען געשפּרונגען איינער געגען דעם צווייטען, דאָס אויף איין פוס, דאָס אויף דער צווייטער פוס, צוקנאַקענדיג מיט די פינגער פון די אויסגעשטרעקטע הענט, האָבען זיך געשטופּט אויף צוריק, צושפּרייטענדיג די איינגעבויגענע קניה און פאַרנעגענדיג די גרויסע פינגער אונטערן אָרעם, און האָבען מיט גראָבע, צינישע זשעסטען געדרעהט מיט די זייטען, העסליך איינבוי־גענדיג דעם קערפּער פאָראויס און אויף צוריק. פּלוצלונג איז בעק־אַנאַמאַלאָוו אויפגעשפרונגען פון בענקעל, און האָט אויסגעשריען מיט אַ שניידענדער הויכער צואַווילדעוועטער שטימע:

— צום טייוועל די ציווילע, שוין אַרויס!

אַרום טיר זיינען געשטאַנען צוויי ציווילע לייט — אַלע אָפּי־צערען אין פּאָלק האָבען זיי געקענט, ווייל זיי פלעגען זיין אויף די אָווענטען אין קלוב: איינער — אַ בעאַמטער פון רעגירונגס־באַנק, און דער צווייטער — אַ ברודער פון אַ יוסטיץ־בעאַמטען, אַ קליינער גוט־באַזיצער, — ביידע זעהר אַנשטענדיגע יונגע לייט.

ביי דעם בעאַמטען אויפ'ן געזיכט איז געווען אַ בלייכער גע־מאַכטער שמייכעל, ער האָט גערעדט מיט אַ בעטענדער שטימע, באַ־מיהענדיג זיך צו האַלטען פריי.

— ערלויבט אונז, מיינע הערען, צו טיילען אייער קאָמפּאַניע... איהר קענט דאָך מיך, מיינע הערען... איך בין דאָך דובעצקי, מיינע הערען... מיר וועלען אייך, מיינע הערען, נים שטערען.

— אין ענגשאפט, אבי אין ליעבשאפט, — האָט דעם יוסטיץ־בעאַמטענס ברודער געזאָגט, און האָט זיך געקינסטעלט צולאַכט.

— ארויס! — האָט בעק־אַגאַמאַלאָוו גענומען שרייען, — מאַרש!

— שטעלט אַרויס, חברים, די ציווילע! — האָט אַרטשאַקאָוו־סקי אָנגעהויבען צו לאַכען.

עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ טומעל. אַלץ אין צימער האָט זיך גענומען דרעהען ווי אַ קנויל, געקרעכצט, געלאַכט און געטופּעט. די פייערדיגע צינגלאַך פון די לאַמפּען האָבען רויבערענדיג גענומען שפּרינגען אין דער הויך. די קיהלע נאַכט־לופט האָט זיך אַריינגעריסען פון די פענסטער און האָט ציטעריג אָן אָטעם געטאָן אויף די געזיכטער. די שטימען פון די ציווילע האָבען שוין פון הויף געשריען אין מאַכטלאָזען, צאָרנדיגען שרעק, רחמנות'דיג, הויך און וויינענדיג:

— איך וועל דאָס דיר אַזוי ניט פאַרשווייגען! מיר וועלען זיך באַקלאָגען פאַר דעם פאָלק־קאָמאַנדיר. איך וועל שרייבען דעם גובערנאַטאָר! אַפּריטשניקעס!

— אָר־לאַ־לאַ־לאַ! טרייב זיי! — האָט מיט אַ דינעם פאַלצעט געשריען וועטקין, אַרויסרוקענדיג זיך פון פענסטער.

ראָמאַשאָוו'ן האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע היינטיגע פּאַסירונגען געהען איינער נאָך דער צווייטער אָהן אַן איבעררייס, אָהן קיין צוזאַמענבונד, אַזוי ווי פאַר איהם וואָלט זיך פאַנאַנדערגעוויקעלט אַ שרייענדיגע פאַרביגע שטיינגע מיט העסליכע, אונזיניגע, שווידערליכע בילדער. ווידער האָט איינטאָניג זיך די פידעל צוקוויטשעט, און דער פּויק ציטערען און ברומען. עמיצער אָהן אַ מונדיר, אין איין אונטערהעמד, האָט געטאַנצט אין מיטען צימער, יעדע ווײַלע פאַלענדיג אויף צוריק און איינשפאַרענדיג זיך מיט די פינגער אין דיל. אַ דאַרע, שעהנע פרוי, — ראָמאַשאָוו האָט איהר פריהער ניט באַמערקט, — מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע שוואַרצע האָר, און מיט שטאַרצענדע ביינער אויף דעם אָפּענעם האַלז, האָט מיט די הוילע הענט אַרומגענומען דעם אומעטיגען לעשטשענקאָ פאַר'ן האַלז, און באַמיהענדיג זיך אַריבערצושרייען די מוזיק און די געשפּרעכען, האָט זי קוויטשענדיג איהם געזונגען גלייך אין אויער אַריין:

וועו דו וועסט קראַנק ווערען פון שווינדזיכט און שאַנד,

וועסטו ווערען בלייך ווי די וואַנד
אַרום דיר דאָקטוירים נאָכאַנאַנד.

באַבעטינסקי האָט פון גלאָז געשפּריצט ביער אַהינטער'ן ווענטעל, אין איינעם פון די באַזונדערע, פינסטערע קעמערלאַך, און פון דאָרטען האָט אַן אומצופרידענע, געדיכטע, פאַרשלאָפענע שטימע זיך געבייזערט:

— יע, מיינע הערען... גענוג שוין. ווער איז דאָס דאָרטען? וואָס איז דאָס פאַר אַ שווייגעריי!

— הערט נאָר, איהר זייט לאַנג דאָ? — האָט ראָמאַשאָוו געפרעגט די פרוי, אין דער רויטער בלוזקע, און האָט בגנבה, אַזוי ווי אומגעריכט פאַר זיך אַליין, אַוועקגעלייגט זיין האַנט אויף איהר שטאַרקען, וואַרימען פוס.

זי האָט עפּעס געענטפערט אַזוינס, וואָס ער האָט ניט דערהערט. זיין אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגען אַ ווילדע סצענע. דער פּאָדפּאָרוטשיק לבאָוו האָט זיך געיאָגט איבער'ן צימער נאָך איינעם פון די מוזיקאַנטען און האָט מיט אַלע זיינע כחות געקלאַפּט איהם מיט'ן פויק איבער'ן קאָפּ. דער איד האָט געשריען שנעל און אומפאַרשטענדליך, און אומקוקענדיג זיך מיט שרעק אויף צוריק, האָט ער זיך געוואָרפען פון ווינקעל אין ווינקעל, אויפהויבענדיג די לאַנגע פאַלדען פון זיין ראָק. אַלע האָבען געלאַכט. אַרטשאַקאָווסקי איז פון געלעכטער געפאַלען אויף דער ערד, און מיט טרערען אויף די אויגען זיך געקייקעלט אין אַלע זייטען. נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ שרעקליכער געשריי פון דעם צווייטען מוזיקאַנט. עמיצער האָט ביי איהם פון האַנט אַרויסגעכאַפּט די פידעל און מיט אַ מורא'דיגער קראַפט זי אַ שליידער געטאָן אָן דער ערד. די דעק האָט זיך צובראָכען אויף שטיקלאַך מיט אַ זינגענדיגען טראַסק, וועלכער האָט זיך מאָדנע צונויפגעגאָסען מיט דעם אידענס פאַרצווייפעלטען געשריי. נאָכדעם איז ראָמאַשאָוו אויף עטליכע מינוט געוואָרען באַוואוסטלאָז. און פּלוצלונג האָט ער ווידער דערזעהן, אַזוי ווי אין אַ היץ, אַז אַלע, וועלכע זיינען געווען אין צימער, האָבען צוזאַמען אָנגעהויבען צו שרייען, צו לויפען און מאַכען מיט די הענט. אַרום בעק־אַגאַמאַלאָוו'ן האָבען זיך ענג אַרומגעשטעלט מענשען, נאָר באַלד האָבען אַלע אָפּגעטראָטען און זיך צולאָפען איבער'ן צימער.

—ארויס אַלע פון דאַנען! איך וויל קיינעם ניט! — האָט בעק־אַגאַמאַלאָוו ווילד געשריען. ער האָט געקריצט מיט די ציינער, אומגעמאַכט פאַר זיך מיט די פויסטען און געטופּעט מיט די פיס. דער פּנים איז ביי איהם געוואָרען רויט, אויפ'ן שטערען האָבען זיך ביי איהם ווי שנורען אָנגעבלאָזען צוויי אָדערען, וועלכע ציהען זיך צו דער נאָז, דער קאָפּ איז געווען נידעריג און גרוזאַם אַראָפּגעלאָזען, און אין די אויסגעגלאָצטע אויגען האָבען שרעקליך געבלאַנקט בלויז די קיילעכדיגע ווייסלען.

ער האָט אַזוי ווי פאַרלאָרען די מענשליכע ווערטער, און האָט געברעוועט ווי אַ צואווילדעוועטע חיה, מיט אַ שרעקליכער, וויברירענדער שטימע:

— אַ־אַ־אַ־אַ!

פּלוצלונג האָט ער, האַסטיג און אומגעריכט, פלינק אויסבויגענדיג זיך מיט'ן קערפּער אויף לינקס, אַרויסגעכאַפּט דעם שווערד פון שייד. דער שווערד האָט אַ קלונג געטאָן, און מיט אַ שניידענדען פייף אַ בלאַנק געטאָן איבער זיין קאָפּ. און מיט אַמאָל האָבען אַלע אין צימער זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פענסטער און טירען. די פרויען האָבען היסטעריש געקוויטשעט. די מענער האָבען איינער דעם צווייטען אָפּגעשטויסען. ראָמאַשאָוו'ן האָט מען האַסטיג צוגעשטופּט צו דער טיר און עמיצער דורכשטופּענדיג זיך פאַרביי איהם, האָט איהם מיט אַ שפּיץ פון אַן עפּאָלעט אָדער מיט קנעפּעל צוקראַצט די באַק ביז בלוט. און באַלד האָבען אויפ'ן הויף אָנגעהויבען צו שרייען, איבערשלאָגענדיג איינע די צווייטע, אויפגערעגטע, איילענדיגע שטימען. ראָמאַשאָוו איז געבליבען איינער אַליין אין טיר. זיין האַרץ האָט שטאַרק און אָפּט געקלאַפּט, נאָר צוזאַמען מיט דעם שרעק האָט ער אויך געפיהלט עפּעס אַ זיסען, בייזען און פרעהליכען פאַרגעפיהל.

— איך וועל צו האַ־אַ־קען! — האָט בעק־אַגאַמאַלאָוו געשריען, סקריפּענדיג מיט די ציינער. אַלעמענס שרעק האָט איהם פאַר'שכור'ט. ער האָט מיט אַן אָנפאַלענדער קראַפט מיט עטליכע קלעפּ צוהאַקט דעם טיש, נאָכדעם האָט ער מיט דעם שווערד אַ קלאַפּ געטאָן דאָס שפּיגעל, און זיינע שטיקלאַך האָבען אַ שפּריץ געטאָן איבער'ן צימער, ווי אַ גלאַנציגער, פיעלפאַרביגער רעגען. פון דעם אַנדער

טיש האָט ער מיט איין קלאַפּ צוואוואָרפּען אַלע פלעשער און גלעזער, וועלכע זיינען אויף איהם געשטאַנען.

נאָר פלוצלונג האָט אָפּגעהילכט עמיצענס גרילצענדער, אומ־נאַטירליך חוצפה'דיגער געשריי:

— נאַר, כאַם!

דאָס האָט געשריען די זעלבע פרוי מיט פאַנאַנדערגעלאָזענע האָר און הוילע הענט, וועלכע האָט נאָר וואָס אַרומגענומען לעש־טשענקאָ. ראַמאַשאָוו האָט איהר פריהער נים געזעה'ן. זי איז גע־שטאַנען אין אַ נישע הינטער'ן אַוויוען, און נעמענדיג זיך מיט די הענט פאַר די זייטען, איינגאַנצען איינבויגענדיג זיך פאָראויס, האָט זי געשריען אָהן אַן אָפּשטעל מיט אַ געשריי פון אַן אָפּגענאַרטער מאַרק־הענדלערין:

— נאַר! כאַם! גראָבער מענש! קיינער האָט פאַר דיר ניט מורא! נאַר, נאַר, נאַר, נאַר!...

בעק־אַגאַמאַלאָוו האָט אַנגעכמורעט די ברעמען און, אַזוי ווי אַ פאַרלאָרענער, אַראָפּגעלאָזען די שווערד. ראַמאַשאָוו האָט געזעהן ווי זיין פנים איז ביסלעכווייז בלייך געוואָרען, און ווי אין זיינע אויגען האָט אויפגעפלאַמט אַ שרעק־אַנזאָגענדער געלער גלאַנץ. צו דער זעלבער צייט האָט ער אַלץ נידעריגער און נידעריגער איינגעבויגען די פיס, זיך איינגעהויקערט און איינגעצויגען אין זיך דעם האַלז, ווי אַ חיה, וועלכע קלייבט זיך אַ שפּרונג צו טאָן.

— שווייג! — האָט ער כריפּענדיג אַרויסגעזאָגט.

— נאַר! באַלוואַן! אַרמענער! איך וועל ניט שווייגען! שוטה! נאַר! — האָט די פרוי אויסגעשריען, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קער־פּער ביי יעדעם געשריי.

ראַמאַשאָוו האָט געוואוסט, אַז ער אַליין ווערט בלייך. אין קאָפּ איז ביי איהם געווען אַ געפיהל פון געוויכטלאָזיגקייט, פוסטקייט און פרייקייט. אַ מאָדנער געמיש פון שרעק און פרייד האָט אויפגעהויבען פלוצלונג זיין נשמה אין דער הויך, אַזוי ווי אַ לייכטען, שכור'ן שוים. ער האָט דערזעהן, ווי בעק־אַגאַמאַלאָוו, ניט אַראָפּנעמענדיג די אויגען פון דער פרוי, הויבט אויף לאַנגזאַם די שווערד איבער'ן קאָפּ. און פלוצלונג האָט אַ פלאַמיגער שטראָם פון וואהנזיניגער פרייד, שרעק, פיזישער קעלט, געלעכטער און דרייסטקייט אַרומגענומען ראַמאַ־

שאָוו'ן... אַ וואָרף טוענדיג זיך פאַראויס, האָט ער נאָך צייט געהאַט צו הערען, ווי בעק־אַגאַמאַלאָוו האָט צאָרנדיג געכריפּעט:

— דו וועסט ניט אַנשוויגען ווערען? צום לעצטען מאָל...

ראָמאַשאָוו האָט שטאַרק, מיט אַ קראַפּט, וואָס ער האָט פון זיך אַליין ניט ערוואַרט, אָנגעכאַפּט בעק־אַגאַמאַלאָוו'ן פאַר דער האַנט. עטליכע סעקונדען האָבען ביידע אָפּיצערען, ניט אַראָפּנעמענדיג די אויגען, געקוקט איינער אויף דעם אַנדערען, אויף אַ שטרעקע פון עטליכע צאָל. ראָמאַשאָוו האָט געהערט בעק־אַגאַמאַלאָוו'ס אָפּטען אָטעמען, ער האָט געזעהן זיינע שרעק־וואַרפענדע ווייסלאַך און די שאַרף־גלאַנצענדע שוואַרצאַפּלען פון די אויגען, און די ווייסע, סקריי־פענדיגע ציינער, נאָר ער האָט שוין געפיהלט, אַז דער וואַהנזיניגער פייער לעשט זיך אויס מיט יעדער מינוט אויף זיין אויסגעקרימטען פּנים, און איהם איז געווען אימה'דיג און פרעהליך צו שטעהן אַזוי צווישען לעבען און טויט, און שוין וויסען, אַז ער נעהמט אַרויס אַ זיגער פון דעם דאָזיגען שפּיעל. ווייזט אויס, אַז אַלע יענע, וועלכע האָבען נאָכגעקוקט די סצענע פון דרויסען, האָבען פאַרשטאַנען איהר געפעהרליכע באַדייטונג. אויפ'ן הויף, אַהינטער די פענסטער, איז געוואָרען שטיל, — אַזוי שטיל, אַז ערגעץ אַ פּאָר טריט דערביי, אין דער פינסטערניש, האָט זיך די נאַכטיגאַל הויך און זאָרגלאָז צוזונגען.

— לאָז אָפּ! — האָט נאָך אַמאָל בעק־אַגאַמאַלאָוו מיט כעס געדריקט.

— בעק, דו וועסט ניט שלאָגען אַ פרוי, — האָט ראָמאַשאָוו רוהיג אַרויסגערעדט. — בעק, דיר וועט זיין דיין גאַנץ לעבען מיאוס. דו וועסט זי ניט שלאָגען.

די לעצטע פונקען פון וואַהנזין האָבען זיך אין בעק־אַגאַמאַלאָוו'ס אויגען אויסגעלאָשען. ראָמאַשאָוו האָט שנעל אָנגעהויבען אומצו־מאַכען מיט די אויגען־דעקלאַך, און האָט שטאַרק אָפּגעזיפצט, אַזוי ווי נאָך אַ באַוואוסטלאָזען צושטאַנד. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבען צו קלאַפּען שנעל און אויסעראָרדענטליך, אַזוי ווי אין דעם מאָמענט וואָס מען דערשרעקט זיך, און זיין קאָפּ איז ווידער געוואָרען שווער און וואַרים.

— לאָז אָפּ! — האָט נאָך אַמאָל בעק־אַגאַמאַלאָוו מיט כעס אויסגעשריען און האָט אַ ריס געטאָן די האַנט. איצטער האָט שוין

ראַמאַשאָוו געפּיהלט, אַז ער קאָן זיך איהם ניט געגענשטעלען און האָט געערדט ווייך און צערטליך, צוריהרענדיג זיך קוים צום חבר׳ס אַקסעל:

— ענטשולדיגט מיר... נאַר איהר וועט מיר אַליין נאָכדעם אַ דאַנק זאָגען.

בעק־אַגאַמאַלאָוו האָט האַסטיג מיט אַ גערודער אַריינגעוואָרפען די שווערד אין שייד.

— גוט! צום טייוועל! — האָט ער אַ געשריי געטאָן בייז, נאַר שוין אביסעל צוטומעלט. — מיר וועלען זיך נאָך מיט אייך אָפּרעכענען. איהר האָט קיין רעכט ניט!...

אַלע די, וועלכע האָבען נאָכגעקוקט די דאָזיגע סצענע פון הויף, האָבען פאַרשטאַנען, אַז דאָס שרעקליכסטע איז שוין אַריבער. מיט אַ געקינסטעלטען הויכען געלעכטער זיינען זיי אַלע צוזאַמען אַריין צוריק. זיי האָבען אַלע פריינדליך און פאַמיליאַר גענומען איינריידען און בארוהיגען בעק־אַגאַמאַלאָוו׳ן. נאַר ער האָט זיך שוין אויסגעלאָשען, מאַכטלאָז געוואָרען, און זיין פּלוצלונג רויט געוואָרענער פנים האָט געהאַט אַ מידען און פאַראַכטנדען אויסדרוק.

עס איז געקומען שלייפערשע, אַ דיקע פרוי, מיט פאַרשמאָלצענע בריסט מיט אַן אכזריות׳דיגען אויסדרוק פון די אויגען, אַרומגערינגעלטע מיט קישעלאַך, אָהן ווימפּערס. זי האָט זיך געוואָרפען דאָס צו איי־נעם, דאָס צו אַ צווייטען אָפּיצער, זיי אָנגענומען פאַר די אַרבעל, פאַר די קנעפּלאַך און וויינענדיג געשריען:

— נו, מיינע העררען, נו, ווער וועט מיר באַצאָהלען פאַר אַלע: פאַר דעם שפּיגעל, דעם טיש, פאַר די געטראַנקען און פאַר די מיידלאַך?

און ווידער איז עמיצער אַן אומבאַוואוסטער פאַרבליבען צו אויס־טענה׳ן זיך מיט איהר. די איבעריגע אָפּיצערען זיינען אַלע אַרויס אין דרויסען. די ריינע, צאַרטע לופט פון דער מאַי־נאַכט האָט זיך לייכט און אָנגענעם אַריינגעריסען אין ראָמאַשאָוו׳ס ברוסט, האָט אָנגעפילט זיין גאַנצען קערפּער מיט אַ פרעהליכען, פרישען ציטער. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז די שפּורען פון היינטיגען שכרות האָבען זיך אַראָפּ־געריבען פון זיין מאַרך, אַזוי ווי פון דער באַריהרונג מיט אַ נאַסען שוואום.

צו איהם איז צוגעגאַנגען בעק־אגאמאלאָוו און איהם אָנגענומען פאַר דער האַנט.

— ראַמאַשאָוו, זעצט זיך מיט מיר, — האָט ער פאַרגעלייגט, — גוט?

און ווען זיי זיינען שוין געזעסען איינער נעבען אַנדערען, און ראַמאַשאָוו, איינבויגענדיג זיך אויף רעכטס, האָט געקוקט, ווי די פערד שפּרינגענדיג, און וואַרפענדיג מיט די ברייטע הינטענס, האָבען אַרויפגעפיהרט דעם קאַרעט אויף'ן באַרג, האָט בעק־אגאמאלאָוו אַנגעטאַפּט זיין האַנט און זי שטאַרק, לאַנג, ביז וועהטאָג געדריקט. מעהר איז צווישען זיי קיין זאַך ניט געזאָגט געוואָרען.

.19

נאָר די אויפרעגונג, וואָס אַלע האָבען איצטער ערשט איבער־געלעבט, האָט זיך אַרויסגעוויזען אין דער אַלגעמיינער נערוועזער, אויסעראָרדענטליכער אויפגעשרויפטקייט. אויף'ן וועג אין קלוב האָ־בען זיך די אָפיצערען זעהר שלעכט אויפגעפיהרט. זיי פלעגען אָפּ־שטעלען אַ דורכגעהענדען אידען, איהם צורופען, און אַראָפּרייסענדיג פון איהם דאָס היטעל, פלעגען זיי טרייבען שנעל דעם פוהרמאַן; נאָכ־דעם פלעגען זיי דאָס היטעל אַרויפוואַרפען ערגעץ אויף אַ פּלויט אָדער אויף אַ בוים. אַליזאַר האָט שטעהענדיג אויף'ן טרעפ פון קאַרעט, משתין געווען אויף'ן ברוק, באַמיהענדיג זיך צו טרעפען אין די דורכ־געהער, וועלכע זיינען געגאַנגען, לויט דעם פּראָווינציעלען שטייגער, אויף'ן מיטען גאַס. באַבעטינסקי האָט נאָר געשלאָגען דעם פוהרמאַן. די איבעריגע האָבען הויך געזונגען און געשריען אָהן אַ טאָלק. בלויז בעק־אגאמאלאָוו, וועלכער איז געזעסען לעבען ראַמאַשאָווען, האָט די גאַנצע צייט געשוויגען, בייז און איינגעהאַלטען סאָפּענדיג.

דער קלוב, ניט קוקענדיג אויף דער שפּעטער שעה, איז געווען העל באַלויכטען און פול מיט מענשען. אין קאַרטען־צימער, אין עס־צימער, אין בופעט און אין ביליאַרד־צימער האָבען זיך געשטופּט פאַרטומעלטע פון וויין, טאַבאַק און קאָרטען־שפּיעל, מענשען אין צו־קנעפּעלטע רעק מיט אומבאַוועגליכע זויערע אויגען און פוילע באַווע־גונגען. ראַמאַשאָוו, באַגריסענדיג זיך מיט איינינע אָפיצערען, האָט

פלוצלונג, צו זיין פארוואונדערונג, באמערקט צווישען זיי ניקאלאיעוו׳ן. ער איז געזעסען לעבען אסאדטשי און איז געווען באטרונקען און רויט, נאר ער האט זיך געהאלטען פעסט. ווען ראמאשאוו, ארומגעהענדיג דעם טיש, האט זיך דערנעהנטערט צו איהם, האט ניקאלאיעוו שנעל א קוק געטאן אויף איהם, און האט זיך באלד אפגעקערט, אום ניט צו געבען די האנט, און האט מיט א פארגרעסערטען אינטערעס גענומען ריידען מיט זיין שכן.

— וועטקין, געהט זינגען! — האט אסאדטשי א געשריי געטאן איבער די קעפ פון די חברים.

— לא־א־מיר ע־פעס זינ־גע־ען! — האט וועטקין גענומען זינגען מיט א קלויסטער־מאטיוו.

— לא־א־מיר ע־פעס זי־אינ־גען! לא־מיר ע־פעס זי־אינ־גען! — האבען די איבעריגע הויך אונטערגעכאפט.

— אוי אהינטער׳ן גלח׳ס גארטען, האבען זיך געשלאגען דאר־טען... — האט וועטקין גענומען שנעל לייענען, אזוי ווי מען טוט אין קלויסטער. — רוק זיך, ניטשיפאר, רוק זיך.

— רוק זיך, ניטשיפאר, רוק זיך, — האט שטיל, מיט פולע אקארדען, איהם דער כאר אפגעענטפערט, אזוי ווי א דערווארימטער פון אסאדטשי׳ס שטימע.

וועטקין האט דיריזשירט, שטעהענדיג אויפ׳ן מיטען טיש, און צושפרייטענדיג די הענט אויף די זינגענדע. ער האט אנגעשטעלט בייזע, צערטליכע און אויפמונטערענדע אויגען, געשיפעט אויף יענע, וועלכע זינגען ניט ריכטיג און האט מיט א קוים באמערקבארען ציטער פון האנט אפגעשטעלט יענע, וועלכע פלעגען זיך איילען.

— שטאבס־קאפיטאן לעשטשענקא, איהר זינגט פאלש! איך האט א בער אויפ׳ן אויער ארויפגעטראטען. ווערט אנשוויגען! — האט אסאדטשי א געשריי געטאן. — מיינע הערען, ווערט שטיל אלע ארום! ניט טומעלט, ווען מען זינגט.

— ווען א רייכער פויער עסט... — האט ווידער וועטקין גע־לייענט. פון דעם טאבאק־רויך האט געשניטען די אויגען. די סאראטע אויפ׳ן טיש איז געווען קלעפיג, און ראמאשאוו האט זיך דערמאנט, אז ער האט היינט אוועגט נאך די הענט ניט געוואשען. ער איז אוועק דורכ׳ן הויף אין צימער, וועלכער האט זיך גערופען „די אפיצערענס

נאָמערען" — דאָרט איז שטענדיג געשטאַנען אַ האַנטפּאַס. דאָס איז געווען אַ פּוסטער, קאַלטער קעמערל מיט איין פענסטער. אין דער לענג פון די ווענט זיינען געשטאַנען, מיט אַן אַלמערל צוטיילט, צוויי בעטען, לויט דעם שטייגער פון אַ האָספּיטאַל. מען האָט די וועש פון זיי קיינמאָל ניט געביטען, אויך האָט מען דאָרט קיינמאָל ניט אויסגעקערט און ניט דורכגעלופטערט. דורך דעם איז אין צימער שטענדיג געווען אַ פּוילער, קוויטיגער גערוך פון געטראָגענע וועש, אַלטען טאַבאַק־רויך און געשמירטע שטיוועל. דער צימער איז געווען געמאַכט פאַר אַפּיצערען, וועלכע קומען פון ווייט אין שטאָב פון פּאָלק. נאָר אין דעם צימער פלעגט מען געוועהנליך אריינלייגען שכור'ע אָפּי־צערען צו צוויי אָדער צו דריי אין אַ בעט. דעריבער האָט דער צימער אויך געטראָגען דעם נאָמען „טויטען־צימער" און „מאָרג". אין די דאָזיגע נעמען איז געווען באַהאַלטען אַ באַוואוסטלאָזע, אָבער שרעק־ליכע לעבענס־איראָניע, ווייל אין דער צייט וואָס דער פּאָלק איז גע־שטאַנען אין שטאָדט, האָבען זיך אין דעם צימער, אויף די בעטען, דערשאָסען עטליכע אָפּיצערען און איין באַדיענער. און גלאַט, עס פלעגט ניט אריבער אַ יאָהר, וואָס אין נ—ער פּאָלק זאָל זיך עמיצער פון די אָפּיצערען ניט דערשיסען.

ווען ראָמאַשאָוו איז אריין אין דעם צימער, זיינען צוויי מענשען געזעסען אויף די בעטען צוקאָפּענס לעבען פענסטער. זיי זיינען גע־זעסען אָהן פּייער, אין דער פינסטער, און בלויז נאָך אַ לייכטען שאָרך, האָט ראָמאַשאָוו דערפיהלט זייער אַנוועזענהייט און האָט זיי קוים דערקענט, נאָהנט צוגעהענדיג און איבערבויגענדיג זיך איבער זיי. דאָס זיינען געווען שטאַבס־קאַפּיטאַן קלאָדט, אַ שכור און אַ גנב, וועל־כען מען האָט באַזייטיגט פון אָנפיהרען די ראָטע, און דער פּאָדפּאָרו־טשיק זאָלאָטוכין, אַ לאַנגער, מיטעליעהריגער און פליכעוואַטער, אַ קאָרטען־שפּיעלער, סקאַנדאַליסט, און אויך אַ שכור פון דעם טיפּ פון די „אייביגע פּאָדפּאָרוטשיקעס". צווישען זיי ביידען האָט אויפ'ן טיש טונקעל געגלאַנצט אַ גרויסע פלאַש בראַנפען, עס איז געשטאַנען אַ ליידיגער טעלער און צוויי פולע גלעזער. קיינע שפּורען פון פּארביי־סענס האָט מען ניט געזעהן. זיי האָבען געשוויגען, אַזוי ווי באַהאַל־טענדיג זיך פאַר דעם אריינגעקומענעם, און ווען יענער האָט זיך צו־געבויגען צו זיי, האָבען זיי כיטרע שמייכלענדיג געקוקט ערגעץ אַראָפּ.

— גאָט מיינער, וואָס טוט איהר דאָ? — האָט ראָמאַשאָוו גע־פרעגט דערשראָקען.

— טסס... ! — זאָלאָטוכין האָט געהיימניספול, מיט אַ ווארנונג אויפגעהויבען דעם פינגער אין דער הויך. — ווארט אויס, ניט שטערט.

— זייט שטיל! — האָט שטילערהייט קורץ ארויסגערעדט קלאָדט.

פלוצלונג האָט ערגעץ אָנגעהויבען צו קלאַפען אַ וואָגען. דאַן האָבען ביידע האַסטיג אויפגעהויבען די גלעזער, זיך צוקלאַפט און גלייכצייטיג אויסגעטרונקען.

— וואָס איז דאָס פאָרט אַזוינס? — האָט ראָמאַשאָוו אומרוהיג א געשריי געטאָן.

— דאָס איז, מיין טייערער, — האָט פולבאַדייטענד און שטיל קלאָדט געענטפערט, — דאָס איז ביי אונז אַ פארבייסונג אַזאַ. אונטער דער קלאַפעריי פון אַ וואָגען. פענדריק, — האָט ער זיך גע־ווענדט צו זאָלאָטוכינ'ען. — איצטער, ווי ווילען מיר טרינקען? ווילסט, אין לבנה־שיין?

— מיר האָבען שוין געטרונקען, — האָט ערנסט געענטפערט זאָ־לאָטוכין און האָט אַ קוק געטאָן אין פענסטער אויף דעם שמאָלען סערפ פון דער לבנה, וואָס איז נידעריג און לאַנגווייליג געהאַנגען איבער'ן שטאָדט. — לאָמיר ווארטען. אָט וועט אפשר אַ הונט אַ ביל טאָן. שווייג אַביסעל.

אזוי האָבען זיי זיך געשעפטשעט, צובויגענדיג זיך איינער צו דעם צווייטען, איינגעהילטע אין פינסטערען שפאַס פון שכור'ן וואהנ־זין. און פון עס־צימער האָבען זיך צו דער זעלבער צייט דערטראָגען די קלאַנגען פון קלויסטער־נגון, עהנליכע אויף אַ ווייטען לויה־געזאַנג. די קלאַנגען, פארטויבטע דורך די ווענט, זיינען געווען ווייך און האַר־מאָניש־אומעטיג.

ראָמאַשאָוו האָט אַ פאַטש געטאָן מיט די הענט און האָט זיך געכאַפט פאַר'ן קאָפּ.

— גאָט מיינער! אום גאָטעס ווילען, הערט אויף: דאָס איז שוידערליך, — האָט ער געזאָגט מיט בענקשאַפט.

— געהט צום טייוועל! — האָט אויף איהם פלוצלונג זאָלאָטו־כין אַ געשריי געטאָן. — ניין, שטעה, ברודער! וואוהין? אַ פריהער

טרינקט אוים מיט אנשטענדיגע לייט. ניין, וועסט אונז ניט אפנאַרען, ברודער. האַלט איהם צו, שטאבס־קאַפּיטאַן, און איך וועל פאַרשפּאַרען די טיר.

זיי זיינען ביידע אויפגעשטאַנען פון בעט, און האָבען מיט א וואהנזיניגען כיטרען געלעכטער געגומען כאַפּען ראַמאַשאָוו'ן. און דאָס אַלץ צוזאַמען, — דער פינסטערער, שטינקענדיגער צימער, די געהיימע, פאַנטאַסטישע שכרות אין דער מיטען נאכט אָהן פייער, די צוויי וואהנזיניגע מענשען — דאָס אַלץ האָט פּלוצלונג אַן אָטעם געטאָן אויף ראַמאַשאָוו'ן מיט אַן אומערטרעגליכען שרעק פון טויט און וואהנזין. מיט א שרעקליכען געשריי האָט ער ווייט פון זיך אָפּגעשטויסען זאַלאַטוכינ'ען, און, אינגאַנצען אויפשווידערענדיג, איז ער ארויסגעשפּרונגען פון צימער.

מיט'ן פאַרשטאַנד האָט ער באַנומען, אז ער דאַרף געהן אהיים, נאָר לויט אַן אומפאַרשטענדליכען, מאָדנעם און אומאַנגענעמען געפיהל האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין עס־צימער. דאָרטען האָבען שוין פיעלע געדרימעלט, זיצענדיג אויף די בענקלאַך און פענסטער־ברעטער. עס איז געווען אומערטרעגליך הייס, און ניט קוקענדיג אויף די אָפענע פענסטער, האָבען די ליכט אין די לאָמפּען געברענט ניט פינטלענדיג. די איינגעמאַטערטע דיענערשאַפט און די סאָלדאַטען פון בופעט האָבען געדרימעלט שטעהענדיג און געגענעצט, ניט אויפהערענדיג דאָס מויל, מיט די איינע נאָזלעכער. נאָר די שווערע, אַלגעמיינע שכרות האָט זיך נאָך ניט געענדיגט.

וועטקין איז שוין געשטאַנען אויפ'ן טיש און מיט א הויכען ליידענשאַפטליכען טענאָר געזונגען:

שנעל ווי די כוואַליעס
זיינען די טעג פונ'ם לעבען...

אין פאָלק זיינען געווען פיעל אָפּיצערען פון גייסטליכער אָפּשטאַמונג, און דעריבער האָבען זיי געזונגען אין כאָר אפילו באַטרונקענערהייט. דער איינפאַכער, אומעטיגער, ריהרענדער מאָטיוו האָט איידעלער געמאַכט די באַנאַלע ווערטער. און אַלעמען איז אויף א ווײַלע געוואָרען באַנג און ענג אונטער דעם נידעריגען באַלקען, אין דעם פאַרדומפּטען צימער, צווישען דעם שמאָלען, טויבען און בלינדען לעבען.

ווערסט שטאַרבען, באַגראָבט מען דיך,
ווי קיינמאָל געלעבט...

האָט וועטקין איינדרוקספול געזינגען, און פון דעם קלאַנג פון זיין אייגענער היזכער, ריהרענדער שטימע און פון דעם געפיהל פון דער אַלגעמיינער האַרמאָניע אין כאָר — זיינען אין זיינע גוטע, נאַרישע־וואַטע אויגען געשטאַנען טרערען. אָרטשאַקאָווסקי האָט געזונגען די צווייטע שטימע, און כדי זיין שטימע זאָל וויברירען, האָט ער זיך מיט צוויי פינגער געטרייסעלט פאַר דעם קין. אַסאַדטשי האָט מיט פולע, ציהענדיגע טענער אַקאָמפּאַנירט דעם כאָר, און עס האָט זיך געדאַכט אַז אַלע איבעריגע שטימען זיינען געשוואומען, אַזוי ווי אין דונקעלע כוואַליעס, אין די דאָזיגע נידעריגע אָרגאַנען־טענער.

מען האָט אָפּגעזונגען דאָס ליעד און אַביסעל געשוויגען. אויף אַלעמען איז, דורך דעם שכור'ען טשאַד, אָנגעקומען אַ שטילע, פאַר־טראַכטע מינוט. פּלוצלונג האָט אַסאַדטשי, קוקענדיג אויף דעם טיש מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגען, אָנגעהויבען שטילערהייט:

„די אַלע, וואָס זיינען געגאַנגען אויפ'ן שמאָלען, טרויעריגען וועג, — וואָס האָבען דאָס לעבען ווי אַ יאָך געטראָגען"...

— זאָל זיין גענוג! — האָט עמיצער באַמערקט מיט אַ לאַנג־וויילינגער שטימע. — וואָס האָט איהר זיך צוגעטשעפּעט צו דער הזכרה! שוין צום צעהנטען מאָל!

נאָר אַנדערע צוויי האָבען שוין אונטערגעכאַפּט דעם טרויער־געזאַנג, און אין דעם פאַרשמוצטען, פאַרשפּייטען, אָנגערויכערטען עס־צימער האָבען זיך גענומען גיסען ריינע, קלאָרע אַקאָרדען פון יאָהאַן דאַמאַסקינ'ס הזכרה, דורכגעדרונגענע מיט אַזאַ הייסען, אַזאַ תאוה'דיי־גען אומעט, מיט אַזאַ ליידענשאַפטליכער בענקשאַפט נאָך דאָס לעבען, וואָס געהט אַוועק:

„און די וואָס זיינען מיך נאָכגעגאַנגען מיט גלויבען, קומט, גע־ניסט, איך האָב פאַר אייך אָנגעגרייט כבוד און הימעל־קרוינען"...

און באַלד האָט אָרטשאַקאָווסקי, וועלכער האָט געוואוסט די הזכרה ניט ערגער פון אַ גלח, אונטערגעכאַפּט דעם אויסרוף:

— מיר רייד'ען אַלע פון דער גאַנצער זעל...

אַזוי האָבען זיי אָפּגעזונגען די גאַנצע הזכרה, און ווען עס איז געקומען צו דעם לעצטען אויסרוף, האָט אַסאַדטשי, איינבויגענדיג אין

דער נידער דעם קאָפּ, אָנבלאָזענדיג דעם האַלז, מיט מאָדנע און שרעקליכע, אומעטיגע און שלעכטע אויגען, אָנגעהויבען צו זאָגען מיט א געזאַנג אויף א נידעריגער שטימע, וועלכע האָט געברומט ווי די סטרונעס פון א באַנדורע:

„אין דער גליקליכער פּטירה גיב, גאָט, לעבען און אייביגע רוה צו דעם נפטר געוואָרענעם קנעכט דיינעם, ניקיפאָר... — אַסאַדטשי האָט פּלוצלונג אַרויסגעלאָזען א שרעקליכע, ציניש, דריי־ווערטערדיגע זידלעריי, — און שאַף איהם אַן אייביגע...“

ראַמאַשאָוו איז אויפגעשפּרונגען, און האָט ווילד, מיט די גאַנצע כחות א קלאַפּ געטאָן מיט דעם פויסט אָן טיש.

— איך וועל ניט ערלויבען! שווייגט! — האָט ער אָנגעהויבען צו שרייען מיט א דורכדרינגענדער, ליידענדער שטימע. — וואָס לאַכט איהר? קאַפּיטאַן אַסאַדטשי, אייך איז גאָר ניט פרעהליך, אייך טוט וועה און אייך איז אומה'דיג! איך זעה! איך וויים, וואָס איהר פיהלט אין אייער נשמה!

אין דעם אַלגעמיינעם שטילשווייגען האָט נאָר עמיצענס שטימע מיט באַוואונדערונג אַרויסגערעדט:

— ער איז באַטרונקען?

נאָר באַלד, ווי פריהער ביי שלייפערשען, האָט אַלץ גענומען רוישען, קרעכצען, אויפשפּרינגען פון די ערטער, און אַלץ האָט זיך צונויפגעקייקעלט אין א פאַרביגען, באַוועגליכען, שרייענדיגען קנויל. וועטקין, שפּרינגענדיג פון טיש, האָט אָנגעריהרט מיט'ן קאָפּ דעם הענג־לאָמפּ; דער הענג־לאָמפּ האָט זיך גענימען וויגען מיט ריזיגע זיגזאַגען, און די שאָטענס פון די צוואווילדעוועטע מענשען, אָט אויסוואַקסענדיג ווי ריזען, און אָט פאַרשווינדענדיג אונטער'ן דיל, האָבען זיך צופּלאָנטערט און זיך גענומען וואַרפען איבער די ווייסע ווענט און איבער'ן באַלקען.

אַלץ וואָס עס איז איצטער פאָרגעקומען אין קלוב מיט די צושרויפטע, אויפגערעגטע שכור'ע און אומגליקליכע מענשען — איז געשעהן שנעל, אומזיניג און אומפּאַריכטבאַר. אזוי ווי א שלעכטער, נישטיגער, בייז־אָפּשפּאַסענדער דעמאָן האָט באַהערשט אָט די מענשען, און האָט זיי געצוואונגען צו ריידען שלעכטע ווערטער, און מאַכען אָפּשייליכע, ניט גלייכע באַוועגונגען.

אין מיטען פון דעם טומעל האָט ראַמאַשאָוו פּלוצלונג דערזעהן גאָר נאָהנט לעבען זיך עמיצענס געזיכט, מיט א צוקרימטען, שרייענ־דיגען מויל, וועלכען ער האָט פון אָנפאַנג אפילו ניט דערקענט — אזוי פיעל איז דער פּנים געווען פאַרענדערט און פאַר'מיאוס'ט פון כעס. דאָס האָט צו איהם געשריען ניקאָלאַיעוו, שפּריצענדיג מיט שפּייעכטס און נערוועז ציהענדיג מיט די מוסקולען פון דער לינקער באַק אינטער'ן אויג:

— איהר אַליין שענדעט דעם פאָלק! איהר זאָלט זיך ניט וואגען זאָ־גען עפּעס. איהר — און די אַלערליי נאַזאַנסקעס!...

עמיצער האָט ראַמאַשאָוו'ן א ציה געטאָן אויף צוריק. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערקענט בעק־אגאמאלאָוו'ן, נאָר באַלד, אָפּקע־רענדיג זיך, האָט ער וועגען איהם פאַרגעסען. בלייך ווערענדיג פון דעם, וואָס עס וועט באַלד פאָרקומען, האָט ער געזאָגט שטיל און היי־זעריג מיט אַן אויסגעמאַטערטען, קלעגליכען שמייכעל:

— צו וואָס דערמאָנט איהר דאָ נאַזאַנסקען? אָדער איהר האָט, אפשר, באַזונדערע, געהיימניספולע אורזאכען צו זיין מיט איהם אומ־צופריעדען?

— איך וועל אייך געבען אין באַק! נידערטרעכטיגער אויס־וואורף! — האָט ניקאָלאַיעוו געגומען שרייען מיט א הויכער, בי־לענדיגער שטימע. — כאַם!

ער האָט זיך געוואָרפען צו ראַמאַשאָוו'ן מיט די פויסטען, נאָר א קלאַפּ טאָן איהם האָט ער ניט געוואָגט. ראַמאַשאָוו האָט אין ברוסט און אין בויך דערפיהלט אַן עקעלהאַפטע קעלט. ביז איצט האָט ער גאָר ניט באַמערקט, אז אין דער רעכטער האַנט געפינט זיך ביי איהם עפּעס א זייטיגע זאַך. און פּלוצלונג האָט ער מיט א קורצער, האַסטיגער באַוועגונג אַרויסגעגאָסען ניקאָלאַיעוו'ן אין פּנים דאָס פאַר־בליבענע ביער פון זיין גלאָז.

צו דער זעלבער צייט האָבען צוזאַמען מיט א קורצען טעמפּען וועהטאָג א שפּריץ געטאָן ווייסע העלע בליצען פון זיין לינקען אויג. מיט א לאַנגזאַמען געשריי פון א חיה, האָט ער זיך א וואָרף געטאָן אויף ניקאָלאַיעוו'ן און זיי ביידע פאַלענדיג האָבען זיך צונויפגעפּלאָכ־טען מיט די הענט און מיט די פיס, און האָבען זיך גענומען קייקלען איבער'ן דיל, אומוואַרפענדיג די בענקלאַך און שלינגענדיג דעם קוי־

טיגען, שטינקענדיגען שטויב. זיי האָבען געריסען, געקנאָטען און געקוועטשט איינער דעם צווייטען, ברומענדיג און שטיקענדיג זיך. ראָמאַשאָוו האָט נאָר געוואוסט, אַז זיינע פינגער זיינען צופעליג פאַרקראָכען אין ניקאָלאַיעוו'ס מויל, און אַז ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צורייסען דעם עקעלהאַפטען, גליטשעדיגען, הייסען מויל... און ער האָט שוין ניט געפיהלט קיין וועהטאָג, ווען ער האָט זיך געשלאָגען מיט'ן קאָפּ און עלענבויגען אָן דער דיל אין דעם וואַהנזיניגען גע־שלעג.

ער האָט אויך ניט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס האָט זיך געענדיגט. ער האָט זיך דערזעהן שטעהענדיג אין אַ ווינקעל, וואוהין מען האָט איהם אָפּגעשטופּט, אָפּרייסענדיג פון ניקאָלאַיעוו'ן. בעק־אַגאַמאַלאָוו האָט איהם געגעבען וואַסער, נאָר ראָמאַשאָוו'ס ציינער האָבען קרעמפּ־האַפט געקלאַפּט אָן די ברעגען פון גלאָז, און ער האָט מורא געהאַט, אַז ער זאָל ניט אָפּבייסען אַ שטיקעל גלאָז. דער ראָק אויף איהם איז געווען צוריסען אונטער די פּאַכוועס און אויפ'ן רוקען, און איין אָפּגע־ריסענער עפּאָלעט האָט זיך געוויגט אויף אַ שנירעל. קיין שטימע איז ביי ראָמאַשאָוו'ן ניט געווען, און ער האָט געשריען אָהן אַ שטימע, בלויז מיט די ליפּען:

— איך וועל איהם... נאָך באַווייזען... איך רוף איהם ארויס!...

דער אַלטער לעך, וועלכער האָט ביז איצט זיס געדרימעלט אויפ'ן עק טיש, און איצטער איינגאַנצען אָן אויפגעוואַכטער, אַ ניכטערער און ערנסטער, האָט גערעדט מיט אַן אומגעוועהנליכער שטרענגער באַ־פעליגקייט:

— ווי אַן עלטערער, באַפעל איך אייך, מיינע הערען, איהר זאָלט באַלד צוגעהן זיך. איהר הערט, מיינע הערען, באַלד. וועגען אַלץ וועל איך אין דער פריה מעלדען דעם פּאָלק־קאָמאַנדיר.

און אַלע זיינען זיך צוגאַנגען, צוטומעלטע, צוגעדריקטע, אויסמיי־דענדיג צו קוקען איינער דעם אַנדערען אין די אויגען. יעדער איינער האָט מורא געהאַט דורכצולייענען אין פרעמדע אויגען דעם אייגענעם שרעק, די אייגענע שקלאַפּישע, שולדיגע בענקשאַפט — דעם שרעק און די בענקשאַפט פון קליינע, שלעכטע, קויטיגע חיות, דער פינ־סטערער פאַרשטאַנד, וועלכער איז פּלוצלונג באַלויכטען געוואָרען מיט העלען, מענשליכען באַוואוסטזיין.

עס איז געווען אַ פאַרטאָג מיט אַ קלאָרען, קינדעריש־ריינעם הימעל און אומבאַוועגליכער, קיהלער לופט. די בוימער פייכטע, איינגעהילט אין אַ קוים באַמערקבאַרען נעבעל, האָבען זיך שוויינענדיג אויפגע־כאַפּט פון זייערע פינסטערע, געהיימניספולע נאַכט־חלומות. און ווען ראַמאַשאָוו, געהענדיג אַהיים, האָט געקוקט אויף זיי און אויפ׳ן הימעל, און אויף די נאַסע, פון טוי גרוי־געוואָרענע גראָז, האָט ער זיך געפיהלט נידעריג, אָפּשטויסענד, העסליך און אומענדליך פרעמד אין דעם אומשולדיגען צויבער פון דעם פריהמאָרגען, וועלכער האָט געשמייכעלט פון שלאָף.

.20

אין דעמזעלבען טאָג — דאָס איז געווען מיטוואָך — האָט ראָ־מאַשאָוו באַקומען אַ קורצע, אָפיציעלע איינלאַדונג:

„דאָס אָפיצערען־געריכט פון נ—ער אינפאַנטעריע פּאָלק לאַדעט איין דעם פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו צו קומען אום זעקס אזייגער אין זאַל פון דעם אָפיצערען־קלוב. די פאָרמע פון קליידונג — אַ געוועהנ־ליכע.

דער פאָרזיצענדער פון געריכט, פּאָדפּאָרוטשיק מיגונאָוו.“

ראָמאַשאָוו האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון אַ שמייכעל: אָט די „פאָרמע פון קליידונג — אַ געוועהנליכע“ — אַ מונדיר מיט עפּאָלעטען און פאַרביגען גאַרטעל, — ווערט אָנגעטאָן בלויז אין די אויסערגעוועהנליכסטע פאַסירונגען: אין געריכט, ביי געזעלשאַפט־ליכע פאַרזאַמלונגען און אין דער צייט פון פאַרשידענע אומאַנגענעמע וויזיטען צו די בעאַמטע.

זעקס אזייגער איז ער געקומען אין קלוב, און האָט באַפוילען דעם דיענער צו מעלדען וועגען זיך דעם פאָרזיצענדען. מען האָט איהם געבעטען וואַרטען. ער האָט זיך געזעצט אין עס־צימער ביי דעם אָפּע־נעם פענסטער, גענומען אַ צייטונג און אָנגעהויבען צו לייענען זי, ניט פאַרשטעהענדיג די ווערטער, אָהן אינטערעס, מעכאַניש דורכלויפענדיג מיט די אויגען איבער די בוכשטאַבען. די דריי אָפיצערען, וועלכע זיינען געזעסען אין עס־צימער, האָבען זיך מיט איהם טרוקען באַגריסט, און האָבען אָנגעהויבען ריידען צווישען זיך שטיל, אַזוי, אַז ער זאָל

ניט הערען. בלויז דער פּאָדפּאָרוטשיק מיכין האָט לאַנג און שטאַרק, מיט פייכטע אויגען, געדריקט זיין האַנט, נאָר ער האָט גאָר ניט געזאָגט, רויט געוואָרען, שנעל זיך אָנגעטאָן און אוועק.

באַלד איז אין עס־צימער, דורכ׳ן בופעט, אַריינגעקומען ניקאָלאַיעוו. ער איז געווען בלייך, זיינע אויגען דעקלאַך זיינען איינגעאַנצען שוואַרץ געוואָרען, די לינקע באַק האָט די גאַנצע צייט קרעמפּהאַפט געציטערט, און איבער איהר, נידעריגער פון שליף, איז געווען א גרויסער בלויער פלעק. ראָמאַשאָוו האָט זיך דייטליך דערמאָנט אָן נעכטיגען געשלעג, און אין גאַנצען איינהויקערענדיג זיך, צוקנייטשענדיג דעם פּנים און פיהלענדיג זיך צוגעדריקט מיט דעם אומערטרעגליכען לאַסט פון די שענדליכע ערלעבנישען, האָט ער זיך באַהאַלטען אהינטער דער צייטונג און האָט פאַרמאַכט די אויגען.

ער האָט געהערט ווי ניקאָלאַיעוו האָט אין בופעט געבעטען א גלעזעל קאָניאַק, און ווי ער האָט זיך געזעגענט מיט עמיצען. נאָכדעם האָט ער דערפיהלט פאַרביי זיך ניקאָלאַיעוו׳ס טריט. עס האָט א קלאַפּ געטאָן די טיר. און פּלוצלונג, אין עטליכע סעקונדען אַרום, האָט ער דערהערט פון הויף אהינטער זיין רוקען א פאַרזיכטיגען שעפּטשען:

— קוקט זיך ניט אום! זיצט רוהיג. הערט

דאָס האָט גערעדט ניקאָלאַיעוו. די צייטונג האָט אין ראָמאַשאָוו׳ס האַנט גענומען ציטערען.

— איך האָב איינגענטליך ניט קיין רעכט צו ריידען מיט אייך... נאָר צום טייוועל די דאָזיגע פראַנצויזישע איידעלקייטען. וואָס האָט פּאַסירט איז שוין פאַרפאַלען. נאָר איך האַלט אייך דאָך פאַר אַן אַנשטענדיגען מענשען. בעט איך אייך, הערט איהר, איך בעט אייך: קיין איין וואָרט ניט וועגען מיין פרוי און וועגען די אַנאָנימע בריוו. איהר האָט מיך פאַרשטאַנען?

ראָמאַשאָוו, פאַרשטעלענדיג זיך פאַר די חברים מיט דער צייטונג, האָט לאַנגזאַם איינגעבויגען דעם קאָפּ. ערשט אין פינף מינוט אַרום האָט זיך ראָמאַשאָוו אומגעקערט און א קוק געטאָן אויפ׳ן הויף. ניקאָלאַיעוו איז שוין דאָרטען ניט געווען.

— וואָשע בלאַגאָראַדיע! — איז פאַר איהם פּלוצלונג אויסגעוואַקסען דער באַדיענער, — דער פאָרזיצענדער בעט אייך אַריינקומען. אין זאַל, אַרום דער שמאָלער וואַנט, זיינען געווען צונויפגעשטעלט

עטליכע לאָמבער־טישלאַך, צוגעדעקטע מיט גרינעם געוואַנט. אַרום זיי זיינען געזעסען די ריכטער מיט די רוקענס צום פענסטער; דורך דעם זיינען זייערע געזיכטער געווען טונקעל. אין מיטען, אויף אַ פּאַטער־שטול, איז געזעסען דער פּאָרזיצענדער, פּאָדפּאָלקאָווניק מיגונאָוו, אַ דיקער, גאווה׳דיגער מאַן, אָהן אַ האַלז, מיט אין דער הויך אויפגעהויבענע אַקסלען; ביי די זייטען זיינען געזעסען — די פּאָדפּאָלקאָווניקעס: ראַפּאַלסקי און לעך, ווייטער פון דער רעכטער זייט — די קאַפּיטאַנען: אַסאַדטשי און פּעטערסאָן, און פון דער לינקער — קאַפּיטאַן דיוואָווערנואַ און שטאַבס־קאַפּיטאַן דאָראָטשענקאָ, דער פּאָלק־קאַסירער. דער טיש איז געווען לעדיג, נאָר לעבען דאָראָטשענקאָ, וועלכער איז געווען דער סעקרעטאַר פון געריכט, איז געלעגען אַ בינטעל פּאַפּיר. אין דעם גרויסען ליידיגען זאַל איז געווען קיהל און פינסטערליך, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס אין דרויסען איז געווען אַ הייסער שיינענדיגער טאָג. עס האָט געשמעקט מיט אַלטע געהילץ, שימעל און אַלטע מעבעל־צייג.

דער פּאָרזיצענדער האָט אַוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש־געוואַנט זיינע ביידע גרויסע, דיקע, ווייסע הענט און קוקענדיג אויף זיי אייגציגוויין, האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ הילצערנעם טאָן:

— פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו, דאָס אָפיצערען־געריכט, וואָס האָט זיך צונויפגעקליבען לויט דעם באַפעהל פון פּאָלק־קאָמאַנדיר, דאַרף קלאָר מאַכען די אומשטענדען פון דעם טרויעריגען און אומערטרעגליכען אין דער אָפיצערען־געזעלשאַפט צוזאַמענשטויס, וואָס איז פּאָרגעקומען צווישען אייך און דעם פּאָרוטשיק ניקאָלאַיעוו נעכטען ביינאַכט אין קלוב. איך בעט אייך צו דערצעהלען אונז וועגען דעם מיט אַלע מעגליכע איינצעלהייטען.

ראָמאַשאָוו איז געשטאַנען פאַר זיי אַראָפּלאָזענדיג די הענט און דרעהענדיג דאָס היטעל. ער האָט זיך געפיהלט אַזוי פאַרשטויסען, אומפעהיג און פאַרלאָרען, ווי ער פלעגט זיך פיהלען אין די קינדער־יאָהרען אויף די עקזאַמענעס, ווען ער פלעגט דורכפאַלען. מיט אַן איבערגעהאַקטער שטימע, פּלאָנטערענדיג זיך אין די ניט צוזאַמענגעבונדענע זאַצען און צוגעבענדיג אומזיניגע ווערטער, האָט ער גענומען דערצעהלען. צו דער זעלבער צייט, אומפיהרענדיג מיט די אויגען פון איין ריכטער אויף דעם צווייטען, האָט ער ביי זיך אין געדאַנק אָפּגעמאָסטען

זייערע באציהונגען צו איהם. „מיגונאָוו — איז אזוי ווי א שטיי־נערנער, נאָר איהם איז אנגענעם די ראָלע פון א הויפּט־ריכטער, און די גרויסע מאכט און פאראנטוואָרטליכקייט, וואָס זיינען מיט דעם פארבונדען. פּאָדפּאָלקאָווניק ברעם קוקט מיט רחמנות'דיגע פרויען־אויגען — אך, מיין ליעבער ברעם, געדענקסטו, ווי איך האָב ביי דיר געליהען צעהן רובעל? דער אלטער לעך איז ערנסט. ער איז היינט ניכטער און האָט קישעלאך אונטער די אויגען, אזוי ווי טיפע קריצען. ער איז מיר ניט קיין שונא, נאָר ער האָט אזוי פיעל מאָל געמאכט סקאנדאלען אין קלוב צו יעדער צייט, אז איצטער וועט זיך פאַר איהם לוינען די ראָלע פון א שטרענגען אומבויגזאמען אָפּהיטער פון אָפיצערען־עהרע. און אסאדטשי און פּעטערסאָן — דאָס זיינען שוין אמת'ע שונאים. לויט'ן געזעץ וואָלט איך געוויס געקאָנט באַ־זייטיגען אָסאדטשי'ן — די קריעגעריי האָט זיך דאָך אָנגעפאנגען דורך זיין הזכרה, — נאָר איז דען ניט אלץ איינס? פּעטערסאָן שמייכעלט קוים־קוים מיט'ן ווינקעל מויל — עפּעס שלעכטעס, נידע־ריגעס ליגט אין זיין שמייכעל. האָט ער געוואוסט וועגען די אנאָ־נימע בריוו? ביי דיוואוורנוא — איז א שלאָפעדיג געזיכט און אוי־גען — ווי גרויסע מוטנע קוילען. דיוואוורנוא האָט מיך ניט ליעב. און דאראשענקאָ אויך: א פּאָדפּאָרוטשיק, וועלכער שרייבט זיך נאָר אונטער, אז ער האָט באקומען דאָס געהאלט, און קריגט עס קיינמאָל ניט. „שלעכט זיינען אייערע געשעפטען, מיין טייערער יורי אלעק־סעאיטש".

— ענטשולדיגט, אויף א מינוט, — האָט איהם אָסאדטשי אונ־טערבראָכען. — הער פּאָלקאָווניק, ערלויבט איהר מיר צו שטעלען א פראגע?

— געוויס, — האָט מיגונאָוו ערנסט מיט'ן קאָפּ א שאָקעל געטאָן.

— זאָגט נאָר אונז, פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאשאָוו, — האָט אָסאד־טשי אָנגעהויבען וויכטיג און ציהענדיג די ווערטער, — וואו זייט איהר געוועז, איידער איהר זייט געקומען אין קלוב אין אזא אומער־טרעגליכען אויסזעהן?

ראָמאשאָוו איז רויט געוואָרען, און האָט געפיהלט, ווי זיין שטער־ן איז באדעקט געוואָרען מיט טראָפּענס שוויים.

— איך בין געוועז... איך בין געוועז... נו, אין אן אָרט, — און

ער האָט שטילערהייד צוגעגעבן: — איך בין געווען אין אַ שאַנד־הויז.

— אהא, איהר זייט געווען אין אַ שאַנד־הויז? — האָט אבזיכט־ליך הויך, מיט אַ מערדערליכער דייטליכקייט אָסאַדטשי אונטערגע־כאַפּט, — און איהר האָט, געוועהנליך, עפּעס געטרונקען אויך אין יענעם אנשטאַלט?

— יע, געטרונקען, — האָט ראַמאַשאַוו קורץ געענטפערט.

— אזוי. מעהר האָב איך ניט קיין פראַגען, — האָט זיך אָסאַדטשי אַ קער געטאָן צו דעם פּאָרזיצענדען.

— איך בעט אייך דערצעהלען ווייטער, — האָט מיגונאָוו גע־זאָגט. — אזוי, האָט איהר זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם, אז איהר האָט אַ גאַס געטאָן ביער דעם פּאָרוטשיק ניקאָלאַיעוו'ן אין פּנים... ווייטער?

ראָמאַשאָוו האָט ניט נאָר גלאַט, אָבער אויפריכטיג און פּינקט־ליך דערצעהלט די נעכטיגע פּאַסירונגען. ער האָט שוין געווען גע־נומען שעמעוודיג ריידען וועגן זיין חרטה, וואָס ער פיהלט אויף זיין נעכטיגע אויפפיהרונג, נאָר קאַפּיטאַן פּעטערסאָן האָט איהם איבער־געריסען. רייבענדיג, אזוי ווי ביים וואַשען זיך, זיינע געלע ביינינע הענט מיט לאַנגע טויטע פינגער און בלויע נעגעל, האָט ער זעהר העפליך, כמעט צערטליך, אַרויסגעזאָגט מיט אַ דינער, גנב'ישער שטימע:

— נו, יע, געוויס, דאָס אַלץ צייגט אַרויס אייערע איידעלע גע־פיהלען... נאָר זאָגט אונז, פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו, זייט איהר, ביז דער דאָזיגער באַדויערונגספולער און טרויעריגער געשיכטע, ניט גע־ווען אַן איינגעהער אין פּאָרוטשיק ניקאָלאַיעוו'ס הויז?

ראָמאַשאָוו איז אויפמערקזאַמער געוואָרען, און ניט קוקענדיג אויף פּעטערסאָנ'ען, נאָר אויף דעם פּאָרזיצענדען, האָט ער ניט זעהר העפליך געענטפערט:

— יע, איך פלעג אריינגעהן צו איהם, אָבער וואָס פאַר אַ באַ־ציהונג האָט דאָס צו דער זאַך?

— וואַרט אויס, איך בעט אייך ענטפערען בלויז אויף די פראַ־גען, — האָט איהם פּעטערסאָן אָפּגעשטעלט. — איך וויל פרעגען, צי זיינען ביי אייך און פּאָרוטשיק ניקאָלאַיעוו'ן ניט געווען קיין באַ־

זונדערע אורזאכען צו א געגענזייטיגער שנאה,—אורזאכען ניט פון דיענסט אנגעלעגענהייטען, נאר, אזוי צו זאגען, היימישע?

ראמאשאוו האט זיך אויסגעגלייכט, און האט מיט אן אפענעם האס א קוק געטאן אין פעטערסאנ'ס טונקעלע, שווינדזוכטיגע אויגען.

— איך פלעג אריינקומען צו די ניקאלאיעוו'ס ניט אפטער ווי צו וועמען ניט איז אנדערש פון מיינע באקענטע, — האט ער ארויסגעזאגט הויך און שניידענד. — און פריהער איז צווישען אונז קיין שנאה ניט געווען. אלץ איז פארגעקומען צופעליג און אומגעריכט, ווייל מיר ביידע זיינען געווען ניט ניכטער.

— כע־כע־כע, דאס האבען מיר שוין געהערט וועגען אייער ניט־ניכטערקייט, — האט איהם ווידער פעטערסאן איבערגעשלאגען, — אבער איך וויל אייך נאר פרעגען, צי איז ביי אייך פריהער ניט פארגעקומען מיט איהם עפעס א צוזאמענשטויס ניין, ניט א קריעג, פארשטעהט מיך, נאר א מיספארשטענדניס, אן אנגעצויגענקייט אזוי זיך, פון א פריוואטען כאראקטער. נו, לאמיר זאגען, עפעס א ניט־איינשטימונג, אדער אזוי זיך עפעס אן אינטריגעלע. הא?

— הער פארזיצענדער, האב איך דאס רעכט ניט צו ענטפערען אויף אייניגע פראגען וואס מען שטעלט מיר? — האט פלוצלונג ראמאשאוו א פרעג געטאן.

— יע, איהר קאנט ניט ענטפערען, — האט קאלט געזאגט מיגונאוו. — אויב איהר ווילט, קאנט איהר גאר ניט דערצעהלען, אדער דערצעהלען שריפטליך. דאס איז אייער רעכט.

— אויב אזוי, באהויפט איך, אז אפילו אויף איין פראגע, וואס קאפיטאן פעטערסאן שטעלט מיר, וועל איך אויך ניט ענטפערען, — האט ראמאשאוו געזאגט. — דאס וועט זיין גלייכער פאר איהם און פאר מיר.

מען האט איהם געפרעגט וועגען נאך קלייניגקייטען און נאכדעם האט איהם דער פארזיצענדער געזאגט, אז ער איז פריי. דאך האט מען איהם נאך צוויי מאל גערופען אין געריכט, איין מאל אין דעם זעלבען טאג אין אווענט, און דאס צווייטע מאל — דאנערשטאג אין דער פריה. אפילו אזא פראקטיש אומגעניטער מענש, ווי ראמאשאוו, האט פארשטאנען, אז דאס געריכט פיהרט אן די זאך אהן קענטשאפט און זעהר נאכלעסיג, דערלאזענדיג פיעלע פעהלערן און אומ־

טאַקטישקייטען. און דער גרעסטער פעהלער איז געווען דאָס, וואָס ניט קוקענדיג אויף דער קלאָרער אָנווייזונג פון דעם 149טען קאַפּיטעל פון דעם דיסציפּלין געזעץ, וועלכער לויטעט, אַז עס איז שטרענג פאַרבאָטען צו דערצעהלען אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין געריכט, האָבען זיך די מיטגליעדער פון געריכט ניט געקאָנט איינהאַלטען פון ריידן. זיי האָבען דערצעהלט וועגען די רעזולטאַטען פון די זיצונגען זייערע ווייבער, די ווייבער — צו זייערע שטאָט־באַקאַנטע דאַמען, און יענע — צו די שניידערינס, הויבאַמען און אפילו צו דער דיענערשאַפט. פאַר איין טאָג איז ראָמאַשאָוו באַוואוסט געוואָרען אין דער גאַנצער שטאָדט, און ער איז געוואָרען דער העלד פון טאָג. ווען ער פלעגט דורכגעהן די גאַס, פלעגט מען קוקען אויף איהם פון די פענסטער, פון די טויערען, פון די גאָרטענס און פון די שפּאַלטען אין די פלויטען. די פרויען האָבען אויף איהם געטייט מיט די פינגער, או ער האָט שטענדיג געהערט זיין נאָמען שטילערהייט ארויסגערעדט הינטער זיין פּלייצע. קיינער אין שטאָדט האָט ניט געצווייפעלט, אַז צווישען איהם און ניקאָלאַיעוו'ן וועט פאָרקומען אַ דועל, איינינגע זיינען שוין געגאַנגען אין געוועט וועגען דער ענדע פון דועל.

דאָנערשטאָג פריה, געהענדיג אין קלוב פאַרביי ליקאַטשאָוו'ס הויז, האָט ער פּלוצלונג דערהערט ווי עמיצער רופט איהם מיט'ן נאָמען.

— יורי אַלעקסעאיטש, יורי אַלעקסעאיטש, קומט אַהער!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהויבען דעם קאָפּ. קאַטיא ליקאַטשאָווא איז געשטאַנען אויף אַ גאָרטען־בענקעל אַהינטער דעם פּלויט. זי איז געווען געקליידעט אין אַ פריהמאָרגענדיגען לייכטען יאַפּאָנעזער כאַלאַט, דער דרייעקיגער אויסשניט פון וועלכען האָט געלאָזען נאַקעט איהר דינעם, שעהנעם מיידעל־האַלז. און אין גאַנצען איז זי געווען אַזאַ פרישע, געשמאַקע, אַז ראָמאַשאָוו'ן איז אויף אַ מינוט פרעהליך געוואָרען.

זי האָט זיך איבערגעבויגען איבער'ן פּלויט, צו געבען איהם די האַנט, וואָס איז נאָך געווען קאַלט און פייכט פון איינוואַשען זיך. צו דער זעלבער צייט האָט זי געפּלאַפּעלט:

— פאַר וואָס קומט איהר ניט צו אונז? עס איז ניט שעהן צו פאַרגעסען פריינד. שלעכטער, שלעכטער, שלעכטער... טסס, איך

ווייס אלץ, אלץ, — זי האָט פּלוצלונג געמאַכט גרויסע, דערשראָקענע אויגען. — אָט נעמט אייך דאָס און טוט אָן אויפ'ן האַלז, אומבאַדינגט, אומבאַדינגט טוט אָן.

זי האָט ארויסגענומען גלייך פון אהינטער'ן בוזעם עפּעס א קמיע פון בלויען זייד אויף א שנירעל און האָט איהם אריינגערוקט אין האַנט. די קמיע איז נאָך געווען א ווארימע פון איהר לייב.

— עס העלפט ? — האָט ראַמאַשאָוו שפּאַסענד געפרעגט. — וואָס איז דאָס ?

— דאָס איז א סוד, ניט וואגט צו לאַכען פון דעם. אפּיקורס. שלעכטער.

„יע, איך בין אין דער מאָדע איצטער. א וואוילע מיידעלע", — האָט ראַמאַשאָוו געטראַכט, געזעגענענדיג זיך מיט קאַטיא'ן. נאָר ער האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען אום ניט א טראַכט צו טאָן דאָ, צום לעצטען מאָל, וועגען זיך, ווי וועגען א צווייטער פּערזענליכקייט, אין א שעהנעם זאַץ:

„א גוטמוטיגער שמייכעל האָט א לייכט געטאָן אויף דעם שטרענגען פּנים פון דעם אַלטען יעגער."

אין אָוונט פון דעם זעלבען טאָג האָט מען איהם ווידער ארויסגערופען אין געריכט, אָבער שוין צוזאַמען מיט ניקאָלאַיעוו'ן. ביידע שונאים זיינען געשטאַנען ביים טיש, כמעט איינער לעבען דעם אַנדערען. זיי האָבען קיין איינמאַל ניט א קוק געטאָן איינער אויפ'ן צווייטען, נאָר יעדער איינער פון זיי האָט אויף א שטרעקע געפיהלט דעם צווייטענס שטימונג, און זיי זיינען דורך דעם געווען אָנגעשטרענגט און אויפגערעגט. ביידע האָבען איינגעשפּאַרט און באַוועגלאָז געקוקט אויף דעם פּאָרזיצענדען, ווען ער האָט זיי פאָרגעלייענט דעם באַשלוס פון געריכט.

„דאָס אָפיצערען-געריכט פון נ—ער אינפאַנטעריע פאָלק, צוזאַמענגעשטעלט פון — דאָ זיינען געווען אויסגערעכענט די נעמען און די טשינען פון די ריכטער — אונטער דער פאָרזיצונג פון פּאָדפּאָלקאָווניק מיגונאָוו, אויספאָרשענדיג די געשיכטע וועגען דעם צוזאַמענשטויס צווישען דעם פּאָרוטשיק ניקאָלאַיעוו און פּאָדפּאָרוטשיק ראַמאַשאָוו, וואָס איז פאָרגעקומען אין די צימערען פון אָפיצערען-קלוב, האָט אויסגעפונען, אז נעמענדיג אין אכט די שווערקייט פון די

געגענזייטיגע באַליידיגונגען, קאָן זיך דער סכסוך צווישען די ביידע איבער־אָפּיצערען ניט ענדיגען מיט א שלום, און אז א דועל איז דאָס איינציגע מיטעל צו באַפריעדיגען די באַליידיגטע עהרע און אָפּיצערען־ווירדע. די מיינונג פון געריכט איז באַשטעטיגט פון פּאָלק־קאָ־מאַנדיר.״

ענדיגענדיג, האָט דער פּאָדפּאָלקאָווניק מיגונאָוו אראָפּגענומען די ברילען און זיי באַהאַלטען אין שייד.

— איך פאַרבלייבט נאָר, מיינע הערען, — האָט ער געזאָגט מיט א שטיינערנער ערנסטקייט, — צו אויסקלייבען זיך סעקונדאַנ־טען צו צוויי פון יעדען צד און שיקען זיי צו ניין אזייגער אהער, אין קלוב, וואו זיי וועלען אַלע צוזאַמען אויסאַרבייטען די באַדינגונגען פון דועל. נאָר איהר זאָלט ווייסען, — האָט ער צוגעגעבען, אויפשטע־הענדיג און באַהאַלטענדיג די ברילען אין שייד אין הינטערטאַש, — אז דער באַשלוס, וואָס איך האָב אייך ערשט דורכגעלעזען, האָט ניט די קראַפט צו פאַרפליכטען אייך. יעדער פון אייך האָט די פולע פרייהייט אָנצונעמען דעם דועל אָדער... — ער האָט צושפּרייט די הענט און געמאַכט א פּאַוזע, — אָדער אַוועקגעהן פון דיענסט. איצטער... זייט איהר פריי, מיינע הערען... נאָך צוויי ווערטער. שוין ניט אַלס א פאָרזיצענדער פון געריכט, נאָר אַלס אַן עלטערער חבר, וואָלט איך אייך ראַטען, מיינע הערען, ניט צו געהן אין קלוב ביז דער דועל וועט פאָרקומען. דאָס קאָן נאָך פיהרען צו פאַרוויקלונגען... אויף ווידערזעהן.

ניקאָלאַיעוו האָט זיך שטיל אומגעקערט און איז מיט האַסטיגע טריט אַרויס פון זאַל. לאַנגזאַם נאָך איהם איז אויך אַרויס ראָמאַ־שאָוו. איהם איז ניט געווען אימה'דיג, נאָר ער האָט זיך פּלוצלונג דערפיהלט שרעקליך עלענד, אָפּגעזונדערט און אָפּגעשניטען פון דער גאַנצער וועלט. אַרויסגעהענדיג אויפ'ן גאַניק פון קלוב, האָט ער מיט א לאַנגער, רוהיגער באַוואונדערונג געקוקט אויפ'ן הימעל, אויף די ביימער, אויף דער קוה לעבען פּלויט אַנטקעגען, אויף די פויגלאַך, וואָס האָבען זיך געבאָדען אין שטויב אויפ'ן מיטען וועג, און האָט געטראַכט: „אַט לעבט אַלץ, באַוועגט זיך, אײלט, שיינט און וואַקסט, און פאַר מיר איז שוין קיין זאַך ניט נויטיג און ניט אינטערעסאַנט. איך בין א פאַר'משפּט'ער. איך בין אַליין.״

פויל און לאַנגווייליג איז ער אַוועק אויפזוכען בעק־אגאמאלאָווען און וועטקינ׳ען, וועלכע ער האָט באשלאָסען בעטען פאר סעקונדאנטען. ביידע האָבען גערן איינגעשטימט, — בעק־אגאמאלאָוו מיט אומעטיגער איינגעהאלטענקייט און וועטקין — מיט א צערטליכער און פיעלבאַ־דייטענדער הענטדריקעריי.

געהן אהיים האָט זיך ראַמאַשאָוו׳ן ניט געוואָלט, — דאָרטען איז געווען סומנע און לאַנגווייליג. אין די דאָזיגע שווערע מינוטען פון גייסטיגער מאַכטלאָזיגקייט, עלענדקייט און אומבאגרייפליכען לע־בענס־פלאָנטער, איז פאַר איהם נויטיג געווען צו זעהן א נאָהנטען, מיטפיהלענדען פריינד, און צו דער זעלבער צייט אַן איידעלען, פאַר־שטענדליכען צאַרט־הערציגען מענשען.

און פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט אויף נאַזאַנסקי׳ן.

.21

נאַזאַנסקי, איז ווי געוועהנליך, געווען אין דער היים. ער האָט זיך נאָר וואָס אויפגעכאַפּט פון שווערען, שכור׳ן שלאָף און איז איצ־טער געלעגען אויפ׳ן בעט אין איינע אונטערשטע וועש, פאַרלייגענדיג די הענט אונטער׳ן קאָפּ. אין זיינע אויגען איז געווען א גלייכגיל־טיגע, מידע גרויקייט, זיין געזיכט האָט נאָך אויסגעזעהן שלאָפעדיג. ווען ראַמאַשאָוו, איינבויגענדיג זיך איבער איהם, האָט גערעדט אומ־ענטשלאָסען און זאָרגפול:

— וואָס מאַכט איהר, וואסילי ניליטש, צי האָב איך אייך ניט געשטערט?

— וואָס מאַכט איהר? — האָט נאַזאַנסקי געענטפערט מיט א הייזעריגער, שטילער שטימע. — וואָס גוטעס? זיצט.

ער האָט אויסגעשטרעקט ראַמאַשאָוו׳ן זיין הייסע, פייכטע האנט, נאָר ער האָט געקוקט אויף איהם אזוי, פונקט ווי פאַר איהם איז גע־שטאַנען ניט זיין ליעבער, אינטערעסאַנטער חבר, נאָר די געוועהנליכע יעהונג פון ערשט אַן פאַרגאַנגענעם לאַנגווייליגען חלום.

— איהר זייט ניט אין גאַנצען געזונט? — האָט ראַמאַשאָוו געפרעגט, זעצענדיג זיך צופוסענס אויף זיין בעט. — וועל איך אייך ניט שטערען. איך וועל אַוועקגעהן.

נאזאנסקי האָט עטוואָס אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון קישען, און קרימענדיג זיך, האָט ער מיט אָנשטרענגונג אַ קוק געטאָן אויף ראָמאַשאָוו'ן.

— ניין... ווארט אויף. אַך, ווי דער קאָפּ טוט מיר וועה! הערט, געאָרגי אַלעקסעאיטש... איהר האָט עפּעס... עפּעס אויסערגעוועהנליכעס. ווארט אויס, איך קאָן ניט צוזאַמענעמען מיינע געדאַנקען. וואָס איז מיט אייך אַזוינס?

ראָמאַשאָוו האָט אויף איהם געקוקט מיט שטומען מיטגעפיהל. נאַזאַנסקי'ס פּנים האָט זיך מאָרגנע אומגעביטען פאַר דער צייט וואָס דיביידע אָפּיצערען האָבען זיך ניט געזעהן. די אויגען זיינען טיף איינגעפאַלען און שוואַרץ געוואָרען אַרום, די שלייפען זיינען געל געוואָרען, און די באַקען מיט דער ניט גלאַטער, שמוציגער הויט האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אין צושוואָומען אין דער נידער און זיינען געווען ניט שעהן באַוואַקסען מיט שיטערע, געקרייזעלטע האָר.

— קיין אויסערגעוועהנליכעס. איך האָב איינפאַך געוואָלט זעהן זיך מיט אייך, — האָט נאַכלעסיג געזאָגט ראָמאַשאָוו. — מאָרגען שלאָג איך זיך מיט ניקאָלאַיעוו'ן אויף אַ דועל. מיר ווילט זיך ניט געהן אַהיים. נאָר דאָס איז אָבער אַלץ איינס. אויף ווידערזעהן. איהר פאַרשטעהט, איך, איך האָב פּראָסט ניט געהאַט מיט וועמען צו ריידען... עס איז שווער אויפ'ן הארצען.

נאַזאַנסקי האָט פאַרמאַכט די אויגען און זיין געזיכט האָט זיך פּיינליך פאַרקרימט. עס איז קענטיג געווען, אַז מיט אַן אומנאַטירליכער אָנשטרענגונג פון ווילען קערט ער צו זיך אום זיין באַוואוסטזיין. און ווען ער האָט די אויגען ווידער אויפגעעפענט, האָבען שוין געבלאַנקט אין זיי אויפמערקזאַמע, וואַרימע פונקען.

— ניין, ווארט נאָר אויף... אָט וואָס מיר וועלען טאָן. נאַזאַנסקי האָט זיך מיט מיה אומגעקערט אויף אַ זייט און האָט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן עלענבויגען. — קריגט מיר דאָרטען פון אַלמערל... איהר ווייסט דאָך... ניין, קיין עפּעל דאַרף מען ניט... דאָרטען איז דאָ מיאַטע קובענס. אַ דאַנק אייך, מיין טייערער. אָט וואָס מיר וועלען טאָן. פו, ווי עקעלהאַפט!... פיהרט מיך אַרויס ערגעץ אויף דער לופט — דאָ איז אַבשייליך, און איך שרעק זיך דאָ... שטענ־

דיג אזוינע שרעקליכע האַליוציִנאַציעס. לאָמיר זיך געהן שיפען און דערווייל דורכריידען זיך. איהר ווילט!

ער האָט, קרימענדיג זיך, מיט אַן אויסזעהן פון עקעל, געטרונקען אַ גלעזעל נאָך אַ גלעזעל, און ראַמאַשאָוו האָט געזעהן, ווי ביסלעכווייז האָט זיך זיין פּנים גענומען רויטלען, ווי עס האָבען זיך מיט לעבען און גלאַנץ אָנגעצונדען און ווידער שעהן געוואָרען זיינע בלויע אויגען

אַרויסגעהענדיג פון הויז האָבען זיי גענומען אַ קאַרעט און אַוועק־געפאָהרען אויפ'ן עק שטאָדט, צום טייך. דאָרטען, אויף איין זייט הרעבליע, איז געשטאַנען אַ אידענס מיהל — אַ גרויסע, רויטע גע־ביידע — אויף דער צווייטער זייט זיינען געשטאַנען הייזלאַך אויף צו באָדען זיך און דאָרטען אויך פלעגט מען קאָנען נעמען אויף פּראָקאַט שיפלאַך. ראַמאַשאָוו האָט זיך געזעצט און גענומען די רודערס און נאַזאַנסקי האָט זיך האַלב־צוגעלייגט אין שיפעל, איינדעקענדיג זיך מיט דעם מאַנטעל. דער טייך איז געווען ברייט און אומבאַוועגליך; פוןביידע זייטען האָבען זיך די ברעגען געצויגען פלאַך און גלייך אין דער הויך. די גראָז אויף די ברעגען איז געווען אַזוי העל און זאַפטיג, אַז עס האָט זיך געגלוסט צו באַריהרען זיי מיט דער האַנט. אונטער די ברעגען אין וואַסער האָבען געגרינט הויכע וואַסער־גראָזען און צווישען דונקעלע קיילעכדיגע בלעטער האָבען זיך געהויבען ווייסע וואַסער־בלומען.

ראַמאַשאָוו האָט פּינקטליך דערצעהלט די געשיכטע פון זיין צו־זאַמענשטויס מיט ניקאָלאַיעוו'ן. נאַזאַנסקי האָט זיך פאַרטראַכטער־הייט צוגעהערט, איינבויגענדיג דעם קאָפּ און אַראָפּקוקענדיג אין וואַ־סער, וועלכער האָט זיך אין פוילע שטראָמען, ווי צולאָזענע גלאָז, צו־שפּרייט אין דער לענג און אין דער ברייט פון שיף.

— זאָגט דעם אמת, איהר האָט ניט מורא, ראַמאַשאָוו? — האָט שטיל געפרעגט נאַזאַנסקי.

— פאַר דעם דועל? ניין, איך האָב ניט מורא. — האָט באַלד געענטפערט ראַמאַשאָוו. נאָר ער איז באַלד אַנטשוויגען געוואָרען און האָט זיך אין איין רגע פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי ער וועט שטעהן גאָר נאָהנט געגען ניקאָלאַיעוו'ן, און זעהן אין זיין אויסגעשטרעקטע האַנט דעם שוואַרצען רעהר פון פּיסטאָלעט. — ניין, ניין, — האָט האַסטיג צוגעגעבען ראַמאַשאָוו, — איך וועל ניט זאָגען קיין ליגען, אַז איך האָב

ניט מורא. געווים איז אימה׳דיג. נאָר איך ווייס, אַז איך וועל זיך ניט איבערשרעקען, ניט אַנטלויפען און ניט בעטען קיין ענטשולדיגונג.

נאַזאַנסקי האָט אראָפּגעלאָזען די שפּיצען פינגער אין דעם וואַרי־מען, אָוועגטדיגען, קוים־קוים ברומענדיגען וואַסער, און האָט אָנגעהויבען צו ריידען לאַנגזאַם, מיט אַ שטילער שטימע, יעדע מינוט אויסהוסטענדיג זיך:

— אַך, מיין ליעבער, ליעבער ראָמאַשאָוו, צוליעב וואָס ווילט איהר דאָס טאָן? באַטראַכט נאָר: אויב איהר ווייסט אויף געווים, אַז איהר וועט זיך ניט דערשרעקען — אויב איהר ווייסט גאָר אויף געווים, — איז אין וויפיעל מאָל דרייסטער וועט זיין פון אייך צו נעמען און אָפּזאָגען זיך?

— ער האָט מיך אַ פּאַטש געטאָן... אין פּנים! — האָט עקשנ׳דיג געזאָגט ראָמאַשאָוו, און ווידער אַ ברענענדיגער כעס האָט זיך שווער אַ צאַפּעל געטאָן אין איהם.

— נו, יע, נו, אַ קלאַפּ געטאָן, — האָט שטיל געענטפערט נאַ־זאַנסקי און האָט מיט אומעטיגע, צאַרטע אויגען אַ קוק געטאָן אויף ראָמאַשאָוו׳ן. — אין דעם איז דען די זאַך? אַלץ אויף דער וועלט געהט דורך, עס וועט אויך אַריבערגעהן אייער וועהטאָג און אייער האַס. איהר וועט אַליין פאַרגעסען אָן דעם. נאָר וועגען אַ מענשען, וועלכען איהר האָט ערמאָרדעט וועט איהר קיינמאָל ניט פאַרגעסען. ער וועט זיין מיט אייך אין בעט, ביים טיש, ווען איהר וועט זיין אַליין און ווען איהר וועט זיין צווישען מענשען. בלויז פּלאַפּלער, נאַראָנים, קופּערנע שטערענס, פּיעלפּאַרביגע פּאַפּוגאַיען זאָגען, אַז אַ מאָרד אויף אַ דועל איז קיין מאָרד ניט. ווי נאַריש דאָס איז! און זיי אַליין גלויבען נאָך סענטימענטאַל, אַז דעם מערדער חלומ׳ט זיך דאָס בלוט און מאָרך פון זיין קרבן. ניין, אַ מאָרד — איז אַלעמאָל אַ מאָרד. און וויכטיג איז דאָ ניט דער וועהטאָג, ניט דער טויט, ניט די גוואַלד־טאַט און ניט דער עקעל צו בלוט און צום טויטען קערפּער, — ניין, שרעקליכער פון אַלץ איז דאָס, וואָס איהר נעמט אָפּ ביי דעם מענשען די פרייד פון זיין לעבען. די גרויסע פרייד פון לעבען! — האָט נאַ־זאַנסקי פּלוצלונג הויך ווידערהאָלט מיט טרעהרען אין שטימע. — ווייל קיינער ניט, ניט איהר, ניט איך, אַך, גאָר פּראָסט, קיינער אין דער וועלט גלויבט ניט אין קיין עולם הבא. און דעריבער ציטערען

אַלע פאַר דעם טויט, נאָר די שוואַכע נאַראָנים נאַרען אָפּ זיך אַליין מיט די פּערספּעקטיוון פון שיינענדיגע סעדער און זיסע געזאַנגען פון פּריסים—און די שטאַרקע טרעטען איבער שווייגענדיג דאָס גרענעץ פון אומפאַרמיידליכקייט. מיר זיינען ניט קיין שטאַרקע. ווען מיר טראַכטען, וואָס וועט זיין נאָך אונזער טויט, שטעלען מיר זיך פאָר א וויסטען, קאַלטען און פינסטערען קעלער. ניין, מיין טייערער, דאָס איז אויך ניט אמת: א קעלער וואָלט נאָך געווען פאַר אונז א גליקליכע טרייסט. נאָר שטעלט זיך פאָר די שרעקליכקייט פון דעם געדאַנק, אַז עס וועט גאָר, גאָרנישט זיין, ניט קיין פינסטערניש, ניט קיין וויסטקייט, ניט קיין קעלער... אפילו קיין געדאַנק וועגען דעם וועט ניט זיין, אפילו קיין אימה פאַר דעם וועט ניט פאַרבלייבען! באַטראַכט זיך נאָר!

ראָמאַשאָוו האָט אוועקגעלייגט די רודערס. די שיפעל האָט זיך קוים באַוועגט אין וואַסער, און דאָס איז געווען צו זעהן נאָר פון דעם, וואָס די גרינע ברעגען זיינען געשוואומען אין דער צווייטער זייט.

— יע, עס וועט גאָרנישט זיין, — האָט ראָמאַשאָוו איבערגעזאָגט פאַרטראַכטערהייט.

— און זעהט, ניין, זעהט נאָר, ווי הערליך און רייצענד איז דאָס לעבען! — האָט נאַזאַנסקי א געשריי געטאָן, ברייט פיהרענדיג אַרום זיך מיט דער האַנט. — אָה, פרייד, אָה, געטליכע שעהנקייט פון לעבען! זעהט: דער בלויער הימעל, די אָווענטיגע זון, דאָס שטילע וואַסער — דו ציטערסט דאָך פאַר פרייד, ווען דו קוקסט אויף דעם,— אָן, דאָרטען, ווייט, מאַכען אום די ווינט־מיהלען מיט די פליגעל, גרינע, שטילע גראָז, דאָס וואַסער ביים ברעג איז רויטליך, רויטליך פון זון־אונטערגאַנג. אָך, ווי וואונדערליך, ווי צאַרט און גליקליך דאָס איז אַלץ. — נאַזאַנסקי האָט פּלוצלונג פאַרשטעלט די אויגען מיט די הענט און האָט זיך צואווינט. נאָר באַלד האָט ער זיך באַהערשט, און האָט אָנגעהויבען צו ריידען. ניט שעמענדיג זיך פאַר זיינע טרערען, קוקענדיג אויף ראָמאַשאָוו'ן מיט נאַסע, שיינענדיגע אויגען:

— ניין, אויב איך וועל ליגען אונטער'ן צוג, און מען וועט מיר איבערשניידען דאָס בויך און מיינע געדערים וועלען זיך צומישען מיט זאַמד, און וועלען זיך אָנוויקלען אויף די רעדער, און אויב אין דער לעצטער רגע וועט מיך פרעגען: „נו, וואָס, איז איצטער אויך דאָס לע־

בען הערליך?" — וועל איך ענטפערען מיט אַ דאַנקבאַרער פרייד:
„אַך, ווי הערליך דאָס לעבען איז!" וויפיעל פרייד גיט אונז בלויז די מעגליכקייט פון זעהן! און עס איז נאָך דאָ מוזיק, בלומען, דופט, זיסע פרויען־ליעבע! און עס איז נאָך דאָ אַ גרענעצלאָזער גענוס—די גאָלדענע זון פון לעבען — דער מענשליכער גדאַנק! מיין טייערער יוראָטשקאַ!... ענטשולדיגט, וואָס איך רוף אייך אַזוי. — נאַזאַנסקי האָט איהם פון דערווייטענס אויסגעשטרעקט די האַנט, אַזוי ווי ענטשולדיגענדיג זיך. — לאָמיר זאָגען, אַז אייך האָט מען אויף אייביג פאַרזעצט אין טורמע, און אייער גאַנץ לעבען וועט איהר זעהן פון שפּאַרינע בלויז צוויי אַלטע צוריסענע ציגעל... ניין, לאָז אונז דוכטען, אַז אין אייער טורמע איז ניטאָ קיין פונק ליכט אפילו, קיין איין קלאַנג —גאָרנישט! און דאָך, קאָן מען דאָס פאַרגלייכען מיט דעם אימה'דיגען שרעק פון טויט? ביי אייך פאַרבלייבט דער גדאַנק, די פאַנטאַזיע, דער זכרון, די שאַפונגס־קראַפט — און אויך מיט דעם קאָן מען דאָך לעבען. ביי אייך קאָנען אפילו זיין ערהאַבענע מאָמענטען פון לעבענס־פרייד.

— יע, דאָס לעבען איז הערליך, — האָט געזאָגט ראָמאַשאָוו.

— הערליך! — האָט היציג ווידערהאָלט נאַזאַנסקי. — און אָט, צוויי מענשען שיסען איינער אין צווייטען, מאָרדען איינער דעם צווייטען דערפאַר ווייל איינער האָט דעם אַנדערען אַ קלאַפּ געטאָן, אָדער ווייל ער האָט אַ קוש געטאָן זיין פרוי, אָדער פּראָסט דערפאַר, וואָס דורכגעהענדיג פאַרביי און דרעהענדיג די וואָנסען, האָט ער אומהעפליך אַ בליק געטאָן אויף איהם. אַך, ניין, זייערע וואונדען, זייערע ליידען, זייער טויט — דאָס איז אַלץ צום טייוועל! ער ערמאָרדעט דען זיך — אָט דער קלעגליכער, באַוועגליכער קנויל, וועלכער רופט זיך מענש? ער ערמאָרדעט דאָך די זון, די הייסע, ליעבע זון, דעם ליכטיגען הימעל, די נאַטור, — די גאַנצע פיעלפאַכיגע שעהנקייט פון לעבען, ער ערמאָרדעט דעם גרעסטען גענוס און שטאָלץ — דעם מענשליכען גדאַנק. ער ערמאָרדעט דאָס, וואָס וועט זיך קיינמאָל, קיינמאָל, קיינמאָל ניט אומקערען. אַך, נאַראָנים, נאַראָנים!

נאַזאַנסקי האָט אומעטיג, מיט אַ לאַנגען זיפץ אַ מאַך געטאָן מיט'ן קאָפּ און איהם אַראָפּגעלאָזען. די שיפעל איז אַריין אין די וואַסער־רערען. דאָמאַשאָוו האָט זיך ווידער גענומען צו די רודערס.

די הויכע, גרינע, הארטע פלאַנצען, רייבענדיג זיך אָן די זייטען פון שיפעל, האָבען זיך שטאַלץ און לאַנגזאַם גענויגט. דאָ איז געווען פינסטערער און קעלטער ווי אויפ'ן אָפענעם וואַסער.

— איז וואָס זאָל איך טאָן? — האָט ראַמאַשאַוו טרויעריג און אומהעפליך געפרעגט, — אוועקגעהן אין רעזערוו? וואו וועל איך זיך אהינטאָן?

נאַזאַנסקי האָט אַ שמייכעל געטאָן עניות'דיג און צאַרט.

— וואַרט אויף, ראַמאַשאָוו. קוקט מיר אין די אויגען אַריין. אָט אַזוי. ניין, ניט קערט זיך אָפּ, קוקט גלייך, און ענטפערט לויט אייער ריינעם געוויסען. גלויבט איהר דען אין דעם, אַז איהר דיענט אַן אינטערעסאַנטער, גוטער, נוצליכער זאַך? איך קען אייך גוט, בעסער איידער אַלע אַנדערע, און איך פיהל אייער נשמה. איהר גלויבט דאָך גאָר ניט אין דעם.

— ניין, — האָט ראַמאַשאָוו ענטשלאָסען געענטפערט. — אָבער וואוהין וועל איך געהן?

— וואַרט אויף, ניט איילט זיך. גיט נאָר אַ קוק אויף אונזערע אָפיצערען. איך רייד ניט וועגען די גוואַרדיע־אָפיצערען, וועלכע טאַנצען אויף בעלער, ריידען פראַנצויזיש און לעבען אויף געהאַלט ביי זייערע עלטערען און געזעצליכע פרויען. ניין; גיט אַ טראַכט וועגען אונז, אומגליקליכע אַרמעאַוטען, וועגען דער אַרמיי־אינפאַנטעריע, וועגען דער הויפּט יאָדרע פון דער גערייהמטער און דרייסטער רוסישער אַרמיי. דאָס איז דאָך אַלץ פוילקייט, שמאַטעס און אָפּפאַל. אין בעסטען פאַל — זיינען דאָס זיהן פון פאַרוואַונדעטע קאַפּיטאַנען. אָבער מעהרסטענס — זיינען דאָס ניט געענדיגטע שילער פון גימנאַזיע און רעאַל־שול, וועלכע האָבען זיך דערשראָקען פאַר גרוים געלעהרט־קייט. איך וועל אייך ברייגגען אַלס ביישפּיעל אונזער פּאָלק. ווער דיענט ביי אונז גוט און לאַנג? די אָרימע, וועלכע זיינען באַיאָכט פון זייערע געזינדען, וועלכע זיינען גרייט אויף יעדער נאָכגעביגקייט, אויף יעדער מערדערליכקייט, אפילו אויף אַ מאָרד, אויף גנב'ענען די געלדער פון די סאָלדאַטען — און דאָס אַלץ איז צוליעב דעם אייגענעם טעפּעל געקעכץ. איהם באַפעהלט מען: שים, און ער שיסט, — ווע־מען, פאַר וואָס, אפשר גאָר פאַר אומזיסט? — איהם איז אַלץ איינס, ער באַטראַכט ניט. ער ווייס נאָר, אַז אין דער היים וויינען זיינע

פאַרשמוציגטע, קראַנקע קינדער, און ער, ווי אַ קלאַפּ־פּויגעל, אומזיניג צוגלאָצענדיג די אויגען, קלאַפּט אַלץ איין וואָרט: „די שבועה!“ אַלץ, וואָס איז דאָ באַגאַבטעס און פעהיגעס — ווערט פאַר׳שבור׳ט. פינף און זיבעציג פּראָצענט פון אונזערע אָפּיצערען זיינען קראַנק אויף סיפּילים. איינער אַ גליקליכער—און אויך דאָס איינמאָל אין פינף יאָהר — קומט אָן אין אַקאַדעמיע און מען באַגלייט איהם מיט האַס. מעהר פּינקטליכע, מיט אַ גרעסערער פּראָטעקציע, ווערען זשאַנדאַרמען אָדער טרוימען וועגען אַ פּאָליציי־אַמט אין אַ גרויסער שטאָדט. די אַדעליגע, וועלכע האָבען כאָטש אַ קליין פאַרמעגען, ווערען בעאַמטע. לאָמיר שוין צוגעבען, אַז עס פאַרבלייבען אויך מענשען פיהלענדע, מיט הערצער, אָבער וואָס טוען זיי? פאַר זיי איז דער דיענסט אַן עקעל, אַ נאָכשלעפּעניש, אַ פאַרהאַסטער יאָך. יעדערער באַמיהט זיך אויסצוטראַכטען פאַר זיך עפּעס אַ זייטיגען אינטערעס, וועלכער פאַרשלינגט איהם אין גאַנצען. איינער ווערט אַ קאָלעקציאָנער, פיעלע קענען זיך קוים דערוואַרטען דעם אָוועגט, ווען מען קאָן זיצען אין דער היים ביי אַ לאָמפּ און מיט אַ נאָדעל אויסנעהען עפּעס אַן אומנוציגען טעפּיכעל, אָדער אויסזעגען מיט אַ קליין זעגעל אַ רעמעל פון האָלץ פאַר דעם אייגענעם בילד. אין דיענסט טרוימען זיי וועגען דעם, ווי וועגען אַ געהיימער, זיסער פריידי. קאָרטען, באַריהמעריי וועגען פרויען — פון דעם רייד איך שוין ניט. שמוציגער פון אַלץ איז דער דיענסט־עהרענגייץ, דער קלייגליכער, מערדערליכער עהרענגייץ. דאָס זיינען אָסאַדטשי און זיין קאָמפּאַניע, וועלכע שלאָגען אויס די ציינער און די אויגען ביי זייערע סאָלדאַטען. איהר ווייסט, אָרטשאַקאָווסקי האָט פאַר מיינע אויגען אַזוי געשלאָגען זיין דיענער, אַז איך האָב איהם קוים אָפּגענומען. נאָכדעם איז בלוט פאַרבליבען ניט נאָר אויף די ווענט, נאָר אויך אויף דער סטעליע. און מיט וואָס האָט זיך דאָס געענדיגט, ווילט איהר וויסען!? דער דיענער איז געלאָפען באַקלאָגען זיך פאַר דעם ראָטע־קאָמאַנדיר, און דער ראָטע־קאָמאַנדיר האָט איהם מיט אַ בריוו אָפּגעשיקט צו דעם פעלדפעבעל, און דער פעלדפעבעל האָט איהם נאָך אַ האַלבע שעה געשלאָגען, אין זיין בלויען, פאַרשוואָלענעם, צובלוטיגטען פּנים. דער זעלבער סאָלדאַט האָט צוויי מאָל געמאָלדען אָנקלאַגען אויף אַן אינספּעקטאָרישען פּאַראַד, אָבער אָהן קיין רעזולטאַט.

נאזאנסקי איז אנטשוויגן געוואָרען און האָט זיך גענומען נערוועז רייבען די שלייפען.

— ווארט אוים... אך, ווי די געדאנקען לויפען... — האָט ער געזאָגט אומרוהיג. — ווי שלעכט עס איז, ווען ניט דו פיהרסט דעם געדאנק, נאָר דער געדאנק דיך... יע, איך האָב זיך דערמאָנט! איצ־טער ווייטער. גיט א קוק אויף די איבעריגע אָפיצערען. נו, אָט האָט איהר אייך, צום ביישפיעל, שטאבס־קאפּיטאן פּלאוואסקי. ער שפּייזט זיך מיט, שדים ווייסען וואָס, — ער קאָכט זיך עפּעס אויף אליין אויפ'ן קעראָסין־אויווען, קליידעט זיך כמעט אין שמאטעס און פון זיין אכט און פערציג רובעלדיגען מאָנאטליכען געהאלט לייגט ער אָפּ פינף און צוואנציג רובעל א חודש. אָהאָ־האָ! ביי איהם ליגט שוין אין באנק ארום צוויי טויזענט רובעל, און ער פּארלייהט זיי געהיים צו די חברים פאר רוּיבערישע פּראָצענטען. איהר מיינט, אז דאָס איז אן איינגעבאָרענע קארגקייט. ניין, ניין, דאָס איז נאָר א מיטעל ווי אזוי אוועקצוגעהן ערגעץ, ווי צו באהאלטען זיך פון דעם שווערען אומפארשטענדליכען אומזין — מיליטער־דיענסט... קאפּי־טאן סטעלקאָווסקי — א חכם, א שטארקער, דרייסטער מאן. און וואָס איז דער אינהאלט פון זיין לעבען? ער פארפיהרט אומער־פאהרענע פויערישע מיידלאך. נעמט, ענדליך, דעם פּאָדפּאָלקאָווניק ברעם. א ליעבער, וואוילער אָריגינאל, א גוטע נשמה, אן אויסנאם — נו, איז ער אינגאנצען פארנומען מיט זיינע חיות. וואָס איז פאר איהם דער דיענסט, די פּאראדען, די פאָהן, די פּאָרוואורפען, די עהרע? נישטיגע, אומנוציגע צוגאָבען אין לעבען!

ברעם איז א וואונדערבארער, איך האָב איהם ליעב, — האָט ראָמאשאָוו אריינגעשטעלט.

— אזוי איז דאָס, געוויס, מיין ליעבער, — האָט פויל איינגע־שטימט נאזאנסקי, — און ווייסט איהר, — האָט ער פּלוצלונג גענו־מען ריידען אָנגעכמורעט, — וואָס פאר א שטיק איך האָב אמאָל גע־זעהן אויף די מאנעוורען? נאָך א נאכט געהן האָבען מיר געמאכט אן אטאקע. מיר זיינען דאן אלע געפאלען פון די פיס, מיד געווען און נערוועז. אלע: די אָפיצערען און די סאָלדאטען. ברעם הייסט דעם טרובאטש שפּיעלען א סיגנאל־רוף צו דער אטאקע, און יענער — גאָט ווייס פאר וואָס—האָט גענומען שפּיעלען א סיגנאל צו ארויס־

רופען דעם רעזערוו. אזוי איינמאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל. און דער זעלבער ליעבער, גוטער, וואונדערליכער ברעם שפּרינגט צו אויפ׳ן פערד צו דעם טרובאטש, וועלכער האלט די טרובע אין מויל, און פון גאנצען כח — טראַך מיט׳ן פויסט איבער דער טרובע! יע, איך האָב אליין געזעהן, ווי יענער האָט צוזאמען מיט דעם בלוט ארויסגעשפּיגען פון מויל צוברעקעלטע ציינער.

— אַך, גאָט מיינער! — האָט ראַמאַשאַוו מיט עקעל געקרעכצט.

— און אזוי זיינען זיי, אפילו די בעסטע, די צארטעסטע פון זיי.

די טייערע פּאַטערס, די אויפמערקזאמע מענער — זיי אלע ווערען אין דיענסט נידעריגע, שרעקעדיגע, שלעכטע און נארישע חיה׳לאַך. איהר וועט פרעגען: פּארוואָס? נאָר דערפאָר, ווייל קיינער פון זיי גלויבט ניט אין דיענסט, און זעהט ניט אין דיענסט קיין פּארנינפטיגען ציעל. איהר ווייסט דאָך, ווי קינדער האָבען ליעב צו שפּיעלען זיך אין מלחמה? עס איז געווען אַ צייט פון זודיגער קינדהייט אויך אין דער געשיכטע, אַ צייט פון הארטנעקיגע פּרעהליכע יונגע דורות. דאָן זיינען מענשען געגאנגען אין פרייע באנדעס, און מלחמה איז געווען פאר אלעמען אַ שיכור׳ע פרייד, אַ בלוטיגער, העלדישער שפּיעל. אלס הערשער פלעגט זיין אויסגעקליבען דער שטארקסטער, דער דרייסטעסטער און כיטרעסטער מאַן, און זיין הערשאפט, ביז וואנען זיינע אונטערטאנען פלעגען איהם ניט ערמאָרדען, פלעגט זיין אָנגענומען ביי אלעמען ווירקליך ווי אַ געטליכע. נאָר אָט איז די מענשהייט אויסגעוואקסען, און ווערט פון יאָהר צו יאָהר אלץ קלוגער, און אנשטאט טומעלדיגע קינדערשע פאַרוויילונגען, ווערען זיינע געדאנקען פון טאָג צו טאָג אלץ ענסטער און טיפער. די דרייסטע אוואנטוריסטען זיינען פאַרוואנדעלט געוואָרען אין שולערען. דער סאָלדאט געהט שוין ניט צו מיליטער־דיענסט ווי צו אַ פרעהליכער רויבעריִשער ארבייט. ניין, מען שלעפּט איהם פאר אַ שטריק אויפ׳ן האלז, און ער שפּאַרט זיך איין, שעלט און וויינט. און די אויבערהערשער זיינען, פון גרויזאמע, צויבערענדע, אומ־רחמנותדיגע און פארגעטערטע פיהרער, פארוואנדעלט געוואָרען אין פייגע בעאמטע, וועלכע לעבען פון זייער בעטלערישען געהאלט. זייער העלדישקייט — איז אַ צוגענעצטע העלדישקייט. זייער מיליטערישע דיסציפּלין — די דיסציפּלין פון פחד — גרענעצט זיך מיט געגענזייטיגען האס. די שעהנע פייגעל זיינען אָפּגעבלאקעוועט. נאָר איין

עהנליכען ביישפיעל ווייס איך אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. דאָס איז די מאַנאַכען־באַוועגונג. דער אָנהויב פון דער דאָזיגער באַ־וועגונג איז געווען שטיל, שעהן און ריהרענד. עס קאָן זיין — ווער ווייס — זי איז ארויסגערופען געוואָרען דורך א וועלט נויטווענדיג־קייט? נאָר עס זיינען פאַריבער דורות און וואָס זעהען מיר? הונ־דערטער טויזענטער פוילע, צולאָזענע, געזונטע לומפען, וועלכע זיינען פארהאסט אפילו פון יענע, וואָס האָבען אין זיי פון צייט צו צייט א גייסטיגע נויטווענדיגקייט. און דאָס אַלץ איז פארדעקט געוואָרען מיט דער אויסערליכער פאָרם, מיט די שאַרלאַטאַן־צייכענס פון שטאַנד — פון קאַסטע, מיט די לעבערליכע אויסגעוועבטע מנהגים. ניין, איך האָב ניט אומזיסט אָנגעהויבען צו ריידען וועגען מאַנאַכען, און איך בין צופריעדען, וואָס מיין פארגלייך איז לאָגיש. באַטראַכט נאָר ווי־פיעל עהנליכעס איז דאָ. דאָרטען — דער פריסטער־מאַנטעל און פייער־פאַן, דאָ — דער מונדיר און דאָס גלאַנצענדע געוועהר; דאָר־טען — עניות, פאַלשע זיפצען, זיסע רייד, דאָ — פאַלשע העלדיש־קייט, שטאָלצע עהרע, וועלכע דרעהט נאָכאַנאַנד מיט די אויגען: „און טאָמער וועט מיך ווער פלוצלונג באַליידיגען?“, — אויסגעשטאַרצטע ברוסטען, אָנגעשטעלטע עלענבויגענס, אויפגעהויבענע אַקסלען, נאָר ביי די, ביי יענע לעבען ווי פאַראַזיטען און ווייסען, און זיי ווייסען דאָך דאָס טיף אין הארצען, נאָר זיי האָבען מורא צו באַגרייפען דאָס מיט׳ן פארשטאַנד, און איבערהויפט מיט׳ן מאַגען. און זיי זיינען עהנליך אויף פעטע לייז, וועלכע פרעסען זיך אָפּ אַלץ מעהר אויף פרעמדע קערפערס, וואָס מעהר דער קערפער פוילט.

נאַזאַנסקי האָט בייז א בלאָז געטאָן מיט דער נאָז, און איז אַנט־שוויגען געוואָרען.

— רעדט ווייטער, רעדט, — האָט איהם ראָמאַשאָוו געבעטען.

— יע, עס וועט קומען א צייט, און זי איז שוין ביי דער טיר. א צייט פון גרויסע ענטוישונגען און שרעקליכע איבערראַשונגען. איהר געדענקט, איך האָב אייך אַמאָל געזאָגט, אז עס איז דאָ א פאַר־באָרגענער, אומ׳רחמנות׳דיגער זשעני פון דער מענשהייט. זיינע גע־זעצען זיינען פּינקטליך און אומ׳רחמנות׳דיג. און וואָס קליגער די מענשהייט ווערט, אַלץ טיפער דרינגט זי אריין אין זיי. און איך בין איבערצייגט, אז לויט די דאָזיגע געזעצען, קומט אַלץ אין דער וועלט,

שפּעט צי פריה, צו אַ גלייכגעוויכט. אויב די שקלאַפעריי האָט זיך געצויגען דורות לאַנג, וועט איהר פאַרניכטונג זיין שרעקליך. וואָס גרעסער עס איז געווען די גוואַלדטאַט, אַלץ בלוטיגער וועט זיין דער משפּט. און איך בין טיף, פעסט איבערצייגט, אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען אונז, די פּאַטענטירטע שעהנהייטען, די אומבאַזיגבאַרע פאַרפיהרער, הערליכע פראַנטען, ווען אונז, די הערען שטאַב און אויבער-אָפיצערן, וועט מען פּאַטשען אין פּנים אין די געסלאַך, אין די פינסטערע קאָרידאָרען, אין די אָפּטרעטען, ווען פאַר אונז וועלען זיך פרויען שעמען, און ווען אונז וועלען, ענדליך, אויפהערען צו פאָלגען אונזערע א י ב ע ר ג ע ב ע נ ע סאָלדאַטען. און דאָס וועט פאָרקומען ניט דערפאַר, וואָס מיר האָבען ביז בלוט געשלאָגען מענשען, ביי וועלכע מען האָט אָפּגענומען די מעגליכקייט פון פאַרטיידיגען זיך, און ניט דערפאַר, וואָס אונז פלעגט גלאַט דורכגעהן דאָס באַליידיגען פון אַ פרוי, אין נאָמען פון אונזער מיליטער מונדיר, און ניט דערפאַר, וואָס מיר, שכור'ע, האָבען אין די שענקען געשניטען אויף שטיקלאַך יעדען אייגנעם, וועמען מיר פלעגען נאָר באַגעגענען, און אויך ניט פאַר דעם, וואָס מיר, די אומזיסטע פרעסער, האָבען מיט שאַנד באַדעקט אין אַלע לענדער, אויף אַלע שלאַכטפעלדער דאָס רוסישע געוועהר, און אונזערע סאָלדאַטען פלעגען אונז אַליין מיט די שפּיזען ארויסטרייבען פון די קוקורוזאַ-פעלדער. געוויס, פאַר דאָס אויך, נאָר ביי אונז איז דאָ נאָך אַ שרעקליכערע, און איצטער שוין ניט קיין פאַררעכטבאַרע שולד. דאָס איז דאָס, וואָס מיר זיינען טויב און בלינד צו אַלץ. שוין לאַנג, אַז ערגעץ ווייט פון אונזערע קויטיגע, שטינקענדיגע לאַגערען, קומט פאָר אַ ריזיג, ניי, ליכטיג לעבען. עס זיינען געקומען נייע דרייסטע, שטאָלצע מענשען, עס צינדען זיך אָן אין קאָפּ פלאַמענדיגע פרייע געדאַנקען. ווי אין דעם לעצטען אַקט פון אַ מעלאָדראַמאַ, פאַלען אַלטע שלעסער און היילען, און פון אַהינטער זיי זעהט זיך שוין אַ ליכטיגער שיין, און מיר, אָנגעבלאָזענע ווי אינדיקעס, מאַכען נאָר אום מיט די אויגען און באַלאַבאָטשען: „וואָס? וואו? שווייגט! אַ בונט! איך וועל דערשיסען! און אָט דעם דאָזיגען אינדיקשען פאַרראַט צו דער פרייהייט פון מענשליכען גייסט, וועט מען אונז אייביג ניט מוחל זיין.

די שיף איז אריינגעפאָהרען אין אַ שטילען, געהיימען וואַסער.

ארום איהר האָבען זיך ענג אַרומגעשטעלט, ווי אַן ענגע וואַנט, די הויכע, אומבאַווענליכע וואַסער־גראָזען. די שיף איז געווען אַזוי ווי אָפּגעשניטען פון דער גאַנצער וועלט. איבער איהר האָבען זיך מיט אַ געשריי געטראָגען פויגלאַך, אָפּטמאָל אַזוי נאָהנט, כמעט באַריה־רענדיג ראָמאַשאָוו׳ן מיט די פליגעל, אַז ער האָט געפיהלט דעם שטאַר־קען ווינט פון זייער פליהען. ווייזט אויס, אַז דאָ, ערגעץ אין די גע־דיכטע וואַסער־גראָזען, זיינען געווען זייערע נעסטען. נאַזאַנסקי האָט זיך אויסגעצויגען אין שיף, און האָט לאַנג געקוקט אויפ׳ן הי־מעל, וואו די גאָלדענע, אומבאַווענליכע וואָלקענס האָבען זיך שוין באַפאַרבט אין רויטליכען קאָליר.

ראָמאַשאָוו האָט ניט דרייסט אַרויסגערעדט:

— איהר זייט ניט מיד? רעדט נאָך.

נאַזאַנסקי, אַזוי ווי פאָרטזעצענדיג הויך זיינע געדאַנקען, האָט באַלד גענומען ריידען:

— יע, עס וועט אָנקומען אַ נייע, וואונדערליכע, הערליכע צייט. איך האָב דאָך פיעל געלעבט אויסער דעם דיענסט און האָב פיעל גע־לייענט, פיעל איבערגעטראָגען און געזעהן. ביז דער צייט פלעגען די אַלטע קראָהען אַריינשלאָגען אונז אין קאָפּ אַריין, נאָך פון שול־בענ־קעל אָן: „האָב ליעב דיין נאָהנטען, ווי זיך אַליין, און זיי וויסען, אַז עניות, געהאָרכזאַמקייט און מורא זיינען די ערשטע מעלות אין אַ מענשען.“ די מעהר עהרליכע, מעהר שטאַרקע און מעהר דרייסטע האָבען אונז געזאָגט: „לאָמיר זיך נעמען פאַר די הענט, לאָמיר געהן און אומקומען, דערפאַר וועלען מיר פאַר די צוקונפטיגע דורות צו־גרייטען אַ ליכטיגען, גרינגען לעבען“. נאָר איך האָב דאָס קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען. ווער וועט מיר מיט קלאָרער איבערצייגונג אויפ־ווייזען, מיט וואָס איך בין צוגעבונדען—דער טייוועל זאָל איהם נע־מען— צו דעם נאָהנטען, צו דעם נידערטרעכטיגען שקלאַף, צו דעם האָטענטאָט, צו דעם פאַרפעסטעטען, צו דעם אידיאָט? אָה, פון די אַלע לעגענדען האָס איך מעהר, — מיט׳ן גאַנצען הארצען, מיט מיין גאַנצער פעהיגקייט צו פאַראַכטונג, — די לעגענדע וועגען יוליאַן דעם בעל רחמים. דער מצורע זאָגט: „איך ציטער, לייג זיך מיט מיר צוזאַמען אין בעט. מיר איז קאַלט, לייג זיך אויף מיר, און דער־וואַרים מיך מיט דיין לייב. מיר איז קאַלט, דערנעהנטער דיינע ליפּען

צו מיין שטינקענדיגען מויל און אָטעם אויף מיר". אך, ווי איך האָס' דאָס! איך האָס די קרעציגע און האָב ניט ליעב די נאָהנטע. און צו־ליעב וואָס, וואָס פאַר אַן אינטערעס וועט מיך צווינגען צו ברעכען דעם קאָפּ, צוליעב דעם גליק פון די מענשען אין דעם צוויי און דרייסיגסטען יאָהרהונדערט? אה, איך ווייס די היהנערשע רייד וועגען אַ וועלט־נשמה, וועגען אַ הייליגער פליכט. נאָר אפילו דאַן, ווען איך האָב געגלויבט אין איהר מיט מיין פאַרשטאַנד, האָב איך זי קיינמאָל ניט געפיהלט מיט'ן האַרץ. איהר פאָלגט מיר נאָך, ראָמאַשאָוו?

ראָמאַשאָוו האָט מיט אַ שעמעוודיגער דאַנקבאַרקייט אַ קוק געטאָן אויף נאַזאַנסקי'ן.

— איך פאַרשטעה אייך אינגאַנצען, אינגאַנצען, — האָט ער געזאָגט. — ווען איך וועל ניט ווערען, וועט דאָך אויך די וועלט פאַר־שווינדען? יע, דאָס זאָגט איהר דאָך?

— דאָס זאָג איך. און אָט, זאָג איך אייך, האָט די ליעבע צו דער מענשהייט אויסגעברענט אין די מענשליכע הערצער. און אַנ־שטאַט איהר קומט אַ נייער, געטליכער גלויבען, וועלכער וועט בלייבען אומשטערבליך ביז דער ענדע פון דער וועלט. דאָס איז אַ ליעבע צו זיך, צו דעם אייגענעם שעהנעם קערפּער, צו דעם אַלמעכטיגען פאַר־שטאַנד און צו דער ענדלאָזער ריינקייט פון די אייגענע געפיהלען. ניין, באַטראַכט נאָר, באַטראַכט נאָר, ראָמאַשאָוו: ווער איז אייך טייערער און נעהנטער פון זיך אַליין? — קיינער ניט. איהר—זייט דער קעניג פון דער וועלט, איהר שטאָלץ און צירונג. איהר — זייט דער גאָט פון אַלץ וואָס לעבט. אַלץ וואָס איהר זעהט, הערט און פיהלט, באַלאַנגט נאָר צו אייך אַליין. טוט, — וואָס איהר ווילט. נעמט אַלץ, וואָס אייך געפעהלט. שרעקט זיך ניט פאַר קיינעם אין דער וועלט, ווארים איבער אייך איז קיינער ניטאָ און קיינער איז ניט גלייך צו אייך. עס וועט קומען אַ צייט, ווען דער גרויסער גלויבען אין דעם אייגענעם א י ך וועט, ווי פייערדיגע צונגען פון דעם הייליגען גייסט, באַלייכטען די קעפּ פון אַלע מענשען און דאַן וועלען שוין ניט זיין ניט קיין קנעכט, ניט קיין הערשער, ניט קיין קאַליקעס, ניט קיין מיטלייד, ניט קיין זינד, ניט קיין כעס און ניט קיין קנאה. דאַן וועלען מענשען ווערען געטער. און באַטראַכט זיך, ווי וועל איך דאַן וואַגען צו באַליידיגען, אַ שטויס טאָן, אָפּנאַרען אַ מענשען, אין וועל־

בען איך פיהל מיין גלייכען, דעם ליכטיגען גאָט דאָן וועט דאָס לעבען זיין הערליך. אין דער גאַנצער וועלט וועלען אויפגעשטעלט ווערען לייכטע, ליכטיגע געביידעס, קיין זאַך, וואָס איז וואולגאַר, וועט ניט באַליידיגען אייער אויג; דאָס לעבען וועט ווערען א זיסע ארבייט, א פרייע וויסענשאַפט, א וואונדערליכע מוזיק, א פרעהליכער, איי־ביגער, שעהנער יום טוב. די ליעבע, א באַפרייטע פון די פינסטערע נעצען פון אייגענטום, וועט ווערען די ליכטיגע רעליגיאָן פון דער וועלט, און ניט א געהיימע, שענדליכע זינד פון פאַראייניגען זיך אין א פינסטערען ווינקעל, מיט פאַרזיכטיגקייט און עקעל. און אונזערע קערפּערס זעלבסט וועלען ווערען ליכטיגע, שטאַרקע און שעהנע, באַ־קליידטע אין העלע, הערליכע קליידער. אזוי ווי איך גלויב אין דעם דאָזיגען אוועקטיגען הימעל, וואָס איבער מיר, — האָט ערהאָבען אויסגעשריען נאַזאַנסקי, אויפהויבענדיג די האַנט אין דער הויך, — אויך אזוי גלויב איך אין דאָס צוקונפטיגע גאָט־עהנליכע לעבען!

ראָמאַשאָוו, אַן אויפגערעגטער, אויפגעציטערטער, האָט געפּלאַ־פּעלט מיט בלייך געוואָרענע ליפּען:

— נאַזאַנסקי, דאָס זיינען טרוימען, דאָס זיינען פאַנטאַזיעס

— יע, — האָט ער ארויסגערעדט מיט א שמייכעל אין שטים:

— א פּראָפעסאָר פון דאָגמאַטישער טעאָלאָגיע און פון קלאַסישער פילאָלאָגיע וועט פאַנאַנדערשטעלען די פיס, צופיהרען מיט די הענט, און וועט זאָגען, איינבויגענדיג דעם קאָפּ אויף א זייט: „אָבער דאָס איז דאָך אַן ערשיינונג פון העכסטען עקסטרעמען אינדיווידואַליזם!“ די זאַך איז ניט אין שרעקליכע ווערטער, מיין טייערער אינגעל, די זאַך איז אין דעם, וואָס אויף דער וועלט איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין מעהר פּראַקטיש, ווי יענע פאַנטאַזיעס, פון וועלכע ניט פיעלע טרוימען איצטער. זיי, די דאָזיגע פאַנטאַזיעס, זיינען דער זיכערסטער און ווירקליכסטער צוזאַמענבונד צווישען מענשען. לאָמיר זיך פאַר־געסען, אז מיר זיינען מיליטער־לייט. מיר זייען ציווילע. אָט שטעהט אויפ׳ן גאַס א בריאה משונה, א פרעהליכער, צוויי־קעפּיגער מאַנסטער. ער שלאָגט יעדען, ווער עס געהט נאָר פאַרביי. מיך האָט נאָך דער מאַנסטער ניט א קלאַפּ געטאָן, נאָר דער איין געדאַנק וועגען דעם, אז ער קאָן מיך א קלאַפּ טאָן, באַליידיגען מיין געליעבטע פרוי, אַפּנעמען ביי מיר די פרייהייט, — דער געדאַנק מוטערט אויף מיין גאַנצען

שטאָלץ. אַליין קאָן איך איהם ניט בייקומען! און נעבען מיר שטעהט אויך אזאַ דרייסטער, שטאָלצער מענש און איך זאָג צו איהם: „לאָמיר געהן און צוזאַמען מאַכען אזוי, אַז דער מאָנסטער זאָל ניט מיך און ניט דיך אַ קלאַפּ טאָן". און מיר געהען. אה, געוויס, דאָס איז נאָר אַ פּראָסטער ביישפּיעל, אַ סכעמאַ, נאָר אין דעם דאָזיגען צוויי־קעפּיגען פּאַרזעהעניש זעה איך אַלץ, וואָס פאַרבינדט מיין גייסט, פּאַרגוואַלטיגט מיין ווילען, דערנידעריגט מיין אַכטונג צו מיין פּערזענליכקייט. און דאָן איז דאָס ניט קיין קעל־בערנער מיטלייד צו דעם נאָהנטען, נאָר די געטליכע ליעבע צו זיך אַליין בינדט צוזאַמען מיינע אָנשטרענגונגען מיט די אָנשטרענגונגען פון אַנדערע מענשען, וואָס זיינען גלייך אין גייסט צו מיר!

נאַזאַנסקי איז אַנטשוויגען געוואָרען. איהם האָט קענטיג איינגע־מאַטערט די אומגעוועהנליכע נערוועזע אויפמונטערונג. אין עטליכע מינוט ארום האָט ער פויל, מיט אַ געפאַלענער שטימע פאָרטגעזעצט:

— אָט אזוי, מיין טייערער געאָרגי אַלעקסעאיטש. פאַרביי אייך שווימט אַ ריזיגעס, פּיעלפאַכיגעס, זודיגעס לעבען, עס ווערען געבאָרען געטליכע, פלאַמענדיגע געדאַנקען. עס ווערען פאַרניכטעט די אַלטע באַגולדטע אָפּגעטער. און מיר שטעהען אין אונזערע שטאַלען, די פויסטען אויף די זייטען און הירזשען: „אַך, איהר אידיאָטען! ציווילע! שמייסען דאַרף מען אייך!" און אָט דאָס, וועט אונז דאָס לעבען קיינמאָל ניט מוחל זיין...

ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, און אַ ציטער טוענדיג אונטער'ן מאַנטעל, האָט ער מיד געזאָגט:

— קאַלט... לאָמיר פאָהרען אַהיים...

ראָמאַשאָוו האָט ארויסגעפיהרט דאָס שיפעל פון די גראָזען. די זון האָט זיך געזעצט אַהינטער די וייטע שטאָדט־דעכער, און זיי האָ־בען זיך שווארץ און דייטליך אויסגעטיילט אין דער רויטקייט פון דעם זון־אונטערגאַנג. ערגעץ וואו האָבען מיט העלע, אָפּשפּיגלענדיגע פייערען געגלאַנצט די פענסטער־שויבען. דאָס וואַסער אין דער זייט פון דער זון איז געווען רויטלאַך, גלאַט און פרעהלאַך, נאָר פון הינטער דער שיף איז דאָס וואַסער געדיכטער געוואָרען, בלוי געוואָרען און זיך צוקנייטשט.

ראָמאַשאָוו, ענטפערענדיג אויף זיינע אייגענע געדאַנקען, האָט פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן:

— איהר זייט גערעכט. איך וועל ארויס אין רעזערוו. איך ווייס אליין ניט, ווי איך וועל דאס טאן, נאר איך האב פון דעם נאך פריהער אויך געטראכט.

נאזאנסקי האט זיך געהילט אין זיין מאנטעל און האט געציטערט פאר קעלט.

— געהט ארויס אין רעזערוו, — האט ער געזאגט מיט א צערטליכען אומעט. — אין אייך איז עפעס וואס דא, עפעס אן אינערליכער שיין... איך ווייס ניט, ווי דאס אנצורופען. נאר אין אונזער טיערען גרוב וועט מען איהם אויסלעשען. איינפאך, מען וועט א שפיי טאן און פארלעשען. די הויפט זאך איז — ציטערט ניט, ציטערט ניט פאר דאס לעבען: א פרעהליכע, פארוויילענדע, וואונדערליכע זאך איז דאס לעבען. נו, גוט, וועט אייך ניט נילטען, וועט איהר פאלען, זיך ארונטערלאזען, ווערען א שכור, א שלעפער, אבער איך שווער ביי גאט, מיין טייערער, אז דער ערשטער שלעפער לעבט צעהן טויזענט מאל פולער און אינטערעסאנטער, איידער אדאם איוואניטש זעגרזשעט, אדער קאפיטאן סליווא. געהסט איבער דער וועלט אהער, אהין, זעהסט שטעדט, דערפער, ווערסט באקענט מיט פיעל מאדנע, זארגלאזע, שפאסענדע מענשען, קוקסט, שמעקסט, הערסט, שלאפסט אויף דעם טויאיגען גראז, פריהרסט אויפ'ן פראסט, ביזט צו קיין זאך ניט צוגעבונדען, האסט פאר קיין זאך ניט מורא, פארגעטערסט דאס פרייע לעבען מיט אלע טיילען פון דיין נשמה... עך, ווי וועניג, אין אלגעמיין, מענשען פארשטעהען! איז דען ניט אלץ איינס: עסען פראסטע, טרוקענע פיש, צי א רוקען פון א ווילדער ציעג מיט טרופעלען, אנטרינקען זיך מיט בראנפען, צי מיט שאמפאניער, שטארבען אונטער א חופה, אדער אין פאליציי־הויז. דאס זיינען אלץ דעטאלען, קליינע באקוועמליכקייטען, שנעל דורכגעהענדע געוואוינהייטען. זיי פארדונקעלען נאר, פארביליגען נאר דעם העכסטען זין פון לעבען. אט, אפטמאל, קוק איך אויף א רייכער לויה. ליגט אין א זילבערנעם קאסטען, אונטער נארישע באצירונגען א גע'פגר'טע מאלפע; און די איבעריגע לעבעדיגע מאלפעס געהען נאך אהינטער, אויסציהענדיג די קעפ און אנהענגענדיג אויף זיך פון פארענט און פון הינטען אלערליי לעכערליכע שטערענס און קלאפערגעצייג... און אט די אלע וויזיטען, מעל־

דונגען, זיצונגען... ניין, מיין טייערער, עס איז דאָ נאָר איין ריכטיגע, הערצליכע זאַך, וואָס מען קאָן אויף קיין זאַך ניט פאַרבייטען, — דאָס דאָס איז אַ פרייע נשמה, און צוזאַמען מיט איהר דער שעפערישער גע־דאַנק און דער פרעהליכער דורשט פון לעבען. טרופעלען קאָנען זיך זיין אָדער ניט זיין — דאָס איז דער פיעלפאַרביגער שפיעל פון צופאַל. אַ קאָנדוקטאָר, אויב ער איז נאָר ניט אינגאַנצען נאַריש, וועט זיך פאַר אַ יאָהר אויסלערנען אַנשטענדיג, און ניט אָהן זעלבסט־ווירדע, צו רעגיערען. נאָר אַן אָפגעפּאַשעטע און טעמפּע מאַלפּע, וואָס זיצט אין אַ קאַרעט מיט גלעזלאַך אויף דעם פעטען בויך, וועט קיינמאָל ניט פאַרשטעהן דעם שטאָלצען צויבער פון פרייהייט, וועט ניט פיהלען די פרייד פון באַגייסטערונג און וועט זיך ניט צואַוויינען מיט זיסע טרערען פון פרייד, קוקענדיג ווי אויף אַ ווערבע־צווייג זילבערען זיך די פוכיגע בלעטער־קנאָספּען!

נאַזאַנסקי האָט זיך פאַרהוסט און האָט געהוסט לאַנג. נאָכדעם, אויסשפּייענדיג, האָט ער פאָרטגעזעצט:

— געהט אַוועק, ראָמאַשאָוו, פון מיליטער. איך זאָג דאָס אייך, ווייל איך האָב אַליין אויסגעפּרובירט דאָס פרייע לעבען, און אויב איך האָב זיך צוריקגעקערט אין דער שמוציגער שטייג, איז שולדיג אין דעם... גו, גוט... אַלץ איינס, איהר פאַרשטעהט דאָך. דרייסט לאָזט זיך אריין אין לעבען, דאָס לעבען וועט אייך ניט אָפּנאַרען. דאָס לע־בען איז ערהנליך צו אַ גרויסער געביידע מיט טויזענטער צימערען, אין וועלכע עס איז דאָ שיין, געזאַנג, וואונדערליכע בילדער, קלוגע, נעטע מענשען, געלעכטער, טענץ, ליעבע, — אַלץ, וואָס עס איז דאָ גרויסעס און ערהאַבענעס אין דער קונסט. און איהר האָט אין דעם פּאַלאַץ ביז איצטער געזעהן בלויז איין פינסטערען, ענגען קעמערעל אין מיסט און אין שפּינוועבס, — און איהר האָט מורא אַרויסצוגעהן פון דאָרטען.

ראָמאַשאָוו האָט צוגעפיהרט די שיף צום ברעג, און האָט גע־האָלפען נאַזאַנסקי'ן אַרויסגעהן. עס איז שוין פינסטער געוואָרען, ווען זיי זיינען געקומען צו נאַזאַנסקי'ן אין וואוינונג. ראָמאַשאָוו האָט אַריינגעלייגט דעם חבר אין בעט, און האָט איהם אַליין איינגעדעקט פון אויבען מיט אַ קאָלדרע און אַ מאַנטעל.

נאַזאַנסקי האָט אַזוי שטאַרק אָנגעהויבען צו ציטערען, אַז ביי איהם האָבען גענומען קלאַפּען די ציינער. צונויפנעמענדיג זיך אין

אַ קנויל און איינגראָבענדיג זיך מיט'ן קאָפּ אין קישען, האָט ער גע־רעדט מיט אַ קלעגליכער, הילפלאָזער, קינדערישער שטימע:

— אה, ווי איך שרעק זיך פאַר מיין צימער... וואָס פאַר אַ חלומות, וואָס פאַר אַ חלומות!

איהר ווילט, וועל איך פאַרבלייבען נעכטיגען, — האָט ראַמאַשאָוו פאָרגעלייגט.

— ניין, ניין, מען דאַרף ניט. שיקט, זייט אַזוי גוט, נאָך בראָם... און... אַביסעל שנאַפּס. איך בין אָהן געלט...

ראָמאַשאָוו איז ביי איהם געזעסען ביז עלף אַזייגער. נאַזאַנסקי'ן האָט ביסלעכוויז אויפגעהערט צו טרייסלען. ער האָט פּלוצלונג צו־עפענט זיינע גרויסע, גלאַנצענדיגע, פיבערהאַפטע אויגען און האָט געזאָגט ענטשלאָסען און אָפּגעהאַקט:

— איצטער געהט אַוועק. פאַרבלייבט געזונט.

—בלייבט געזונט, — האָט ראַמאַשאָוו טרויעריג אַרויסגערעדט. איהם האָט זיך געגלוסט צו זאָגען: „זייט געזונט, לעהרער", נאָר ער האָט זיך פאַרשעמט, און האָט נאָר צוגעגעבען מיט אַן אָנגעצויגענעם שפּאָס:

— פאַר וואָס עפּעס — פאַרבלייבט געזונט, פאַר וואָס ניט — אויף ווידערזעהן?

נאַזאַנסקי האָט זיך צולאַכט מיט אַ שוידערליכען, אומזיניגען, פּלוצלונגדיגען געלעכטער.

— און פאַר וואָס ניט אויף ווידערזעהן? — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט אַ ווילדער שטימע פון אַ וואַהנזיניגען.

און ראַמאַשאָוו האָט דערפיהלט איבער זיין גאַנצער לייב די צי־טערדיגע כוואַליעס פון שרעק.

.22

צוקומענדיג צו זיין הויז, האָט ראַמאַשאָוו מיט באַוואונדערונג דערזעהן, אַז אין דעם קליינעם פענסטער פון זיין צימער, אין דער וואַ־רימער פינסטערניש פון דער זומער־נאַכט, בלאַנקט קוים אַ שיין. „וואָס קאָן דאָס באַדייטען? — האָט ער אַ טראַכט געטאָן זאָרגפול, און האָט ניט ווילענדיג פאַרשנעלערט די טריט. — קאָן דאָס זיין, דאָס האָבען זיך

צוריקגעקערט מיינע סעקונדאנטען מיט די באדינגונגען פון דעם דועל?"
אין פארהויז האט ער זיך אנגעשטויסען אן הייגאנ'ען, ניט באַמערקט איהם, דערשראקען זיך, א ציטער געטאן און האט בייז אויסגעשריען:

— וואס פאר א טייוועל! דאס ביזטו, היינאן? ווער איז דא?

ניט קוקענדיג אויף דער פינסטערניש, האט ער דערפיהלט, אז היינאן האט, לויט זיין געוואוינהייט, געגומען טאנצען אויף איין ארט.

— דארטען צו דיר א מיידעל געקומען. זי זיצט.

ראמאשאוו האט געעפענט די טיר. אין לאמפ איז שוין לאנג אויסגעגאנגען דער קעראסין און איצטער האט ער געברענט טשאדענדיג מיט די לעצטע פלאמען. אויפ'ן בעט איז געזעסען אן אומבאוועגליכע פרויען־פיגור, ניט בולט אויסטיילענדיג זיך פון דער שווערער, ציטעריגער האלב־דונקעלהייט.

— שוראטשקא! — האט שטיקענדיג זיך געזאגט ראמאשאוו, און איז אויף די שפיצען פינגער פארזיכטיג צוגעגאנגען צו דער בעט. — שוראטשקא, דאס זייט איהר?

— שטילער. זעצט זיך, — הא זי געענטפערט האסטיג און שטיל. — פארלעשט דעם לאמפ.

ער האט א בלאז געטאן פון אויבען אין גלאז. דאס ציטערינגס בלוי פייערל איז אפגעשטארבען, און מיט אמאל איז אין צימער געווארען פינסטער און שטיל. אויפ'ן טיש האט אייליגענדיג און הויך געגומען קלאפען דער וועק־זייגער, וועלכען מען האט ביז אהער ניט באמערקט. ראמאשאוו האט זיך געזעצט לעבען אלעקסאנדרא פעטראוונא, איינגעהויקערט און ניט קוקענדיג אין איהר זייט.

א מאדנעס געפיהל פון מורא, אויפרעגונג האט איהם באהערשט און געשטערט צו ריידען.

— ווער איז דא ביי אייך, אהינטער דער וואנט? — האט שוראטשקא געפרעגט. — דארטען הערט מען?

— ניין, דארטען איז א ליידיגער צימער... אלטע הויז־געשיר... דער באלעבאס איז א סטאליער. מען קען ריידען הויך.

נאכדעם האבען זיי ביידע גערעדט שטילערהייט, און אין די שטילע, אפגעריסענע ווערטער, אין דעם שווערען, געדיכטען חושך איז געווען באהאלטען פיעל ציטערניש און פארלעגנהייט. זיי זיינען גע־

זעטען כמעט באריהרענדיג איינער דעם צווייטען. ביי ראַמאַשאָוו'ן האָט דאָס בלוט גערוישט אין די אויערען.

— פאַר וואָס, פאַר וואָס האָט איהר דאָס געטאָן? — האָט זי פּלוצלונג געזאָגט שטיל, נאָר מיט אַ ליידענשאַפטליכען פאָרוואורף. זי האָט אוועקגעלייגט איהר האַנט ביי איהם אויף די קניה. ראַמאַשאָוו האָט דורך די קליידער דערפיהלט איהר לעבעדיגע, נערוועזע וואַרימ־קייט, און שטאַרק אָפּזיפצענדיג, האָט ער פאַרמאַכט די אויגען. און דורך דעם איז ניט געוואָרען פינסטערער, נאָר פאַר די אויגען זיינען אומגעשוואומען, ארומגערינגעלטע מיט בלויעם שיין, שוואַרצע אָוואַ־לען, עהנליכע צו וואונדערליכע אָזערקעס.

— איהר געדענקט, איך האָב אייך געבעטען צו זיין איינגעהאַלטען מיט איהם. ניין, ניין, איך מאַך אייך ניט קיין פאָרוואורפען. איהר האָט ניט געזוכט אַבזיכטליך צו צוקריעגען זיך — איך וויים דאָס. נאָר האָט איהר ניט געקאָנט אין דער צייט, ווען אין אייך האָט אויפ־געוואַכט די ווילדע חיה, דערמאָנען זיך אויף מיר און אָפּשטעלען זיך? איהר האָט מיך קיינמאָל ניט ליעב געהאַט!

— איך האָב אייך ליעב, — האָט שטיל ארויסגערעדט ראַמאַשאָוו, און האָט זיך פּאַמעלאַך צוגעריהרט מיט אומדרייסטע, ציטעריגע פינ־גער צו איהר האַנט. שוראָטשקאַ האָט אוועקגענומען די האַנט, פּאַ־מעלאַך, אזוי ווי באַדויערענדיג, און מורא האָבענדיג צו באַליידיגען איהם.

— יע, איך וויים, אז ניט איהר און ניט ער האָט ניט אָנגערופען מיין נאָמען, אָבער אייער ריטערישע אויפפיהרונג איז געווען אומ־זיסט: אַלץ איינס, אין שטאָדט רעדט מען.

— ענטשולדיגט מיר, איך האָב זיך ניט געקאָנט באַהערשען... מיך האָט פאַרבלענדט די אייפערזוכט... — האָט מיט אָנשטרענגונג ראַמאַשאָוו ארויסגערעדט.

זי האָט זיך צולאַכט מיט אַ לאַנגען, שלעכטען געלעכטער:

— אייפערזוכט? דענקט איהר דען, אז מיין מאַן איז געווען אזוי גרויסמוטיג צו מיר נאָך אייער געשלעג, אז ער האָט זיך אָפּגעהאַלטען פון דעם פאַרגעניגען צו דערצעהלען מיר, פון וואַנען איהר זייט דאַן גע־קומען אין קלוב? ער האָט מיר וועגען נאַזאַנסקי'ן אויך דערצעהלט.

— ענטשולדיגט, — האָט ראַמאַשאָוו ווידערהאָלט. — איך האָב דאַרטע שלעכטעס ניט געטאָן. ענטשולדיגט.

זי האָט פּלוצלונג גענומען ריידען העכער, מיט אַן ענטשלאָסענעם און בייזען טאָן:

— הערט אויס, געאָרגי אַלעקסעאיטש, מיר איז טייער יעדע מי־נוט. איך האָב אַזוי אויך געוואַרט אויף אייך אַרום אַ שעה צייט. דעריבער וועלען מיר ריידען קורץ און זאַכליך. איהר ווייסט, וואָס וואָלאָדיאַ איז פאַר מיר. איך האָב איהם ניט ליעב, נאָר צוליעב איהם האָב איך געטויט אַ טייל פון מיין נשמה. אין מיר איז פאַראַן מעהר איינגענליעבע, איידער אין איהם. צוויי מאָל איז ער דורכגעפאַלען, האַלטענדיג עקזאַמען אין דער אַקאַדעמיע. דאָס האָט געבראַכט מעהר באַליידיגונג און פאַרדראָס מיר, איידער איהם. דער געדאַנק וועגען גענעראַל־שטאַב איז מיינער, אינגאַנצען מיינער. איך האָב דעם מאַן געשלעפּט מיט מיינע גאַנצע כחות, אונטערגעטריבען איהם, געלערענט צוזאַמען מיט איהם, גערעפּעטירט, אויפגעשרויפט זיין שטאָלץ, אויפ־געמונטערט איהם אין די מינוטען פון אומעט. דאָס איז — מיין איי־גענע, באַליעבטע, גרויסע זאַך. איך קאָן מיין הארץ ניט אָפּרייסען פון דעם געדאַנק. וואָס עס זאָל דאַרטען ניט זיין — נאָר ער וועט אָנקו־מען אין אַקאַדעמיע.

ראַמאַשאָוו איז געזעסען, נידעריג איבערגעבויגען דעם קאָפּ אויף דער האַנט. פּלוצלונג האָט ער דערפיהלט, אַז שוראָטשקאַ האָט שטיל און לאַנגזאַם דורכגעפיהרט מיט איהר האַנט איבער זיינע האָר. ער האָט געפרעגט אין אַ זאָרגפולער פאַרלעגענהייט:

— איז וואָס קען איך טאָן?

זי האָט איהם אַרומגענומען פאַר׳ן האַלז, און האָט צערטליך צוגע־צויגען זיין קאָפּ צו זיך אויפ׳ן ברוסט. זי איז געווען אָהן אַ קאָרסעט. ראַמאַשאָוו האָט מיט זיין באַק דערפיהלט די נאַכגעביגע פולקייט פון איהר קערפּער און האָט דערהערט זיין וואַרימען, שאַרפען, תאוה׳דיגען גערוך. ווען זי האָט גערעדט, האָט ער געפיהלט איהר אָפּגעהאַקטען אָטעם אויף זיינע האָר.

— דו געדענקסט, דאָן... אין אָוועגט... אויפ׳ן פּיקניק. איך האָב דיר געזאָגט דעם גאַנצען אמת. איך ליעב איהם ניט. אָבער באַ־טראַכט נאָר: דריי יאָהר, גאַנצע דריי יאָהר פון האָפנונגען, פּלענער,

פאַנטאַזיעס און שווערער, אפשטויסענדער אַרבייט! דו ווייס דאָך, איך האַס שרעקליך די קליינבירגערליכע, בעטלערישע אַפּיצערן־געזעלשאַפט. איך וויל זיין אַלעמאָל געקליידט שעהן, עלעגאַנט, איך וויל אַכטונג און מאַכט! און פּלוצלונג, אַן אומזינינגער, שכור׳ער געשלעג, אַן אַפּיצערן־סקאַנדאַל — און אַלץ איז געענדיגט, אַלץ איז זיך צו־פלויגען אויף שטיקער. אַה, ווי שרעקליך דאָס איז. איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין מוטער, נאָר איך שטעל זיך פאָר: אַט וואַקסט ביי מיר אַ קינד, אַ געליעבטעס, געצערטעלטעס, אין איהם זיינען אַלע מיינע האָפנונגען, זאָרגען, טרערען און שלאָפלאָזע נעכט... און פּלוצלונג — אַן אומזין, אַ צופאַל, אַ ווילדער סטיכישער צופאַל: ער שפּיעלט זיך אויפ׳ן פענסטער, די אַם האָט זיך אָפּגעקערט און ער פאַלט אַראָפּ אונטען אויף די שטיינער. מיין ליעבער, נאָר מיט אַט דער מוטערליכער פאַרצווייפלונג קאָן איך פאַרגלייכען מיין זאָרג און כעס. נאָר איך באַשולדיג דיך ניט.

ראָמאַשאָוו׳ן איז געווען אומבאַקוועם צו זיצען איינגעבויגען און מורא האָבען שווער צו מאַכען איהר. ער וואָלט צופריעדען געווען צו זיצען אַזוי שטונדען לאַנג און הערען אין עפּעס אַ מאָדנער הייסער פאַר־שכור׳טקייט די אָפּטע, פּינקטליכע קלעפּ פון איהר קליינעם האַרץ.

— דו הערסט מיך? — האָט זי געפרעגט צובויגענדיג זיך צו איהם.

— יע, יע... רייד... אויב איך וועל נאָר קאָנען, וועל איך טאָן אַלץ וואָס דו ווילסט נאָר.

— ניין, ניין. הער מיך אויס ביז׳ן סוף. אויב דו וועסט איהם דערשיסען, אָדער מען וועט איהם ניט צולאָזען צום עקזאַמען — איז געענדיגט! וועל איך איהם פאַרלאָזען אין דעם זעלבען טאָג, ווען איך וועל זיך דערפון דערוויסען, און וועל אַוועקפאָהרען — אַלץ איינס וואוהין — אין פּעטערבורג, אין אָדעס, אין קיעוו. ניט מיין, אַז דאָס איז אַ פאַלשע פראַזע פון אַ צייטונגס־ראָמאַן. איך וויל דיך ניט שרע־קען מיט אַזוינע ביליגע עפעקטען. נאָר איך ווייס, אַז איך בין יונג, קלוג און געבילדעט. ניט שעהן. אָבער איך וועל קאָנען זיין אינטערע־סאַנטער פון די פיעלע שעהנהייטען, וועלכע באַקומען אויף די בעלער אַלס אַ פּרעמיאום פאַר זייער שעהנקייט אַ מעטאַלענעם טאַץ אָדער אַ

וועק־זייגער מיט מוזיק... איך וועל זיך אליין שענדען, אָבער איך וועל אויסברענגען אין איין רגע און העל, ווי אַ פייערווערק!

ראַמאַשאָוו האָט געקוקט אין פענסטער. איצטער האָבען זיינע אויגען, וועלכע זיינען שוין צוגעוואוינט געוואָרען צו דער פינסטערניש, געקאָנט אָפּטיילען די קוים־באַמערקבאַרע פענסטער־ראַמען.

— ניט רייד אַזוי... מען דאַרף ניט.. מיר טוט דאָס וועה, — האָט ער אומעטיג ארויסגערעדט. — נו, דו ווילסט, וועל איך זיך מאָרגען אָפּזאָגען פון דעם דועל, איך וועל זיך פאר איהם ענטשולדיגען? טאָן דאָס?

זי האָט צוגעשוויגען אַ ווײַלע. דער וועק־זייגער האָט מיט זיין מעטאַלענער, מאָנאָטאָנער פּלאַפּלעריי אָנגעפילט אַלע ווינקלאָך פון דעם פינסטערען צימער. ענדליך האָט זי קוים ארויסגערעדט, אַזוי ווי פאַר־טראַכט, מיט אַן אויסדרוק, וועלכען ראַמאַשאָוו האָט ניט געקאָנט כאַפּען:

— איך האָב אַזוי געוואוסט, אַז דו וועסט דאָס פאַרלייגען.

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און כאָטש זי האָט איהם צוגע־האַלטען מיט דער האַנט פאַר'ן האַלז, האָט ער זיך אויסגעגלייכט אויפ'ן בעט.

— איך האָב ניט מורא! — האָט ער געזאָגט הויך און פאַרשטיקט.

— ניין, ניין, ניין! — האָט זי גענומען ריידען הייס, שנעל און בעטענדיג. — דו האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען, דו האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען. קום צו מיר נעהנטער... ווי פריהער... קום!..

זי האָט איהם אַרומגענומען מיט ביידע הענט, און אָנגעהויבען צו שעפּטשען, קיצלענדיג איהם דאָס געזיכט מיט איהרע דינע האָר, און הייס אָטעמענדיג איהם אויף דער באַק:

— דו האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען. איך מיין עפּעס אַנדערש. נאָר איך שעהם מיך פאַר דיר. דו ביזט אַזאַ ריינער, גוטער און איך שעהם זיך צו ריידען מיט דיר וועגען דעם. איך בין אַן אויסגערע־כענטע, אַ שלעכטע...

— ניין, זאָג אַלץ. איך האָב דיך ליעב.

— הער אויס, — האָט זי אָנגעהויבען צו ריידען, און ער האָט מעהר געטראָפען, איידער געהערט איהרע ווערטער. — אויב דו וועסט זיך אָפּזאָגען פון דועל, איז וויפיעל באַליידיגונגען, שאַנד און ליידען

פאַלען אויף דיר. ניין, ניין, ווידער ניט דאָס. אָך, מיין גאָט, אין דער מינוט וויל איך דיר ניט לייגען. מיין טייערער, איך האָב אַלץ לאַנג באַטראַכט און אָפּגעמאָסטען. לאָמיר זיך פאַרשטעלען, אַז דו האָסט זיך אָפּגעזאָגט. נאָר, פאַרשטעה, אַז אין אַ דועל, וואָס האָט זיך פאַר־ענדיגט מיט אַ שלום איז דאָ עפּעס.. ווי זאָגט מען דאָס?... נו... אַ ספק, עפּעס אַזוינס, וואָס דערוועקט ענטוישונג און פאַרלעגענהייט... פאַרשטעהסט מיך? — האָט זי געפרעגט מיט אַן אומעטיגער צערט־ליכקייט און האָט איהם פאַרזיכטיג אַ קוש געטאָן אין די האָר.

— יע. איז וואָס?

— נו, איז אין דעם פאַל, ווען מען מיין מאַן געווים צו דעם עק־זאַמען ניט צולאָזען. די רעפּוטאַציע פון אַ גענעראַל־שטאַב אָפיצער דאַרף זיין אָהן דעם קלענסטען פלעק. אָבער ווען איהר וואָלט זיך באמת געשאָסען, איז אין דעם פאַראַן עפּעס העלדישעס און שטאַרקעס. די מענשען, וועלכע קאָנען זיך מיט ווירדע האַלטען אונטער אַן אָנגע־שטעלטען רעוואָלווער, איז מען פיעל, זעהר פיעל מוחל. נאָכדעם... נאָך דעם דועל... וואָלסטו, אויב דו ווילסט, זיך געקאָנט ענטשולדיגען... נו, נאָר דאָס איז שוין דיין זאַך.

שטאַרק אַרומנעמענדיג זיך, האָבען זיי זיך געשעפּטשעט, ווי פאַר־שווערער, באַריהרענדיג זיך מיט די געזיכטער און מיט די הענט, הע־רענדיג איינער דעם צוויטענס אָטעם. נאָר ראָמאַשאָוו האָט דערפיהלט, ווי צווישען זיי האָט דורכגעפּויזעט עפּעס אַ געהיימע, אָפּשטויסענדע און גליטשיגע זאַך, פון וועלכער עס האָט אַ וועה געטאָן מיט קעלט אויף זיין נשמה. ער האָט זיך ווידער געוואָלט באַפרייען פון איהרע הענט, נאָר זי האָט איהם ניט געלאָזען. באַמיהענדיג זיך צו באַהאַלטען זיין אומ־פאַרשטענדליכע, פאַרשטיקטע בייזקייט, האָט ער טרוקען אַרויסגעזאָגט:

— אום גאָטעס ווילען, רייד פאַרשטענדליכער, איך זאָג דיר אַלץ צו.

דאַן האָט זי באַפעהלענד אָנגעהויבען צו ריידען הארט לעבען זיין מויל, און איהרע ווערטער זיינען געווען ווי האַסטיגע, ציטערדיגע קושען:

— איהר דאַרפט זיך אומבאַדינגט מאָרגען שלאָגען. נאָר קיינער פון אייך וועט ניט זיין פאַרוואונדעט. אָה, פאַרשטעה, פאַרשטעה מיך, און ניט אורטייל מיך! איך פאַראַכט אַליין די פייגלינגען, איך בין

א פרוי. נאָר צוליעב מיר טו דאָס, געאָרגי! ניין, ניט פרעג וועגען מאַן, ער וויס. איך האָב אַלץ, אַלץ, אַלץ געטאָן.

איצט האָט זיך איהם, מיט אַן איינגעשפּאַרטער באַוועגונג פון קאָפּ איינגעגעבען צו באַפרייען זיך פון איהרע ווייכע און שטאַרקע הענט. ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט און האָט ענטשלאָסען געזאָגט:

— גוט. זאָל זיין אַזוי. איך בין איינשטימיג.

זי איז אויך אויפגעשטאַנען. אין דער פינסטער, לויט איהרע באַ־וועגונגען, האָט ער ניט געזעהן, נאָר געטראָפען, געפיהלט, אַז זי פאַר־ריכט די האָר.

— דו געהסט אַוועק? — האָט ראָמאַשאָוו געפרעגט.

— פאַרבלייב געזונט, — האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ שוואַכער שטימע. — גיב מיך אַ קוש צום לעצטען מאָל.

ראָמאַשאָוו'ס הארץ האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָן פון מיטלייד און ליעבשאַפט. אין דער פינסטער האָט ער געפונען, אַנגעטאַפּט מיט די הענט איהר קאָפּ, און האָט גענומען קושען איהרע באַקען און איהרע אויגען. שוראָטשקאַ'ס געזיכט איז פייכט געווען פון שטילע טרערען. דאָס האָט איהם אויפגערעגט און געריהרט.

— מייע ליעבע... ניט וויין... סאַשאַ... ליעבע.. — האָט ער גע־שעפּטשעט מיט מיטלייד און וועיך.

זי האָט פּלוצלונג האַסטיג פאַרוואָרפען איהרע הענט איהם אויפ'ן האַלז, מיט אַ ליידענשאַפטליכער, שטאַרקער באַוועגונג זיך צוגעטוליעט צו איהם, און ניט אָפּרייסענדיג איהרע ברענענדיגע ליפּען פון זיין מויל, האָט זי אָנגעהויבען צו ריידען שטיל, אָפּגעהאַקט, אינגאַנצען ציטערענדיג און שווער אָטעמענדיג:

— איך קאָן זיך אַזוי ניט זעגענען מיט דיר... מיר וועלען זיך מעהר ניט זעהן. לאָמיר ניט מורא האָבען פאַר קיין זאַך... איך וויל, איך וויל דאָס. איינמאָל... לאָמיר נעמען אונזער גליק... ליעבער, קום צו מיר, קום, קום...

און זיי ביידע, דער צימער, די גאַנצע וועלט זיינען פּלוצלונג דורכ־געדרונגען געוואָרען פון עפּעס אַן אומערטרעגליך־גליקליכען, הייסען חלום. אויף אַ רגע האָט ראָמאַשאָוו אויף דעם ווייסען פלעק פון קישען צווייבערליך דייטליך דערזעהן נאָהענט־נאָהענט פון זיך שוראָטשקאַ'ס אוי־

נען, וועלכע האָבען געשיינט מיט וואהנזיניגען גליק, און ער האָט זיך דורשטיג צוגעדריקט צו איהרע ליפּען...

— מעג איך דיך באַגלייטען?—האָט ער געפרעגט, אַרויסגעהענדיג מיט שוראָטשקאַ'ן פון טיר אויפ'ן הויף.

— ניין, אום גאָטעס ווילען, מען דארף ניט, מיין ליעבער... טו דאָס ניט. איך וויים אַזוי אויך ניט, וויפיעל צייט איך האָב ביי דיר פאַרבראַכט. וויפיעל איז דער זייגער?

— איך וויים ניט, איך האָב קיין זייגער ניט. איך האָב קיין אהנונג ניט.

זי האָט זיך ניט געאיילט אַוועקצוגעהן, און איז געשטאַנען, צו־שפּאַרענדיג זיך צו דער טיר. אין דער לופט האָט זיך געפיהלט פון דער ערד און פון די שטיינער, א טרוקענער, ליידענשאַפטליכער ריח פון א הייסער נאַכט. עס איז געוועזן פינסטער, נאָר דורך דער פינסטערניש האָט ראָמאַשאָוו געזעהן, אַזוי ווי דאָן אין וועלדעל, אַז שוראָטשקאַ'ס געזיכט שיינט מיט א מאָדנעם, ווייסען שיין, אַזוי ווי דאָס געזיכט פון א מירמעל שטיינערנער סטאַטוע.

— נו, פאַרבלייב געזונט, מיין טייערער, — האָט זי ענדליך מיט א מידער שטימע געזאָגט. — פאַרבלייב געזונט.

זיי האָבען זיך צוקושט, און איצטער זיינען איהרע ליפּען געוועזן קאַלט און אומבאַוועגליך. זי איז שנעל אַוועקגעגאַנגען צו דעם טויער, און איהר האָט פּלוצלונג איינגעשלונגען די געדיכטע פינסטערניש פון דער נאַכט.

ראָמאַשאָוו איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט, ביז וואַנען דער טויער האָט א סקריפּ געטאָן, און ביז וואַנען עס זיינען ניט אַנשוויגען געוואָרען שוראָטשקאַ'ס שטילע טריט. דאַן האָט ער זיך אומגעקערט אין צימער.

א שטאַרקע, נאָר אַן אַנגענעמע מידקייט האָט איהם פּלוצלונג באַ־הערשט. ער האָט זיך קוים אויסגעטאָן — אויף אַזוי פיעל האָט זיך איהם געוואָלט שלאָפען. און זיין לעצטער, לעבעדיגער איינדרוק פאַר'ן שלאָף איז געוועזן דער לייכטער, זיסליבער גערוך, וואָס האָט געוועהט פון קישען — דער גערוך פון שוראָטשקאַס האָר, פון איהר פּערפיום און פון איהר שעהנעם, יונגען קערפּער.

.23

דעם 2טען יוני, ...18־ער יאָהר.

די שטאָדט ז.

צו זיין הויכגעבורט,

דעם קאָמאַנדיר פון נ־ער אינפאַנטעריע פּאָלק.

פון דעם שטאַבס־קאַפּיטאַן פון דעם זעלבען פּאָלק, דיץ

א מעלדונג.

איך האָב די עהרע צו מעלדען, אז דעם 2טען יוני, לויט די באַדינגונגען, וועלכע זיינען אייך געמאָלדען געוואָרען נעכטען, דעם 1טען יוני, איז פּאָרגעקומען אַ דועל צווישען דעם פּאָרוטשיק ניקאָלאַיעוו און דעם פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו. די געגנער האָבען זיך געטראָפען זעקס אַזייגער אָהן פינף מינוט אין דער פריה, אין דעם וועלדעל, וואָס רופט זיך „דובעטשנאיא“, וואָס ליגט אין דריי און אַ האַלב מייל פון שטאָדט. אריינגערעכענענדיג אויך די צייט וואָס איז אַוועק אויף סיגנאַלען, האָט דער דועל געדויערט איין מינוט מיט צעהן סעקונדען. די ערטער, וואָס די דועלאַנטען האָבען פאַרנומען, זיינען באַשטימט געוואָרען לויט'ן גורל. אויף דעם באַפעהל „פאַראויס“ זיינען ביידע געגנער אנטקעגען־געגאַנגען איינער דעם צווייטען, און מיט דעם שאָס, וואָס פּאָרוטשיק ניקאָלאַיעוו האָט געגעבען, איז פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו פאַרוואונדעט געוואָרען אין רעכטען אויבערשטען טייל פון בויך. שיסענדיג האָט זיך פּאָרוטשיק ניקאָלאַיעוו אָפּגעשטעלט און איז אויך שטעהן געבליבען, ערוואַרטענדיג דעם ענטפער־שאָס. ווען עס איז אריבער די האַלבע מינוט, וואָס איז באַשטימט געווען פאַר דעם ענטפער־שאָס, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו קאָן זיין געגנער ניט ענטפערען. דעריבער האָבען דעם פּאָדפּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו'ס סעקונדאַנטען פאָרגעלייגט צו ערקלערען דעם דועל פאַר געענדיגט. מיט אַלעמענס צושטימונג איז דאָס געטאָן געוואָרען. ביים איבערטראָגען דעם פּאָדפּאָ־

דרוטשיק ראָמאַשאָוו אין קאַרעט, איז ער אַריינגעפאַלען אין אַ שווערען, באַוואוסטלאָזען צושטאַנד, און איז אין זיבען מינוט אַרום געשטאָרבען פון אַן אינערליכען בלוט־שטורץ. די סעקונדאַנטען פון פּאָרוטשיק ני־קאָלאַיעוו׳ס צד זיינען געווען: איך און דער פּאָרוטשיק וואַסין, פון פּאָר־פּאָרוטשיק ראָמאַשאָוו׳ס צד: די פּאָרוטשיקעס בעק־אַגאַמאַלאָוו און וועטקין. די אָנפיהרונג פון דעם דועל איז, מיט אַלעמענס צושטימונג, איבערגעגעבען געוואָרען צו מיר. ביילינגענד איז אויך די באַשטעטיגונג פון דעם אינגערען דאָקטאָר זנאַיקאָ.

שטאַבס־קאַפּיטאַן דיץ.

ע נ ד ע.